STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03108

# DI GROYSE IDISHE GESHIKHTE

Hayim Shoys

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די גרויסע

# אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז אויף היינט

## באנד I

פון דער אוראלטער צייט ביז צו
דער גרינדונג פון דער מלוכה

צוזאמענגעשטעלט פון די ווערק פון פארשידענע
פארשער און אויטאריטעטען
פון
**חיים שויס**

מיט דער רעדאקציאנעלער מיטווירקונג פון
דר. ק. פארנבערג

ליטערארישער פארלאג

411 גרענד סטריט, ניו יארק

1919

# אינהאַלט:

זייט


פון די אַרויסגעבער.

איינפיהרונג — — — — — — — — 9—26

1. ש. מ. דובנאָוו, די באַדייטונג פון דער אידישער געשיכטע — — — — — — — — — — — — — — 11

2. מ ש. פ. קענט, די קוועלען פון דער אידישער געשיכטע — — — — — — — — — — — — — — 17

דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער 27—127

1. י. בענצינגער, דאָס לאַנד — — — — — — — — — — — 29

די נעמען. — די גרעניצען. — די פאָרמען פון אויבערפלאַך.

2. מ. לעהר, לאַגע און כאַראַקטער פון דעם לאַנד — — — — — — 42

קלימאַט און פרוכטבאַרקייט. — נאַטור־קאַטאַסטראָפען. — פאַרקעהרס־וועגען. — די לאַגע פון פּאַלעסטינאַ אין דער אַלטער וועלט.

3. ר. קיטעל, די איינוואוינער און די שכנים פון כנען — — — 54

4. ר. קיטעל, פּאַלעסטינאַ אין דער אורצייט — — — — — 60—96

1. די עלטסטע פעלקער־פאַרהעלטעניסע אין׳ם לאַנד — — — — — — — — — — — — — 60

דאָס אַריינדרינגען פון די סעמיטען אין פּאַלעסטינאַ. — שומער׳ער און סעמיטען אינ׳ם לאַנד פון די צוויי טייכען. — די אמורים אין מערב־לאַנד. — סרגון פון אַגאַדע.

2. דאָס צווייטע יאָהרטויזענד ביז צו דער אַמאַרנאַ־צייט — — — — — — — — — — 71

פּאַלעסטינאַ און די מיטעלסטע מלוכה פון עגיפּטען. — דאָס פאַרהעלטעניש צו באַבילאָניען און צו די צפון־מלוכות ביז 1600. — די היקסאָס און די עגיפּטישע ממשלה.

3. די אַמאַרנאַ־צייט — — — — — — — — — — — 88

זייט

5. די פאר־אידישע קולטור פון דעם לאנד — — — — — — — — 97—127
י. בענציינגער, די פאר־היסטארישע צייט — — 97
ר. קיטעל, דאס לעבען פון די כנענים — — — 98

אלגעמיינע פארהעלטעגישען פון לעבען. — פיהרונג פון מלחמה. — כלי־זין. — האנדעל. — האנטוועדק און קונסט.— שריפט און בילדונג. — בוכשטאבענשריפט. — די קבורה פון מתים. — די השגה פון גאט. — דער פאנטעאן. — ערטער פון קולט. — סימבאלען פון קולט. — דער דינסט פון די טויטע. — קורצער סך־הכל.

## די פאר־היסטארישע צייט — — — — — 129—229

1. ח. שויס, די מעשיות וועגען די אבות — — — — — — — 131

2. ח. שויס, וואס שטעלען מיט זיך פאר די מעשיות וועגען די אבות — — — — — — — — — — — — — 138

3. ר. קיטעל, דער היסטארישער הינטערגרונט פון די מעשיות וועגען די אבות — — — — — — — — — — — — 141

4. ר. קיטעל, משה און די וואנדערונג דורכ'ן מדבר — — — — 152
1. איינפיהרונג — — — — — — — — — — — — 152
2. די היסטארישע סיטואציע — — — — — — — — 154
3. יציאת מצרים און די וואנדערונג דורכ'ן מדבר — — — — — — — — — — — — — — 165
4. משה און „מתן־תורה" — — — — — — — — — — 176

5. ר. קיטעל, דאס אריינדרינגען אין כנען — — — — — — 191
1. איבערבליק איבער דער ערא בערונג. אין שופטים קאפ. א און קאפ. ב 1—5 און אנדערע פארוואנדטע שטיקער — — — 192

דער טעקסט. — די ערשטע אטאקעס אין דרום. — יהודה און שמעון. — די חלוקה פון לאנד און יהושע. — דער סך־הכל.

2. די עראבערונג פון כנען לויט דעם ספר יהושע ביז צום בונד מיט גבעון — — — 210

יהושע בראש פונ'ם שבטים־בונד. — יהושע בראש פונ'ם הויז יוסף.

3. דער היסטארישער כאראקטער פון דער דערצעהלונג — — — — — — — — — — — — — 213

אלגעמיינע געזיכטספונקטען. — דער אופן פון אריינדרינגען. — די איינצעלנע געשעהענישען.

זייט

4. די פאסירונגען נאך דעם בונד מיט גבעון — — — — — — — — — — — — — 223

די שלאכט ביי גבעון. — די איבעריגע ידיעות

## די פאר-קעניגליכע צייט — — — — — — 231—317

ערשטע אפטיילונג.

### ר. קיטעל, די געשיכטע פון דער פאר-קעניגליכער צייט 233—284

1. די לאגע אין אלגעמיין. ישראל׳ם אויפגאבע — — — — — — — — 233

2. די שבטים פון ישראל — — — — — — — — — — — — 241

מערענפטאה׳ס אויפשריפט, דבורה׳ס ליד, יעקב׳ס ברכה. — יוסף, אפרים, מנשה, מכיר. — בנימין. — דן. — זבולן, אשר, נפתלי. — יששכר. — ראובן. — גד, גלעד. — יאיר. — יהודה. — כלב, ירחמאל, קין, קנז. — שמעון, לוי.

3. וויטעריגע ערא‏בערונגס־מלחמות — — — — — — — — — — 257

שמעון און לוי. — דער שבט דן. — ברק און דבורה. — די קליינע שופטים.

4. אנפאלען פון דרויסען. דאס שבט־קעניגטום פון עפרה — — — — 267

אהוד. — די מדינים. — ירבעל־גדעון. — אבימלך.

5. יפתח און שמשון.

צווייטע אפטיילונג.

### דאס אידישע לעבען אין דער פאר-קעניגליכער צייט— 285—317

1. ד ז ש. פ. מ ק ׳ ק ו ר ד י, סאציאל־עקאנאמישע צושטענדען 285

שבט, קלאן (אלף), משפחה, בית־אב, בית. — דער אריבערגאנג צו א באזעסענעם לעבען. — דער וואוקס פון שטאדטישען לע־בען. — זקנים, שופטים, כהנים. — דער נייער אידישער ביר־גער אין פאלעסטינא.

2. ר. ק י ט ע ל, קולטור און גייסטיגעס לעבען. זיטען און ליטעראטור — — — — — — — — — — — — — — 299

3. ר. ק י ט ע ל, רעליגיאן און קולט — — — — — — — — — 304

ביבליאגראפיע

# פון די ארויסגעבער

„דער אידישער נאציאנאלער קיום שטיצט זיך איצט מעהרסטענס אויף דעם היסטארישען באוואוסטזיין“ — שרייבט דער באוואוסטער אידישער היסטאריקער ש. דובנאוו אין זיין בארימטער אפהאנדלונג וועגען דער באדייטונג פון אידישער געשיכטע, וועלכע איז אפגעדרוקט אלס איינפיהרונג צו אונזער „גרויסער אידישער געשיכטע“.

מ׳קאן זאגען אהן א שום גוזמא, אז פאר דעם מאדערנעם אידען און פאר דעם מאדערנעם אידישען נאציאנאליזם איז דאס באוואוסטזיין פון היסטארישען צוזאמענהאנג דער גרעסטער, וויכטיגסטער פאקטאר.

דאס פאדערט קודם כל א גענויע באקאנטשאפט מיט דער אידישער געשיכטע. מ׳קאן ניט זיין קיין באוואוסטזיניגער איד, ניט וויסענדיג די גרויסע געשעהענישען, די גראנדיעזע שאפונגען, די פריידען און ליידען פון אידישען פאלק אין די יאהר־טויזענדען פון זיין עקזיסטענץ.

עס איז אבער א חרפה צו זאגען, אז ביי קיין פאלק אין דער וועלט איז די היסטאריע ניט אזוי פארנאכלעסיגט ווי דוקא ביי אונז אידען, דעם היסטארישען פאלק. און באזונדערס פארנאכלעסיגט און כמעט לגמרי אומבאקאנט איז פאר אונז די היסטאריע פון אידישען פאלק אין יענע צייטען, ווען עס האט נאך געפיהרט זיין זעלבסטשטענדיג מלוכה־לעבען: ווען זיין גייסט איז נאך געווען דורך און דורך אריגינעל; ווען לעבענדיג אין זיין קליין, שען לאנד האט עס געשאפען זיין אייגענעם אריגינעלען וועלט־קוק, וועלכער האט באשטימט דעם גאנצען גאנג פון דער קולטור־געשיכטע פון דער מענשהייט און האט געפונען זיין אויסדרוק אין זיין אומשטערבליכער נאציאנאלער ליטעראטור, אין דער ביבעל.

און דאך איז א דאנק דעם האלבען יאהרהונדערט פון אומדערמידליכע פארשונגען און אויסגראבונגען, וואס זיינען אנגעפיהרט געווארען פון קריסטליכע געלעהרטע, געשאפען געווארען די מעגליכקייט זיך צו באקאנען מיט דעם לעבען און די זיטען, מיט די שאפונגען און די שאפער פון דעם אידישען

פאלק אין די צייטען פון זיין זעלבסטשטענדיגען מלוכה־לעבען מיט אלע פרטים.

דאס מלוכה־לעבען און דאס פריוואטע לעבען, די זיטען און מנהגים, דער אופן ווי אזוי די אמאליגע אידען האבען געפיהרט זייער באלעבאטיש־קייט און געפראוועט זייערע יום־טובים — אלץ, אלץ איז פאר אונז אויפגע־שטאנען תחית המתים א דאנק די נייעסטע אויסגראבונגען און פארשונגען.

און צוזאמען דערמיט זיינען פון די קברים ארויסגעבראכט געווארען די שכנים־פעלקער פון די אידען, זייערע פריינד און זייערע שונאים. די גאנצע פאליטיק פון יענע צייטען, אלע רעליגיעזע און קולטורעלע השפעות און גע־גענווירקונגען, אלץ איז געווארען אזוי נאהענט און פארשטענדליך.

פאר דעם אידישען לעזער איז אט דער גאנצער אוצר פון ידיעות און באלעהרונג א י ז ג א נ צ ע ן פ ר ע מ ד. אין קיין איינציגען פון די װעניגע היסטארישע װערק װאס זיינען פאראן אין אידיש (מיט דער אויס־נאם פון שירער׳ם אידישער פארקירצונג, װאס באהאנדעלט נאר איין תקופה) איז פון די אלע נייעסטע אנטדעקונגען און פארשונגען קיין שום זכר ניט פאראן.

„די גרויסע אידישע געשיכטע“ האט זיך געשטעלט פאר איהר אויפ־גאבע צו געבען דעם מאקסימום ידיעות װאס געפינען זיך װעגען דעם אידי־שען לעבען און די אידישע שאפונגען פון יעדער פעריאדע, און צו געבען עס פון די בעסטע קװעלען, פון די גרעסטע פארשער אין א טרייער איבערזע־צונג.

די „גרויסע אידישע געשיכטע“ איז בכן ניט קיין קאמפילאציע, ניט קיין פאפולאריזאציע, נאר עכטע פארשונגס־ארבייט פון די גרעסטע אויטארי־טעטען אין א קלארען ליטעראַרישען אידיש איבערזעצט. צו דערזעלביגער צייט אבער האבען מיר געשטרעבט ביי דעם אויסװאהל פונ׳ם מאטעריאל צו האלטען אין זינען, אז דאס װערק דארף געלעזען װערען פון די גרויסע מאסען און אז עס מוז זיין גרינג, צוגענגליך, לעבעדיג און בילדליך געשילדערט.

און נאך איינס: די גרויסע אידישע געשיכטע איז גייסטיג אויסגע־האלטען: פון אנהויב ביז׳ן סוף שטרעבט זי צו זיין א נאציאנאלעס װערק, אין אן אויסגעהאלטענעם, מאדערנעם אידיש־נאציאנאלען גייסט.

**ליטעראַרישער פארלאג.**

# איינפיהרונג

## .1 ש. מ. דובנאָוו

# די באַדייטונג פון דער אידישער געשיכטע

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די אויספאָרשונג און די באַטראַכטונג פון דער אידישער געשיכטע פאַר אונזער היינטיגער צייט און פאַר די קומענדיגע דורות?

די באַדייטונג פון דער אידישער געשיכטע איז אַ צוויַיפאַכיגע: אַ נאַציאָנאַלע און אַן אוניווערסאַלע. דער אידישער נאַציאָנעלער קיום שטיצט זיך איצט מעהרסטענס אויף דעם היסטאָרישען באַוואוסטזיין. אין אַלטערטום זיינען די אידען געווען צוזאַמענגעשלאָסען אין אַ פאַראייניגטער נאַציאָן דורך דער דרייפאַכיגער קראַפט פון איין מלוכה, איין ראַסע און איין רעליגיאָן. דאָס הייסט: דער סך־הכל פון די מאַטעריעלע און גייסטיגע פאַקטאָרען. אין דער וויַיטערדיגער צייט, ווען די אידען האָבען פאַרלאָרען זייער לאַנד און האָבען געלעבט צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָט דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין זיי צוזאַמענגעהאַלטען אין איינעם און האָט ממלא געווען די פאַרשוואונדענע פּאָליטישע פאַרבינדונג און אויך דעם אָפּגעשטעמפּטען ראַסען־אינסטינקט, וועלכער מוז שוואַכער ווערען, וואָס מעהר מען דערוויַיטערט זיך פון דעם פּרימיטיווען צושטאַנד און פון דעם היימישען באָדען. אין דער נייעסטער צייט אָבער, ווען די פאַרשפּרייטונג פון פרייען געדאַנק, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע מענשהייט, האָט שטאַרק געענדערט ביי אַ באַדייטענדען טייל פון אידישען פאָלק דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין אָדער עס איז גאַנצען צעטרייסעלט: ווען עס האָט זיך באַוויזען אַזאַ פונדאַמענטאַלע פאַרשידענקייט אין די מיינונגען בנוגע גלויבען און קולט, און דאָס טראַדיציאָנעלע, היסטאָריש־אַנטוויקעלטע יודענטום האָט זיך אַרויסגעוויזען מאַכטלאָז צוזאַמענצוהאַלטען די פאַרשידענאַרטיגע חלקים פון נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם — אין אַט דער צייט ערשיינט פאַר אונז דאָס היסטאָרישע באַוואוסטזיין אַלס דער „עמוד התוך“ פון דער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט. אַט דאָס באַוואוסטזיין שטעלט מיט זיך פאַר אַ אויסערגעוועהנליך טיפע און קאָמפּליצירטע פּסיכישע ערשיינונג, וועלכע איז צוזאַמענגעזעצט פון פיזישע, אינטעלעקטועלע און מאָ־

ראַלישע עלעמענטען. עס באַשטעהט פון געוואוינהייטען, מיינונגען, גע־פיהלען און איינדרוקען, וועלכע האָבען זיך אין אונז אויסגעבילדעט דורך אַ ירושה פון טויזענדער יאָהרען. מיר אידען זיינען, באַוואוסטזיניג אָדער ניט־באַוואוסטזיניג, מאָראַליש פעסט פאַרבונדען דורך די שותפות׳דיגע ערינערונגען אָן אונזער גרויסער, רייכער פאַרגאַנגענהייט, אָן אונזערע העל־דישע אויפטואונגען אויפ׳ן שלאַכטפעלד פון גייסט; דורך דער דערהויבענער היסטאָרישער שליחות, וואָס איז באַשערט געווען פאַר אונזער גורל: דורך אונזערע טויזענדיעהריגע ליידען; דורך אונזערע וואַנדער־וועגען, וואָס זיי־נען באַזעעט מיט דערנער: דורך דאָס מאַרטירערטום וואָס מיר האָבען אָנ־גענומען צוליב אונזערע אידעען. וואָרים, ווי רענאַן האָט באַמערקט, „שותפות׳דיגע צרות פאַרבינדען די מענשען אַסך פעסטער, איידער שותפות׳דיגע פרייד". אַ גרויסע קייט פון היסטאָרישע טראַדיציעס נעמט אונז אַלעמען אַרום אַזוי ווי מיט אַ מעכטיגען רינג; די וואונדערליכע פאַר־גאַנגענהייט אונזערע, וועלכע האָט ניט קיין גלייכען צו זיך, ציהט אונז צו זיך צו ווי מיט אַ מאַגנעטישען כוח. דורכמאַכענדיג דיזעלביגע היסטאָרישע שיקזאַלען, האָבען מיר אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען אָנגעקליבען אין אַ גאַנצער רייה פון דורות אויך עהנליכע איינדרוקען. און ווען זיי האָבען זיך קריסטאַליזירט, האָט זיך פון זיי אָפּגעזעצט דאָס וואָס מ׳קען באַציי־כענען אַלס „די אידישע פאָלקס־נשמה". אָט דאָס איז דער באָדען, אין וועלכען עס ליגען טיף איינגעוואָרצעלט אַלס אומבאַוואוסטער עלעמענט דער אידישער נאַציאָנאַלער ג ע פ י ה ל, און אַלס באַוואוסטער עלע־מענט — דער אידישער נאַציאָנאַלער ג ע ד א נ ק.

דער פועל יוצא דערפון איז, אַז דער אידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק און דער נאַציאָנאַלער געפיהל, וואָס איז מיט איהם פאַרבונדען, שטאַמען מעהר ווי אַלץ פון היסטאָרישען באַוואוסטזיין: דאָס הייסט: פון אַ געוויי־סער סומע פון אידעען און פסיכישע נייגונגען. דורך דעם סך־הכל פון די דערהאַלטענע היסטאָרישע איינדרוקען, זיינען די דאָזיגע אידעען און נייגונ־גען געוואָרען דאָס שותפות׳דיגע אייגענטום פון דער גאַנצער נאַציאָן: און דורך דער אָפּפרישונג פון אָט די איינדרוקען — דורך דעם שטודיום פון געשיכטע, קענען זיי שטאַרק אויסגעבילדעט און געקרעפטיגט ווערען. די שטאַרקייט פון נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין העננט בכן אָפּ פון דער באַ־קאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע.

אָבער אויסער אָט די נאַציאָנאַלע באַדייטונג האָט די אידישע גע־שיכטע, ווי שוין פריהער באַמערקט, אויך אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג.

אלס ערשטע זאך ווילען מיר אנווייזען אויף איהר וויסענשאפטליך־פילא־
זאפישען ווערט. אזוי ווי די אידישע געשיכטע שטעלט פאר צום גרעסטען
טייל א כראניק פון אידעען און גייסטיגע באוועגונגען, גיט זי דערפאר
דעם פילאזאף אדער פסיכאלאג דעם וויכטיגסטען און נוצליכסטען מאטע־
ריאל פאר באטראכטונגען. דורך דעם שטודיום פון אנדערע, דאס רוב
לאנגווייליגע, קאפיטלען פון דער וועלט־געשיכטע, האט מען פעסטגע־
שטעלט פסיכאלאגישע אדער סאציאלאגישע הנחות; מ'האט אויסגעאר־
בייט גאנצע פילאזאפישע סיסטעמען און ארויסגעבראכט אלגעמיינע געזע־
צען. מ'קען דערפון זיכער דרינגען, אז דער קאפיטעל וואס דערצעהלט
וועגען דער א י ד י ש ע ר געשיכטע, איז אין מאנכע פרטים דער ארי־
גינעלסטער מאטעריאל פאר אזעלכע הנחות און סיסטעמען. ווארים די אי־
דישע געשיכטע האט אין זיך מערקווירדיגע, זונדערבארע שטריכען, און זי
פאסט זיך דעריבער ניט אריין אין דעם אלגעמיינעם ראהם. איהר אינהאלט
מוז דערפאר אויך אנטהאלטען אן אריגינעלען בייטראג צו דער פילאזאפיע.
ס'איז קיין ספק ניט, אז אויף דעם געביט פון געשיכטס־פילאזאפיע און
פעלקער־פסיכאלאגיע וועט דער שטודיום פון אידישער געשיכטע ארויס־
ברייגגען נייע באהויפטונגען, וועלכע די פארשער פון די איבעריגע אפטיי־
לונגען פון דער וועלט־געשיכטע האבען ביז איצט פארבייגעקוקט. אין דער אינ־
דוקטיווער לאגיק איז פאראן א כלל וועגען אן ערשיינונג, וועלכע איז דער רע־
זולטאט פון צוויי אדער פון מעהרערע אורזאכען. לויט אט דעם כלל קע־
נען מיר בלויז דאן פעסטשטעלען גענוי דאס געזעץ פון דער דאזיגער ער־
שיינונג, ווען מיר האבען די פארשידענע אורזאכען אפגעשיידט איינע פון
די אנדערע דורך א קינסטליכען עקספערימענט און דורך דעם באקומען די
מעגליכקייט פעסטצושטעלען מיט מאטעמאטישער פינקטליכקייט דעם אנ־
טייל, וואס יעדע אורזאך באזונדער האט אין דער, פון אלע אורזאכען צוזא־
מען ארויסגערופענער, ערשיינונג. אט די מעטאדע פון אויסשיידען קאן
מען באנוצען בלויז ביי זעהר ווייניג ערשיינונגען, און אויך דאס בלויז אין
דער נאטור־וויסענשאפט, אבער ניט אין די גייסטיגע וויסענשאפטען, וואו
מ'קען די ערשיינונגען נאר באטראכטען, ניט אבער זיי קינסטליך
רעפראדוצירען. די אידישע געשיכטע גיט אונז אבער איז אט דעם פרט
די מעגליכקייט פון אזא'ן עקספערימענט. אינ'ם היסטארישען לעבען פון
די געוועהנליכע נאציאנען, וואס האבען א טעריטאריע און א מלוכה, זיי־
נען דער גייסטיגער און דער פאליטישער עלעמענט לגמרי צונויפגעוואק־
סען. מיר קאנען דעריבער נאר אומגעפעהר און זעהר אומבאשטימט פעסט־

שטעלען די געזעצען וואָס באַהערשען יעדען פון די דאָזיגעביידע עלע־
מענטען באַזונדער. מיר קענען לחלוטין ניט וויסען, למשל, ווי דער גייס־
טיגער עלעמענט וואָלט זיך אַנטוויקעלט, ווען ער וואָלט לגמרי געווען אָפּ־
געשיידט פונ׳ם פּאָליטישען עלעמענט. די אידישע געשיכטע אָבער, וואו
דער פּאָליטישער און דער גייסטיגער עלעמענט זיינען דורך אַזוי פיעל יאָהר־
הונדערטען געווען פאַנאַנדערגעשיידט איינער פון אַנדערען, פאַרשאַפט אונז
אַט אַזאַ׳ן עקספּערימענט, און מיר האָבען די מעגליכקייט פעסטצושטע־
לען די געזעצען פון די גייסטיגע ערשיינונגען מיט אַ פיעל גרעסערער ווי־
סענשאַפטליכער גענויאיגקייט איידער די געזעצען, וואָס קומען אַרויס פון
מעהרערע עהנליכע ערשיינונגען.

אָבער אויסער דורך איהר הויכער באַדייטונג פאַר וויסענשאַפטליכע
צוועקען: אויסער דורך איהר פּרוכטבאַרער אָנרעגונג פאַר דעם פילאָזאָפישען
דענקען, צייכענט זיך די אידישע געשיכטע אויס פון דער געשיכטע פון
אַנדערע פעלקער אויך דערמיט, וואָס זי האָט אַן איינפלוס אויף דעם גע־
פיהל. קיין זאַך אין דער וועלט דערהייבט ניט אַזוי דאָס האַרץ און מאַכט
ניט אַזוי איידעל דעם מענשען׳ס נאַטור, ווי די באַטראַכטונג פון דער מאָ־
ראַלישער פעסטקייט, פון דער ליידענס־געשיכטע פון אַ מאַרטירער, וואָס
האָט פאַר זיינע אידעען געשטריטען און געליטען. און די צווייטע העלפט
פון דער אידישער געשיכטע איז דאָך בעצם ניט מעהר ווי דאָס. דער הוי־
כער דערציהונגס־ווערט פון דעם ערשטען, ביבלישען, טייל פון דער אידי־
שער געשיכטע ווערט פון קיינעם ניט באַשטריטען. מ׳רופט עס זאָגאַר
„הייליגע געשיכטע“, וואָס אַז מ׳לערענט זי, באַקומט מען דערפאַר „עולם
הבא“. דאָך דעם טיפען, מאָראַלישען אינהאַלט פון צווייטען טייל פון
דער אידישער געשיכטע, פון דער גלות־טראַגעדיע, אַנערקענען נאָר גאַנץ
ווייניגע, און דאָך איז דוקא זי, דורך איהרע אויסערגעוועהנליכע אייגענשאַפ־
טען און איהרע הויך־טראַגישע שטריכען, אַם מעהרסטען מסוגל צו דערהיי־
בען און צו פאַראיידלען דעם מענשענ׳ס גייסט. מ׳דאַרף באַטראַכטען דאָס אי־
דישע פאָלק ניט בלויז אין יענע מאָמענטען, ווען עס האָט אַנטוויקעלט זיין
מאַכט און זעלבשטענדיגקייט, נאָר אויך אין די צייטען פון שוואַכקייט און
פון דריקענדער אָפּהענגיגקייט, ווען עס איז געצוואונגען געווען כסדר צו
קויפען זיין גייסטיגע אַנטוויקלונג מיט די שווערסטע קרבנות. אַ דענקער,
געקרוינט מיט דערנער, פאַרדינט ניט ווייניגער פאַרעהרונג איידער אַ דענ־
קער מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אויף זיין קאָפּ. דער פלאַם פון די שייטער־
הייפענס, אויף וועלכע די קדושים זיינען פאַר זייערע אידעען געשטאָרבען

אלס העלדען, דערוועקט אין אונז אזא הייליגע מורא ווי דער פלאם אויפ'ן שפיץ פון בארג סיני. מיט א גלייכער קראפט, נאר אויף פארשידענע אופנים, פארכאפען ביידע דאס הארץ און דערוועקען דעם מאראלישען געפיהל. דאס געריהמטע פאלק ישראל פון דער ביבלישער צייט און דאס פאראכטעטע יודא פון מיטעלאלטער — איז דאסזעלביגע פאלק, נאר פארשידען באאורטיילט אין די פארשידענע צושטענדען פון זיין היסטארישען לעבען. אויב ישראל האט געשאנקען דער מענשהייט א רעליגיעזען וועלט־קוק, האט יודא געוויזען דער וועלט א וואונדערבארען ביישפיל פון א שווערען לעבען און פון א כוח אלצדינג גובר צו זיין אין נאמען פון זיינע איבערצייגונגען. דאס דאזיגע ניט אונטערבראכענע גייסטיגע לעבען: אט די ניט מיד ווערענדיגע שטרעבונג צו געהן אלץ ווייטער און ווייטער אויף דעם געביט פון רעליגיעזען גערדאנק, פון פילאזאפיע, פון וויסענשאפט; אט די מאראלישע ניט דערשראקענקייט אין נאכט און אין שטורם, אויף להכעיס אלע קלעפ פון שיקזאל — צי דען איז דאס אלץ ניט א דראמע, וואס פאדערט דעם גרעסטען יראת־הכבוד?... די שרעקליכע טראגעדיע פון אידישען היסטארישען לעבען מוז מאכען א ווירקונג אויף יעדען איידעלען געמיט. אט דאס וואונדערבארע בילד פון א גייסט, וואס טריאומפירט איבער אלע שמערצען פון קערפער, מוז יעדען איינעם פארכאפען ביים הארצען און מוז האבען אן איינפלוס אויף ניט קיין אידען ניט ווייניגער ווי אויף א אידען.

פאר דעם ניט־אידען האט די באקאנטשאפט מיט דער אידישער געשיכטע, אונטער געוויסע באדינגונגען, נאך אן אנדערע, א רייז הומאניטארישע באדייטונג. ווער עס קען די טראגישע און העלדישע פארגאנגענהייט פון דער אידישער נאציאן, דער וועט קוים קענען זי האסען אדער פארדאמען. פראפעסיאנעלע אידישע שונאים דארפען מיר ניט אזוי לייכט ראטען צו שטודירען די אידישע געשיכטע, ווייל עס קען זיי נאך שלעכט באקומען. זיי קענען נאך סוף כל סוף קורירט ווערען פון זייער מאדערנער קראנקהייט און קענען דערגעהן צו אזוינע געדאנקען, וואס וועלען מאכען זייער גאנצע פראפעסיאן צו גארנישט: מען מוז באמת זיין טיף געזונקען ביז'ן סאמע דעק פון אנטיסעמיטישער געפיהלסלאזיגקייט, אום ניט צו ווערען פארציטערט ביז'ן גרונט פון הארצען פון אט דער דערהויבענער העלדישקייט, פון אט דער הייליגער דערנידעריגונג, פון אט דעם שטארקען בטחון, פון אט דער סטאאישער פעסטקייט וואס מיר זעהען אין דער אידישער געשיכטע. מ'קען זיך ניט אנטזאגען צו פארעהרען דעם, אויף וועמען עס פאסען פושקין'ס ווערטער:

„ניט צו שטאַרבען איז געווען זיין שטרעבען,
נאָר צו דענקען און צו דולדען און זיין לעבען"...

ווען די האַרצרייסענדע טראַגעדיע פון דער אידישער געשיכטע וועט אַמאָל אַנטפּלעקט ווערען פאַר דעם שטוינענדען אויג פון דעם מאָדערנעם דור, וועלכער, ניט אכטענדיג אויף דעם געבאָט פון זיין משיח, טראָגט אזוי ווע־ניג ליבע און אזוי פיעל האס אין האַרצען, דעמאָלט וועלען פיליכט די הערצער ווייכער ווערען, און אויף די חורבות פון נאַציאָנאַלער שנאה וועט זיצען אויף א טראָן די געגענזייטיגע ליבע, באַגרינדעט אויף געגענזייטיגער פאַרשטענדניש און געגענזייטיגער אכטונג. און ווער ווייסט?... אפשר וועט די אידישע געשיכטע ניט האבען קיין קליינעם חלק אין דער צוקינפ־טיגער גייסטיגער איבערקעהרעניש, וואָס וועט פאַרניכטען די מאָדערנע נאַ־ציאָנאַלע אומטאָלעראַנץ, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער מי־טעלאַלטערליכער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ? אין אַט דעם פאַל וועט די אויפגאַבע פון דער אידישער געשיכטע זיך אַרויסווייזען אין דער צוקונפט פונקט אזוי דערהויבען ווי די שליחות פון אידישען פאָלק אין דער פאַר־גאַנגענהייט: די לעצטע איז באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטען די דאָגמע פון דער אחדות פון דער בריאה: די אידישע געשיכטע וועט אינדירעקט ביי־טראָגען דורכצופיהרען די (צום באַדויערען נאָך ניט אנערקענטע) דאָגמע פון דער אחדות פון דער מענשהייט.

## 2. טש. פ. קענט

# די קוועלען פון דער אידישער געשיכטע

(אין דער ביבלישער עפּאכע).

ווען מ'האט געפרעגט דעם היסטאריקער פאן ראנקע, ווי אזוי ער איז געווען בכוח צו שרייבען א געשיכטע, וואס האט ניט פארלארען איהר ווערט אין פארלויף פון דער צייט, האט ער געענטפערט. „איך געה ניט צו די קוועלען, נאר איך געה ארויס פון די קוועלען." ער האט גע־מיינט דערמיט צו זאגען, אז ער האט ניט אריינגענומען אין זיין געשיכטע יעדע נאאיווע מעשה'לע וואס איז איהם צו האנט געקומען. אנשטאט דעם האט ער פריהער באשטימט די צייט און דעם שטאנדפונקט פון יעדען אל־טען מאנוסקריפט, פון וועלכען ער האט געשעפט זיינע ידיעות. דאן ערשט איז ער געווען ביכולת ארויסצושיילען און צו געברויכען די היסטארישע פאקטען וואס דער מאנוסקריפט האט אנטהאלטען.

אט דער כלל איז ריכטיג פאר יעדער היסטאריע. איידער מ'קען אויפ־בויען א בנין, וואס זאל האבען א קיום, מוז מען פריהער לעגען א פעסטען פונדאמענט. אום דאס צו טאן, מוז מען די ערשטע זאך גוט אונטער־זוכען די מאטעריאלען, וואס מ'באנוצט פאר'ן פונדאמענט. באזונדערס פארזיכטיג מוז מען זיין ביים אונטערזוכען די קוועלען פון דער געשיכטע פון אידישען פאלק, מחמת די פאסירונגען, וועלכע ווערען אין איהר באהאנ־דעלט, געהערען צו אזא ווייטער פארגאנגענהייט.

פון אלע קוועלען פון דער אידישער געשיכטע איז די רייכסטע קוועלע דער תנ"ך. דאס איז א גרויסע ביבליאטעק, וועלכע אנטהאלט די ליטערא־טור וואס איז געבליבען פונ'ם אידישען פאלק אין דער אוראלטער צייט. זי באשטעהט פון ביכער און פון טיילען פון ביכער, וואס שטאמען פון פארשידענע צייטען און פון פארשידענע פארפאסערס, וועלכע האבען גע־שריבען פון פארשידענע שטאנדפונקטען און צוליב פארשידענע צוועקען. דער מאדערנער פארשער פון מערב־לאנד קען זיך אפט ניט ארויסגעפינען און ווערט צעטומעלט לעזענדיג אט די ליטעראטור פון תנ"ך, ווייל דער מאטעריאל איז דארטען ניט צונויפגעשטעלט סיסטעמאטיש. סלאסיפי־

קאציע איז דערפאר די ערשטע נויטווענדיגקייט. א גרינטליכען און פראק־
טישען סיסטעם ווי צו קלאסיפיצירען די ביכער פון תנ"ך געפינען מיר אין
א ציטאט וואס איז אריינגעלעגט אין מויל פון ירמיה'ס שונאים: „עס וועט
ניט אונטערגעהן די תורה פונ'ם כהן, די עצה פונ'ם חכם און דאס ווארט
(דבר) פונ'ם נביא" (ירמיה י"ח 18). אט דא געפינען מיר פארגעשטעלט
די דריי קלאסען לעהרער און פיהרער אין אידישען לעבען און זייערע כא־
ראקטעריסטישע ליטעראַרישע שאפונגען.

די אידישע נביאים, וועלכע זיינען געשטאנען העכער פון די מענשען
פון זייער צייט אין הייליגקייט, אינטעליגענץ און ערנסטקייט, האבען גע־
זעהן פאקטען און אמת'ן, וועלכע זיינען געווען אומבאקאנט צו זייער דור.
האבענדיג אט דעם טיפערען אריינקוק, האבען זיי געבראכט צו זייער פאלק
די שליחות פון גאט, אין וועמעס נאמען זיי האבען גערעדט. זייער הארץ
איז געווען פול מיט א געטליכען אידעאל פון גערעכטיגקייט און מאראַ־
לישער פולקומענהייט. זייער שטארקע שטרעבונג צו זעהן אט דעם אידעאל
פארווירקליכט אין זייער פאלק, וואס איז געווען אזוי ניט קלוג און אזוי
פארדארבען אין זיינע וועגען, האט זיי געמאכט פאר שטאאטסלייט, פאר
סאציאלע רעפארמער און פאר רעליגיעזע און עטישע לעהרער. דורך ריה־
רענדע רעדעס, דורך עפענטליכע אויפשריפטען און סימבאלישע האנדלונגען
האבען זיי געזוכט קלאר צו מאכען צו די ווענינער אויפגעקלערטע קינדער
פון זייער דור די גרויסע אמת'ן, וואס זיינען צו זיי אנטפלעקט געווארען.
מיט דער צייט האבען זיי אויך אנגעהויבען אויפצושרייבען זייערע רייד.
די נבואות פון די נביאים זיינען אויף אזא'ן אופן געווארען א טייל פון די
ביכער פון תנ"ך.

די ליטעראַרישע טעטיגקייט פון די נביאים האט זיך אבער ניט אפ־
געשטעלט ביים אויפשרייבען זייערע רייד. שוין אין די מונדליכע נבואות
געפינען מיר אן אנצוהערעניש אויף אן אנדער זארט באלעהרונג. ס'איז
זעהר ניט גוט וואס די באדייטונג פונ'ם ווארט „נביא" איז היינט־צו־טאג
זעהר באשרענקט און פיהרט צו א פאלשער אויפפאסונג פון דער זאך. דאס
ווארט „נביא" האט לכתחילה ניט באדייט „איינער וואס זאגט פאראויס",
נאר „איינער וואס איז א פארשפרעכער פאר אן אנדערען". דאס זעהען
מיר אין דעם פסוק, וואו גאט זאגט צו משה'ן: „זעה, איך האב דיך גע־
מאכט פאר א גאט פאר פרעה'ן, און אהרן דיין ברודער וועט זיין דיין
נביא" (שמות ז 1). אהרן, הייסט עס, וועט זיין משה'ס נביא, ווייל ער
וועט ריידען אין זיין נאמען. די נביאים, האט איינער גוט באמערקט, זיי־

נען ניט געווען קיין „פאראויסזאגער", נאר „ארויסזאגער". אפטמאל האט זייער געטליכע שליחות אנגענומען די פארם פון א פאראויסזאגונג וועגען דער צוקונפט; עפטער אבער איז זי באשטאנען אין א פלאמענדער רעדע וועגען די לעבעדיגע פאליטישע, סאציאלע און רעליגיעזע פראגען פון טאג. אפט, ווען דער נביא האט איינגעזעהן, אז זיינע צוהערער באגרייפען ניט די גרויסע אמת'ן און פרינציפען, וועלכע ער האט געזוכט זיי צו דערקלע־רען, האט ער געמאכט א הפסקה אויף א ווײלע און האט געבראכט עפעס א באקאנטע אילוסטראציע, וועלכע האט געמוזט קלאר מאכען די זאך אפילו פאר די אפגעטעמפטע הערצער. געוועהנליך פלעגט ער שעפען זיינע אי־לוסטראציעס פון דעם רייכען אוצר פון ערפאהרונגען, וואס זיין פאלק האט דורכגעמאכט. אט אזוי פלעגט ער א ווײלע באלעהרען ניט מיט דער צוקונפט און ניט מיט דער געגענוואַרט, נאר מיט דער פארגאנגענהייט. ער פלעגט זיך באנוצען מיט א דערצעהלונג אדער א טראדיציע פון די אמאליגע צייטען אום צו אילוסטרירען און קלאר צו מאכען א נביאי'שען אמת. אט די ווירקזאמע מעטאדע פון באלעהרונג איז געווען זעהר פאפולער ביים פאלק און אויך ביים נביא אליין. מעהרערע ביכער פון תנ"ך מעג מען קלאסיפיצירען אלס נבואות וועגען דער פארגאנגענהייט. די אידען האבען טאקע דעריבער באצייכענט יהושע, שופטים, שמואל און מלכים אלס „נביאים ראשונים" (פריהעריגע נביאים), זיי צו אונטערשיידען פון די אנדערע „נביאים אחרונים" (שפעטעריגע נביאים). צו די „נביאים ראשונים" געהערט אויך באמת דאס קליין ביכעל „רות" (וואס איז א פאַ־ראלעל צו די מעשיות פון דעם בוך „שופטים") און מאנכע טיילען פון חומש. אן עהנליכקייט אין שפראך און אין ליטעראַרישען סטיל און א שותפות'דיגקייט אין דעם געדאנק און אין דעם אינהאלט צייכענען אוים די דאזיגע ביכער און שטיקער פון ביכער פון אנדערע טיילען פון תנ"ך און ווייזען באשיינפערליך, אז זיי שטאמען פון שריפטשטעלער, וועלכע האבען געהערט צו די קרייזען פון די נביאים. עס זעהט זיך אין זיי א שותפות'ער ציל. א היסטארישע מאס איז אין זיי ניטא. אין שמואל, למשל, ווערט די וויכטיגע שלאכט פון גלבע באהאנדעלט אין עטליכע פסוקים, בעת דאס פארהעלטעניש צווישען שמואל'ן (דעם נביא) און שאול'ן פארנעמט מעה־רערע קאפיטלען.

אט דער פאקט און אנדערע אזוינע עהנליכע פאקטען לאזען זיך דער־קלערען, ווען מ'האלט אין אויג דעם ציל פון דעם נביא'ישען שריפטשטע־

לער. פאר איהם זיינען די געשעהענישען גופא ניט פון גרויס וויכטיגקייט, מחמת ער איז דא ניט אויסען צו שרייבען בלויז א געשיכטע פון זיין פאלק, נאר ער וויל גיבער פון אלץ אויסדריקען און דערקלערען גייסטיגע אמת'ן. כדי דאס צו דערגרייכען, איז ער געווען גרייט צו געברויכען א שפּע־טערדיגע טראדיציע אלס אן אלטע געשיכטע. אפט, ווען ער האט געפונען צוויי באריכטען וועגען דערזעלביגער פּאסירונג, האט ער זיי ביידען אריינ־געשטעלט און האט זיך ווייניג געקימערט וואס זיי זיינען זיך סותר און זיי־נען היסטאריש ניט אויסגעהאלטען. אפילו ווען ער וואלט באהערשט זיין מאטעריאל און וואלט געקאנט באשטימען, וועלכער פון די צוויי דאקומענ־טען איז דער עלטערער און דערפאר דער זיכערער, וואלט ער עס אויך ניט גע־טאן, ווייל דאס וואלט לחלוטין ניט געהאלפען צו מאכען ווירקזאמער די לעהרע, וואס ער האט געוואלט געבען די קינדער פון זיין דור. אין היס־טארישע קענטענישען איז ער ניט געשטאנען העכער פון זיין צייט: ער האט אריינגענומען אין זיינע ביכער די געשיכטען און טראדיציעס, מיט וועלכע די מענשען פון זיין דור זיינען געווען באקאנט. ווען ער האט געשריבען וועגען א תקופה פון יאהרהונדערטען צוריק, איז ער אין גאנצען געווען אפהענגיג פון דעם וואס ער האט זיך אנגעהערט פון אנדערע. די שרייבער פון די ביכער שמואל און מלכים באציהען זיך אפט אויף געוויסע עלטערע דאקומענטען, וועלכע זיי האבען געקאנט נאכקוקען, למשל, דאס כראניק־בוך פון די מלכים פון יהודה און פון ישראל („דברי הימים למלכי יהודה", „דברי הימים למלכי ישראל"). אבער בנוגע די סאמע עלטסטע עפּאכען, ווען שרייבען איז נאך געווען א גרויסע זעלטענקייט, זיינען די שרייבער קענטיג לגמרי געווען אפהענגיג פון דער פּאפּולערער טראדיציע פון זייער צייט. די דאזיגע טראדיציעס האבען זיך אנגעזאמעלט ארום געוויסע ערטער און מנהגים. ווען די פרויען אין שפּעטערדיגע צייטען פלעגען שעפּען פון דעם באריהמטען ברונים, וואס ווערט דערמאנט אין במדבר (כ"א 16), פלעגען זיי זינגען א געזאנג, וואס ווערט דארטען אויפ'ן זעלביגען שטעל ציטירט. דער געזאנג האט דערהאלטען אין דעם זכרון פון פאלק פּאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען מיט יאהרהונדערטען צוריק ארום דעם דאזיגען אוראל־טען ברונים. די ערינערונגען וועגען דבורה'ן זיינען געווען פארבונדען מיט דבורה'ס פּאלמען־בוים („תמר דבורה", שופטים ד 4): פּונקט ווי די ערינע־רונגען וועגען אברהם'ען זיינען געווען פארבונדען מיט זיין הייליגען בוים אין באר שבע (בראשית כ"א 33). געוויסע שטעדט האבען באטראכט דעם אדער יענעם פון די אבות אלס זייער הייליגען פּאטראן (באשיצער)

און האבען דעריבער געהאלטען טייער די טראדיציעס וועגען איהם. אט אזוי איז יעקב פאראייביגט געווארען אין בית־אל און אברהם אין חברון. אפט האבען זיך צונויפגעקליבען מעשיות ארום א געוויסען מאנומענט פון דיער נאטור, וואס האט דערוועקט די נייגעריגקייט פון דורות נאכאנאנד. רחל'ס קבר, למשל, האט ארויסגערופען אין זכרון די געשיכטען וועגען יעקב'ס גע־ליבטער פרוי (בראשית ל"ה 20). פונקט ווי די „מערת המכפלה" האט ארויסגערופען אין זכרון די געשיכטען וועגען די אבות (בראשית כ"ג 9־20) און אבשלום'ס קבר — די געשיכטע פון דוד'ס רעוואלטירענדען זוהן (שמואל ב, י"ח 17, 18). עהנליכע דערמאנערס זיינען געווען דער הויפען שטיינער אין ירדן (יהושע ד 9), וועגען וועלכען דער שרייבער פון ספר יהושע זאגט עדות, אז ער איז נאך געשטאנען אין דער צייט ווען ער האט געשריבען זיין בוך. די בערגלעך אין דעם „עמק עכור" און ביי „עי" (יהושע ז 26; ח 29) האבען דערמאנט אן דער עראבערונג פונ'ם לאנד כנען. אסך טרא־דיציעס האבען זיך אויך צונויפגעקליבען ארום די לאקאלע היילגטימער, ווי, למשל, „בית־אל" און „דן". ווען די אידישע טעכטער אין מזרח־זייט פון ירדן האבען יעדעס יאהר באוויינט דעם טראגישען טויט פון יפתח'ס טאכ־טער, האבען זיי דערהאלטען די ערינערונגען וועגען די העלדישע אויפטו־אונגען פון יענעם גבור פון די אוראלטע צייטען. אפטמאל פלעגט א פא־פולער שפריכווארט — ווי, למשל, „ווי קומט שאול צווישען די נביאים?" (שמואל א, י 12; י"ט 24) — ארויסרופען אין זכרון א געוויסע פאסירונג, וואס וואלט אהן דעם פארגעסען געווארען.

פון אט די פיעלע קוועלען האבען די נביאים געשעפט זייערע אילוס־טראציעס און די פאקטען, דורך וועלכע זיי האבען אויפגעשטעלט די גרונט־ליניען פון דער געשיכטע פון זייער נאציאן. אבער די געשיכטע גופא איז פאר זיי געווען ניט מעהר ווי א גרויסע אילוסטראציע פון די אמת'ן בנוגע יהוה, וואס זיי האבען געזוכט איינצוקריצען אין די הערצער פון די מענשען. וועגען וויסענשאפטליכע אדער היסטארישע גענויאיגקייט האבען זיי זיך ניט געקימערט. די גרויסקייט פון די היסטאריע־ביכער פון תנ"ך וואקסט אין אונזערע אויגען, ווען מיר האלטען אין זינען, אז זיי שטאמען פון א באגרע־ניצטער צייט, ווען וויסענשאפטליכע מעטאדען פון פארשונג זיינען ניט געווען באקאנט און דער גייסט פאר היסטארישער פינקטליכקייט איז נאך ניט געווען געבארען. ס'איז אבער פארשטענדליך, אז אויב דער מאדערנער פארשער וויל באקאנט ווערען מיט די ווירקליכע פאקטען פון דער אידישער געשיכטע, מוז ער טאן דאס, וואס די נביאי'שע שריפטשטעלער האבען ניט

געהאט פאר דעם ניט דעם פארלאנג און ניט די מיטלען. ער מוז, הייסט עס, „ארויסגעהן פון די קוועלען." ער מוז פארזיכטיג פאנאנדערגלידערען איט־ליכע געשיכטעלע און זיך קלאר מאכען פון וועלכער צייט זי שטאמט און פון וואס פאר א שטאנדפונקט זי איז געשריבען געווארען.

בעת די נביאים און די וואס זיינען געשטאנען נאהנט צו זיי האבען אויסגעדריקט זייער געטליכע שליחות אין א דויערהאפטיגער ליטעראַרישער פארם, האט די צווייטע גרופע פון די לעהרער פון'ם פאלק ישראל — די כהנים — אויך געשאפען. זייער הויפט־אויפגאבע אין זייער גרויסער ליטע־ראַרישער פעריאדע איז באשטאנען אין אכטונג געבען אויף די נאציאנאלע הייליגטימער און אין אויספיהרען די רעליגיעזע צערעמאניעס. ס'איז וואהר־שיינליך, אז די הייליגע געזעצען און מנהגים זיינען הונדערטער יאהרען איבערגעגעבען געווארען מונדליך פון דור צו דור, אדער זיינען בלויז צום טייל געווען אויפגעשריבען. אבער עס איז סוף כל סוף געקומען א צייט, ווען די באקוועמליכקייט אדער די צושטענדען, וואס האבען דאן געהערשט, האבען געפאדערט, אז די דאזיגע געזעצען און מנהגים זאלען צונויפגעשריבען ווערען אין א געזעצבוך. מ'האט זיך אויך דעמאלט שטארק פאראינטערע־סירט צו וויסען דעם אורשפרונג און די געשיכטע פון אט די געזעצען. דאס האט געפיהרט דערצו, אז, פונקט ווי די נביאים, זאלען אויך די כהנים ווערען היסטאריקער. אט דער פאקט דערקלערט די פאראלעלע געשיכטען, וועלכע מ'געפינט אריינגעוועבט אין חומש זייט ביי זייט מיט יענע געשיכטען, וועל־כע טראגען אויף זיך דעם נביא'ישען אויסדרוק: שותפות'קייט אין שפראך, אין ליטעראַרישען סטיל, אין געדאנק און אין ציל אונטערשיידען אט די היסטאריש־געזעצגעבערישע טיילען פון די היסטאריש־נביא'ישע, און ווייזען אן זייער שייכות איינע צו די אנדערע. די פריסטערליכע דאקומענ־טען וואס זיינען אנטהאלטען אין די ביידע ביכער פון „דברי הימים" און אין זייער פארטזעצונג, אין „עזרא" און „נחמיה", גיבען אונז די געשיכטע פון בית המקדש, פון די הייליגע געזעצען און פון דער כהונה פון דער סאמע עלטסטער צייט ביז וויט אריין אין דער תקופה פון צווייטען בית המקדש. ווען מיר פארגלייכען אט די שפעטערדיגע פריסטערליכע דאקומענטען מיט די עלטערע דאקומענטען וואס זיינען אנטהאלטען אין שמואל און אין מלכים, זעהען מיר דאן קלאר דעם חילוק צווישען דער פריסטערליך־געזעצ־געבענדער און דער נביא'ישער ליטעראטור פון תנ"ך. ביידע ליטעראטורען באהאנדלען צום טייל דיזעלביגע תקופה; אבער איינע קאנצענטרירט איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף די כהנים און ווייסט בלויז פון דער מלוכה

פון יהודה, וואו זייער איינפלוס איז געווען אם שטארקסטען; בעת די אנ־דערע איגנארירט כמעט די כהנים און דערצעהלט וועגען די אויפטואונגען פון די נביאים און שטעלט זיך אפ באריכות אויף דער צפון־מלוכה ישראל, וואו די נביאים זיינען געווען די גייסטיגע הויפט־פיהרער. מ׳זעהט דערפון באשיינפערליך, אז די פריסטעריליכע היסטאריע־ביכער קען מען ניט רופען קיין געשיכטע אין געוועהנליכען זין פון׳ם ווארט; מחמת זייער הויפט־ציל איז צו געבען מענשען א רעליגיעזע לעהרע, און אויך דאס נאר פון א ריין ריטועלען כאראקטער. די פאקטען וואס זיי אנטהאלטען בנוגע דעם פאליטישען לעבען פון אידישען פאלק זיינען דעריבער א טפל און האבען א גאנץ קליינע באדייטונג.

דער דריטער קלאס פון די אידישע לעהרער זיינען די חכמים. זיי האבען געטאן זייער ארבייט אזוי שטיל, אז מ׳האט זיי כמעט גאר ניט באמערקט. זיי האבען גערעדט צום יחיד און ניט עפענטליך צו דער נאציאן. זיי האבען פארגעשטעלט אין זייער פערזאן די חכמה פון זייער דור און פאלק, רייף אין פערזענליכער ערפאהרונג, שארף אין דער באאבאכטונג פון דער מענשליכער נאטור, באריי‌כערט מיט גע׳ירש׳עטער חכמה, זיינען זיי געווארען די עצה־געבער פון אלע קלאסען פון אידישען פאלק אין דער אוראלטער צייט. אלץ וואס איז געווען נוגע דעם פשוט׳ען מענשען האט ארויסגערופען זייער אויפמערקזאמקייט. זיי זיינען געווען גרייט מיט א פראקטישער עצה פאר יעדער מינדסטער זאך, פון קויפען א נחלה ביז דעם מענשען׳ס פליכט צו גאט. הונדערטער יאהרען האבען זיי באלעהרט די מאסען ביים טויער פון שטאדט, איידער זיי האבען אויסגעדריקט זייערע עצות אין א געשריבענער פארם. דער ספר משלי איז זייער כאראקטעריס־טישסטער פראדוקט; ער אנטהאלט די קריסטאליזירטע ערפאהרונגען פון די אויפגעקלערטע חכמים. ווען זיי האבען זיך אפגעגעבען מיט די גרעסערע פראבלעמען פון לעבען, האט מען צוגעלעגט צו זייער ליטעראטור „שיר השירים“, „איוב“ און „קהלת“.

עס בלייבען נאך צוויי אנדערע ביכער, פאעטיש אין פארם און טיף רעליגיעז אין אינהאלט, — „תהלים“ און „איכה“. זיי דריקען אויס די „השתפכות הנפש“ פון פרומע אידען פון אלע צייטען, בעת זיי האבען זיך געפונען אין דער אנוועזענהייט פון גאט. מ׳מעג זיי באצייכענען אלס די פרומע ליטעראטור פון תנ״ד. לויב־געזאנגען צו גאט, דעם מקור פון ברכה, אדער אן ערנסטער הילף־געשריי נאך באפרייאונג פון שלעכטסקייט און סכנה, איז דארטען דער הערשענדער טאן. דער נביא, דער כהן און דער

חכם זיינען פאראייניגט מיט דעם קעניג און מיט דעם פויער אלס די פאר־פאסערס פון דעם דאזיגען געזאנג־בוך פון דער פרומער מענשהייט.

דער מאטעריאל אין אט דער אלטער ביבליאטעק, דעם תנ"ך, וואס איז די הויפט־קוועלע פאר דער געשיכטע פון אידישען פאלק אין דעם ערשטען יאהרטויזענד פון זיין היסטארישען לעבען, קען קלאסיפיצירט ווערען ווי פאלגט:

א) נביאים־ליטעראטור, — די נביא'ישע טיילען פון חומש און יהושע, און שופטים, רות, שמואל, מלכים, יונה און די נבואות פון די נביאים אחרונים.

ב) געזעצגעבערישע ליטעראטור. — די פריסטערליכע טיילען פון חומש און יהושע, און דברי הימים, עזרא, נחמיה און אסתר.

ג) חכמה־ליטעראטור, — משלי, שיר השירים, איוב און קהלת.

ד) פרומע ליטעראטור, — תהלים און איכה.

דער בייטראג פון יעדער פון אט די פיער קלאסען ליטעראטור צו דער אידישער געשיכטע איז זעהר פארשידען לויט זיין כאראקטער און לויט זיין ווערט. אזוי ווי די נביאים זיינען געווען די אידישע שטאאטסלייט און זיי־נען געשטאנען אין דער נעהנטסטער באריהרונג מיט די נאציאנאלע באַ־וועגונגען, אנטהאלטען דעריבער זייערע שריפטען די מעהרסטע פאקטען בנוגע דעם פאליטישען לעבען פון אידישען פאלק; זיי גיבען אונז אויך דאס קלערסטע בילד פון די סאציאלע, רעליגיעזע און מאראלישע צושטענדען. פון אלע ביבלישע קוועלען זיינען די נביאים די זיכערסטע, ווייל זייערע פארפאסערס דערצעהלען דארטען זאכען וואס זיי האבען אליין געזעהן מיט די אויגען. די געזעצגעבערישע ליטעראטור איז ווערטפול איבערהויפט פאר די ידיעות, וואס זי גיט אונז בנוגע די רעליגיעזע מנהגים פון אידישען לעבען. איהרע פריסטערליכע געשיכטעס אבער זיינען געשריבען געווארען לאנג נאכדעם ווי עס זיינען פארגעקימען די פאסירונגען, וועגען וועלכע זיי באַ־ריכטען און זיי אנטהאלטען דערפאר זעהר וועניג נייע פאקטען וואס געפינען זיך ניט אין נביאים ראשונים. די חכמה־ליטעראטור באציהט זיך ניט אויף קיין פאליטישע געשעהענישען; פונדעסטוועגען קאנען מיר ניט אפשאצען צו הויך איהר ווערט, ווייל זי פיהרט אונז אריין אין דעם סאציאלען, הייזליכען און מאראלישען לעבען פון פאלק. דורך דער פרומער ליטערא־טור קריגען מיר א צוטריט צו דעם הייליגטום פון דער נשמה פון פאלק, און מיר קענען דארטען זעהן די באוועגונגען פון יענע טיפע רעליגיעזע געפיה־

לען און שטרעבונגען, וואס האבען געמאכט די אידען פאר די גייסטיגע לעה־
רער פון דער מענשהייט און די אידישע געשיכטע פאר איינציג אין איהר
ארט.

ביז'ן ניינצעהנטען יאהרהונדערט זיינען אונזערע ידיעות מכוח דעם
אידישען לעבען אין דער אוראלטער צייט געווען באשרענקט נאר אויפ'ן
תנ"ך. די לעצטע אנטדעקונגען אבער האבען געווארפען א נייע ליכט אויף
דער געשיכטע פון יענער צייט. די ליטעראטור פון דער בילדער־שריפט
(היראגליפען) פון דער אלטער עגיפטען, פארפולשטענדיגט דורך די טאוולען
מיט דער פלעקלעך־שריפט (כתב־היתדות) פון פערצעהנטען יאהרהונדערט
(פאר דער קריסטליכער ערא) דערצעהלען אונז די געשיכטע פונ'ם לאנד
כנען איידער די אידען האבען דארטען איינגעוואנדערט, און גיבען אונז די
מעגליכקייט צו פארשטעהן די צושטענדען, אונטער וועלכע די אידישע נאַ־
ציאָן איז געבארען געווארען. אין פארלויף פון זייער נאציאנאלער עקסיס־
טענץ זיינען די באציהונגען צווישען עגיפטען און ישראל געווען זעהר אינ־
טים; אונזער קענטעניש פונ'ם אלט־עגיפטישען לעבען דערקלערט אונז דע־
ריבער אסך שווערע פראגען אינ'ם לעבען פון איהר שוועסטער־מדינה.
אין פאלעסטינא גופא האט מען נאך דערוויילע אויסגעגראבען וועניג שריפט־
ליכע מאנומענטען. צוויי דריי אויפשריפטען מיט עטליכע שורות איז אלץ
וואס מ'האט דארטען אנטדעקט. אבער אט די פאר אויפשריפטען זיינען גענוג
צו ווייזען, אז די אזויגערופענע פעניקישע שריפט איז געווען אין געברויך
ביי די אידען אין דער צייט פון דער מלוכה, און אז די שפראך פון אונזער
הייגטיגען תנ"ך איז כמעט דיזעלביגע, וועלכע דוד און ישעיה האבען גערעדט.
אין דער טעריטאריע פון דער אלטער פעניקיען האט מען אנטדעקט א גרויסע
קאלעקציע פון אויפשריפטען, וועלכע זיינען זעהר ווערטפול פאר דעם פאר־
שער פון סעמיטישע שפראכען און רעליגיאנען. די וויכטיגסטע אויפשריפט
אבער, וואס קומט פון דער כנעני'שער פעלקער־גרופע, איז דער באריהמטער
שטיין פון מואב, וואס איז אנטדעקט געווארען אין יאהר 1868 אין מזרח־זייט
פון ירדן. דעם דאזיגען שטיין האט אויפגעשטעלט מישע מלך מואב, וועלכער
ווערט דערמאנט אין מלכים (ב, ג 4). די שריפט פונ'ם שטיין איז די
פעניקישע; די ווערטער און די גראמאטיקאלישע פארמען זיינען זעהר
עהנליך צו העברעאיש. פאר'ן שטודיום פון אידישער געשיכטע האבען די
אויסגעגראבענע אויפשריפטען פון אשור און בבל אונז געגעבען די וויכ־
טיגסטע פאקטען. כאטש אפטמאל ענדערען זיי און פארשטארקען אויך די
ביבלישע באריכטען, זיינען זיי אבער א וואונדערליכע דערגענצונג צו זיי;

מיט דער הילף פון די דאָזיגע אויפשריפטען איז אונז מעגליך צו באטראַכטען די אידישע געשיכטע פון דרויסען־זייט און צו קוקען אויף די אידען אזוי ווי די וועלט האָט אויף זיי געקוקט אין יענער צייט. ווייניגער קאָן מען זיך פארלאָזען אויף די שפּעטערע טראַדיציעס, וואָס זיינען געבליבען אין העברעאיש, אין גריכיש און אין מאכמעדאנישע שריפטען, אָדער וואָס געהען נאָך איצט ארום אין מויל פון די אראַביש־שפּרעכענדע פעלקער. פונדעסטוועגען קענען די דאָזיגע טראַדיציעס אונז געבען אן אָנשטויס צו א סך אינטערעסאנטע געדאנקען. ווען מיר שטודירען זיי פארזיכטיג לויט די כללים פון דער אנטוויקלונג פון טראַדיציעס, איז עס דאן אָפט מעגליך ארויסצושיילען דאָס קערענדיל פון אן אמת׳ן פאקט וואָס זיי אנטהאלטען.

דער רידעל האָט אויסגעגראבען פון אונטער דר׳ערד ניט בלויז אויפשריפטען, נאָר אויך א סך אנדערע „שיריים" פון דער ציוויליזאציע פון אלטען מזרח. די ארכעאָלאָגיע פארשאפט אונז דעריבער די וויכטיגסטע ידיעות וועגען דעם היימישען לעבען און דער מאטעריעלער סביבה פון די אידען אין דער אוראלטער צייט. די היינטיגע מנהגים פונ׳ם אומפארענדערליכען מזרח זיינען א רייכער קוואל, פון וואנעט מיר קענען שעפּען ידיעות וועגען דעם סאָציאלען לעבען פון די אידען. די לפי ערך נייע וויסענשאפט פון היסטאָרישער געאָגראפיע פיהרט אריין דעם פאָרשער אין דעם הינטערגרונט פון די היסטאָרישע געשעהענישען, און דעקט אויף יענע נאטירליכע באדינגונגען, וואָס האָבען געהאט אזא ווירקונג אין פאָרמירען דאָס לעבען פון אידישען פאָלק. די אויפגאבע פון דעם אידישען היסטאָריקער איז די ערשטע זאך פאנאנדערצוגלידערען אט דעם פארשידענארטיגען מאטעריאל, און דאן עס צונויפצובינדען אין איין איינהייטליכער, לעבעדיגער גאנצקייט.

# דאס לאנד און זיינע איינוואוינער

1. בענציגנער

1. י. בענצינגער

# דאָס לאַנד

## די נעמען.

דער נאָמען פ א ל ע ס ט י נ א איז די גריכישע פאָרם פון „פלשת“ (שמות ט"ו 14; ישעיה י"ד 29; תהלים ס 10), וואָס באַצייכענט דאָס לאַנד פון די פ ל ש ת י ם, דאָס הייסט: דעם פאַס לאַנד ביים ברעג ים אין דרום. אבער ביי די גריכען איז דער נאָמען שוין זינט העראָדאָט אָנגעווענדט געוואָרען אויך אויף דאָס אינערליכע לאַנד. אין דעם דאָזיגען זין געברויכען עס דאַן די קריסטליכע שריפטשטעלער.

אלס עלטסטען נאָמען טרעפען מיר אין די באַבילאָנישע אויפשריפטען די באַצייכענונג א - מ ו - ר ו, וועלכע נעמט אַרום פּאַלעסטינא, פעניקיען און א שטיק פון דרום־סיריען. די אַמאַרנא־בריף רופען די היינטיגע פּאַלעסטינא און מיטעל־סיריען ק י נ א ה י אָדער ק י נ א ה נ י. ביי די עגיפטער איז כנען די באַצייכענונג פאַר דאָס גאַנצע עגיפטישע פאָדער־אַזיען, אַריינרעכענענדיג פעניקיען. אַזוי האָבען די איינוואוינער אָנגערופען זיך גופא און זייער לאַנד. די עגיפטער אבער האָבען פאַרגעצויגען די נעמען ה א ר ו פאַר דעם דרום (פּאַלעסטינא) און ר ו ט ע נ ו פאַר דעם צפון. די באַדייטונג פון וואָרט כנען איז אומבאַקאַנט.

אין תנ"ך ווערט באַצייכענט אלס כנען: די פּאַלעסטינא אין דער מערב־זייט פון ירדן, אַריינגעמענדיג דאָס פלאַכלאַנד ביים ברעג ים. די גרעניצען פון לאַנד ווערען אין תנ"ך פאַרשידען אָנגעגעבען, באַזונדערס דער גרעניץ אין צפון. אסך מאָל ווערט דער צוגאַנג צו חמת (לבוא חמת) אָנגערופען אלס גרעניץ אין צפון (עמוס ו 14; שופטים ג 3; מלכים א, ח 65; יחזקאל מ"ז 20; יהושע י"ג 5; במדבר ל"ד 8). אונטער דעם ווערט געוועהנליך פאַרשטאַנען די „גרויסע“ חמת („חמת רבה“, עמוס ו 2), דאָס איז די געגענד ביים צפון־ענד פון לבנון. גיכער אבער וואָלט זען באַדאַרפט אונטער דעם פאַרשטעהן ח מ ת צ ו ב א אין דרום־זייט פון חרמון (דברי הימים ב, ח 3). אין יעדען פאַל האָט די אידישע טעריטאָריע געגרייכט נאָר אַזוי ווייט („מדן ועד באר שבע“). דער דרום־גרעניץ פון

כנען גרייכט איבער באר־שבע ארוים ביז קיין ק ד ש ב ר נ ע איז דעם טייך פון מצרים („נחל מצרים", וואדי־על־אריש, יחזקאל מ"ז 19; במדבר ל"ד 3—5). די אומבאשטימטקייט פון די גרעניצען הענגט צוזאמען דער־מיט, וואס עס פעהלט א פעסטע, נאטירליכע אפגרעניצונג.

די שטיק אידישע לאנד אויף דער מזרח־זייט פון ירדן ווערט אין תנ"ך באצייכענט אלס ג ל ע ד. דער נאמען ווערט אין ענגסטען זין געברויכט פאר דאס בערגלאנד פון גלעד אין דרום־זייט פון יבוק, ער ווערט אבער אויסגעשפרייט אויף דער געגענד אין דרום־זייט פון יבוק ביז צום יארמוק (דברים ג 10; יהושע י"ג 11; מלכים ב, י 33) און ווערט סוף כל סוף א באצייכענונג פאר'ן גאנצען עבר־הירדן (בראשית ל"ז 25; יהושע כ"ב 9).

## די גרעניצען.

פאלעסטינא איז א טייל פון'ם גרויסען לאנד־שטח, וואס טראגט פון דער אלטער צייט אן דעם נאמען סיריען. דער געברויך פון דעם נאמען האט זיך געביטען אין פארשידענע צייטען, נאר די היינטיגע סיריען ציהט זיך פון דעם הויכלאנד פון טוירוס ביז צום גרעניץ פון עגיפטען. ווען מיר זאלען זיך פארשטעלען צוויי ליניעס געצויגען פון'ם צפון־מזרח־ווינקעל און פון'ם דרום־מזרח־ווינקעל פון מיטעללענדישען ים דירעקט נאך מזרח, וואלטען מיר דאן האבען אומגעפעהר די צפון און דרום־גרעניצען. די אויסשפרייטונג פון צפון קיין דרום פארנעמט בערך 600 קילאמעטער.

אומגעפעהר דעם דרום'דיגען דריטעל פון דעם דאזיגען שטח פאר־נעמט פאלעסטינא. צו באשטימען איהר גרעניץ אין צפון דארפען מיר זיך פארשטעלען א ליניע אין צפון־זייט פון צור, וועלכע ציהט זיך קיין מזרח פארביי דעם דרום־פוס פון לבנון און פון חרמון און פארביי דער רואינע פון דער שטאדט דן (שופטים י"ח 29). אין דרום ווערט אפגעשיידט דאס בערגלאנד פון סיני פון'ם בערגלאנד פון פאלעסטינא דורך אן ערד־פאר־טיפונג, וואס ציהט זיך פון עזה פארביי באר־שבע צום דרום־ענד פון ים־המלח; אויף דער מזרח־זייט פון ים־המלח איז דער טייך ארנון דער גרעניץ. אט די אויסשפרייטונג פון צפון קיין דרום שטימט מיט דער באקאנטער גרעניץ־באשטימונג „פון דן ביז באר־שבע". אין „תורת־כהנים" ווערט אבער דער אידעאל־גרעניץ פיעל ווייטער ארויסגערוקט. אין צפון ביז צו דעם אריינגאנג פון חמת, דאס איז: ביז צום צפון־ענד פון דער „בקעה" צווישען דעם לבנון און דעם אנטי־לבנון. אין דרום ביז צום נ ח ל

מ צ ר י ם (וואדי־על־אריש) און ק ד ש ב ר נ ע (במדבר ל"ד, יהושע ט"ו). אין מערב איז דער גרעניץ דער מיטעללענדישער ים. דער מזרח־גרעניץ איז אומבאשטימט: ער דעקט זיך מיט'ן גרעניץ פון מענשליכען ישוב געגען סירישען מדבר, וואו עס ציהען ארום נאמאדישע שבטים.

די לענג פון'ם גאנצען לאַנד איז ארום 230 קילאָמעטער, בערך צוויי פינפטעל פון דער לענג פון גאנץ סיריען. די ברייט איז אין דרום גרעסער איידער אין צפון: דאָס לאַנד אין מערב־זייט פון ירדן איז אין דרום ארום 120, אין צפון 35 — 40 קילאָמעטער ברייט: דער שטח פון'ם לאַנד אין מערב־זייט פון ירדן פארנעמט ארום 15.700 קוואדראט־קילאָמעטער; דעם שטח פון דעם עבר הירדן ווערט מען דארפען שאַצען אויף העכסטענס 12.000 קוואדראט־קילאָמעטער. א רעכטער טייל פון אַט דעם לאַנד, דער ברעג פון מיטעללענדישען ים, איז קיינמאָל ניט געווען באזעצט פון די „בני ישראל".

## די פאָרמען פון אויבערפלאַך.

די פאָרם פון אויבערפלאַך פון סיריען איז באשטימט דורך א גרויסען איינברוך־סיסטעם, וועלכער ציהט זיך פאר לענגס דורך דאָס לאַנד פון צפון קיין דרום און וועלכער האָט צעריסען אין צוויי טיילען די לכתחילה צוזאַמענהענגענדע, לאנג אויסגעשטרעקטע קרייד־פלאַטע. דער גראָבען הייבט זיך אָן אין צפון־זייט פון דער אלטער אנטיאָכיען: ער בילדעט דעם אָראָנטעס־טאָל און די פארטיפונג צווישען דעם לבנון און דעם אנטי־לבנון (בקעת הלבנון, יהושע י"א 17; י"ב 7), לאָזט זיך שנעל טיף אראָפּ אין ירדן־טאָל, אום צו דערגרייכען אין ים־המלח זיין גרעסטע טיפקייט. דער איינברוך פון'ם גאנצען גראבען איז פארגעקומען ביים ענד פון דער טערטיער־צייט אין דער געשיכטע פון דער ערד. אויך די מערב־ליניע פון'ם בערגלאנד און די ים־ברעג־ליניע געהערען צו דעם דאָזיגען איינברוך־סיסטעם, נאָר אינערהאלב פון פאלעסטינא איז פארגעלאָגערט פאר די בערג א טיפלאנד ביים ברעג ים, וואָס שטאַמט פון אן אינגערער צייט. אָט אזוי צעפאלט פאלעסטינא אין פיער פאסען לאַנד, וועלכע זיינען פון דער נאָטור שטארק אונטערשידען: דאָס טיפלאנד ביים ברעג ים, דאָס בערגלאנד אין מערב־זייט פון ירדן, דער ירדן־שפאלט און דאָס לאַנד אין מזרח־זייט פון ירדן.

1. ד ע ר  י ם ־ ב ר ע ג  איז, ווי שוין דערמאָנט, פון אן אינגערער צייט. אמאָל איז דער ים געשטאַנען 60—70 מעטער העכער און האָט

געגרייכט ביז די בערג. בשעת ער איז אפגעטראטען צוריק איז דאס פלאכע לאנדביים ברעג געבליבען טרוקען. אין איינצעלנע שטעלען (צום ביישפיל צור, עכו, עזה) קאן מען נאך פעסטשטעלען אין דער היסטארישער צייט, אז דער ברעג וואקסט פון דער אפזעצונג פון ים. דער דאזיגער טאל ביים ים־ברעג פעהלט צו צפון צו, פון ר א ס ע ן ־ נ א ק ו ר א אן; דא איז א משופע׳דיגער ברעג. פון דארטען אן אבער צו דרום צו ביז עניפטען האבען מיר א פלאכען ברעג, וואס ווערט נאר אונטערבראכען אין איין שטעל דורך א צווייג פון׳ם בערגלאנד, וואס ציהט זיך ארויס צום ים, דאס איז דער כרמל. די פארמירונג פון׳ם ים־גרונט פאלגט נאך דער פארמירונג פון׳ם ים־ברעג: אויך דער ים־באדען לאזט זיך אראפ זעהר לאנגזאם אין דרום. די טיפקייט פון 100 מעטער איז ביי עזה בערך 30 קילאמעטער פון דער יבשה. דערפאר אבער ביים כרמל און ביים ר א ס ע ן ־ נ א ־ ק ו ר א קומט אט די טיפקייט ביז אויף 10־13 קילאמעטער, און ווייטער ביים ראס על־אביאד אויף 3 קילאמעטער. איבער דעם האט ניט דער פאלעסטינישער ים־ברעג קיין גוטע האפען און קיין געשיצטע אנקער־פלאץ: די שיפען קענען ניט קומען גענוג נאהנט צום לאנד און זיי גע־פינען ניט אין קיין ים־אויסגוס א באשיצונג נעגען ווינט (ספעציעל נעגען דעם מערב־ווינט).

דער טאל ביים ים אין דרום־זייט פון כרמל ווערט געטיילט דורך דעם נ א ה ר ־ ר ו ב י ן דירעקט אין דרום־זייט פון יפו אין צוויי פיזיש און פאליטיש פאנאנדערגעשיידטע טיילען. די דרום׳דיגע נידערונג, דאס פ ל ש ת י ם ־ ל א נ ד, איז א וועלען־פארמיג טיפלאנד. צאהלרייכע קייטלעך פון בערג שניידען עס דורך פון בערגלאנד אויס צו מערב און צפון־מערב, אפגעשיידט דורך פארשידענע טאלען. דער אריבערגאנג צום בערג־לאנד איז בהדרגה׳דיג, ווייניגער שארף ווי אין דער צפון־העלפט. די שטרע־קע לאנד מיט בערגלעך צווישען דעם בערגלאנד און דעם פלאכלאנד ביים ברעג הייסט אין תנ״ך שפלה (דברים א 7; יהושע ט 1); אפט איז אט דער נאמען כולל דעם טאל גופא ביים ים. די גאנצע געגענד, א חוץ קליינע שטרעקעס ביי דעם ים, איז פרוכטבאר און גוט קולטיווירט. די צפון־העלפט, דער „טאל שרון", ליגט נידעריגער און האט גאנץ ווייניג בערג־לעך. איהר לענג (צפון־דרום) באטרעפט ארום 100 קילאמעטער; איהר ברייט ווערט צו צפון צו אלץ קלענער פון ארום 20 קילאמעטער (ביי יפו) ביז צו 3 קילאמעטער (אין דרום־זייט פון כרמל). זי ווערט רייך באוואַ־סערט דורך דעם נאהר על־אאודזשא, דעם צווייטען גרעסטען טייך פון

פּאַלעסטינא, ווייטער אין צפון דורך דעם נאהר עז־זערקא און נאָך אנדערע טייכעז. שוין אין אלטערטום איז דער שרון־טאַל באקאנט געווען אלס פרוכטבאר און רייך אין בלומען (ישעיה ל"ג 9; ס"ה 10: שיר השירים ב 1) און אלס לאַנד מיט גוטער פּאַשע (דברי הימים א. כ"ז 29). היינט איז דער שרון־טאַל נאָר אין דרום גוט קולטיווירט.

אין צפון־זייט פון כרמל האָט דאָס פלאַכלאַנד ביים ברעג ים א פאָרט־זעצונג אינ'ם פלאַכלאַנד פון עכו, וואָס שפּרייט זיך אויס אין א לענג פון אן ערך 35 קילאָמעטער ביז צום ארויסגעשטארצטען בארג ראס עז־נאקורא. דער דרום־טייל דערפון צווישען חאיפא און עכו גרייכט איי לאַנד אריין ארום 6 קילאָמעטער.

2. דאָס בערגלאַנד אין מערב־זייט פון ירדן, וואָס ציהט זיך אין א גראדער ליניע פון דרום צו צפון, בילדעט דאָס פאַרבינדונגס־גליד צווישען דעם פּלאַטאָ עט־טיה אויפ'ן האלב־אינזעל סיני און דעם לבנון. פון גרעסטען איינפלוס אויף דער געשטאַל־טונג פונ'ם לאַנד איז דאָס וואָס די אַקס פון דער בערג־קייט ציהט זיך ניט אין מיטען פון לאַנד, נאָר אסך נעהנטער צום ירדן איידער צום ים. ארום צוויי־דריטעל פון מערב־פּאַלעסטינא ליגען אין מערב־זייט פונ'ם וואסער־שייד (דער העכסטער רוקען פון די בערג). דאָס איז זעהר וויכטיג פאַר די וואסער־פאַרהעלטענישען פון לאַנד: דער אראָפּפאַל פון די טאָלען צו מערב צו איז אביסעל א לאַנגזאַמערער, אזוי אז פונ'ם וואסער־שייד פון דער בערג־קייט ביז'ן ים האָבען זיך געקאָנט אנטוויקלען לענגערע און רייכערע טאָל־סיסטעמען. צו מזרח צו איז דער אראָפּשטייג צו קורץ, די ווינטער־וואסערן רייסען אריין אין די בערג טיפע, כמעט פערפּענדיקולאר אריינגע־שניטענע, אומפרוכטבארע טאָלען.

דער קאַם פון די בערג איז פיזיש ווי אויך קולטורעל דער צענטער פון לאַנד. אויף איהם זיינען געלעגען און ליגען כמעט אלע וויכטיגערע שטעדט: חברון, בית־לחם, ירושלים, בית־אל, שכם, שומרון. אין דער לענג פון קאַם האָט זיך אויך געצויגען דער הויפּטוועג, וואָס האָט יע־דענפאַלס געהאַט א באדייטונג נאָר פאַר'ן אינערליכען פאַרקעהר. אַט די זונדערבארע ערשיינונג האָט איהר גרונט אין דער פאָרם פון דעם אויבער־פלאַך פון לאַנד: אין דער ריכטונג פון צפון־מזרח האָבען זיך געקאָנט ציהען וועגען נאָר אויפ'ן קאַם אדער אויפ'ן פלאַכלאַנד, אבער ניט אויף דעם מזרח'דיגען אדער מערב'דיגען שיפּוע, ווייל מ'האָט דאָ זעהר שווער

געקאנט אריבערגעהן די טיפע טאלען, וואס זיינען דא פאראן אין א גרוי־סער צאהל.

דער סאמע דרום־טייל פון פאלעסטינא טראגט אין תנ"ך דעם נאמען „נגב", דאס טרוקענע לאנד. דער נ ג ב איז נאך א שטיק פונ'ם גרויסען פלאטא, וואס ציהט זיך אויף דער מערב־זייט פון דער ע ר ב ה ביז צום מיטעללענדישען ים. די דאזיגע שטרעקע לאנד איז נאך ניט גענוג אויס־געפארשט. אין איהר צפון־טייל צו דער געגענד פון יהודה צו האט זי א הויך פון בערך 350 מעטער; דער דרום־טייל איז העכער. א חוץ דער ניי באזעצטער באר־שבע איז דער נ ג ב היינט באוואוינט בלויז פון בע־דואינער; אין דער אלטער צייט אבער, ווי ס'איז צו זעהן פון תנ"ך און פון די רואינען וואס זיינען נאך איצט פאראן, איז ער געווען גוט באַ־פעלקערט.

פון דעם דאזיגען נגב־פלאטא הייבט זיך ארוים אביסעל צו צפון־זייט פון באר־שבע דאס בערגלאנד פון יהודה און דערגרייכט שנעל א מיטעלסטע הויך פון 900 מעטער (ביי חברון און ביי בית־אל ארום 1000 מעטער, ביי ירושלים ארום 800, העכסטער פונקט דער ט ע ל א צ ו ר אין צפון־זייט פון בית־אל). אט דא ווייזען זיך אם דייטליכסטען די אויבען דערמאנטע כאראקטעריסטישע שטריכען פון דעם בערגלאנד אין מערב־זייט פון ירדן. דער וואסער־שייד ציהט זיך כמעט אין א גראדער ליניע פון חברון צו בית־אל. אין מערב־זייט פון אט דעם וואסער־שייד געפינען זיך אייניגע קלענערע פרוכטבארע טאלען: אט אזוי דער טאל פון חברון, דער טאל פון בית־לחם און דער טאל ר פ א י ם אין דרום־מערב־זייט פון ירושלים (ישעיה י"ז 5). די הויכע פלאכען פון די בערג זיינען אין זייער דרום־טייל, ארום בית־לחם, אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר. דער שיפוע פון די בערג פון יהודה אין מזרח־זייט טראגט אין תנ"ך דעם נאמען „מדבר יהודה", די סטעפע פון יהודה. די וויסטעניש, וועלכע ברייננגט נאר ארוים אין פריהיאהר אן ארימע גרינקייט, הייבט זיך שוין אן אין צפון־זייט פון ירושלים: משופע'דיגע אפגרונטען, ווילדע עפענונגען, שרעקליכע טיפענישען גיבען דער סטעפע איהר לאנד־שאפטליכען אויסדרוק.

דאס ש ו מ ר ו נ 'י ש ע ב ע ר ג ל א נ ד, די פארטזעצונג צו צפון פונ'ם בערגלאנד פון יהודה, ווייזט שוין מעהר פארשידענקייט אין פארם. דער וואסער־שייד ציהט זיך דא מעהר ניט אין א גראדער ליניע, נאר ער בייט כסדר זיין ריכטונג. אין ע י ב ל און אין ג ר ז י ם, אויף ביידע זייטען פונ'ם טאל פון ש כ ם, דערגרייכט דער וואסער־

שייד ווידער א הויך פון 850 און 938 מעטער. אום דאן זיך אראָפּצולאָזען לאנגזאם ביז דעם טאָל יזרעאל. אין דער דרום־העלפט פון אָט דעם שומרונ׳ישען בערגלאנד האָט מען קענטיג צו זוכען די בערג אפרים פון תנ״ך. פונ׳ם בערגלאנד פון שומרון שיידט זיך אָפּ די צפון־מזרח׳דיגע אָפּצווייגונג. דער בארג כרמל. אלס א באזונדערער גליד פאר זיך. זיין אַקס געהט אין אַ קרומער ליניע פון דרום־מזרח קיין צפון־מערב. צום ים צו ווערט זיין רוקען (העכסטע הויך 552 מעטער) א משופּע׳דיגער שפּיץ. נאָך היינט אזוי ווי אין די אמאָליגע צייטען צייכענט זיך דער כרמל אויס מיט זיין רייכקייט אין וואלד: ער איז א יוצא מן הכלל דערמיט וואָס ער בלייבט אויך גרין אין זומער. זיין שענקייט, וועלכע ער האָט צו פארדאנקען דעם רייכען טוי, ווערט אסך געריהמט אין תנ״ך (ישעיה ל״ה 2; שיר השירים ז 6).

דער טאל יזרעאל. וואָס באגרעניצט דאָס שומרונ׳ישע בערגלאנד אין צפון, האָט די געשטאלט פון א רעכטווינקעלדיגען דרייעק. וואָס זיין דרום־שפּיץ ליגט ביי עין־גנים. דאָס וואסער פונ׳ם טאָל האָט אָפּגעצויגען דער נחל קישון. אין איינצעלנע שטעלען איז דאָרטען אפילו דער באָדען עט־וואָס זומפּיג. אבער בדרך כלל איז ער אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר, ער באשטעהט פון צעפאלענע וואולקאנישע שטיינער. אלס איינציגע פארבינ־דונג צווישען דעם מיטעללענדישען ים און דעם עבר הירדן איז דער טאָל געווען פון גרויס וויכטיגקייט. באהערשט איז ער געווען אין דער אלטער צייט פון די באפעסטיגטע שטעדט: מגידו און יזרעאל. אויפ׳ן באָדען פון דעם דאָזיגען טאָל זיינען אויסגעקעמפט געוואָרען די מעהרסטע שלאכטען, וואָס האָבען אנטשיידט דעם שיקזאל פון לאנד. זיין אלטען נאָמען האָט דער טאָל געהאט פון די ביידע דערמאָנטע שטעדט: „טאל פון יזרעאל“, און „טאָל פון מגידו“: ביי די גריכען האָט ער געהייסען „טאָל עזדרעלאָן“. היינט הייסט ער „מערדש איבן אמור“.

דאָס בערגלאנד פון גליל אין צפון־זייט פון טאָל יזרעאל ווייזט א גרויסע רייכקייט פון פאָרמען: ברייטע פלאָכלענדער ליגען טיף אין די בערג, פרוכטבאָרע טאָלען און שענע לאָנקעס בייטען זיך מיט הויך־שטיי־גענדע בערג. דאָס גאנצע לאַנד מאַכט דעם איינדרוק פון אומרעגעלמעסיג־קייט, דער פאַרקעהר איז דאָרטען שווער צוליב דער צעשניטענקייט פון דער געגענד. דערפאַר אָבער איז גליל איינע פון די שענסטע און פרוכטבארסטע געגענדען פון פאלעסטינא. די נאַסקייט וואָס פאַלט דאָרטען אין א רייכער מאָס פון הימעל און די קוואלען וואָס שפּריצען פון אונטער דר׳ערד, די טייכלעך וואָס פליסען שטענדיג אראָפּ פון די בערג און דער צום טייל

וואולקאנישער באדען האבען געמאכט גליל פאר א געבענשט לאנד. יוסף פלאוויוס (אידישע מלחמות, בוך 3, קאפ. 3) רופט אן גליל א גרויסען פרוכט־גארטען און ריהמט באזונדערס איהרע אוילען. מיט די בערג פון דער דרום־העלפט פון לאנד איז גליל ווייניג פארבונדען און זי איז דעריבער געווען אלעמאל זעלבשטענדיג אין א גרויסער מאס.

3. דער ירדן־טאל. כאראקטעריסטיש פאר'ן ירדן איז זיין שטארקער אראפפאל. דער קוואל פון ירדן ליגט 520 מעטער איבער'ן ים, דער מי־מרום 2 מעטער איבער'ן ים, דער ים־כנרת 208 מעטער אונטער'ן ים, דער ים־המלח 393,8 מעטער אונטער'ן ים. אין גאנצען פאלט בכן דער ירדן אראפ 914 מעטער. וואס פון דעם ליגען נאר 520 מעטער איבער'ן ים־שפיגעל. דערצו איז די ווייטקייט פונ'ם קוואל, וואו דער ירדן הייבט זיך אן, ביז'ן מויל, וואו ער ענדיגט זיך, אין א גראדער ליניע העכסטענס 220 מעטער. דער דאזיגער שטארקער אראפפאל דערקלערט אויך די פיעלע פארדרעהונגען, דורך וועלכע דער לויף פונ'ם טייך ווערט פארלענגערט אויף כמעט דריי מאל אזויפיעל.

די וואסער־מאסען פון ירדן ווערען רעגולירט אין אנהויב פון זיין לויף דורך צוויי אזערעס. ביז דער אזערע באהראט על־הולע איז דער טאל פון ירדן מעהרסטענס באדעקט מיט זומפען. ארום דעם וואסער־לויף איז א געדיכטעניש פון פאפירוס־בוימלעך און אנדערע זומפ־פלאנצען. די אזערע גופא איז א דרייקאנטיגער בעקען (גרעסטע ברייט 5,2 קילאמעטער, לענג 5,8 קילאמעטער). מאנכע אידענטיפיצירען די אזערע מיט מי־מרום (יהושע י"א 5, 7).

אין דער דרום־זייט פון דער אזערע ליגט א פרוכטבארער טאל, וועלכען דער ירדן שטראמט לאנגזאם דורך. דאן ווארפט זיך דער ירדן אריין מיט א פאל פון 13 מעטער אויף א קילאמעטער אין דער אזערע פון טבריה. אין תנ"ך טראגט די דאזיגע אזערע דעם נאמען „ים־כנרת" נאך א שטאדט אדער א געגענד מיט אט דעם נאמען (יהושע י"ט 35; מלכים א. ט"ו 20). דער וואסער־שפיגעל פון אט דער אזערע ליגט 208 מעטער אונטער'ן מיטעל־לענדישען ים, איהר טיפקייט באטרעפט 50־70 מעטער. די גרעסטע ברייט 9,5 קילאמעטער, די לענג 21 קילאמעטער, דער אויבערפלאך 170 קוואדראט־קילאמעטער. די פארם איז אומרעגעלמעסיג לענגליך־רונד. מ'מוז אבער האבען אסך פאנטאזיע צו זעהן דעריז דעם בויגיגען קערפער פון א לויטע („כנור") און צו דערקלערען דערפון דעם נאמען „כנרת". די אזערע איז

זעהר רייך אין פיש: מאנכע זארטען פיש פון דארטען קאן מען נאך געפינען בלויז נאר אין נילוס און אין אנדערע טראפּישע וואסערן.

אין אונטערשטען לויף פון ירדן האט דער טייך זעהר א משונה'דיגען כאראקטער. דער טאל איז ניט אנדערש ווי אן אלטער ים־בעקען. דער באדען באשטעהט הויפּטזעכליך פון העל־גראהער מערגעל־ערד. אין אט דער מערגעל־שיכט האט דער ירדן איינגעגראבען א דאפּעלטע בעט: צוערשט א בעט ארום 15 מעטער טיף און אין דורכשניט א האלבע שטונדע ברייט מיט כמעט פּערפּענדיקולארע ווענט און א רעכט גראדען לויף. דאן אין אט דער אלטער טאל־בעט די היינטיגע פלוס־רינע פון בערך 3־4 מעטער טיף. אין א ברייט פון אומגעפעהר 30 מעטער לויפט אט די רינע אין די גרענ־צען פון דער אלטער בעט מיט גרויסע קרימונגען, באגלייט אויףביידע זייטען פון א פּרוכטבארען ליים־באדען און ארומגעזוימט פון א געדיכטעניש פון ראהרען און בוימער (ירמיה מ"ט 19: זכריה י"א 3). פון אט דער משונה'דיגער געשטאלטונג שטאמט דער וויסטער כאראקטער פון טאל. דער ירדן קען דאדורך ניט אויספלייצען קיינמאל איבער די ברעגען און פארשפּרייטען פּרוכטבארקייט און נערעטעניש ווי דער נילוס אין עגיפּטען; אפילו ביים העכסטען וואסער־שטאנד קאן דער ירדן ניט אויספילען די ברייטע אלטע בעט. פונקט אזוי איז די באוואסערונג דורך קאנאלען כמעט ווי אוממעגליך ביי דער גרויסער טיפקייט פונ'ם וואסער־שפּיגעל: די וואסערן פון ירדן געהען ווירטשאפטליך פארלארען. שוין אין דער אלטער צייט איז דער טאל געוועזן אומפּרוכטבאר (במדבר כ"א 20); נאר אין די פּרעכטיגע אאזען, וואו עס פאלען אריין גרעסערע נעבען־טייכען האבען זיך געפונען אמאל באדייטענדע ישובים: יריחו, פזאלים (געגרינדעט פון הורדוס'ן לכבוד זיין ברודער פזאל), בית־שאן.

די מעהרסטע פון די צאהלרייכע נעבען־טייכען ברייגנען ווייניג אדער נאר קיין וואסער ניט; דאס זיינען מעהרסטענס ווינטער־טייכלעך. פון די נעבען־טייכען, וואס ווערען זומער ניט פארטריקענט דארפען דערמאנט ווערען: דער יארמוק*), אונטערהאלב דעם ים־כנרת, וועלכער קומט פון מזרח, פון חורן און גולן; ווייטער צו דרום דער יבוק, קומענדיג פון מזרח; דער וואדי פארא (פיליכט דער „נחל כרית“, וואס ווערט דערמאנט אין

*) ירמוך, דערמאנט אין משנה, פרה, פרק ח, י.

דער געשיכטע וועגן אליהו, מלכים א, י"ז 5,3) און דער ו ו א ד י ע ל־ ק ע ל ט. וועלכער פליסט דורך דעם טיפלאנד פון יריחו.

דאס דאזיגע טיפלאנד, וואס ווערט אנגערופען אין תנ"ד „ערבות יריחו", געהערט שוין צו דער מויל־געגענד פון ירדן. די טאל־זייט וואס ליגט אנטקעגען דעקט זיך אומגעפעהר מיט די „ערבות מואב". צאהל־רייכע פורטען (54 צווישען דעם ים־כנרת און דעם ים־המלח) מאכען מעגליך דעם אריבערגאנג איבער'ן ירדן, אבער דאך נאר זומער־צייט, ווען דאס וואסער שטעהט נידעריג.

דער ירדן גיסט זיך אריין אין ים המלח אין צוויי ארעמס. יעדערער 50 מעטער ברייט; נאהנט ארום איז זומפיג. דער העכערער ברעג בילדעט נאקעטע, אין משונה'דיגע פארמען צעריסענע ערד־ווענט.

זיין טיפסטען פונקט דערגרייכט דער גראבען פון ירדן אין טויטען ים. ביי די היינטיגע אראבער הייסט ער געוועהנליך ב א ה ר ל ו ט, לוט'ס ים, די אידען האבען איהם גערופען „ים־המלח", זאלץ־ים (בראשית י"ד 3), אדער „ים הערבה", דער ים פון דער וויסטעניש (דברים ג 17: מלכים ב. י"ד 25). דער ים־המלח איז 76 קילאמעטער לאנג, די גרעסטע ברייט אין דרום־זייט פון טייך ארנון באטרעפט 15.7 קילאמעטער. א נידעריגער האלב־אינזעל שיידט אפ דעם דרום'דיגען פלאכען אויסגוס (יהושע ט"ו 2). די טיפקייט באטרעפט אין מאקסימום 399 מעטער: אזוי ווי דער וואסער־שפיגעל גופא ליגט שוין 393,8 מעטער אונטער'ן ים, איז דעריבער דער סך־הכל פון דער טיפקייט פון דער דאזיגער ערד־איינשפאלטונג 793 מעטער. אז דער ים־המלח איז אפגעפאלען אין דער היסטארישען צייט, לאזט זיך ניט באווייזען. פארקערט אבער לאזט זיך באמערקען אין די לעצטע 15 יאהר א באשטענדיגער צוואוואוקס.

־ער ים־המלח האט ניט קיין אפפלוס; דער גאנצער וואסער־צופלוס (טעגליך ארום 6 מיליאן טאן) מוז פארוואנדעלט ווערען אין דאמף. דער רע־זולטאט דערפון איז, וואס דאס וואסער אנטהאלט אסך מינעראלישע שטאפען. עס אנטהאלט ארום 25% פעסטע באשטאנדטיילען, דערין 7% קאד־זאלץ. כלארמאגנעזיום גיט דעם וואסער דעם עקלהאפט־ביטערען טעם, כלארקאלציום מאכט עס אויליג און גליטשיג. די ספעציפישע שווער־קייט פונ'ם וואסער איז צווישען 1,021 — 1,256; נאהנט ביים ירדן־מויל איז די שווערקייט אם ווייניגסטען.

אין אזא לויג קאן ניט עקסיסטירען קיין לעבעדיגע באשעפעניש, ניט קיין פיש, ניט קיין מאלוסקען און ניט קיין קאראלען: אין אט דעם פרט

טראָגט דער ים מיט רעכט דעם נאָמען „דער טויטער“. די וועלדלעך אָבער בײַ די ברעגען זײַנען באַלעבט מיט צאָהלרײַכע פֿייגלען. די חיות־וועלט איז נאַטירליך ניט רײַך צוליב דעם מאַנגעל אין זיסע וואַסער; וואו דאָס איז פֿאַראַן, ווי צום בײַשפּיל בײַ עין־גדי, אַנטוויקעלט זיך אַ רײַך טראָפּיש פּלאַנצען־לעבען. דאָס לאַנדשאַפֿטליכע בילד פֿון'ם ים מיט זײַן טיף־בלאָהען וואַסער, מיט די משופּע'דיגע בערג, וועלכע הייבען זיך אויף האַרט בײַם ברעג, האָט אַ געוויסע שענקייט אין זיך, דאָך אָבער פֿעהלט היינט לעבען. אַמאָל איז עס אַנדערש געווען. נאָך אין דער צײַט פֿון יוסף פֿלאַוויוס איז מען אַסך אַרומגעפֿאָהרען איבער דעם ים

בײַם דרום־ענד פֿון ים־המלח ליגט אַ זומפּ־לאַנד. די פֿאַרטיפֿונג פֿון טאָל (ערבה) ווערט נאָכדעם פֿאַרטגעזעצט, אָבער ביסלעכוויז הויבט זי זיך אויף צו דרום צו. אומגעפֿעהר אין מיטען צווישען דעם ים־המלח און דעם ים־אויסגוס פֿון אַקאַבאַ (בײַם רויטען ים) ליגט דער וואַסער־שייד פֿון בײדע ימ'ען (246 מעטער איבער'ן מיטעללענדישען ים).

4. **דאָס לאַנד איז מזרח־זײַט פֿון ירדן** (עבר הירדן) האָט דעם כאַראַקטער פֿון אַן אײַנפֿאָרמיגען הויכלאַנד. וואָס אין מערב פֿאַלט עס משופּע'דיג אַראָפּ צום ירדן־טאָל, אין מזרח לויפֿט עס אַרײַן אָהן פֿעסטע גרענעץ־ליניען אין מדבר. די שטיק אין סאַמע דרום, וואָס האָט צום גרעסטען טייל געהערט אַמאָל צו די מואבים, ווערט אין תנ"ד ריכטיג אָנגערופֿען מ י ש ו ר, עס הייסט: אַ פֿלאַך־לאַנד (דברים ג 10). דאָס לאַנד צווישען דעם יאַרמוק און דעם אַרנון איז די ביבלישע גלעד. גלעד איז באַדייטענד רײַכער אין וואַסער איידער די מערב־זײַט פֿון ירדן; אַ סך טײַכלעך פֿאַלען דאָ אַראָפּ אין ירדן־טאָל. די לאַנדשאַפֿט קאָן בכן געשטעלט ווערען בײַ דער זײַט פֿון גליל; דער שיפּוע פֿון די בערג איז באַדעקט מיט פּרעכטיגע וועלדער, און וואו נאָר עס געפֿינט זיך אַ קליין פֿלאַכלאַנד, איז עס באַקליידט מיט שענע, זאַפֿטיגע גראָז. גלעד איז פֿון אַלעמאָל באַקאַנט אַלס אַ לאַנד פֿון פּאַשע.

פֿאַר דעם גאַנצען הויכלאַנד איז מזרח־זײַט פֿון ירדן און אין צפֿון־זײַט פֿון יאַרמוק ווערט מעהרסטענס געברויכט דער נאָמען הויראַן (חורן, יחזקאל מ"ז 18). האַרט בײַם ירדן, אין מזרח־זײַט, הייבט זיך אויף גאַנץ משופּע'דיג דער גולן (דזשאָלאַן). אַן דעם גולן שליסט זיך אָן דאָס פֿלאַכלאַנד פֿון חורן (ען־נוקראַ), און אין מזרח־זײַט פֿון אָט דעם פֿלאַכלאַנד דערהייבט זיך דער חורן־באַרג, דער אונז באַקאַנטער הר־בשן (תהלים ס"ח 15־17), וועלכער

באשטעהט פון א רייה אויסגעברענטע װאולקאנען. די געגענד אין מזרח־זייט פונ׳ם חורן־בארג איז מדבר אין פולען זין פונ׳ם װארט.

אין װאס פאר א ריכטונג אט דער שארף אויסגעבילדעטער כאראקטער פון דער פארם פונ׳ם אויבערפלאך האט געמוזט באיינפלוסען די אייגענ־ארטיגקייט און די אנטװיקלונג פון די איינװאוינער פון לאנד לאזט זיך גאנץ דייטליך אויפװייזען. דער גרעק אונטער זיין אייביג פרעהליכען הימעל, אין זיינע גרינע װעלדער, אויף זיינע בלומען־באדעקטע לאנקעס און זיינע בערג װאס דער ים װאשט זייערע פיס, האט באקומען א לייכטען קוק אויפ׳ן לעבען, האט געשאפען די לוסטיגע געטער־געשטאלטען פון אלימפוס, האט ארויסגעבראכט די אייביגע אידעאלען פון שענקייט. אנדערש איז עס אין פאלעסטינא. ניט אין פרוכטבארע פלאכלענדער, אין פריינדליכע טאלען, אין טייכען באגרייזט מיט שיפען האט דער פויער אין פאלעסטינא פארבראכט זיין לעבען. די לאנדשאפט ארום איהם מאכט דורכ׳ן גרעסטען טייל פון יאהר א רעכט טרויעריגען איינדרוק. די פליקע בערג־שפיצען אהן װעלדער, די רוקענס נאר צום טייל באארבייט, די טאלען נאר אין פריהיאהר באװאקסען מיט בלומען און גראז, אין זומער און אין הערבסט אבער ברוין און פאר־ברענט. דאס לעבען פון די פלאנצען אפגעשטארבען — דאס איז בכלל א פראזאיש בילד. אז אויסזעהן װאס מאכט לאנגװייליג און מיד. װאו האט דא דער פאלעסטינישער פויער געקאנט לערנען װאס שענקייט איז? װאו האבען דא געקאנט א פלאץ געפינען די פריינדליכע געטער פון די גריכען? ערנסט װי דאס לאנד און דאס לעבען זיינען די געשטאלטען פון די גע־טער: די השגות װעגען גאט. דעם טיפען רעליגיעזען געפיהל. װאס דער סעמיט האט מיטגעבראכט פון די שרעקען און פון דער דערהויבענקייט פון מדבר, האט זיך דא געמוזט װייטער אנטװיקלען אין דערזעלביגער ריכטונג.

פאליטיש איז די נאטור פונ׳ם לאנד געװען אן אומגליק. בעת די נאטור פון לאנד אין באבילאניען און עגיפטען, באזונדערס דער הכרח צו רעגולירען די באװאסערונג דורך אן אויסגעשפרייטען נעץ פון קאנאלען, האט געטריבען צו אן איינהייטליכער מלוכה, װעלכע אליין איז געװען בכוח צי ערפילען די דאזיגע אויפגאבע, האט די נאטור פון פאלעסטינא בייגע־טראגען צו דער צעשפאלטונג אין קליינע מדינות. מזרח־און מערב־לאנד זיינען שארף אפגעשיידט. דער ירדן איז ניט װי דער נילוס אין עגיפטען דער פולס־אדער פונ׳ם לאנד. דער גרויסער פארקעהרס־װעג, װאס פאראיי־ניגט און פארבינדט. ניכער צעשיידט ער די ביידע העלפטען פון לאנד. כאטש מ׳קאן איהם אין אסך פורטען אריבערגעהן. די בערג אויף ביידע זייטען

פונ׳ם ראנד פון טאָל הייבען זיך אויף משופע׳דיג אין מזרח און אין מערב, און דער גאַנג ארויף און אראָפּ איז צום העכסטען גראד שווער. אלס צוגאב נאך קומט די פארשידענקייט אין די לעבענס־באדינגונגען: דאָס הויכע פלאַכלאַנד פון מזרח איז א לאַנד פון פּאַשע צו האָדעווען בהמות, דאָס בערג־לאַנד פון מערב מיט זיינע פרוכטבארע טאָלען און נידערונגען איז א לאַנד פון ערד־ארבייט מיט וויין, פייגען און איילבערטען. די געאָגראַפישע שפּאַלטונג האָט אויך מיטגעבראכט א פּאָליטישע שיידונג: די שבטים פון עבר־הירדן זיינען פאר דער אידישער מדינה פריה פארלאָרען געגאַנגען. אין מערב־זייט פון ירדן האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט דיזעלביגע ערשיינונג. דער לויזער געאָגראַפישער צוזאַמענהאַנג פון דעם צפון מיט די דרום־טיילען דריקט זיך אין דער געשיכטע אויס דערין וואָס גליל האָט שטענדיג אַנגע־האַלטען א געוויסע זעלבשטענדיגקייט. אויך בכלל איז דאָס מערב־לאַנד צעריסען אין קליינע דיסטריקטען, וועלכע ענגען געאָגראַפיש זעהר לויז צוזאַמען. די איינוואוינער פון די איינצעלנע געגענדען האָבען דערפאר געמוזט זיך איזאָלירען און באַפרידיגען זייערע באַזונדערע אינטערעסען מיט אייגענע כוחות. די היסטאָריע גיט אסך ראיות פאר דעם: אין אלע צייטען זיינען די איינוואוינער פון לאַנד געווען צעשפּאַלטען אין קליינע געמיינדען, וועלכע האָבען זיך איינע די אנדערע ביטער באַקעמפט, און דוקא אין א צייט, ווען ס׳איז נויטיג געווען א פעסטע צוזאַמענהאַלטונג פון אלע כוחות, כדי זיך צו קאָנען שטעלען געגען די גרויסע וועלט־מלוכות.

## 2. מ. לעהר

# לאגע און כאראקטער פון דעם לאנד

### קלימאט און פרוכטבארקייט.

דאס אידישע פאלק איז, ווי אנדערע פעלקער, געווען שטארק אפהענגיג אין זיין קולטורעלער אנטוויקלונג פון דער נאטור פון זיין לאנד. אין די לעצטע יאהרצעהנדליגען האט מען אסך ארבייט אוועקגעלעגט אויסצופארשען די נאטירליכע אייגענשאפטען פון ארץ ישראל אין דער אוראלטער צייט, לויט די מאגערע טראדיציעס וואס זיינען אונז געבליבען און לויט דעם איצטיגען צושטאנד פונ׳ם לאנד. מיר זיינען דערפאר איצט אימשטאנד זיך צו מאכען א בילד פון דער אמאליגער פאלעסטינא, וואס זאל צוטרעפען אין די הויפט־פונקטען.

דער האלב־טראפישער קלימאט מיט זיין איינטיילונג פון יאהר אין א רעגענצייט און א טרוקענער צייט, אויך מיט דעם גרויסען חילוק צווישען טאג־ און נאכט־טעמפעראטור, האט צום גרעסטען טייל געהערשט אינ׳ם לאנד דאמאלסט, אזוי ווי איצט. בשעת גאט האט ביי דער באשאפונג פון דער וועלט אנגעוויזען דעם ים זיינע גרעניצען, האט ער אויך באשטימט יענע ביידע צייטען פון יאהר, זאגט דער תהלים־זינגער (ע״ד 17): און יעקב אבינו באקלאגט זיך: „ביי טאג האט מיך אויפגעגעסען די היץ און ביי נאכט די קעלט״ (בראשית ל״א 40).

מאנכע געלעהרטע באהויפטען, אז דאס וואס די קולטור איז געגאנגען אויף אראפ אין די לענדער פון מיטעללענדישען ים בכלל און אין פאלעס־טינא בפרט, איז אחוץ צוליב היסטארישע טעמים, אויך צוליב דעם, וואס דער קלימאט האט זיך געענדערט. מיט געוויסע באשרענקונגען איז די דאזיגע באהויפטונג ריכטיג. מיר מעגען זיכער אננעמען, אז אין דער צייט ווען די אידען האבען געוואוינט אין פאלעסטינא, האט זיך דארטען לענגער געהאלטען די פייכטקייט פון באדען, און עס פלעגט אויך רעגנען שטארקער און רעגעלמעסיגער ווי איצט; די סיבה דערפון איז וואס אין אלטערטום, לויט ווי ס׳איז צו זעהן פון תנ״ך, האט דאס לאנד געהאט וואלד־בוימער. ווען קולטור און ציוויליזאציע האבען זיך אנטוויקעלט אין מערב־זייט

פון ירדן — און דאס איז פארגעקומען נאך הונדערטער יארן פריהער איי־דער די אידען האבען דארטען אריינגעוואנדערט — זיינען אפילו די וועלדער געווארען אביסעל שיטערער. דאסזעלביגע איז אויך פארגעקומען אין מזרח־זייט פון ירדן דורך דער פאסטוכער־באפעלקערונג. פונדעסטוועגען ווערט אין תנ"ך דערמאנט פון וועלדער אין אזוינע ערטער פון לאנד וואס זיינען היינט אין גאנצען ליידיג פון ביימער. די דאזיגע וועלדער ווערען נאך אפט באצייכענט צוליב זייער געדיכטקייט אלס אן ארט פאר מענשען צו אנט־לויפען און אלס א וואוינונג פאר ווילדע חיות, ווי בערען און לייבען (יהושע י"ז 14־18; שופטים ט 48, 49; שמואל א, י"ז 19; כ"א 10; מלכים ב, ב 24; יחזקאל כ"א 3,2; חגי א 8; נחמיה ב 8; ח 15; י 35)

כאטש אין די מעהרסטע פון יענע ערטער איז דער וואלד באשטאנען פון נידעריגע ביימלעך, דאך האט ער געהאט ניט קיין קליינע ווירקונג אויפ'ן קלימאט. לויט באאבאכטונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אויף דער גאנצער וועלט, פארמעהרט דער וואלדבאשטאנד די נאסקייט וואס פאלט אויף דער ערד, האלט פעסט די פרוכטבארע שיכט פון בארען און לאזט זי ניט אויסגעטריקענט ווערען צו שנעל; גלייכצייטיג מאכט ער אויך די לופט געזינטער.

יעדענפאלס מוז מען האלטען אין זינען, אז פאלעסטינא איז ניט קיין לאנד פון אן איינהייטליכען קלימאטישען כאראקטער, כאטש עס איז אזוי קליין אין שטח. דער רייזענדער ה. שוברט זאגט דעריבער, אז פון טויטען ים (ים־המלח) ביז'ן אנטי־לבנון — א מרחק וואס מ'קען אפגעהן אין עט־ליכע טעג — וואנדערט מען דורך אזוינע פארשידענע קלימאטען וואס אין אנדערע געגענדען פון דער ערד ליגען צווישען זיי הונדערטער מיילען.

דער טאל פון ירדן, וואס ציהט זיך פון דרום־ענד פון ים כנרת ביז'ן ים המלח געהערט צום טראפישען קלימאט. דער וויכטיגסטער ישוב אין דעם דאזיגען געביט איז געווען יריחו, די שטאדט פון די פאלמען־ביימער („עיר התמרים")•ווי זי ווערט אנגערופען אין תנ"ך (דברים ל"ד 3; שופטים ג 13). די בשמים־ביימלעך און די פאלמען האבען דא ארויסגעבראכט זייער בעס־טע פרוכט. נאך אין דער תלמוד'ישער צייט האט די פארפלאנצונג פון די דאזיגע ביימער געשפילט א גרויסע ראלע. די ווילדע פייגען־ביימער („שקמים") אנטוויקלען זיך דארטען נאך היינט־צוטאג איז אן אויסערגעוועהנ־ליכער שענקייט. ווייטער אין דרום איז געלעגען די אאזיס, „עין־גדי", וואס איהרע וויינגערטנער ווערען דערמאנט אין שיר השירים (א 14). דער אנ־דערער נאמען פון אט דער אאזיס, „חצצון תמר", ווייזט, אז דארטען זיינען

אויך געווען פאלמען־וועלדער (דברי הימים ב, כ 2). פיינע טאמאריסקען (טאמאריסק־אשל), שלאנקע טאפאלען, אויך וועלדלעך פון אלעאנדער, ראהר און פאפירוס, באלעבט פון דער טראפישער פויגעל־וועלט, האבען אויף לאנגע שטרעקעס באגלייט מיט זייער פארשידענער גרינקייט די ברעגען פון דעם ירדן: דאס איז די אין תנ"ך פיעל מאל גערימטע „פראכט פון ירדן" (גאון הירדן), וואו לייבען זיינען געלעגען באהאלטען (ירמיה מ"ט 19; זכריה י"א 4). דער שניט פון די תבואה איז אין ירדן־טאל געווען מיט א חודש פריהער איידער אויף די בערג. ווארום אויף די בערג איז דער קלימאט געווען רויהער. שטארקע ווינטער־רעגענס, אפטמאל אויך האגעל און שניי, האבען אפגעקיהלט די לופט, באזונדערס אין מזרח־טייל פונ'ם לאנד: יערען ווינטער איז דער ה ו י ר א ן (חורן, אין מזרח־זייט פון ירדן און אין צפון־זייט פון גלעד, יחזקאל מ"ז 18) געווען איינגעהילעט אין א מעכטיגער שניי־דעקע אזוי ווי אין דער היינטיגער צייט. דער מזרח־טייל בפרט איז געווען צו צפון צו אויף גרויסע שטרעקעס באדעקט מיט וואלד. די אייכענבוימער פון בשן ווערען געברויכט אין תנ"ך שפריכווערטליך נעבען די צעדערן פון לבנון (ישעיה ב 13). די ערשטע האבען צוגעשטעלט רודערס, די לעצטע האבען צוגעשטעלט מאסטען פאר די שיף־לייט פון צור (יחזקאל כ"ז 5, 6). פונ'ם זאפט פון די מאסטיקס־ און די סטאראקס־קוסטען און פון דער סיס־טוס־רויז האט מען געמאכט דעם באלזאם פון גלעד (נכאת וצרי ולט, בראשית ל"ז 25; ירמיה ח 22; יחזקאל כ"ז 17). אויף די בערג פון מערב־זייט פון ירדן איז דער טייטעלבוים, ווי עס ווייזט אוים פון תנ"ד, זעלטען וואו געווען צו זעהן. פונדעסטוועגען איז אויף די בערג געוואקסען ניט קיין קליינע צאהל פון פרוכט־בוימער, אזוי אז פאלעסטינא איז אין אט דעם פרט ניט געבליבען אפגעשטאנען פון אלע אנדערע לענדער פון מיטעללענדישען ים. אט אזוי ווערט דערצעהלט אין חומש ווי יעקב'ס זיהן ברייננען א מתנה יוסף'ן אלס די בעסטע פרוכטען פון זייער היים־לאנד פיסטאשקעס און מאנדלען, און אין ספר דברים ווערען גערימט די פייגען און די מילגרוימען פון לאנד (בראשית מ"ג 11; דברים ח 8). מיר דארפען זיך אויך פארשטע־לען די בארגיגע געגענדען ארומגעקראנצט מיט איילבערט־וועלדער און בא־זונדערס דעם דרום־מערב פון די בערג פון יהודה — מיט רייכע וויינגערט־נער. ניט זעלטען געפינט נאך היינט דער רייזענדער אין דער דאזיגער גע־גענד איבערבלייבונגען פון קעלטערן און אויל־פרעסען אויסגעהאקט אין פעלזן אלס שטומע עדות פון א רייכער ציוויליזאציע, וואס האט דארטען אמאל געהערשט.

אין דער שפלה (נידערונג), וואו די בערג לאזען זיך אראפ נידעריגער צום ברעג פון ים, איז דער קלימאט ווידער געווען אנדערש. דער ים־ברעג גופא האט צום גרעסטען טייל ניט געהערט צו די אידען. ערשט אונטער שלמה'ן געהערט צו די אידען א קליינער פאס ביים ים אין דרום־זייט פון כרמל (מלכים א, ד 11). פיליכט האבען זיי עס פון די פלשתים אוועקגענומען. ווארימקייט און פייכטקייט זיינען דארטען, צוליב דער נאהנקייט פון ים, געווען אין א גרעסערער מאס איידער אויף די בערג. אויסער וועגען די וועלדער פון כרמל הערען מיר פון שלמה'ס צייט אויך וועגען די סיקאמארען (שקמים) פון דער שפלה (מלכים א, ז, 27): און די פארהעלטענישמעסיג באדייטענדע גרופען פון אקאציען, פיניען, אייכען, ערדבעער־ און ווילדע יאהאניסברויט־בוימער, וועלכע מ'טרעפט נאך היינט אין פאלעסטינא, זיינען א זיכערער באווייז, אז אין דער אידישער צייט זיינען זיי נאך געווען אין א גרעסערער צאהל.

אין גאנץ פאלעסטינא ווערט מעהרער די מאסע פון רעגען און וואסער, וואס ווייטער צו צפון צו. אין דערזעלביגער פראפארציע ווערט אויך וואס ווייטער צו צפון צו אלץ גרעסער די פרוכטבארקייט פונ'ם באדען. אין גליל באזונדערס איז די פרוכטבארקייט פון באדען באדייטענד גרעסער דורך די צעגאנגענע ווולקאנישע שטיינער. יהודה איז געווען פון דער נאטור אם ווייניגסטען געבענטשט. די טעריטאריע פון יהודה מיט א מענשליכען ישוב האט זיך געצויגען איבער חברון און באר שבע ביז אין דעם היינטיגען מדבר אריין. צום גרעסטען טייל איז עס נאטירליך געווען א לאנד פון פאשע פאר סטאדעס. נאר וואו ניט וואו האט מען געזעעט תבואה אדער געפלאנצט איילבערטען און וויינשטאקען. פון דער געשיכטע וועגען נבל'ן זיינען אונז באקאנט מעון און כרמל אלס ישובים פון פאסטוכער אין דער געגענד פון דער סטעפע, וואס לאזט זיך אראפ צום ים־המלח, און ווייטער צו צפון איז אונז באקאנט תקוע, די היים פון עמוס'ן: דאס איז א רויהע געגענד מיט רויהע מענשען. ווילדע ציגען באוואוינען נאך היינט די אומבאוואוינטע פעלז־געגענדען צום ים־המלח צו. גייערס און אדלערס האבען דא זייערע וועלדלעך. אין די הייהלען, וועלכע געפינען זיך אין א גרויסער צאהל אין דער געגענד, האבען אמאל געזוכט און זוכען נאך היינט באהעלטענישען ווילדע נאכט־חיות און פוקסען. די פרוכטבארע שטעלען ווי חברון, וואו די מרגלים האבען גענומען די ריזיגע הייגלעך וויינטרויבען, מילגרוימען און פייגען (במדבר י"ג 22, 23), און בית־לחם, וועמעס נאמען — „הויז פון ברויט“ — ווייזט אויף נאטירליכער רייכקייט, — זיינען געווען

ווי אאזען. וועגען בית־לחם באריכטעט דער אראבישער שריפטשטעלער אידריסי (פון מיטען 12טען יאהרהונדערט), אז נאך אין זיין צייט איז זי געלעגען אין א טיפעניש, צווישען בערג גערינגט מיט בוימער, וועלכע האבען געטראגען אויף זיך מאסען איילבערטען, פייגען און ווילדע פייגען (שקמים.)

אין דרום־זייט פון ירושלים איז געלעגען דער קליינער מיט תבואה באַזעעטער טאל רפאים (ישעיה י"ז 5). ווייטער צו מערב און צו דרום צו איז געווען א נידערונג מיט פרוכטבארען אקער און וויין־לאנד, וועגען וועלכער די אידען און די פלשתים האבען געפיהרט א ביטערע מלחמה.

דאס בערגלאנד פון אפרים איז אין איין פרט עהנליך צו דעם בערגלאנד פון יהודה, מחמת דער מזרח'דיגער פאס, וואס ציהט זיך אראפ צום ירדן־טאל, איז פונקט אזוי פארנאכלעסיגט פון דער נאטור. דערפאר אבער איז דער מערב'דיגער טייל זעהר רייך אין קוואלען. דערצו הייבען די בערג דא אן זיך אויפצושליסען; קליינע, פרוכטבארע טאלען ליגען צווישען זיי. אין איינעם פון אט די טאלען, צווישען דעם עיבל און דעם גרזים, איז געלעגען שכם, וועלכע האט אויסגעזעהן ווי א גן עדן פאר דעם רייזענדען, וואס איז געקומען פון דרום. ווענינע שטונדען פון דארטען צו צפון־מערב צו, אויף א בארג איזאלירט פון אלע זייטען און ארומגערינגעלט פון געבענטשטע טאלען, איז פון קעניג עמרי געגרינדעט געווארען ש ו מ ר ו ן, א „שטאלצע קרוין", ווי ישעיה האט זי אנגערופען (ישעיה כ"ח 1). דער וואלד פון די איילבערטבוימער, וואס באדעקט היינט דעם בארג, אויף וועלכען ס'איז אמאל געשטאנען די הויפטשטאדט פון ישראל, די קארן־פעלדער און גערטנער אין די טאלען ארום זיינען נאך גוטע עדות ווי אומגעוועהנליך פרוכטבאר די גאנצע געגענד איז געווען אמאל: און ווי געניאל איז געווען דער מאן, וועלכער האט אויסגעקליבען דעם דאזיגען ארט פאר זיין רעזידענץ (מלכים א, ט"ז 24).

געהענדיג ווייטער צו צפון קומען מיר דאן צום „עמק יזרעאל", איינער פון די תבואה־שפייכלערס פון פאלעסטינא, און צו דער געגענד פון די שבטים זבלון און יששכר, נפתלי און אשר, „זאט מיט צופרידענקייט און רייך מיט גאט'ס ברכה" (דברים ל"ג 23). אנטילאפען און האזען, טויבען און רעבהיהנער און אנדערע חיות פון געיעג האט מען דא אומעטום געקאנט געפינען. די הונדערטער חורבות, וואס באדעקען איצט דעם באדען פון גליל, רעדען צו אונז אין א קלארער שפראך. די מעהרסטע פון זיי שטאמען פון די אוראלטע צייטען. זיי ווייזען ניט בלויז ווי גערינגט דאס לאנד איז אמאל

געווען באַפעלקערט. נאָר אויך ווי רייך עס איז געווען אויב עס האָט געקאָנט דערנעהרען אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג.

דעם טייל פון לאַנד אין מערב־זייט פון ירדן האָט מען באַצייכענט ספּעציעל אַלס פּויערים־לאַנד, און דעם טייל אין מזרח־זייט פון ירדן אַלס פּאַסטוכער־לאַנד. די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיק איז ריכטיג. גלעד איז פון די עלטסטע צייטען אָן געווען צום גרעסטען טייל א לאַנד פון פּאַשע, כאָטש עס האָבען דאָרטען ניט געפעהלט קיין גרויסע שטעדט, ערד־אַרבייט און גאָרטען־פּלאַנצונג. אינ'ם צפון'דיגען דריטעל פון עבר־הירדן איז געלעגען דער הויראַן, א פּלאַד לאַנד מיט א פּרוכטבאַרען וואולקאַנישען באָדען, באַריהמט מיט זיינע ווייץ. אין תנ"ך ווערט דאָס ניט דערמאָנט. דאָרטען ווערט נאָר גערעדט פון די שענע רינדער פון בשן, א נאָמען וואָס האָט באַצייכענט הויפּטזעכליך דעם מערב'דיגען טייל פון'ם צפון פון עבר הירדן (עמוס ד 1; דברים ל"ב 14).

לויט דעם געאָלאָגישען כאַראַקטער פון לאַנד — ס'איז צום גרעסטען טייל קאַלך־בערג, — קען מען ניט דערוואַרטען אין דר'ערד מעטאַל־ און מינעראַל־אוצרות. נאָר אין איינצעלנע וואולקאַנישע דיסטריקטען. ווי למשל, ביים מערב־ברעג פון ים־כנרת און אויף דער מזרח־זייט פון ים־המלח, געפינען זיך הייסע קוואַלען, וועלכע האָבען געדינט אין הורדוס'עס צייט אַלס היילמיטלען. דער ים־המלח האָט אויסערדעם צוגעשטעלט אַספּאַלט, שוועבעל, און באַזונדערס זאַלץ, — א מתנה פון דער נאַטור פון אַזאַ גרויסער וויכטיגקייט, אַז יחזקאל האָט נביאות געזאָגט: „ווען די וואַסערן פון'ם ים־המלח וועלען אין משיח'ם צייט געזונט ווערען און פישערס וועלען דאָרטען אויסשפּרייטען זייערע נעצען פון עין־גדי ביז עין־עגלים, וועלען אויך דערמאָלט די זומפּען און די גריבער פון ים־המלח ניט אויסגעהיילט ווערען, כדי מ'זאָל האָבען פון זיי זאַלץ" (יחזקאל מ"ז 8—11). ענדליך האָט דער ירדן־טאָל, און אויך מאַנכע שטעלען פון'ם טאָל ביים ברעג ים, צוגעשטעלט אויך ליים פאַר טעפּעריי און פאַר באַקשטיין־ציגעל. פּונקט אַזוי האָט מען אויך פון די באַזאַלט־בערג פון צפון־מזרח געהאַט קוואַדראַט־שטיינער צום בויען. פון'ם שוואַרצען באַזאַלט האָט מען אויך געמאַכט די האַנט־מיהלען, וואָס מאַנכע פון זיי האָבען זיך דערהאַלטען ביז היינט. די אייזערנע שטיינער פון'ם לאַנד, וואָס ווערען דערמאָנט אין דברים (ח 9), זיינען פּילייכט באַזאַלט. ווען עס שטעהט דאָרטען אין זעלביגען פּסוק, אַז פון די בערג פון לאַנד האַקט מען קופּער, און ווען דאָס פּיעל אינגערע בוך איוב ווייזט אויס צו זיין זעהר וואויל באַקאַנט מיט דער אינדוסטריע פון בערג־גרובען (איוב כ"ח,

מוזען מיר צום באַדויערען צוגעבען, אַז עס פעהלען אונז לגמרי אוים ידיעות וועגען אידישער גרובען־אינדוסטריע. דער אויבען דערמאַנטער אַראַבישער שריפט־שטעלער אידריסי דערצעהלט אפילו וועגען אייזען־גרובען ביי ביי־רוט, און מיר הערען אַז אין דער געגענד פון לבנון און אין אדום אין דרום־זייט פון ים־המלח האָט מען געגראָבען קופּער. אָבער אָט די ידיעות זיינען אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגען און זיי באַציהען זיך ניט אויף דער אידישער טע־ריטאָריע*).

## נאַטור־קאַטאַסטראָפעס.

ווי קלימאַטיש פאַרשידען די איינצעלנע לאַנדשאַפטען פון פּאַלעסטינא זיינען ניט געווען, זיינען זיי אָבער אַלע געווען גלייך באַטייליגט אין נאַטור־קאַטאַסטראָפעס. גאַנץ כנען מוז באַצייכענט ווערען אַלס אַ קלאַסישער באָ־דען פאַר ערדציטערניש. דער תנ״ך ווייסט צו דערצעהלען פון פאַרשידענע אַזוינע קאַטאַסטראָפעס: אַם מעהרסטען באַקאַנט איז דער שיקזאַל פון די שטעדט סדום און עמורה נאָך אין דער פאַרהיסטאָרישער צייט; אָבער אויך פון שאול׳ס טעג און פון דער שפּעטערדיגער צייט פון דער מלוכה ווערען דערמאָנט ערדציטערנישען (שמואל א, י״ד 15; עמ͏ס א 1; זכריה י״ד 5; פאַרגלייך אויך יאָזעפוס פלאַוויוס, אידישע מלחמות, בוך 1, קאַפּ. 19, § 3). „אין די טעג פון גוג־ומגוג“, האָט יחזקאל נביאות געזאָגט, „וועלען ציטערען די בערג און עס וועלען צערייסען ווערען די פעלזען־ווענט און יעדער מויער וועט צוזאַמענפאַלען“ (ל״ח 20), אַ באַווייז ווי באַקאַנט די נאַטור־ערשיינונג איז געווען און ווי מ׳האָט זיך פאַר איהר געשראָקען. פיליכט קען מען אויך אויס־טייטשען אין דעם דאָזיגען זין דעם אויסדרוק פון די מרגלים, אַז דאָס לאַנד פרעסט אויף זיינע איינוואוינער“ (במדבר י״ג 32). אַן אַנדער פּלאָג פון׳ם לאַנד זיינען געווען די היישריקען, וועלכע פלעגען מעהרסטענס געבראַכט

*) מאַנכע מאָדערנע פאָרשער נעמען אָן אַלס געוויסע זאַך, אַז דעם מאַטעריאַל פאַר זייערע מעטאַל־אַרבייטען האָבען די אידען געבראַכט פון לבנון, זעה זכריה ו 4. פאַרגלייך אויך „ברזל מצפון“ אין ירמיה ט״ו 12. ווינקלער אין זיינע „אַלטטעסטאַמענטליכע אונטערזוכונגען“ (ז. 180) איז גורס: „חורע ברזל, הרזל בעל־צפון.“ בעל־צפון איז אַ טייל פון אַנטי־לבנון, וואָס ווערט דערמאָנט אין סרגון׳ס אויפשריפטען. לויט אָט די אויפשריפטען האָבען זיך אין דעם דאָזיגען בארג געפונען אייזען־גרובען. ח. ש.

ווערען איז לאנד מיט'ן דרום־ווינט און פלעגען פארניכטען דעם גאנצען געוואוקס פון די גערטנער און די פעלדער. פון די פארשידענע נעמען וואס די דאזיגע חיה'לע טראגט אין העברעאיש קאן מען לייכט ארויסדרינגען ווי גוט באקאנט דער איד איז געוועזן מיט אט דער פלאג. ניט קיין קלענערע פלאג איז געוועזן אפטמאל דער הייסער ווינט (רוח קדים), וואס פלעגט קומען צו־וועהען פון דרום־מזרח איבער'ן מדבר אריבער. זיין פייעריגע גלוט פלעגט טרוקען מאכען ברונימער און קוואלען און פלעגט פארניכטען וויינגערטנער און פעלדער (ישעיה כ"ז 8; יחזקל י"ז 10; י"ט 12; יונה ד 8). אבער דאס גרעסטע אומגליק פאר דאס לאנד, וואס איז געוועזן אזוי אויך וואסער־ארים, איז געוועזן ווען דער רעגען האט זיך פארהאלטען אויף א לאנגער צייט. דורך דער צוויבער־קראפט פון רעגען פלעגט אפילו דער מדבר־יהודה זיך באציהען אויף עטליכע וואכען מיט א זאפטיג גרינער פלאנצען־דעקע, שווין ניט רעדענדיג פון דער בלומען־פראכט פון די לאנקעס און פון דער רייכער פרוכטבארקייט פון די פעלדער; דערפאר איז דאס אומגליק געוועזן געוואלדיג גרויס ווען עס האט ניט גערעגנט אין דער צייט, אדער עס האט ניט גערעגנט גענוג. אין תנ"ך ווערט דאס קלאר אויסגעדריקט: „דאס לאנד וואס איהר קומט דארטען עס צו ירש'ענען איז א לאנד פון בערג און טאלען, וואס טרינקט דעם רעגען פון הימעל" (דברים י"א 11). רעגענט עס, איז עס „זעהר א שען לאנד" (במדבר י"ד 7; דברים ד 21), „א לאנד מיט ווייץ און גערשטען, מיט וויינשטאקען, פייגענבוימער און מילגרוימענבוימער, א לאנד מיט איילבערט־בוימער און האניג, א לאנד וואו דו וועסט זיך ניט דערנעהרען מיט דחקות און וואו עס וועט דיר קיין זאך ניט פעהלען" (דברים ח 8, 9). אום צו ברייגגען פון עגיפטישע קוועלען א דערגענצונג צו דעם אורטייל פון תנ"ך, וועלען מיר דא דערמאנען די ווערטער פון דער סינוהע־געשיכטע (פון בערך 2000 יאהר פאר דער קריסטליכער עראַ), וועלכע כאראקטעריזירען פאלעסטינא אזוי: „עס זיינען דא פאראן פייגען און ווייןטרויבען, און עס האט מעהר ווייז ווי וואסער. ס'איז רייך אין האניג און עס האט אסך אויל, און אלע פרוכטען זיינען אויף די בוימער פון לאנד. דא איז פאראן גערשטען און ווייץ און די סטאדעס זיינען אהן א צאהל." האט אבער יהוה אויפגעהערט זארגען וועגען דעם לאנד, דאס הייסט ווען עס האט ניט גערעגנט, דעמאלט „איז דער הימעל אויבען געוועזן ווי פון קופער און די ערד אונטען ווי פון אייזען": דער הייסער ווינט האט געבראכט שטויב און זאמד (דברים כ"ח 23, 24) און אומגערעטעניש און הונגער זיינען געקומען.

ווען מ'וועגט אפ איינע געגען די אנדערע יענע ברכות פון לאנד, [illegible]

זיינען אויבען דערמאַנט געוואָרען, און אַט די צופעליגע פּלאַגען, געגען וועל־כע דער מענש איז מאכטלאָז, קען מען ניט זאגען, אַז די נאַטור פון פּאַלעס־טינא איז געווען צו רייך און אַז זי האָט דעריבער געמאכט דעם אידען פויל און אָפּגעלאָזען. אויב ס'איז אפילו א צו שטרענגער אורטייל, ווי איינער דריקט זיך אויס, אַז „פּאַלעסטינא איז באהאנדעלט געוואָרען פון דער נאַטור ווי פון א שטיפמוטער", איז פון דער אנדערער זייט ווידער א פּאַטריאַטישע פּארבלענדעניש, ווען דאָס לאַנד ווערט באצייכענט אלס „דאָס שענסטע" (ירמיה ג 19) און די „פּרוכטען אלס פעט ווי מילך און זיס ווי האָניג" (דברים כ"ו 15).

## פּאַרקעהרס־וועגען.

פון גרויס וויכטיגקייט פאר דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון א פאָלק איז, נעבען דער נאַטור פון זיין לאַנד, אויך די פּאַרקעהרסמיטלען פון'ם לאַנד.

די נאַטירליכע פּאַרקעהרסמיטלען פון פּאַלעסטינא זיינען זעהר שוואַך צוליב דער צעריסענקייט פון'ם לאַנד, באזונדערס אין דער דרום'דיגער יהודה. פונדעסטוועגען זיינען געווען דורכגעבראכענע וועגען („מסלה. — דער היפוך דערפון „דרך לא סלולה", ירמיה י"ח 15). נאַטירליך דאַרף מען זיך דערביי ניט פּאָרשטעלען קיין מאָדערנע שאָסייען, פיליכט אפילו ניט אזוינע וועגען ווי ביי די רוימער. לויט דער באדייטונג פון'ם וואָרט איז „מסלה" געווען אזא מין אָנגעשאָטענע און עפּעס באפעסטיגטע דאמבע. אזוינע וועגען האָ־בען די מלכים געלאָזט מאכען בעיקר פאר סטראטעגישע צוועקען. זיי האָ־בען דעריבער געהייסען „דרך המלך", דעם קעניג'ס וועג (במדבר כ 17; כ"א 22). פּונקט ווי די גרויסע מלכים פון אשור דערמאָנען ביי געלעגענ־הייטען וועגען בויען וועגען, אזוי באריכטעט אויך מישע מלך מואב אויף זיין שטיין: „איך האָב געבויט דעם וועג ביים ארנון". וואָס א מלך פון מואב האָט געטאָן אין עבר הירדן, האָבען ווארשיינליך אויך געטאָן די אידישע מלכים פאר און נאָך איהם. אין דער תורה ווערט אנגעזאָגט צו מאכען א וועג צו די „ערי מקלט", כדי עס זאָל זיין לייכטער צו אנטלויפען דעם וואָס האָט גע'הרג'עט א מענשען אומגערן (דברים י"ט 3). דער שונא פלעגט צע־שטערען אזעלכענע וועגען (ישעיה ל"ג 8); שטענדיג אבער האָבען אַט די וועגען געליטען פון דעם שטאַרקען ווינטער־רעגען און אויך פון דעם גרויסען חילוק צווישען דער טאָג־ און נאכט־טעמפּעראַטור, וואָס העלפט צעשטערען

דעם שטיין־מאטעריאל. אויסער דעם אויבען דערמאנטען וועג פון מואב געפינען מיר נאך אזא וועג ביי בית־שמש אין דער שפלה און ביי ירושלים (שמואל א. ו 12; ישעיה ז 3). עס ווערט אויך דערמאנט איין וועג ביי גבעון און אן אנדערער, וואס האט געפיהרט פון בית־אל קיין שכם. די ביידע לעצטע זיינען, וויזט אויס, געוועזן טיילען פונ'ם וועג פון דעם בערג־קאם, וועלכער האט זיך געצויגען פון חברון איבער בית־לחם און ירושלים און איז געוועזן דער געוועהנליכער וועג פאר דעם בערגלאנד אין מערב אין צפון־זייט פון „עמק יזרעאל" (שמואל ב. כ 12; שופטים כ 45,31; כ"א 19). איבער שכם און שומרון האט אט דער וועג געהאט א פיעל באנוצטע פארט־זעצונג דורך דעם טאל פון דותן קיין עין־גנים (דעם איצטיגען דזשענין). האט דאן דורכגעשניטען דעם טאל און האט אריינגעפיהרט אין גליל אריין.

נאך אנדערע ערטער זיינען געוועזן וויכטיג דורך באזונדערע וועגען, פון וועלכע מיר קענען ניט וויסען אויב און ווי ווייט זיי זיינען געוועזן קינסטליך באארבייט. פארבונדען זיינען געוועזן די דאזיגע וועגען מיט דעם אויבען דערמאנטען בערג־וועג און מיט די אינטערנאציאנאלע וועגען, פון וועלכע מיר וועלען שפעטער ריידען. אט אזוי, צום ביישפיל, איז ירושלים געוועזן פארבונדען מיט יריחו און מיט'ן עבר־הירדן; דערצו איז געוועזן א פארבינדונג פון ירושלים איבער שכם קיין בית־שאן, און פון דארטען צום גרויסען וועג קיין דמשק. ירושלים איז אויך געוועזן פאר־בונדען דורך פארשידענע וועגען מיט דעם ברעג פון ים, מיט עזה און יפו. ניט ווייניגער גינסטיג זיינען אויך געוועזן די פארבינדונגען פון שכם און שומרון.

צו אט די וועגען, וועלכע האבען געדינט פאר'ן אינערליכען פארקעהר, דארף מען נאך צורעכענען די שטעגען, וועלכע דער רייזענדער האט באנוצט געהענדיג צו־פוס אדער רייטענדיג אין זאטעל. פון די דאזיגע וועגען און שטע־גען מוז מען אונטערשיידען די גרויסע אינטערנאציאנאלע קאראוואנען־וועגען. אט אזא גרויסער האנדעלס־וועג האט זיך געצויגען פאר לענגס ביים ברעג ים איבער עזה, אשקלון, יפו און האט פארבונדען די ניל־דעלטא מיט די לענדער צווישען פרת און חידקל. ביים כרמל האט זיך אט דער וועג פאנאנדער־געטיילט, איין צווייג האט זיך אוועקגעצויגען איבער דעם מזרח־טייל פון די בערג, האט דורכגעקרייצט דעם גרויסען טאל, אומגעפעהר פארביי מגידו, תענך, יזרעאל, כדי אין דרום־זייט פון ים־כנרת צוזוקומען צום ערב־הירדן דורך אן אריבערגאנג (מעבר) ביי בית־שאן און פון דארטען צו קומען קיין דמשק. דער אנדערער צווייג האט זיך ווייטער געצויגען ביים ברעג ים ביז

ארויף צו די פעניקישע האנדעלס־שטעדט; האט דאן דורכגעשניטען גליל און איז אריבער דעם ירדן אין צפון־זייט פון ים־כנרת. אט דער וועג, וואס ווערט אנגערופען אין ישעיה „דרך הים", דער וועג ביים ברעג ים (ח 23), האט געהאט א שטארקען קאנקורענט אין דעם לעבהאפטען שיף־פארקעהר, וועלכער איז אנגעגאנגען שוין אין מיטען צווייטען יאהרטויזענד פאר דער קריסטליכער ערא צווישען די פעניקישע האנדעלס־שטעדט און דעם קעניג־רייך פון די פרעה'ס. לויט ווי עס ווייזען די עגיפטישע מאנומענטען, מ'האט אהער נאך געקאנט קומען אין דער דעלטא פון נילוס דורך א דריטען גרויסען וועג פון דמשק אויס, וועלכער האט זיך געצויגען ביים זוים פון סיריש־אראַבישען מדבר. צום ענד דארף מען נאך דערמאנען א פארקעהרס־אדער, וואס האט פארבונדען אילת ביים ים־סוף מיט'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים דורך דער „ערבה" איבער חברון. די רויבערישע בעדואינער־שבטים אין דרום־זייט פון ים־המלח פלעגען פאר א באצאהלונג באגלייטען די האנדעלס־קאַראוואנען, וועלכע פלעגען דורך אט דעם וועג דורכגעהן זייער געגענד, און זיי האבען זיך אט אזוי ארויסגעוויזען אלס באשיצער פון קולטור.

דער אנטייל אין וועלט־פארקעהר — ווי ווייט עס האט בכלל געקאנט זיין דערפון די רייד, איז נאטירליך געווען גרעסער אין צפון איידער אין דרום, און די גרעסטע שטעדט, וואס זיינען געלעגען נאהנט צו די פאר־קעהרס־וועגען האבען דערביי געהאט א מעלה נעגען די שטעדט און דער־פער, וואס זיינען געלעגען אז א זייט אין די בערג. די סטעפעס פון יהודה און זייערע טיף אריינגעשניטענע טאלען דארפען מיר זיך פארשטעלען אלס גאנץ ווייניג באריהרט פון דער גרויסער וועלט־קולטור. דעריבער האט אויך די באפעלקערונג אין די דאזיגע געגענדען זיך דערהאלטען ריינער ווי אנדערש־וואו אין אפשטאמונג און מנהגים.

## די לאגע פון פאלעסטינא אין דער אלטער וועלט.

פאלעסטינא איז באטראכט געווארען אלס בריק צווישען אזיען און אפריקא, און די וועלט־מלוכות אין מעסאפאטאמיען און ביים נילוס האבען דעריבער געזוכט פון דריטען יאהרטויזענד אן (פאר דער קריסטליכער צייט) זי צו באהערשען. פאלעסטינא האט דערפאר כמעט נים קיין אייגענע געשיכטע. הן די אויסגעגראבענע אויפשריפטען, הן דער תנ"ך ווייזען אונז דייטליך, אז די געשיכטע פון פאלעסטינא איז געווען ענג פארקניפט מיט דער געשיכטע פון יענע גרויסע מלוכות. פאלעסטינא האט אבער אויך נים

געהאט קיין אייגענע קולטור־אנטוויקלונג; איהר מאטעריעלע ציוויליזאציע און צום טייל אויך איהר גייסטיגע קולטור איז אריינגעטראגען געווארען אין לאנד פון מזרח און פון מערב און האט ביז צו א געוויסער מאס אויך אריינגעצויגען די אידען אין איהר קרייז.

אט דאס איז אומגעפעהר געווען די נאטור און די לאגע פונ'ם לאנד, אין וועלכען די אידישע שבטים האבען זיך באזעצט און זיינען דארטען א פאלק געווארען.

## 3. ר. קיטעל

# די איינוואוינער און די שכנים פון כנען

1. די איינוואוינער. דאס פאלק וואס האט געוואוינט אינ׳ם לאנד כנען נאך משה׳ס טויט האט זיך גופא אנגערופען „בני ישראל“, קינדער פון ישראל, אדער קורץ „ישראל“. עס לעגט זיך אויפ׳ן שכל, אז דער נאמען ישראל, וואס איז אין דער היסטארישער צייט באזונדערס גע־ברויכט געווארען פאר די שבטים פון צפון, איז לכתחילה געווען דער נאמען פון אן איינצעלנעם הויפט־שבט. צוליב זיין באדייטונג איז אט דער שבט־נאמען אריבערגעטראגען געווארען נאכהער אויף דער גאנצער גרופע שבטים פון צפון און דאן אויף דאס גאנצע פאלק. עהנליך צו דעם איז אויך פארגע־קומען מיט אנדערע נעמען פון שבטים, וואס זיינען מיט דער צייט געווא־רען נעמען פון פעלקער. — לויט דעם תנ״ך ווייזט עס אויס, אז ישראל איז געווען יענער נאמען, וועלכען די נאציאן האט מיט פארליבע באנוצט פאר זיך. עס קלינגט ניט זעלטען ווי א נאציאנאלער און רעליגיעזער עהרען־נא־מען. דער דאזיגער כאראקטער פונ׳ם נאמען טרעט ארויס באזונדערס קלאר, ווען מיר באטראכטען דעם געברויך פון דעם נאמען „עברים“.

אין מויל פון ניט־אידען, אדער אין פארגלייכונג מיט זיי, ווערען די אי־דען אנגערופען אין תנ״ך „עברים“, העברעער (בראשית מ 15; שמות ב 6, 13; ג 18). די באדייטונג פון „עברים“ „יענע זייטיגע“, דאס הייסט: פון שבטים וואס האבען אריינגעוואנדערט אין א ניי לאנד, וואס האט צו זיי ניט געהערט, לאזט צו פארשידענע דערקלערונגען. אמאל האט מען גע־גלויבט, אז דער נאמען איז אן ערינערונג, אז די העברעאישע שבטים האבען אמאל אריינגעוואנדערט פון מעסאפאטאמיען, פון יענער זייט פרת. היינט אבער האלט מען מעהר, אז מ׳האט באצייכענט די אידען אלס עברים, ווייל זיי זיינען געקומען פון יענער זייט ירדן. ס׳איז אבער גלייכער איבערהויפט זיך צו באגנוגענען מיט דער אלגעמיינער איבערזעצונג „יענעזייטיגע“ אינ׳ם זין פון וואנדער־שבטים. מ׳וועט דערמיט גערעכט בלייבען אי פאר דעם ביבלישען שפראכגעברויך אי פאר דעם פארהעלטעניש צו די האבירי פון דער טעל־על־אמארנא־צייט.

די שפראך פון פאלק ישראל איז, אזוי ווייט ווי מיר קענען געהן צו־

ריק אין זיין געשיכטע, יענער צווייג פונ'ם גרויסן סעמיטישן שפראך־שטאם, וועלכן מ'באצייכנט קורץ אלס „העברעאיש". דאס פאלק ישראל האט געהאט די העברעאישע שפראך — ניט רעכענענדיג די קלענערע דיאלעקטישע חילוקים, וואס זיינען אויך פארגעקומען צווישן דעם צפון און דעם דרום ביי די אידען גופא — בשותפות מיט דער באפעלקערונג, וועלכע איז געווען באזעסען אין לאנד פאר איהם, ווי אויך מיט זיינע נאהענטסטע פארוואנדטע שכנים־פעלקער, וועלכע זיינען געקומען צו וואנדערען גלייכצייטיג מיט איהם אדער פאר און נאך איהם. עס לאזט זיך ניט באשטימען, אויב דאס פאלק ישראל האט אנגענומען די העברעאישע שפראך פון דער כנעני־שער אדער אמורי'שער אורבאפעלקערונג (אין דעם פאל האט די שפראך גיכער באדארפט הייסען כנעני'ש אדער אמורי'ש): אדער אויב ישראל און זיינע שכנים האבען שוין פון דערהיים אויס געהאט דיזעלביגע שפראך און זיינען לויט אפשטאמונג און שפראך גאר ניט געווען אזוי אפגעשיידט איינע פון די אנדערע ווי די טראדיציע שטעלט אונז פאר. עס דארף אין יעדען פאל אנגענומען ווערען אלס א פאקט, אז העברעאיש איז גערעדט געווארען אין פאלעסטינא נאך איידער די אידען האבען זיך דארטען באזעצט. וויטערדיגע השערות וועגען דער אורשפרינגליכער שפראך פון אידישען פאלק קען מען העכסטענס נאר מאכען ווען מ'לאזט זיך אריין אין חקירות וועגען דעם, וואו די אידען און זייערע שכנים האבען זיך פריהער אויפגעהאלטען.

יעדענפאלס איז זיכער, אז די כנענים האבען געוואוינט אינ'ם לאנד איידער די אידען האבען זיך דארטען באוויזען. אין ענגערען זין ווערען אין דער שפעטערדיגער צייט באצייכענט אלס כנענים די פעניקיער, וועלכע זיינען ארויסגעשטופט געווארען פון יענער עלטערער באפעלקערונג און האבען זיך באזעצט אין דער צפון־העלפט· פונ'ם ברעג פון מיטעללענדישען ים. כנעני קאן דאן האבען דיזעלביגע באדייטונג ווי „פעניקישער סוחר" (ישעיה כ"ג 8; יחזקאל י"ז 4; הושע י"ב 8; צפניה א 11; זכריה י"ד 21; משלי ל"א 24; איוב מ 30). די באצייכענונג כנענים פאר דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד, וואס האט דארטען געוואוינט פריהער ווי די אידען, ווערט אגב ניט געברויכט אין אלע דאקומענטען, פון וועלכע דער חומש און יהושע זיינען צוזאמענגעזעצט. אין איין דאקומענט ווערט יענע אלטע באפעלקערונג אנגערופען אמורים. ביידע נעמען, אמורים און כנענים, זיינען געווען אן אנגענומענע באצייכענונג פאר די אלט־פאלעסטינישע עלעמענטען פון דער באפעלקערונג שוין אין צווייטען יאהרטויזענד פאר דער קריסטליכער ערא, לויט ווי עס ווייזען די אויסגעגראבענע אויפשריפטען. נעבען אט די

צוויי הויפטנעמען, וועלכע האבען קענטיג פארגעשטעלט די צוויי וויכטיגסטע באפעלקערונגס־שיכטען פון יענע אוראיינוואוינער פון לאנד, רופען אן ביב־לישע שריפטשטעלער, באזונדערס די אינגערע, א רייה פון קלענערע פעל־קערשאפטען, וועלכע האבען געוואוינט אין פאלעסטינא פריהער ווי די אי־דען: גרגשי, פרזי, חוי און יבוסי. מאנכע פון די נעמען האבען נאר א לאקאלע באדייטונג. אזוי הייסען יבוסים די אלטע איינוואוינער פון יבום (ירושלים) און דער אומגעגענד, חוים פיליכט די באפעלקערונג פון גבעון און שכם. מאנכע אנדערע נעמען קען מען שוין לויט זייער באדייטונג אי־בערהויפט ניט דערקענען און זיי ווייזען פיליכט אויף א פארצייט וואס ליגט נאך ווייטער צוריק.

אז די כנענים און אמורים זיינען ניט געווען די סאמע ערשטע אוראיינ־וואוינער פון דעם אידישען לאנד, קען מען זעהן פון אסך שטעלען אין תנ"ך. וואו עס לעבט נאך א שוואכע ערינערונג פון יענע ארויסגעשטופטע ערשטע אוראיינוואוינער. דאס וואס דיזעלביגע ווערען באצייכענט אלס ריזען — „רפאים, ענקים" — איז נאך א קנאפער גרונט צו דערקלערען יענע ערינערונג אלס דיכטונג. פונקט אזוי זאלען זיך האבען געפונען אין די אי־דישע שכנים־לענדער, איידער דארטען זיינען אריינגעקומען יענע פעלקער־שאפטען, וואס וועלען באלד דערמאנט ווערען, אזוינע ריזענהאפטע שבטים, וועגען וועלכע מ'האט ניט געוואוסט ווער זיי זיינען געווען און פון וואנעט זיי זיינען געקומען. אין מואב און עמון: די „זמזומים", און „אימים", אין אדום און פלשתים: די „חורים" און „עוים" (דברים ב 20—23: בראשית י"ד 5, 6).

2. ישראל'ס שכנים. די אין קרובה'שאפט נעהנטסטע שכנים פון ישראל, וועלכע מעגען דעריבער אין א ווייטערען זין אריינגע־רעכענט ווערען מיט זיי צווישען די העבראישע שבטים, זיינען די עמונים, די מואבים און די אדומים. אדום איז ישראל'ס לייבליכער ברודער און שטעלט פאר די קינדער פון יעקב'ס ברודער עשו. אדום איז דער עלטערער ברודער, וועלכער איז פריהער געווארען זעלבשטענדיג. נאר יעקב האט פון איהם צוגענומען די בכורה, דאס הייסט, אז יעקב איז שפעטער געווארען שטארקער פאר איהם. מיר ווייסען א שטייגער, אז אין אדום איז געווען א מלוכה לאנג נאך פאר שאול'ס צייט (בראשית ל"ו 31; במדבר כ 14; שופטים י"א 17), אבער זינט דער צייט פון שאול און דוד זיינען די אדומים אלץ מעהר און מעהר געווארען אפהענגיג פון ישראל (שמואל א, י"ד 47;

שמואל ב, ח 14). בנוגע זייער נאציאנאליטעט האבען די אדומים שטארק פארמישט אורשפרינגליך זייער העברעאיש בלוט מיט פרעמדע עלעמענטען. די חורים, די אוראיינוואוינער פונ'ם לאנד אדום, וועלכע זיינען בישלעכווייז אין גאנצען פארשלונגען געווארען פון די אדומים, האבען, ווייזט אויס, א לענגערע צייט אויפגעהאלטען זייער אייגענארטיגקייט. אויך אראבישע שבטים פון מדבר האבען קענטיג זיך אנגעשלאסען אן די אדומים, בפרט ווען זיי האבען זיך געריסען ווייטער אין דרום; און אין צפון־זייט פון זייער טעריטאריע, אין דרום־יהודה, האבען זיי זיך צעמישט מיט כנעני'שע און אנדערע עלעמענטען. עשו, שטעהט עס, האט געהייראט טעכטער פון די ישמעאלים, די חתים און די חוים (בראשית כ"ו 34; כ"ח 9; ל"ו 2, 3). די טעריטאריע פון ארום איז געווען דאס ווילדע, צעשפאלטענע בערגלאנד שעיר, וואס זיינע איינוואוינער זיינען מעהר אנגעוויזען אויף רויב און געיעג איידער אויף באארבייטען די ערד און האדעווען בהמות. מיט דעם נאמען „בארג שעיר" ווערט באצייכענט אין תנ"ך דאס בארגיגע לאנד צווישען דעם ים המלח און דעם ים־אויסגוס פון אילת (ביים רויטען ים).

א צווייטער קרוב פון ישראל, וואס איז געשטאנען צו איהם אין נאהנטע באציהונגען, איז מואב, זיין שכן אין דרום־מזרח־זייט. דאס לאנד מואב איז אין מערב־זייט באגרעניצט דורך דעם ים־המלח, אין דרום זייט צו אדום צו דורך דעם „נחל־הערבה". אין מזרח זייט דורכ'ן מדבר, צום טייל אויך דורך דאס לאנד פון עמון. זיין צפון־גרעניץ איז, פאר דער שפעטערדיגער צייט יעדענפאלס, דער טייך ארנון. דאס פאלק פון אט דעם בערגלאנד, וואס איז באוואסערט פון טייכלעך און איז אמאל געווען גאנץ גוט באארבייט און באזעצט, איז געשטאנען זעהר נאהנט צו ישראל אין שפראך, קולטור און רעליגיאן. פון דעם גדענק־שטיין פון מישע מלך מואב איז צו זעהן, אז זיי האבען געהאט א פארהעלטענישמעסיג אנטוויקעלטען חוש פאר ליטעראטור און שריפט.

מואב'ס ברודער־שבט אין צפון־מזרח איז געווען עמון. דאס לאנד פון עמון איז געלעגען צווישען דרום־טייל פון עבר הירדן, וואס איז געווען באזעצט פון ראובן, גד און מנשה, און דעם מדבר און האט אין געוועהנליכע צייטען זיך אויסגעשפרייט פון אויבערסטען יבוק, וועלכער זאל האבען געבילדעט דעם צפון־מערב־גרעניץ, ביז צום ארנון אין דרום. דאך האבען די עמונים אפט געפרובירט זיך ווייטער אויסשפרייטען. באזונדערס האט זיך זיי דאס איינגעגעבען, ווי עס זעהט אויס, אין צפון. דאס איז לייכט צו

דרינגען דערפון, וואס זייער הויפטשטאדט רבת־עמון איז געלעגעןביים יבוק גופא, און וואס זיי האבן שפעטער געפיהרט מלחמות וועגען גלע״ד.

אין דרום־מערב האט זיך באריהרט נאהנט מיט ישראל דאס פאלק פון די פלשתים, וואס איז שטענדיג געווען פיינדליך צו זיינע שכנים. זייער טעריטאריע איז דער ים־ברעג, וואס ציהט זיך ביים מיטעללענדישען ים אין זיין דרום־העלפט פון עזה ביז יפו, דאס הייסט: פון דעם עגיפטישען ביז דעם פעניקישען גרעניץ. אט דא פארשפארען זיי די אידען דעם צוגאנג צום ים. זיי פארמאגען א רייה פון באפעסטיגטע שטעדט, וועלכע שטעהען אונטער זעלבשטענדיגע פירשטען: עזה, אשדוד, אשקלון, גת, עקרון. פון דאנעט אויס זיינען זיי צייטענווייז אריינגעדרונגען ווייט אין דעם לאנד כנען. לויט זייער אפשטאמונג זיינען זיי ניט קיין איינגעבארענע פון כנען און איבערהויפט ניט קיין סעמיטען. לויט דעם תנ״ך זיינען זיי געקומען פון כפתור (עמוס ט, 7; ירמיה מ״ז 4; דברים ב 23), וואס מ׳דארף אונטער דעם, וואהרשיינליך, פארשטעהן דעם אינזעל קרעטא. אז די פלשתים זיינען שפעטער געווארען שטארק סעמיטיזירט, איז קיין ספק ניט.

ווייטער צו צפון צו קומען, מיט די פלשתים אין איין רייה, די פעניקיער. זיי פארטרעטען אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה די לעצטע פון די כנענים, וואס זיינען געבליבען ביים ברעג ים. זיי האבען געהאט אלעמאל א שטארקען איינפלוס אויף דאס לאנד הינטער זיי, ניט בלויז מאטעריעל, דורך רייכטום און דורך רער באהערשונג פונ׳ם האנדעל, נאר זיי האבען אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה בכלל געווירקט אויף דער קולטור און דאס גייסטיגע לעבען פון אידישען פאלק. פון זייער אלטער „פישער־שטאדט“ צידון, דעם אורשפרינגליכען צענטער פון זייער גרויסארטיגען ים־האנדעל, האבען זיי געטראגען צווישען זיך, ווי אויך ביי די אידען און די גריכען, דעם נאמען צידונים.

אין צפון פונ׳ם אינערליכען לאנד האבען די אידען נאך געהאט פאר שכנים די ארמים און די חתים. מיט די חתים וועלען מיר באלד האבען זיך צו באשעפטיגען. נעבען זיי און אויף זייער שטעל האבען, באזונדערס נאכדעם ווי זייער מאכט איז געפאלען, אלץ מעהר און מעהר זיך איינגעפונדעוועט די ארמים (אראמעער) אין צפון און אין צפון־מזרח פון פאלעסטינא. אזוי ווי די בני ישראל, זיינען אויך די ארמים א סעמיטישער שבט, וועלכער איז געקומען פון דער סיריש־אראבישער סטעפע אין דער גרויסער פעלקער־באוועגונג פון דעם צווייטען יאהרטויזענד פאר דער

קריסטליכער ערא. לויט זייער שפראך און מנהגים זיינען זיי קרובים מיט די העברעער. זייערע הויפּט־ישובים האָבען זיי געהאט אין דער היסטאָרי־שער צייט ביי דמשק, ביים אונטערסטען לויף פון אראָנטעס און ווייטער אהין אין מזרח־טאָל ביז ועגען דעם פרת, וואו זיי זיינען צעפאלען אין אסך איינ־צעלנע מלוכות.

## 4. ר. קיטעל

# פאלעסטינא אין דער אורצייט

## 1.

### די עלטסטע פעלקער־פארהעלטעניזשען אינ׳ם לאנד.

דאס אריינדרינגען פון די סעמיטען אין פאלעסטינא.

לויט דעם שפראכגעברויך אין דער ליסט פון די פעלקער אין חומש בראשית (קאפ. י) רופען מיר סעמיטען — אין אונטערשייד פון די אינדאגער־מאנען און די אפריקאנישע חאמיטען — יענע גרופע פעלקער, וועלכע האט געהערשט אין פאדעראזיען אין דרום־זייט פון טוירוס פון מיטעללענדישען ים ביז צום פרת און חידקל. די געשטאלט פון זייערע קערפערס, זייער שפראך און אייגענארטיגקייט טיילען אפ אט די גרופע פון יענע ביידע. פון וואנעט די פעלקער קומען פון סאמע ערשטען אנהויב אן, ווייסען מיר ביז היינט נישט. אבער אין דער צייט, וואס קומט פאר אונז אין באטראכט, האט אט די גרופע פעלקער געהאט איהר היים אין דעם אראבישען האלב־אינזעל און פון דארטען האט זי זיך כסדר אלץ ווייטער פאנאנדערגעשפארט און אויף אזא׳ן אופן פארנומען די לענדער, וואס ליגען אין צפון־זייט פון אראביען. דאס איז א זאך, וואס ס׳איז מעהר ניט נויטיג צו באווייזען.

אזוי ווי עגיפטען — לויט ווי איהר שפראך ווייזט — איז שוין אין זעהר א פריהיגער צייט געקומען אונטער דעם איינפלוס פון די סעמיטען, איז עס דעריבער וואהרשיינליך, אז אויך דער האלב־אינזעל סיני, וואס ליגט נאהנט צו עגיפטען, צוזאמען מיט דעם דרום פון פאלעסטינא, זיינען שוין אין פריהיגע צייטען באזעצט געווארען פון סעמיטישע שבטים. די ידיעות וואס מיר האבען וועגען עגיפטען באשטעטיגען דאס. עס דארף באטראכט ווערען אלס זעהר וואהרשיינליך, אז פון אנהויב אן, אזוי גיך ווי די עגיפטי־שע הערשער האבען נאר אנגעהויבען זיך אויסצושפרייטען איבער די ענגסטע גרעניצען פון דעם אייגענעם לאנד, — דאס הייסט בכן אין פערטען, אויב ניט שוין אין פינפטען יאהרטויזענד פאר דער קריסטליכער ערא — האט די עגיפטישע מאכט זיך אויסגעשפרייט איבער דעם האלב־אינזעל סיני און אין

ווייטער אוועק איבער פּאַלעסטינא און א טייל פון סיריען. זיכערע ראיות פאר דעם האָבען מיר ערשט פונ׳ם ענד פון פערטען יאָהרטויזענד, אָבער מיר מעגען דרינגען פון די ראיות אויך אויף נאָך א פריהערדיגער צייט.

דעם אָנהויב מאַכען שוין די הערשער פון דער ערשטער און צווייטער דינאַסטיע, בערך ארום 3400 פאר דער קריסטליכער ערא. דער פינפטער קעניג פון דער ערשטער דינאַסטיע ווערט פאַרגעשטעלט אויף א בילד, ווי ער וואַרפט אן אַזיאַט צו דר׳ערד מיט א מעכטיגען שטעקען. שוין לאַנג פאר איהם, קען מען זיך משער זיין, האָבען די פּרעה׳ס ארונטערגענומען אונטער זייער רשות די פּראָדוקטיווע קופּער־ און טירקיז־גרובען פון האַלב־אינזעל סיני. פיעלע הונדערטער אוראַלטע שטיינמעסערס ווייזען נאָך היינט די באַזוכערס פון ו ו א ד י מ א נ ה א ר א אין וואָס פאר א פריהיגער צייט מ׳האָט שוין אָנגעהויבען צו עקספּלואַטירען יענע גרובען. אָפטמאָל, ווייזט עס אויס, איז עס געקומען צו א קאַמף איבער אָט דער ווערטפולער געגענד. לויט דעם מלבוש און דער באָרד האָבען מיר דאָ צו טאָן מיט א סעמיט, צי פונ׳ם האַלב־אינזעל, צי פונ׳ם דרום־מזרח פון פּאַלעסטינא. דאָס דאָזיגע בילד איז ניט דאָס איינציגע פון דער צייט פון דער ערשטער די־נאַסטיע.

אז מיר מוזען באַטראַכטען די אַזיאַטען פון ס י נ י און פון די שכנות׳ע געגענדען אויף די עגיפּטישע מאָנומענטען פון יענער אורגראָהער צייט אַלס סעמיטען, ווערט נאָך באַשטעטיגט פון די אויפשריפטען גופא, וועלכע דערצעהלען אונז וועגען די עלטסטע באַציהונגען פון די פּרעה׳ס צו פּאַלעסטינא און סיריען. דער ערשטער קעניג פון דער דריטער דינאַסטיע (2980) האָט זיך ווידער שטאַרק גענומען צו די קופּער־גרובען אויפ׳ן האַלב־אינזעל סיני. דערמיט הענגט צוזאַמען וואָס עס האָבען זיך דענסטמאָל אָנגעהויבען, אָדער וואָס עס זיינען פיליכט ווידער אויפגענומען געוואָרען, די גרויסע עקספּעדיציעס קיין סיריען. קעניג סנאָפורו פון דער פערטער דינאַסטיע (ארום 2900) האָט געלאָזט אויפשטעלען א טאַוועל אויף דעם האַלב־אינזעל סיני צו פאַראייביגען זיין נצחון; ער האָט זיינע שיפען קיין סיריען געשיקט צו ברענגען פון דאָרטען צעדערבוימער פאר זיינע בנינים. עס רעדט זיך דאָרטען פון 40 שיפען באַלאָדען מיט צעדערהאָלץ — נאַטיר־ליך פון לבנון.

נאָך דייטליכער ווערען פאר אונז די דאָזיגע פאַרהעלטעניסען אין איינצעלנע בילדערווערק, וועלכע געהערען צו דער צייט פון דער פינפטער

דינאסטיע. מיר זעהען דארטען ווי די עגיפטישע פלאטע קעהרט זיך צו־ריק אהיים נאך א נצחון אין דער געגענד פון לבנון. נעבען די עגיפטער שטעהען אין די שיפען די אזיאטישע געפאנגענע מיט דער קליידונג און מיט דעם אויסזעהן פון סעמיטען.

דיזעלביגע פארהעלטענישען געפינען מיר ביים ענד פון דער אלטער מלוכה אונטער פעפי דעם ערשטען (ארום 2550). ער האט מעהר ווי די פרעה'ס פאר איהם געהאלטען זיין זויג אויף דאס אויסלאנד און האט אונטערנומען פינף עקספעדיציעס אין דעם האלב־אינזעל סיני צו זיכערען די בערג־גרובען און זיך אפצואוועהרען פון די בעדואינער, ווי אויך צו באפעסטיגען זיין ממשלה אין פאלעסטינא. אויף זעקסטער עקספעדיציע האט ער געשיקט זיינע מחנות און שיפען אזש ביז צום ים־ברעג פון פא־לעסטינא. עס ווערט אונז דערמיט קלאר דער פאקט, אז די פרעה'ס אין יענער צייט — ארום דעם מיטען דריטען יאהרטויזענד, אוב שוין ניט פריהער — האבען באטראכט פאלעסטינא און דעם פעניקישען ים־ברעג אלס עגיפטישע טעריטאריע, כדי צו זיין זיכער מיט די בערג־גרובען פון סיני און מיט דעם צוגאנג צו די צעדערוועלדער פון לבנון.

דאס וואס די פיינד ווערען גערעכענט צו די „אמו", די איינוואוינער פון מדבר, מאכט טאקע זעהר וואהרשיינליך, אז מיר האבען דא צו טאן מיט סעמיטען. באטראכטענדיג אלע פאקטען וואס מיר האבען אין האנט, קאנען מיר פעסטשטעלען אלס זיכערען רעזולטאט, אז שוין אין זעהר א פריהיגער צייט, לכל הדעות פון מיטען פערטען ביז דעם מיטען און דעם ענד פון דריטען יאהרטויזענד, דאס הייסט בכן ביז ארום דעם יאהר 2000, זיינען דער האלב־אינזעל סיני און דרום־ און מיטעל־סיריען געוועזן באזעצט אהן הפסקות מיט איינוואוינער פון א סעמיטישער אפשטאמונג.

די אויסגראבונגען אין פאלעסטינא, באזונדערס אין ג ז ר, האבען אבער באוויזען, אז נאך פריהער איידער די סעמיטען זיינען געקומען אין לאנד האט זיך שוין דארטען געפונען א ניט־סעמיטישע באפעלקערונג. עס געפינען זיך אויך אסך ניט־סעמיטישע לאקאלע נעמען אין לאנד, ווי למשל: י ב ו ק, ב ש ן ג ל ב ע, י ב ו ס, ל כ י ש. אזוי אבער ווי מיר ווייסען אז די סעמיטען האבען געוואוינט אין לאנד נאך אין דער גאר ערש־טער פארצייט, מוזען מיר דעריבער אננעמען, אז סעמיטען און ניט־סעמיטען האבען דארטען געלעבט גלייכצייטיג זייט ביי זייט בכלל וועט מען מוזען אננעמען על־פי השערה, אז דער סעמיטישער טייל פון אט דער עלטסטער באפעלקערונג פון פאלעסטינא איז אריינגעדרונגען אין לאנד פון דרום אהער

און דער ניט־סעמיטישער פון צפון; מחמת די סעמיטען האָבען זייער מי־טעלפונקט אין אראַבישען האַלב־אינזעל, און די ח ת י ם און אינדאָגער־מאַנען מעהר אין דעם פאָדעראַזיאַטישען און אייראָפּעאישען צפון.

עס דאַרף דערביי אָנגענומען ווערען פאַר זעלבסטפאַרשטענדליך, אז דיביידע טיילען פון דער באַפעלקערונג, וואוינענדיג זייט ביי זייט, האָבען זיך דורכגעמישט. מ'האָט שוין לאַנג באַמערקט, אז די היינטיגע אידען, ווי אויך די אידען פון דער אַמאָליגער צייט, וועלכע מיר טרעפען אויף די מאָנומענטען, פאַרטרעטען ניט גענוי דעמזעלביגען טיפּ ווי די אַראַבער און אויך ניט ווי די באַבילאָניער. נייערע אונטערזוכונגען האָבען אויך אַרויסגע־בראַכט דעם שלוס, אז די היינטיגע קליינאַזיאַטען און אַרמעניער שטעהען אַנטראָפּאָלאָגיש אם נעהנטסטען צו יענעם טיפּ, וועלכען די ח ת י ם פאַרטרעטען אויף די מאָנומענטען פון עגיפּטען און פון צפון־סיריען. די ראַסע פון די קליינאַזיאַטען און די ח ת י ם האָט זיך בכן דערהאַלטען ביז אויף היינט; און פיליכט איז ריכטיג די השערה פון מאַנכע פאָרשער, אז די א ש ו ר י ם און די היינטיגע אידען לאָזען אין זיך דערקענען די פאַרמישונג פון סעמיטישע און קליינאַזיאַטיש־אַרישע עלעמענטען. אויב שוין אין דער אורצייט האָבען געוואוינט אין פאַלעסטינא איינע נעבען די אַנדערע סעמיטען און ניט־סעמיטען, דאַן איז עס זעהר וואַהרשיינליך, אז שוין זיי האָבען אַרויסגעבראַכט יענעם געמישטען טיפּ. די סעמיטען פון פאַלעסטינא פון די עלטסטע צייטען שטעהען טאַקע פאַקטיש אַכך נעהענ־טער צו געוויסע טיפּען פון די היינטיגע אידען איידער צו די אַראַבישע בעדואינער.

## שומערער און סעמיטען אין'ם לאַנד פון די צוויי טייכען (מעסאָפּאָטאַמיען.)

דער אָנהויב פון דער געשיכטע פון מעסאָפּאָטאַמיען ליגט נאָך איינ־געוויקעלט אין טונקעלקייט. מען איז אָבער איצט גענייגט אָנצונעמען, אז די עלטסטע אויסגעגראָבענע מאָנומענטען און שריפטשטיקער פון באַבי־לאָניען דערגרייכען צוריק ניט ווייטער ווי ביז אַרום יאָהר 3000 (פאַר דער קריסטליכער ערא). נאַטירליך האָט הינטער די דאָקומענטען נאָך גע־מוזט ליגען אַ לענגערע צייט פון פאַרהיסטאָרישער אַנטוויקלונג.

דאָס טיפלאַנד, וואָס דער פרת און דער חידקל שטראָמען דורך אין זייער אונטערסטען לויף, איז אין דער עלטסטער צייט געווען צעפאַלען אין צוויי טיילען. דער צפון האָט געהייסען אַקאַד (אכד), דער דרום שומער (שנער).

שומער דארף בעטראכט ווערען אלס די היים פון די ניט־סעמיטישע איינ־וואוינער פון באבילאניען*), וועלכע האבען ערפונדען די פלעקלעד־שריפט (כתב־היתדות). זיי ווערען דעריבער באצייכענט אלס שומערער. דא האט די אלטע שפראך זיך דערהאלטען לפי ערך לאנג, בעת די אויפשריפטען פון אקאד אנטהאלטען פון די פריהסטע צייטען אן סעמיטישע טעקסטען. אין אקאד האבען בכן שוין גאנץ פריה באקומען די אויבערהאנט די סעמיטישע עלעמענטען, וועלכע זיינען אהן א ספק געקומען אהין צו וואנדערען פון אראביען.

פאליטיש זיינען שומער און אקאד צעפאלען אין דער עלטסטער צייט אין א גרויסער צאהל זעלבשטענדיגע שטאדט־ממשלות. דער אמת'ער הערשער איז געווען דער גאט פונ'ם הייליגטום, און דער קעניג אדער „פאטעסי" איז געווען זיין פארטרעטער. אזוינע וויכטיגע שטעדט און הייליגטימער זיינען געווען: אור (פאר דעם גאט סין), לארסא (פאר דעם גאט שמש), ארך (פאר דער געטין אישטאר), ניפור (פאר דעם גאט בל) און אנדערע מעהר. פון איינעם א פאטעסי מיט'ן נאמען לוגאלזאגיזי ווערט באריכטעט, אז ער האט אונטערווארפען אונטער זיך גאנץ שומער און האט דאן געמאכט אונטערטעניג די לענדער ביז צום מיטעללענדישען ים. ער ריהמט זיך, אז „דער גאט בל" האט אונטערווארפען די לענדער אונטער זיין מאכט און האט גלייך געמאכט פאר איהם די וועגען פון אויפגאנג ביז צום אונטערגאנג, פון אונטערסטען ים ביז צום אויבערסטען ים.

דאס איז די ערשטע ידיעה וואס מיר האבען וועגען א באבילאנישען חיל, וואס האט זיך געשטופט קיין סיריען און צום מיטעללענדישען ים. שוין אין יענער צייט (אין אנהויב פון דריטען יאהרטויזענד) זיינען די הערשער פון מעסאפאטאמיען בא'כישופ'ט געווען פון דעם געדאנק צו באזיצען די לענדער פון לבנון און פון דארטען דעם צוטריט צום מערב־ים.

סעמיטישע באפעלקערונגען זיינען געווען אין מעסאפאטאמיען זינט די עלטסטע צייטען אן. זייער הויפטארט איז געווען דאס לאנד אקאד אין צפון, די געגענד וואו ביידע טייכען, דער פרת און דער חידקל, דערנעהנטערען זיך איינער צום אנדערען. זייערע הויפטגעטער זיינען געווען:

*) פון גענויקייט וועגען געברויכען מיר באבילאניען פאר דאס לאנד און בבל פאר דער שטאדט. אשור אבער געברויכען מיר אויך פאר דאס לאנד (אסיריען), מחמת אשור די שטאדט האט קיין ראלע ניט געשפילט אין דער היסטאריע.

ת. ש.

ש מ ש, דער גאָט פון דער זון, ס י ן, דער גאָט פון דער לבנה, א י ש ט אַ ר (עשתרת), די געטין פון פרוכטבאַרקייט, דער אָראַקעל־גאָט נעבאָ (נבו). אויך מאַרדוק (מרודך), דער לאָקאַלער גאָט פון דער שטאָדט בבל.

אויסער דער לאַנדשאַפט פון אַקאַד האָבען סעמיטישע שבטים זיך באַזעצט פריה ווייטער אין צפון־מערב, אין דער געגענד וואָס ווערט אָנ־גערופען מעסאָפּאָטאַמיען אין אַ ענגערען זין. אויך די אשורים מיט זייער שטאָדט א ש ו ר ביים מיטעלסטען לויף פון חידקל האָבען צו זיי גע־הערט. די סעמיטען האָבען דענסטמאָל פון דאָנעט אויס זיך געשטופט אַלץ ווייטער צו מזרח, צו מערב און צו צפון־מערב. אין ח ר ן האָט דער גאָט פון דער לבנה, ס י ן, געהאַט פון די אַלטע צייטען אַ זיין היילי־טום. פון חרן האָבען אַלעמאָל געפיהרט די וועגען נאָך אַלע זייטען, נאָך צפון־סיריען און נאָך אשור און בבל. אויב די סעמיטען האָבען שוין אָנגע־שפּאַרט ביז דאָרטען, דאַן זיינען מיר זיכער, אַז לכל הפּחות זייערע אָפּ־צווייגונגען האָבען זיך געשטופּט ווייטער צו מערב צו ביז צום ים.

## די אמורים אין מערב־לאַנד.

### סרגון פון אַגאַדע (אַקאַד־אכד.)

ווען מיר וואַרפען אַן איבערבליק איבער אַלץ וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט מכוח דעם אויפטרעטען פון די סעמיטען אין די לענדער וואָס אינטערעסירען אונז דאָ, קענען מיר פעסטשטעלען אַ סך־הכל, אַז ביז צו דעם מיטען פון דריטען פאַר־קריסטליכען יאָהרטויזענד האָבען זיי געהאַט אַן איינפלוס אין פּאַלעסטינא און די לענדער, וואָס גרעניצען זיך מיט איהר אין דרום און אויך אין׳ם לאַנד צווישען דעם פרת און חידקל און פון דאָרטען ווייטער אַרויס ביז אין צפון־סיריען. איהר כאַראַקטער אָבער אַלס אַ סע־מיטיש לאַנד איז אין ענגערען זין האָט פּאַלעסטינא, ווי עס ווייזט אויס, באַקומען ערשט אַרום יאָהר 2500. אומגעפעהר אין אָט דער צייט קומט פאַר אַ פאַסירונג, וואָס גיט דעם לאַנד און זיינע שכנות׳ע טעריטאָריעס, באַזונ־דערס אויך באַבילאָניען און אסיריען, אַ נייעס כאַראַקטער. דאָס איז דאָס אַריינדרינגען פון די אמורים.

ווענען די אמורים האָבען מיר די ערשטע ידיעות פון באַבילאָנישע אויפשריפטען. שוין דער קעניג סרגון פון אַגאַדע (אַקאַד) האָט געפיהרט מיט

זיי מלחמות. מיר האבען אבער ביז איצט ניט געקאנט ארויסקריגען פון די באבילאנישע ידיעות ווער יענע אמורים זיינען געוועזן און וואו זיי האבען זיך געפונען? יערשט דער צוזאמענהאנג פון אלע ידיעות וואס מיר האבען פון פארשידענע צייטען גיט אונז די מעגליכקייט ארויסצוקריגען אויך עפעס וואס מכוח דער צייט פון סרגון פון אגאדע.

צווישען די נעמען פון די אוראלטע מלכים פון שומער (ארום 2200 פאר דער קריסטליכער ערא) געפינט זיך אזא נאמען ווי „ישמעדגון,“ און אין דער ערשטער דינאסטיע פון דער שטאדט בבל טרעפען מיר אסך אזוינע נעמען, וועלכע זיינען עכט-סעמיטיש, אבער זיינען נעהנטער צו אראביש איידער צו באבילאניש. מ'האט דעריבער שוין לאנג געקלערט וועגען דעם, אז דא מוז זיך האנדלען מכוח שבטים, וועלכע האבען געהאט א נעהנטערע שייכות צו אראביען איידער די אקאדער. דערביי האט זיך ארויסגעוויזען, אז די שפראך, וועלכע די סעמיטען פון יענער שיכט ריידען אין באבילא־ניען און, ניט ווייניגער ווי די שפראך, אויך די רעליגיאן, וועלכע זיי פראקטיצירען, ווייזט אויף געוויסע שייכות'ן צו דעם, וואס מיר טרעפען פון איין זייט אין דער עלטסטער אראביען און פון דער אנדערער זייט, אביסעל שפעטער, אין מערב-לאנד, דאס הייסט: אין סיריען און פאלעסטינא. מ'האט דערפאר אנגענומען, אז יענע שבטים זיינען שוין גאנץ פריה געקומען אינ'ם מערב און האבען מיט זייער איינפלוס אנגעזאפט דעם מערב-טייל פון פאר־דער-אזיען.

עס לאזט זיך נאכווייזען, אז שוין אונטער סרגון פון אגאדע זיינען יענע סעמיטען באצייכענט געווארען אלס „אמורו“. וואס איז דאסזעלביגע ווי די „אמורים“ פון תו"ך. צוערשט איז דער נאמען אויפגעטראטען אין סיריען, נאכהער אבער אין באבילאניען גופא.

עס איז דערפאר ניט וואהרשיינליך, אז די אמורים זאלען זיך האבען פארשפרייט איבער'ן מערב-לאנד ארויסגעהענדיג פון באבילאניען. נאך ווענינער וואהרשיינליך ווערט דאס, ווען מיר האלטען אין זינען, אז אנהויבענ־דיג פון אביסעל א שפעטערער צייט שטימען אלע אויסגעגראבענע אויפ־שריפטען דעריז, אז דאס לאנד פון אמורי איז פאר זיי די געגענד ארום לבנון, צום טייל אויך דרום-סיריען ביז אין פאלעסטינא אריין. דאס־זעלביגע זעהען מיר אויך אין די נייעסטע טאוולען, וואס מ'האט אויסגעגראבען אין באגהאזקאי, די אלטע הויפטשטאדט פון די חתים אין קליינאזיען.

דערמיט האבען מיר באקומען דעם שליסעל. מיר זעהען די אמורים אויפטרעטענדיג אין באבילאניען גופא אלס א סעמיטישער פאלקס-שטאם

וואס איז פארשידען פון די אמת'ע באבילאניער. אבער זינט דעם מיטען פון דריטען יאהרטויזענד און אין דער ערשטער העלפט פון צווייטען יאהרטויזענד, באזונדערס אין דער ביבלישער פעריאדע, זיינען זיי פארבונדען מיט סיריען און פאלעסטינא. די סברא איז דעריבער מחיב, אז מיר האבען דא צו טאן מיט א שיכט פון סעמיטען, וועלכע זיינען, וואנדערענדיג פון סיריש־אראבישען מדבר, אריינגעדרונגען אין מעסאפאטאמיען פון איין זייט און אין סיריען און פאלעסטינא פון דער אנדערער זייט. א לענגערע צייט אבער האבען זיי געהאט זייער מיטעלפונקט אין די געגענדען פון לבנון און אין זייער דרום־מזרח'דיגען און מזרח'דיגען הינטערלאנד און ווייטער אראפ אין צפון און מיטעל־פאלעסטינא.

ס'איז קיין ספק ניט, אז דאס אויפטרעטען פון די אמוריב אין סיריען ארום דעם מיטען פון דריטען יאהרטויזענד איז א רעזולטאט פון א געוואלדיגער פעלקער־וואנדערונג, וועלכע האט זיך געשפארט פון אראביען קיין צפון און צפון־מערב. פאר אונז האבען די אמורים א באזונדערע באדייטונג, ווייל מיר דערקענען אין זיי באשיינפערליך יענע שיכט פון סעמיטען, צו וועלכער עס געהערען ניט בלויז די כנענים און די פעניקיער, נאר אויך די „עברים" גופא. דער שפעטערדיגער שארפער קאנטראסט צווישען די אידען און זייערע פארגענגער אין לאנד, די אמורים און די כנענים, דארף אונז ניט ברייגנען צו קיין טעות וועגען דעם. פאקטיש געהערען די אידען צו דערזעלביגער גרויסער גרופע ווי יענע, און עס האנדעלט זיך דא בלויז וועגען פארשידענע עטאפען אין איין און דעמזעלביגען גרויסען פראצעס.

דער ערשטער צוזאמענשטויס פון די אמורים מיט די עלטערע איינוואוינער פון די לענדער, וואס זיי האבען פארנומען, איז פארגעקומען, אזוי וויט ווי אונזערע ידיעות גרייכען ביז איצט, אונטער דעם סעמיטישען הערשער פון אגאדע (אקאר, אכד) סרגון (ארום 2700). ארויסגעהענדיג פון זיין שטאדט אגאד האט ער צוערשט אונטערווארפען אונטער זיך גאנץ שומער (שנער). דאן האט ער אויסגעשפרייט זיין ממשלה איבער עילם, אשור און ארם נהרים. נאכהער האט ער געקאנט ריזיקירען מיט זיין הויפט־אונטערנעמונג. האבענדיג דעם צייכען פון דער געטין אישטאר, וועלכע האט איהם פארזיכערט די וועלט־הערשאפט, האט ער אויסגעגאסען זיין שרעק איבער די לענדער, ווערט דערצעהלט אין די אויפשריפטען. ער האט דאן ערארבערט דאס מערב־לאנד ביז צום ענד און האט דארטען געלאזט אויפשטעלען זיין סטאטוע. עס ווערט פון איהם אויך באריכטעט, אז ער האט

מארשירט קיין „אמורו“ און האט אונטערוואָרפען די פיער געגענדען פון דער וועלט.

אין וועלכער פון די פיער געגענדען פון דער וועלט „אמורו“, דאָס לאַנד פון דעם אמורי, איז געלעגען, זאָגען אונז ניט סרגון׳ס טאַוולען, פון וועלכע מיר שעפּען אַט די ידיעות. לויט אַלע ידיעות אָבער וואָס מיר האָבען וועגען די אמורים און וועגען סרגון׳ס מלחמות, קאָן מעהר קיין ספק ניט זיין, וואו מיר האָבען צו זוכען די „אמורו“ פון זיין צייט. ביי זיין מלחמה געגען די אמורים האָט פאַקטיש זיך געקאַנט האַנדלען נאָר וועגען אַן עקספּעדיציע אין׳ם מערב־לאַנד, דאָס הייסט: אין די געגענדען פון לבנון און צום מיטעל־לענדישען ים. די אמורים האָבען לויט דעם זיך געמוזט האָבען באַזעצט אין סיריען שוין פאַר דעם מיטען דריטען יאָהרטויזענד. פון דאָרטען האָבען זיי זיך אַלץ ווייטער געמוזט שטופּען קיין אסיריען און צפון־באַבילאָניען. ביז זיי האָבען פאַרנומען באַבילאָניען גופא און זיך דאָרטען דערהויבען צו דער הערשענדער שיכט אין דער צייט פון אמוראבי׳ס דינאַסטיע.

ווי וויכטיג אָבער ס׳איז איצטער געוואָרען די פאַרבינדונג פון באַבי־לאָניען מיט׳ן מערב־לאַנד, וועלכע סרגון האָט ווידער אויפגעשטעלט, ווייזט דער פאַקט וואָס ניט לאַנג נאָכדעם, אַרום 100 יאָהר נאָך סרגון׳ען, ריהמט זיך גודעא, דער פּאַטעסי פון לאַגאש, אַז ער האָט געלאָזט ברייננען פון׳ם באַרג פון אמורו גרויסע שטיינער פאַר זיין טעמפּעל. אויך מאַרמאָר־שטיינער פון אמורו ווערען דערמאָנט. מען איז אָבער ניט אָפּגעקומען בלויז מיט׳ן צושטעלען בוי־מאַטעריאַל. אויב פאַר די הערשער פון באַבילאָניען איז געוועזען אָפען דער וועג צום לבנון און צום ים, און נאָך ווייטער אפילו ווי דער אינזעל ציפּערן, דאָן האָט געמוזט הערשען אַ לעבהאַפטער האַנדעלס־פאַרקעהר. דעם קריגער זיינען נאָכגעגאַנגען, ווי אומעטום, דער סוחר, דער האַנטווערקער און דער קאָלאָניסט. באַבילאָנישע סחורות און באַבילאָנישע קונסט קומען אַן אין מערב, און עס קומען אמורי׳שע הענדלער און האַנט־ווערקער און נאָך זיי אמורי׳שע קאָלאָניסטען קיין באַבילאָניען, און אַט אַזוי ווערט צוגעגרייט יענער צושטאַנד, וועלכען מיר זעהען אונטער אמוראבי׳ן.

אָבער ווי אומעטום און אין אַלע צייטען האָט זיך אויך דאָ דער פאַר־קעהר ניט באַשרענקט אויף דעם האַנטווערקער און דעם הענדלער. מיט זיי ביידען קומען געטער, רעליגיעזע געדאַנקען און קולטורעלע גיטער. אַזוי ווי מיר ווייסען פאַקטיש, אַז באַבילאָנישע געטער־מעשיות און לעגענדען האָבען געוואַנדערט צום מערב־לאַנד, האָבען מיר דאָ דעם פּונקט, וועלכען מיר קאָנען באַטראַכטען אַלס דעם אנהויב פון אַט דער גייסטיגער וואַנדע־

רונג. און אזוי ווי מיר ווייסען אויך פון א שטארקער אמורי'שער אריינ־וואנדערונג קיין באבילאניען, דארף מען דעריבער ניט אוועקמאכען לייכט מיט דער האנט אויך די אנדערע מעגליכקייט, אז ס'איז אויך געווען אומ־געקעהרט: די אמורים זיינען געווען די געבערס און די באבילאניער די נע־מערס. אמורי'שע געטער זיינען טאקע אריינגעדרונגען אין באבילאנישען געטער־טעמפעל: ווי למשל: הדד, רגון.

פריהער איז שוין גערעדט געווארען דערפון, אז אין דערזעלביגער צייט, ווען מיר דארפען אננעמען, אז ס'איז פארגעקומען סרגון'ס צוזאמענשטויס מיט די אמורים וואס האבען זיך אלץ ווייטער געשטופט פון סיריען, האבען אויך די פרעה'ס פון עגיפטען זיך שטארק באמיהט צו באהערשען פאלעסטינא. מיר ווייסען שוין פון פעפי'ס עקספעדיציעס אין האלב־אינזעל סיני און אין פאלעסטינא. דער געדאנק ליגט זעהר נאהענט אז די אומרוהען אין פא־לעסטינא און דער פועל יוצא דערפון: וואס עגיפטען האט געמוזט שיקען גרויסע חילות כדי דארט צו פארשטארקען איהר הערשאפט, איז געשטאנען אין א נאהנטער שייכות צו דעם אריינדרינגען פון די אמורים אין סיריען. די בעדואינער פון דער סיריש־אראבישער סטעפע שטרעקען תמיד אויס זיי־ערע הענט מיט גרויס באגעהר נאך דעם פרוכטלאנד פון סיריען און נאך די מעסאפאטאמישע גרעניץ־געגענדען. די אמורים זיינען בכן פארהאלטען געווארען פון מזרח אהער און אין צפון־ און מיטעל־סיריען דורך סרגון'ען. און אין דרום־סיריען, אין דרום־זייט פון כרמל, טרעפען זיי זיך צוזאמען מיט די עגיפטער, וועלכע זיינען אויך ניט געווען מרוצה אויפצוגעבען אזוי לייכט זייערע רעכטען אויף יענע לענדער.

דערביי האט זיך שוין דא אהן א ספק אויסגעבילדעט דער צושטאנד, וועלכען מיר זעהען שפעטער אין פארלויף פון א לאנגער צייט כמעט אלס א כלל, אז די צפון־געגענדען פון פאלעסטינא זיינען דאס רוב געשטאנען אונ־טער דער השפעה פון באבילאנישען מזרח, אזוי ווייט ווי זיי האבען זיך געלאזט באאיינפלוסען פון פרעמדע. אין דעם דרום־טייל פון לאנד אבער, דער עיקר אין דרום־זייט פון כרמל, האט ארויפגעוואויגען דער עגיפטישער איינפלוס. לכל הדעות דארף מען זיך האלטען ביי דעם דאזיגען כלל אזוי ווייט ווי עס איז נוגע דעם קאנטראסט צווישען מצרים און בבל־אשור.

מ'דארף דא אבער מאכען נאך איין נויטיגע באמערקונג. מיר האבען פריהער געזאגט, אז די עלטסטע סעמיטישע איינוואוינער פון פאלעסטינא האבען על־פי השערה שוין אין דער סאמע פריהעסטער אורצייט באזעצט

גרעסערע טיילען פון לאנד. פון מיטען פון דריטען יאהרטויזענד אן קענען מיר פעסטשטעלען, אז די אמורי׳שע שיכט האט זיך געפונען דאמאלסט אין סיריען און אין צפון־פאלעסטינא. עס בלייבט אבער אויסגעשלאסען, אז יענע עלטסטע סעמיטען פון פאלעסטינא זאלען זיין געווען טיילען פון דער אמורי׳שער אריינוואנדערונג און זאלען האבען געהאט עפעס א שייכות צו איהר. אזוי גוט ווי צווישען סרגון פון אגאדע און די אמורים פון צפון־סיריען, האט אויך פון אנהויב אן געקאנט עקסיסטירען א קאנטראסט צווישען די נייע אנגעקומענע סעמיטען פון צפון־סיריען און די עלטערע סעמיטישע איינוואוינער פון דרום־סיריען. אם שטארקסטען איז נאטירליך דער קאנטראסט געווען אין די געגענדען פון מיטעל־ און צפון־פאלעסטינא, וואו ביידע טיילען האבען זיך אם ענגסטען באריהרט און וואו דער קאנטראסט איז נאך פארשטארקט געווארען דורך דעם איינפלוס פון דער עגיפטישער פאליטיק, ווענען אט דער געגענזאץ האט געהאלפען אויפהאלטען איהר ממשלה איבער פאלעסטינא.

מיר ווייסען גענוג וואס פאר א באדייטונג דער קאנפליקט צווישען דעם צפון און דעם דרום האט געהאט פאר דער אנטוויקלונג פון די פארהעלטענישען אין פאלעסטינא אין שפעטערע צייטען ביז צום ענד פון דער אידישער מלוכה, און צום טייל אפילו נאכהער. מיר ווייסען נאך דערצו, אז שוין ביים אנהויב פון דער אידישער נאציאן, ביים באזעצען זיך אינ׳ם לאנד כנען און ביז דער גרינדונג פון דער מלוכה, קומט בולט ארויס דער קאנטראסט צווישען ישראל און יהודה אלס קאנטראסט צווישען דעם צפון און דעם דרום. דער דאזיגער קאנטראסט האט אריבערגעלעבט אלע שיקזאלען פונ׳ם לאנד און פון זיין באפעלקערונג דורך די פיעל יאהרהונדערטען. און זיינע לעצטע סימנים האבען זיך דערהאלטען ביז אויף היינט. ס׳איז דערפאר וויכטיג צו זעהן ווי וויט צוריק ער דערגרייכט לויט אלע וואהרשיינליכקייטען. מיר וועלען קיין טעות ניט מאכען מיט דער רנחה, אז יענער קאנטראסט, וואס איז ניט אויסגעגליכען געווארען אין גאנצען אפילו אין די בעסטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע, האט שוין געהערט צום סאמע לעצטען שורש פון אידישען פאלק. ער געהט צוריק ביז אין דער פריהעסטער אורצייט, וועלכע מיר קאנען נאר דערגרייכען, און דאס הייסט ביז אין יענער צייט, ווען אין דעם שוים פון די פאדער־אזיאטישע פעלקערבילדונגען האבען אנגעהויבען זיך צו באווייזען די סאמע ערשטע קערנדלעך, פון וועלכע דאס פאלק ישראל האט געזאלט ארויסקומען מיט הונדערטער יאהרען שפעטער. די דאזיגע קערנדלעך ליגען אין דער צוזאמענטרעפונג

פון דער פאר׳אמוריש־סעמיטישער און דער אמוריש־סעמיטישער שיכט אויף דעם באדען פון פאלעסטינא ארום 2500 פאר דער קריסטליכער ערא.

## 2.

## דאס צווייטע יאהרטויזענד ביז צו דער אמארנא־צייט.

### פאלעסטינא און די מיטעלסטע מלוכה פון עגיפטען.

עס קאן דא ניט זיין אונזער אויפגאבע צו געבען א זעלבשטענדיגע אפהאנדלונג וועגען דער אנטוויקלונג פון דער עגיפטישער אדער דער באבילאנישער געשיכטע. אבער א באשרייבונג וועגען דעם ערשטען אנהויב פון דעם אידישען פאלק, וואס איז געגרינדעט אויף די פעלקער־פארהעלטענישען פון׳ם אלטען מזרח, מוז לכל הפחות אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט שענקען צו דעם לויף פון די געשעהענישען אין יענע מדינות און ביי יענע פעלקער, אז זייערע וויכטיגסטע שייכות׳ן צו דעם לאנד פון׳ם שפעטערען פאלק ישראל זאלען קלאר און בולט ארויסקומען.

מיר האבען שוין דערצעהלט, אז אונטער פעפי דעם ערשטען זיינען געפיהרט געווארען ערנסטע מלחמות וועגען דער באהערשונג פון פאלעסטינא. צי עס האט זיך די עגיפטער איינגעגעבען צום סוף צו ווערען די באלעבאטים פון׳ם לאנד, ווייסען מיר ניט. אויף יעדען פאל האבען זיי פרעטענדירט, אז דאס לאנד שטעהט אונטער זייער רשות. אבער אזוי ווי מיט דער אפשוואכונג פון דער אלטער עגיפטישער מלוכה האט זיך אויך איהר מאכט בימלעכווייז אויסגעשעפט, זיינען די פרעה׳ס נאטירליך ניט געווען בכוח צו באקרעפטיגען זייערע פאדערונגען אינ׳ם אויסלאנד. אט אזוי לויפט אוועק די צייט פון דער זעקסטער ביז צו דער צעהנטער דינאסטיע (ביז 2160).

עס קומט די מיטעלסטע מלוכה. די מלכים פון דער צוועלפטער דינאסטיע (ביז 1785) שטרעבען מיט אלע כוחות ווידער אויפצושטעלען די מאכט פון זייערע גרויסע פארגענגער פון דער אלטער מלוכה. אמענעמהעט דער ערשטער (זינט 2000) האט, ווייזט אויס, ווידער געשיקט זיינע חילות קיין פאלעסטינא. אבער פון דער געשיכטע פון סינוהע ערפאהרען מיר, אז פאלעסטינא איז ניט אונטערווארפען געווארען אונטער עגיפטען.

מיר זעהען אבער פון דעם ווי לעבהאפט דער פארקעהר איז דעמאלט געווען צווישען עגיפטען און אזיען.

די דאזיגע געשיכטע שפילט זיך אפ אין דער צייט פון אוזערטעסען דעם ערשטען, דעם נאכפאלגער פון אמענעמהעט דעם ערשטען. נאך דעם טויט פון אמענעמהעט דעם ערשטען, איז סינוהע גענויט צוליב שטרייטיג־קייטען איבער דעם טראן צו אנטלויפען פון עגיפטען קיין אזיען. ער קומט אן ביים „מויער פון די פירשטען, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארען צור־ריקצוהאלטען די בעדואינער פון מדבר", דאס הייסט: ביים גרעניץ־מויער נעגען די אזיאטישע בעדואינער. ער באהאלט זיך פון דער וואך אויפ'ן מויער, און אזוי געלינגט איהם אפצונארען די וועכטער פון גרעניץ. ער קומט דאן אן ביי די ביטערע אזערעס אויפ'ן לאנד־צונג פון סועץ און דערשלאגט זיך אזוי צו א בעדואינישען שבט וואס איז געווען רייך אין סטאדעס. וועמעס הויפטלינג ער קען נאך פון עגיפטען. דער דאזיגער הויפט־לינג נעמט איהם גוט אויף און ער ווערט פריינדליך ווייטער אוועקגעשיקט. „איין לאנד האט מיך געשיקט צו דעם אנדערען. איך בין געקומען אין ביבלאס און האב דערגרייכט ק ע ד ע ס (קדם)", די געגענד אין מזרח־זייט פון דמשק. דארטען בלייבט ער אנדערהאלבען יאהר. דער פירשט אמיענשי (עמי־אנש) פון דעם אויבערלאנד פון „טענו" — א נאמען וואס באצייכענט דאס בערגלאנד פון פאלעסטינא —, וועלכער האט געהערט גוטס וועגען סינוהע פון די עגיפטער וואס האלטען זיך אויף אין זיין הויף, רעדט איהם איין צו בלייבען ביי איהם: „דו האסט גוט ביי מיר און דו הערסט די שפראך פון עגיפטען". סינוהע רעדט איין דעם פירשט זיך צו אונטערווארפען אונטער פרעה'ן. „ס'איז אמת, ער באהאנדעלט גוט א לאנד וואס איז איהם איבערגעבען". יענער וויל דערפון ניט וויסען. ער מאכט סינוהע'ן פאר זיין איידים און וויזט איהם אן א הויך לאנד מיט'ן נאמען י א א. „פייגען און וויינט־רויבען זיינען דארטען געוואקסען און ווייז איז דארטען געווען מעהר ווי וואסער. עס איז געווען רייך אין האניג און אין אויל, און אלע מינים פון פרות אויף זיינע ביימער... איך האב געהאט געקאכטע פלייש און געבראטענע גענז, און אלס צוגאב האט מען געכאפט פאר מיר אין פאסטקע די ווילדע ציגען פון דער וויסטעניש... אויסער וואס מיינע געיעג־הינט האבען פאר מיר געכאפט". אט אזוי באקומט ער א מעכטיגע שטעלונג אין לאנד. דער שליח, וועלכער האט געררייזט פון און צום הויף, האט זיך אויפגעהאלטען ביי מיר: איך בין געווען א מכנים־אורח פאר יעדערען..." „ווען די בעדואי־

נער פלעגן ארויסקומען... די פירשטען פון די לענדער צו באַקעמפען, פלעג איך זיין זייער פיהרער".

אבער די בענקשאפט נאָך זיין היים איז אין סינוהע'ן קיינמאָל ניט פארלאָשען געווארען. און ווען עס איז נאָך אָנגעקומען צו איהם א צושריפט פון פרעה'ן איהם רופענדיג צוריק אהיים: „עס זאָל ניט געשעהן אז דו זאלסט שטארבען אין פרעמדען לאַנד און אז אזיאטען זאָלען דיך מקבר זיין און דיך איינהילען אין א שעפּסענער פעל!" דאן האָט ער זיך מעהר ניט געלאָזען צוריקהאַלטען. דער אָפיציר פון דער גרעניץ־וואַך שיקט א ידיעה צו פרעה'ן, און דער קעניג לאָזט איהם ברייגגען מיט א שיף קיין עגיפּטען.

די שילדערונג איז פון העכסטען ווערט. זי ווייזט אונז די פארהעל־טענישען, אונטער וועלכע פּאַלעסטינא איז דאמאלסט געשטאַנען. ווען סינוהע האָט געקאָנט געהן פון איין לאַנד צום אנדערען ביז ער איז אָנגע־קומען אין ביבלאָס, מעג מען דערפון דרינגען, אז דאָרטען איז ניט געווען קיין צענטראלע הערשאפט, נאר אז דאָס לאַנד איז געשטאַנען אונטער איינ־צעלנע פירשטען, פון וועלכע פיליכט שוין די מעהרהייט, אין יעדען פאַל איינצעלנע, האָבען געהערט צו די אמורים. בכלל באקומט מען פון דער דאזיגער געשיכטע דעם איינדרוק וועגען איינגעאָרדנעטע צושטענדען. כאָטש עס האָבען ניט געפעהלט קיין רויב־ און מלחמה־אטאַקעס מצד פון די בעדואינער געגען דאס לאַנד און די ארומיגע געגענדען.

א באזונדערען אינטערעס האָט דאָ, נאַטירליך, דאָס פארהעלטעניש צי עגיפּטען. מ'קאָן דורכקוקען פרעה'ס וואונש און פרעטענזיע צו האָבען די אויבערהערשאפט איבער'ן לאַנד. מ'רעדט איין די מלכים פון פּאַלעסטינא צו פאַלגען פרעה'ן. אבער פון אן אמת'ער הערשאפט קאָן, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, קיין רייד ניט זיין. אמי־ענשי ווייזט צוריק סינוהע'ס פּאָרשלאָג. אין לאַנד לעבען, ווי עס ווייזט אויס, מאַנכע אנטלאָפענע און אוואַנטוריסטען פון עגיפּטען, וועלכע האָבען א גרונט אויסצוכיידען דאס לאַנד פון זייער געבורט, אבער פרעה'ס האַנט קאָן זיי ניט מעהר גרייכען. דעריבער געפינט מען עגיפּטען זינט דער צייט פון דער מיטעלסטער מלוכה שטרענג אָפּגעצאמט געגען דעם האַלב־אינזעל סיני דורך דעם פיר־שטענמויער. אן אָפּטיילונג מיליטער מיט אן אפיציר בראש איז דא אוועק־געשטעלט: און אויפ'ן מויער שטעהען היטער, וועלכע האַלטען אָן יעדען איינעם וואס וויל דורכגעהן.

ניט קוקענדיג אויף יענער אָפּגעשלאָסענקייט, באשטעהט אָבער א לעבהאפטער פארקעהר אהין און אהער. הויפּטלינגען פון בעדואינער האָבען

געמוזט לעבען צייטווייליג ביים הויף פון טעבען, ווארים איינער פון זיי קען פון פריהער דעם פרינץ סינוהע. אין פאלעסטינא גופא זיינען פאראן אסך עגיפטער. אין אמי־ענשי׳ם הויף האלטען זיך אויף עגיפטער, וועלכע קענען סינוהע, אזוי אז דער קעניג פארשפרעכט איהם, אז ער וועט ביי איהם הערען די שפראך פון עגיפטען. ס׳איז אויך אנגעגאנגען א דיפלאמאטישער פארקעהר דורך שלוחים צווישען פרעה׳ן און די מלכים פון סיריען. מיט דעם דיפלאמאטישען פארקעהר געהט נאטירליך מיט א לעבהאפטער האנדעלס־פארקעהר. ביבלאס האט פארנומען א וויכטיגען פלאץ אלס האפען ארויס־צושיקען די צעדערן פון לבנון. בכלל איז פארגעקומען א רייכער אויס־טויש פון לעבענס־באדערפעניסען. א בילד אויפ׳ן קבר פון אן עגיפטישען פרינץ פון דער צייט פון אוזורטעסען דעם צווייטען (ארום 1900) שטעלט פאר א קאראוואן פון 37 בעדואינער, פיהרענדיג אויגען־פארב קיין עגיפטען. זייער פיהרער הייסט „אבשא (אבישוע) דער ראש פון מדבר“. אמאל האט מען געמיינט, אז דאס בילד שטעלט פאר א גרופע סעמיטען, וועלכע בעטען זיך, אז מ׳זאל זיי ארייננלאזען אין עגיפטען, ווייל אין פאלעסטינא איז זיי צו ענג געווארען. ס׳איז אבער פיעל וואהרשיינליכער, אז דא האנדעלט זיך בלויז וועגען א האנדעלס־קאראוואן, וואס האט געבראכט סחורה צו פארקויפען אין עגיפטען.

אט אזוי האבען די פרעה׳ס זיך באגנוגענט ביז אהער מיט געוויסע פרעטענזיעס אויף פאלעסטינא, מיט אוזורטעסען דעם דריטען (ארום 1850־1887) איז אבער געקומען א נייע ווענדונג. ער האט אונטערנומען אן אמת׳ע מלחמה־עקספעדיציע ניט אין האלב־אינזעל אדער אין די שכנות׳־דיגע געגענדען פון דרום־פאלעסטינא, נאר טאקע אין דעם לאנד גופא. „זיין מאיעסטעט האט מארשירט קיין צפון, כדי צו אונטערווארפען די אזי־אטען. זיין מאיעסטעט איז געקומען צו א געגענד מיט׳ן נאמען שעכמען. זיין מאיעסטעט איז ווידער געקומען צוריק אין זיין הויפטשטאדט נאכדעם ווי שעכמאן איז געפאלען“, אזוי דערצעהלט דעם קעניג׳ס אן אפיציר אויף א געדענק־שטיין וואס ער האט געלאזען.

אויב דא האט זיך אפילו געהאנדעלט וועגען א רויב־צוג, ווי מאנכע פארשער נעמען אן, איז אבער לכל הדעות דורך דעם פארשטאו׳קט געווארען דער איינפלוס פון עגיפטען אין לאנד. דער אופן ווי אזוי עס ווערט גערעדט פון דעם קעניג׳ס גרויסע אויפטואונגען און פון דער „עלענדער סיריען“ ווייזט שוין א שפור פון דעם באוואוסטזיין, אז עגיפטען איז באשטימט צו וועלטהערשאפט. אויך אין אנדערע פרטים האט אוזורטעסען דער דריי־

טער געמאכט דעם אנהויב פון א וועלט־פאליטיק, און ער איז דערמיט דער פארגענגער פון די גרויסע פרעה'ס פון 16טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא).

אום צו קענען ריכטיג אפשאצען דעם כאראקטער און די באדייטונג וואס אוזורטעסען'ס עקספעדיציע האט געהאט פאר פאלעסטינא, וואלט גע־ווען זעהר וויכטיג צו וויסען וואס מיר האבען צו פארשטעהן אונטער שעכ־מען. ווען מיר זוכען צווישען די נעמען פון דער אלטער פאלעסטינא, וועגען וועלכע מיר האבען וואסערע ניט איז ראיות אז זיי זיינען זעהר אלט, דאן קאן נאר ש כ ם קומען אין באטראכט. מיר האבען אסך טעמים צו האלטען שכם פאר איינעם פון די עלטסטע ערטער פון כנען. ס'איז זעהר וואהר־שיינליך, אז שוין דאמאלסט, עהנליך ווי אסך שפעטער אונטער גדעון און אבימלך, איז ש כ ם געווען א צענטער פון א לאקאלער דינאסטיע. ליגענ־דיג אין מיטען פון'ם בערגלאנד אין פאלעסטינא, האבען די איינוואוינער פון לאנד קענטיג זיך פאראייניגט ארום איהר קעניג, כדי זיך צו שטעלען אנטקעגען די עגיפטער און זיי ניט לאזען אריינדרינגען ווייטער.

אין וואס פאר א פארהעלטעניש כנען איז געבליבען צו עגיפטען נאך דער דאזיגער עקספעדיציע, האבען מיר קיין ידיעות ניט. ס'איז אבער א פאקט, אז די פרעה'ס פון דער מיטעלסטער מלוכה האבען זיך גערן גערופען מיט דעם נאמען די „באהערשער פון די אזיאטען."

## דאס פארהעלטעניש צו באבילאניען און צו די צפון־מלוכות ביז 1600.

מיר האבען שוין אין פאריגען קאפיטעל גערעדט וועגען דעם, אז די אמורים זיינען אריינגעדרונגען אין די גרעניץ־געגענדען פון סיריש־אראַ־בישען מדבר, באזונדערס אין די געגענדען פון לבנון, און אז זיי האבען פון דארטען זיך געשפארט אלץ ווייטער קיין מעסאפאטאמיען. דאס לאנד פון די אמורים איז קענטיג געבליבען אפהענגיג פון באבילאניען.

אבער אויך צו דער מלוכה פון אקאד, אין צפון־באבילאניען, וועלכע סרגון האט געגרינדעט, איז מיט דער צייט געקומען א סוף. נאך איהר באקומען די ממשלה די דינאסטיעס פון אור און איסין אין דרום־באבילאניען (זינט 2300). די אמורים האבען, ווי עס ווייזט אויס, אויסגענוצט די שוואכקייט פון אקאד אום שטארקער אריינצודרינגען אין באבילאניען. דער דריטער און דער פיערטער קעניג פון דער דינאסטיע פון איסין טראגען שוין אמורי'שע נעמען. עס האט זיך בכן איינגעגעבען די אמורים ניט בלויז זיך צו באזעצען

אין לאנד, נאר אויך צו ווערן די הערשער. זיי ווערן די הארן פון שומער און אקאד און מאכן אויס א רעכטן טייל פון דער באפעלקערונג.

אבער אויך די מלוכה פון שומער און אקאד איז צעפאלן. אין דרום האט לארסא (אלסר) זיך געמאכט ·זעלבשטענדיג אום באלד ארונטערצו־פאלן אונטער דער הערשאפט פון ע י ל ם. אין צפון־מערב האבן מחנו׳ת פון אמורים באקומען די ממשלה. זייער פיהרער ש ו מ ו ־ א ב ו האט ארום 2060 עראבערט אקאד און איז דא געווארן דער גרינדער פון דער ערשטער דינאסטיע פון דער שטאדט בבל. דער פאקט וואס אויך דא אין צפון־באבילאניען האט א פיהרער פון אמורים געקאנט ווערן דער הער־שער, ווייזט אונז ווי שטארק די אמורים האבן זיך געהאט צעשפרייט אין לאנד.

עילם האט אין דער דאזיגער צייט געהאט א גרויסע דעה אין די באבי־לאנישע ענינים. דאס לערנען מיר פון די אויסגעגראבענע באבילאנישע אויפשריפטען. אין חומש ווערט דערצעהלט אין איין שטעל (בראשית י״ד), אז די ממשלה פון עילם האט זיך געהאט אויסגעשפרייט ביז דעם מערב־לאנד. צוועלף יאהר, שטעהט דארט געשריבען, האט עילם געהערשט איבער פאלעסטינא, און אז זי האט ווידערגעשפעניגט אין כדרלעמר, צוזאמען מיט זיינע וואסאלען: אמרפל דער מלך פון שנער, אריוך דער מלך פון אלסר (לארסא) און תדעל דער מלך פון גוים, געקומען דארטען מיט א שטראף־עקספעדיציע. ער וואלט געהאט אן ערפאלג, ווען אברהם מישט זיך ניט אריין אין מיטען.

ס׳איז היינט פון אלעמען אנגענומען, אז אמרפל איז אמוראבי פון בבל, ווענען ועמען מיר וועלען באלד דערצעהלען. ווענען אלסר (לארסא) ווייסען מיר פון די אויפשריפטען, אז זי איז געווען אונטערווארפען אונטער עילם. ס׳איז ניט אויסגעשלאסען, אז אויך בבל איז א לאנגע צייט, און אפילו נאך אונטער אמוראבי, געווען א וואסאל־מלוכה פון עילם. און אפילו אויב דאס איז ניט געווען דער פאל, לאזט זיך אויך פארשטעהן ווי אזוי דער דערצעהלער פון חומש, וועלכער איז קענטיג געווען שטארק באהאווענט אין באבילאנישע דאקומענטען, האט זיך געקאנט מאכען אזא פארשטעלונג.

מיר זיינען בכן בארעכטיגט אנצונעמען, אז די הערשער פון עילם ביז אמוראבי׳ס גרויסע ערפאלגען, זיינען געווען די אויבערהארען ניט בלויז פון שומער און אקאד, נאר אויך פון די אמורים און מעסאפאטאמיען. אזוי ווי דער דערצעהלער פון חומש גיט ריכטיג איבער די פארהעלטענישען אין באבילאניען אין יענער אוראלטער צייט, האבן מיר דעריבער קיין גרונט

ניט צו צווייפלען אין זיין באריכט, אז א חיל פון עילם איז געקומען אזוי ווייט ווי אין פאלעסטינא. פונקט ווי אמאל סרגון פון אגאדע און אנדערע באבילאנישע הערשער, אזוי האט אויך א קעניג פון עילם ארום יאהר 2000 געפונען דעם וועג ביז צום מערב־לאנד און האט צייטווייליג געמאכט אונטערטעניג די אמורים, פון שומער און אקאד אן ביז צום סירישען און פאלעסטינישען ברעג פון מיטעללענדישען ים.

באבילאניען באפרייט זיך פון עילם און אנטוויקעלט א באדייטענדע מאכט ערשט אונטער אמוראבי, וועלכער איז געוועזן דער זעקסטער קעניג פון דער ערשטער דינאסטיע פון דער שטאדט בבל. וועגען דער צייט פון אמוראבי זיינען נאך די פארשער ניט אייניג. אמאל איז מען געווען גענייגט אנצונעמען, אז ער האט רעגירט ארום 2300 (פאר דער קריסטליכער ערא). היינט אבער איז מען אייניג דעריז, אז אט דער דאטום איז צו ווייט, פיליכט דארף מען זיך איהם פארשטעלען ארום 1916-1958.

די מאכט פון בבל הייבט אן צו וואקסען שוין אונטער דעם צווייטען קעניג פון אט דער דינאסטיע, שומולאאילו. די איינצעלנע מלוכות פון די אמורים, וועלכע זיינען אנטשטאנען אין אקאד אין משך פון דער צייט, אנערקענען זיין אויבער־הערשאפט. דאס טוט אויך דער צפון־טייל פון שומער. אבער די מאכט פון דער דינאסטיע אין בבל האט דעמאלט דורכגעמאכט א שטילשטאנד, אויב זי איז ניט געגאנגען אויף צוריק, אין עיקר צוליב עילם'ס הערשאפט. אבער ניט לאנג נאכדעם ווי אמוראבי האט אנגעהויבען צו רעגירען קאן ער זיך שוין באריהמען, אז די געטער א נ ו און ע נ ל י ל האבען איהם געגעבען די הערשאפט איבער שומער און אקאד און די פיער טיילען פון דער וועלט. אין 31טען יאהר פון זיין רעגירונג באגרינדעט ער די אויבערהערשאפט פון דער שטאדט בבל. בבל ווערט דער מיטעלפונקט פון דער מלוכה און דער גאט פון בבל מארדוק (מרדך) דער וויכטיגסטער פון אלע באבילאנישע געטער.

ס'איז קיין ספק ניט, אז אמוראבי האט גלייכצייטיג אויך באהערשט מעסאפאטאמיען. אויך די הארען פון אשור באטראכט ער אלס זיינע אונטערטעניגע. עס לאזט זיך אננעמען, אז עס האט זיך אמוראבי'ן איינגעגעבען אויסצושפרייטען זיין מאכט אויך איבער סיריען, וועלכע האט, לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, געהערט ניט לאנג צוריק צו עילם און גאר אמאל צו די הערשער פון אקאד. מען מוז צוגעבען, אז ביז איצט איז נאך ניט באוויזען געווארען, אז אמוראבי האט געפיהרט א מלחמה אין סיריען, און דאס וואס ער הייסט „קעניג פונ'ם לאנד פון אמורי". איז נאך א שוואכע ראיה:

ווארים די אמורים זיינען געווען צו שטארק צעשפרייט אין באבילאניען גופא, אז מ׳זאל קאנען פון דעם דאזיגען טיטעל דרינגען אויף סיריען.

די פראגע אבער אויב אמוראבי האט באמת געהערשט איבער סיריען האט ניט קיין גרויסע באדייטונג פאר אונז, אזוי לאנג ווי זיין גרויסע השפעה אויף סיריען און פאלעסטינא שטעהט אויסער יעדען ספק. די קאראוואנען פון אראביען זיינען פון לאנג שוין געגאנגען איבער סיריען צו דעם אונטערסטען לויף פון פרת און פון איהם צוריק צו די האפענס פון סיריען, און מיט דעם אויסטויש פון סחורות ווערען נאטירליך אויך אויסגעשטוישט גייסטיגע גיטער און רעליגיעזע געדאנקען.

אלץ וואס מיר וויסען פון אמוראבי ווייזט, אז ער פיהלט זיך דורכאוים אלס אמורי. אויף די בילדער געהט ער אנגעטאן ניט ווי די אקאדער, די אלטע איינוואוינער פון באבילאניען, נאר אין אן אייגענארטיגער אמורי׳שער קליידונג. די אמורי׳שע נעמען וואס מיר טרעפען אין זיין צייט אין אזא גרויסער צאהל ווייזען, ווי ווייט פארשפרייט די אמורי׳שע שיכט איז געווען צווישען דער באפעלקערונג פון זיין לאנד. דער איינפלוס פון אמורי׳שער קולטור און רעליגיעזע השגות האט דערפאר על־פי הכרח זיך געמוזט לאזען פיהלען אין א שטארקערער מאס אויך אין באבילאניען און ווייטער ארוים אין אמוראבי׳ס גאנצער אימפעריע. די אמורים אין סיריען, וועלכע זיינען געווען קרובים מיט אמוראבי׳ס שיכט אין מעסאפאטאמיען ניט בלויז אין בלוט, נאר אויך דורך די אלגעמיינע, פאליטישע, קולטורעלע און רעליגיעזע באגריפען, האבען זינט אמוראבי׳ן געמוזט ניט ווילענדיג קוקען אויף בבל מיט א ווארימערער סימפאטיע איידער פריהער. יעדע זאך מיט א וויכטיגער באדייטונג, וואס איז פארגעקומען צווישען די באבילאנישע אמורים, האט געמוזט געפינען אן אפקלאנג ביי די אמורים פון מערב־לאנד.

אזעלכע וויכטיגע זאכען האבען ניט אויסגעפעהלט. אמוראבי איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען א געניאלער ארגאניזאטאר, אין דעם פרט איינער פון די גרעסטע טאלאנטען פון אלטערטום. אויף אלע געביטען פון דער פארוואלטונג פון דער מלוכה האט ער גרויסע זאכען אויפגעטאן. זיינע דעקרעטען צו איינעם פון זיינע העכסטע באאמטע גיבען אונז די מעגליכקייט צו זעהן די גוטע ארדנונג פון זיין מלוכה. זיי ווייזען אונז ווי די גאנצע פארוואלטונג פון זיין לאנד, די שטייער־צאהלונגען, די קעניגליכע נחלאות, דער סדר פון א משפט, די שטעלונג פון די איינצעלנע קלאסען פון דער באפעלקערונג, די קאנאליזאציע, די שטעהענדיגע ארמיי — ווי אלץ איז געשטאנען אויף א פעסטען פונדאמענט פון רעכט. דער עיקר אבער וועגען

וואס אמוראבי האט געזארגט איז די גערעכטיגקייט פון משפט אין זיין מלוכה. צו דעם דאזיגען צוועק האט ער געשאפען זיין באריהמטעם געזעצבוך. לויט דעם גאנצען אינהאלט שטאמט דאס געזעצבוך ניט פון אמוראבי'ן אליין. שוין די מלכים פון לאדסא און פון אורוק (ארך) און אמוראבי'ס עלטער-עלטער-זיידע שאמולאאילו האבען געלעגט א פונדאמענט פאר אן ארדנונג אין משפט. אמוראבי האט זייערע געזעצען געזאמעלט, אונטער־זוכט און צו זיי צוגעלעגט נייע. זיין געניאליטעט אלס געזעצגעבער ווערט אבער ניט קלענער דערפאר וואס ער שטעהט אויף די פלייצעס פון פריהע־ריגע געזעצגעבער; ווארים אהן זיינע מעכטיגע און אריגינעלע אויפטואונ־גען וואלט דאס ווערק קיינמאל צושטאנד ניט געקומען אין דער פארמע, ווי מיר קענען עס היינט. די גאנצע זאך טראגט אויף זיך דעם אויסדרוק פון אן אייגענארטיגער פערזענליכקייט, וואס האט דעם גאנצען מאטעריאל זעלבשטענדיג דורכגעארבייט.

זיין קאדעקס איז איינגעקריצט געווארען אויף א גרויסען שטיין, אכט פוס הויך, און איז אויפגעשטעלט געווארען אין טעמפעל פונ'ם גאט מארדוק אין בבל. אויפ'ן שטיין ווערט אויך אמוראבי גופא פארגעשטעלט אין א בילד ווי ער איז מקבל די געזעצען פון דעם זון־גאט שמש. דער שטיין איז פון די עילמ'יטער פארשלעפט געווארען קיין שושן און דארטען איז ער גע־פונען געווארען אין יאהר 1902. נאך א הקדמה, אין וועלכער עס ווערען אויסגערעכענט דעם קעניג'ס גוטע מעשים וואס ער האט אויפגעטאן פאר זיין לאנד און די טובות וואס וועלען ארויסקומען פאר יעדען בירגער פון א גוטער ארדנונג אין משפט, און נאך עטליכע אלגעמיינע באשטימונגען מכוח אנקלעגער, עדות און ריכטער און ווי זיי האבען זיך אויפצופיהרען, קומען דאן די געזעצען גופא. עס ווערען באהאנדעלט די וויכטיגסטע אפטיילונגען פונ'ם רעכט פון אייגענטום, פון גנבה און גזלה, דאן די רעכטען פון די קריגער, די רעכטען אויף פעלד, גארטען און הויז, דאס רעכט אין האנדעל און בנוגע צו הלואות, משכנות, שולד־רעכט און שולד־קנעכטשאפט און דעסגלייכען. עס קומען דאן אלע פרטים פון פאמיליען־רעכט; די פליכטען פון דעם רופא, דעם בוימייסטער, דעם שיפבויער; באשטימונגען וועגען דינ־גען רינדער, שיפען אדער וועגען קויפען שקלאפען.

מ'דארף אננעמען, אז די געזעצען פון אמוראבי זיינען ניט געבליבען באשרענקט אויף די גרענעצען פון זיין מלוכה. ביי דעם פארקעהר מיט סיריען האט דאס נייע געזעצבוך געמוזט האבען א ווירקונג אויף די דארטיגע אמורים. לויט אלץ וואס מיר וויסען פון דער אמארנא־צייט וועגען דער־

פארשפרייטונג פון באבילאנישער רעליגיאן און באבילאנישער קולטור בכלל אין סיריען, מוז מען אננעמען, אז אויך די באבילאנישע געזעצן האבן געוואנדערט אויף דעמזעלביגן וועג. ס'איז ניט געזאגט, אז מ'האט באַדארפט האבן דערצו שריפטליכע קאפיעס; וויכטיגע יסודות פון רעכט האבן געקאנט קומען איג'ם מערב דורך סוחרים, קריגער, רייזענדע שלוחים און דיפלאמאטען. עס דארף קיין ספק ניט זיין, אז פונקט ווי די באבילאנישע געטער־געשיכטען, אזוי זיינען אויך די ניי ארויסגעגעבענע געזעצן געווען א נייער באנד, וואס האט צונויפגעבונדען די אמורי'שע סעמיטען פון באבילאניען און פון סיריען.

נאך אמוראבי'ס טויט האט זיין מלוכה זיך נאך קוים געהאלטען א ווײלע. באלד אבער איז זי אראפ פון איהר הויכקייט און איז אלץ מעהר און מעהר צעפאלען. ארום דעם מיטען פון 18טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא) האט זי דערגרייכט איהר ענד. גלייכצייטיג מיט דער אפשוואכונג פון דער מלוכה פון די אמורים איז בבל איז אויך די באבילאנישע קולטור נידעריג געזונקען. זי האט געהאט א גרויסע פארגאנגענהייט הינטער זיך און האט געלעבט מיט דער ירושה פון די אמאליגע צייטען, אהן א קראפט צו שאפען עפעס נייעס. די השפעה פון מעסאפאטאמיען אויף די שכנות'ע פעלקער איז איצט אויף א לאנגער צייט געווען א קליינע. קיין נייעס האט שוין מעסאפאטאמיען ניט געהאט צו געבען דעם מערב־לאנד, נאר די אלטע ירושה פון אמאל.

דאס ענד פון דער באבילאנישער מלוכה פון די אמורים האבן פילייכט פאראורזאכט די ח ת י ם. מיר ווייסען, אז א פאלק מיט דעם דאזיגן נאמען האט אין 18. יאהרהונדערט, ביים ענד פון אמוראבי'ס רינאסטיע שטארק געדריקט באבילאניען. עס איז אויך ניט קיין ספק, אז אט דאס שטופען זיך פון די חתים האט א שייכות צו דעם אויפטרעטען פון די מ י ט א נ י אין מעסאפאטאמיען און צו דער אויסשפרייטונג פון קליינאזיאטישע שבטים אין צפון־סיריען. דאס דאזיגע אריינרייסען זיך פון פרעמדע פעלקער אין סיריען און אין באבילאניען האט פילייכט א נאהנטען צוזאמענהאנג מיט דעם אריינדרינגען פון די היקסאס אין עגיפטען. און די היקסאס גופא קענען זיין ניט מעהר ווי א טייל פון יענע קליינאזיאטען, וועלכע האבען אנגעהויבען זיך באוועגען. אין סאמע צפון פון מעסאפאטאמיען, דארטען וואו דער פרת גיט זיך א שטארקען בויג קיין מערב און קומט צו כמעט ביז צפון־סיריען, ליגט דאס לאנד וואס די עגיפטער רופען נ א ה א ר י נ א (נהרים). אט דא האבען די מיטאני אויפגעשטעלט א

מלוכה, וועלכע האט באהערשט די האנדעלס־וועגען וואס פיהרען פון בבל צום מיטעללענדישען ים. די מלוכה פון בבל האט דורך דעם פארלארען איהר האנדעל מיט'ן מערב־לאנד, און דאס איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע סיבות פארוואס איהר מאכט איז צעפאלען.

די געשיכטע פון דעם מעכטיגען פאלק פון די חתים, וואס איז ביז היינט נאך א רעטעניש, גרייכט ווייט צוריק ביז אין דריטען יאהרטויזענד אריין. ס'איז אויך קיין ספק ניט, אז די חתים האבען גאנץ פריה זיך א קעהר געטאן קיין דרום. מיר מעגען בדרך השערה אננעמען אז חתי'שע עלעמענטען זיינען געווען אין דער באפעלקערונג פון סיריען און פאלעסטינא שוין א לאנגע צייט פאר די אמארנא־בריף. אין דער אמארנא־צייט הערשט דארטען א קאנטראסט צווישען חתים און מיטאני.

דאך איז שווער אנצונעמען אז די דאזיגע גרויסע פעלקער־וואנדערונג האט געהאט איהר מקור אין קליינאזיען און סיריען. גיכער איז די באוועגונג אין קליינאזיען און סיריען גופא ווידער פאראורזאכט געווארען דורך די אריער, וועלכע האבען אין אנהויב פון צווייטען יאהרטויזענד זיך גענומען באוועגען און געמאכט אנדערע פעלקער אויסצוואנדערען. אין דער אנדערער העלפט פון יענעם יאהרטויזענד געפינען זיך דעריבער ארישע געטער און הערשער אין קליינאזיען. דאס זעלביגע קאן אויך געזאגט ווערען וועגען סיריען. אויך דא לאזען זיך זיכער אויפווייזען אין יענער צייט די ארישע עלעמענטען דורך די פיעל ארישע הערשער־נעמען אין די אמארנא־בריף.

מיר מוזען לויט דעם אננעמען, אז אין צווייטען יאהרטויזענד האבען אין סיריען זיך ארייננגעגאסען פון צוויי זייטען נייע באפעלקערונגען: חתי'שע, קליינאזיאטישע און ארישע. פון די חתים דארפען מיר אננעמען, אז זיי האבען זיך באזעצט אויך אין פאלעסטינא.

אין באבילאניען גופא איז, פיללייכט אין צוזאמענהאנג מיט דער וואנדערונג פון די חתים, די קאסיטישע דינאסטיע געווארען די יורש'טע פון די אמורים. צוליב דעם וואס די חתים האבען זיך אלץ ווייטער געשטופט, זיינען די קאסיטען געווארען שטארק נוצליך פאר די הערשער פון בבל אין מיט דער צייט האבען זיי אין גאנצען פארנומען זייער ארט. דאך האט זייער מאכט ניט דערגרייכט ביז סיריען.

בערך אין דערזעלביגער צייט בשעת די מיטאני טרעטען אויף אין צפון און די קאסיטען אין דרום, טרעטען אויך אויף די אסיריער (אשורים) אין אשור. אנגעהויבען זיך צו באוועגען האבען זיי שוין ארום 2000, דאמאלסט נאך

אלם וואסאלען פון בבל. זיי שטויסען אלץ מעהר אפ אויף צוריק די חתי'טישע מיטאני, וועלכע זיינען פריהער געווען די הערשער אין דער דאזיגער געגענד. נעבען זיי שטופען זיך די חתים אין 18. יאהרהונדערט פון דאס ניי. נאך די חתים קומען אין 16. און 15. יאהרהונדערט די מיטאני. זיי זיינען קרובים צו די חתים, האבען אבער מלכים פון ארישען יחוס. ערשט ארום דאס יאהר 1600 צעוואקסט זיך ווידער אשור'ס מאכט. איינער פון זייערע הערשער האט, ווי עס ווייזט אויס, דאמאלסט ערָאבערט גאנץ מעסאפאָטאמיען. די דאזיגע הערשאפט האט אבער לאנג קיין קיום ניט געהאט. שפעטסטענס אין 15. יאהרהונדערט איז יענע גרויסע אשורישע מלוכה געפאלען פאר איהרע מעכטיגע געגנער: די מיטאני אין צפון פון מעסאפאטאמיען און די חתים אין קליינאזיען. אז אט די אלע געשעהענישען, כאטש זיי שפילען זיך אפ ווייט אין צפון און אין מזרח, האבען געמוזט האבען עפעס א השפעה אויך אויף סיריען און פאלעסטינא: דאס זעהען מיר באשיינפערליך פון די אמארנא טאוולען.

## די היקסאס און די עגיפטישע ממשלה אין סיריען.

מיט דעם סוף פון דער צוועלפטער דינאסטיע און מיט דעם אויפטרעטען פון דער דרייצעהנטער הויבט זיך אן אין עגיפטען די צעפאלונג פון דער מיטעלסטער מלוכה, און וועגען אן עגיפטישען איינפלוס אויף פאלעסטינא קאן שוין גאר קיין רייד ניט זיין. איין אוזורפאטאר נאך דעם אנדערען פארכאפט דעם טראן, און דאס לאנד איז א שפילבאל אין זייערע הענט. אט אזוי ווערט אלץ צוגעגרייט פאר פרעמדע ערָאבערער צו פארנעמען דאס לאנד. און עס ווייזט אויס, אז די לעצטע הערשער פון דער דרייצעהנטער דינאסטיע זיינען שוין געווען א מין וואסאלען אונטער די פרעמדע הערשער.

ווי מאגער עס זיינען ניט די ידיעות, וועלכע מיר האבען וועגען די פרעמדע וואס זיינען אריינגעדרונגען אין עגיפטען, לאזט זיך אבער פארט זאגען אויף געוויס, אז מיר האבען דא צו טאן מיט א פעלקער-כוואליע, וועלכע האט זיך אריינגעגאסען פון אזיען אין עגיפטען, עהנליך צו דער פעלקער-כוואליע, וועלכע האט באלד נאך מאחמעד'ס טויט פארפלייצט גאנץ מאדראזיען. פון וואנעט אט די כוואליע איז געקומען, קאנען מיר ניט זיכער באשטימען. עס איז אבער זעהר ווארשיינליך, אז די פארשטעלונג פון זיי עגיפטישע טעקסטען ווי אויך פון יוסף פלאוויוס, אז די פרעמדע זיינען

כלומרש׳ט געקומען פון פּאַלעסטינא אָדער סיריען איז ניט אין גאַנצען אמת. די דאָזיגע פאַרשטעלונג גיט קענטיג אָן ניט דעם ערשטען אויסגאַנג פון דער באַוועגונג, נאָר דעם לעצטען עטאַפּ איהרען, וועלכער האָט זיך בלי ספק געצויגען איבער פּאַלעסטינא און האָט פון דאָנעט, ווי אויך פון די שכנות׳ע געגענדען, מיטגעפיהרט מיט זיך א מאַסע סעמיטישע עלעמענטען. לויט אַלץ וואָס מיר האָבען אויבען פאַנאַנדערגעלעגט דאַרף מען גיכער אָננעמען, אַז די התים, וועלכע האָבען זיך אין 18. יאָהרהונדערט אריינגעריסען אין באַבי־לאָניען, און די קליינאַזיאַטישע פעלקער און די פעלקער פון צפון, וועלכע האָבען אַרום דערזעלביגער צייט גענומען וואַנדערען, — אַז זיי זיינען עס געוועזען די אמת׳ע איניציאַטאָרס פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט פון צפון און מזרח זיך אויסגעשפּרייט אויך איבער סיריען און פּאַלעסטינא און אַזוי געהענדיג פון דאָנעט, פאַרנומען עגיפּטען און דאָרטען זיך געענדיגט.

יוסף פלאַוויוס רופט אָן די דאָזיגע פרעמדע ה י ק ס אָ ס, און ער טייטשט אויס דאָס וואָרט אַלס פּ אָ ס ט ו ך ־ מ ל כ י ם, זיך באַציהענ־דיג אויף דער עגיפּטישער פאָלקס־שפּראַך. די עגיפּטישע טעקסטען באַצייכענען זיי אַלס „אמו“, דאָס הייסט: אַלס סירישע סעמיטען. עס געפינען זיך טאַקע אויך צווישען זייערע מלכים אַזוינע מיט קענטיגע סעמיטישע נעמען. עס פעהלען אָבער אויך ניט קיין פרעמדע, ניט סעמיטישע נעמען.

מאַנעטהאָ*) און יוסף פלאַוויוס זיינען מורא׳דיג מגזם ווען זיי גיבען אָן א האַלבען אָדער כמעט א גאַנצען יאָהרטויזענד אַלס די צייט וואָס די ממשלה פון די היקסאָס האָט געדויערט. פּאַקטיש האָט די הערשאַפט פון די היק־סאָס אין עגיפּטען ניט געדויערט מעהר ווי א יאָהרהונדערט, בערך פון 1700 ביז 1580. מ׳דאַרף אָבער האַלטען דערביי אין זינען, אַז ניט בלויז האָ־בען די לעצטע מלכים פון דער דרייצעהנטער דינאַסטיע שוין געהאַט פאַר־נומען די שטעלונג פון וואַסאַלען ביי די פרעמדע, נאָר אַז אייך שפּעטער האָבען היימישע פירשטען אין דרום פון לאַנד זיך נאָך געהאַלטען אַלס טריבוטצאָהלער צו די היקסאָס.

ווי נאָר אָט די נייע זיגער האָבען פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די ממשלה איבער פּרעה׳ס לאַנד האָבען זיי שוין מעהר זיך ניט באַנוגענט מיט דער הערשאַפט אויף דעם טאָל פון נילוס. זיי האָבען באַטראַכט סיריען

---

*) מאַנעטהאָ איז געווען אַן עגיפּטישער פּריסטער און היסטאָריקער, וועל־כער האָט אין דריטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט געשריבען אין גריכיש אַן עגיפּטישע געשיכטע. ח. ש.

און פּאַלעסטינאַ אַלס זייער אייגענטום און האָבן געהויבן זייער צעפּטער ווייטער אַרויס אויך איבער מעסאָפּאָטאַמיען און באַבילאָניען. ווי קורץ ס'איז ניט געווען די עקסיסטענץ פון זייער מלוכה און כאָטש איהרע שפּורען זיינען שפּעטער לגמרי אָפּגעווישט געוואָרען, איז אָבער פאַרט קיין ספק ניט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָבע צו גרינדען אַ וועלט־מלוכה, אַ פּראָבע, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע זיך איינגעגעבן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס די היקסאָס האָבן געמאַכט פאַר זייער הויפּטשטאָדט אוואַריס אין מזרח פון דער דעלטאַ, האָט אַ שייכות צו דעם, וואָס פון דאָרטען האָבן זיי געקאָנט לייכטער באַהערשען די אַזיאַטישע טיילען פון זייער מלוכה איידער פון טע־בען. מיר האָבן אָבער אויך דירעקטע ראיות פאַר דער אויסשפּרייטונג פון זייער הערשאַפט. פון דעם היקסאָס־קעניג אַפּאָפּיס געפינט זיך נאָך היינט אַ מזבח אין קאַירא, וועלכען ער האָט געלאָזט אויפשטעלען פאַר זיין פאָ־טער סוטעך, „דעם האַר פון אוואַריס, וואָס האָט אַלע לענדער געלעגט אונ־טער זיינע פיס.“ פון אַן אַנדער היקסאָס־קעניג, חיאַן, האָט מען אויסגעגראָ־בען קמיעות אין ג ז ר אין פּאַלעסטינאַ. מ'האָט אַפילו געפונען אַ דעק־קעל פון אַן אַלאַבאַסטענער כלי מיט'ן זעלביגען נאָמען אין אַ פּאַלאַץ אין קרעטאַ, און אין באַגדאַד האָט מען אַנטדעקט אַ קליין לייבעל פון גראַניט — וואָס געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן — מיט זיין נאָמען. אַלס צוגאָב האָבן מיר נאָך אין חומש במדבר א באַמערקונג, וועלכע שטאַמט קענטיג פון אַן אַלטען דאָקומענט, אַז „חברון איז געבויט געוואָרען זיבען יאָהר פאַר צען מצרים“ (י"ג 22). צען־טאַניס איז געלעגען אין מזרח פון דער דעלטאַ, אַרום 20 קילאָמעטער פון דעם קאַראַוואַנען־וועג וואָס האָט געפיהרט קיין סיריען. דערביי איז אויך געלעגען אוואַריס. טאַניס־צען איז לויט דעם געווען ענג פאַרבונדען מיט דער הויפּטשטאָדט פון די היקסאָס און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יענער צייט. אויב די גרינדונג פון דער הויפּטשטאָדט פון דרום־פּאַלעסטינאַ האָט לויט אָט דער באַמערקונג אין חומש אַ נאָהנטע שייכות צו דער גרינדונג פון איינער פון די וויכטיגסטע שטעדט פון די היקסאָס, איז דאָס געוויס אַ ריכטיגע ערינערונג אָן דעם, אַז חברון איז גע־ווען דער וויכטיגסטער פּונקט פון דער הערשאַפט פון די היקסאָס אינ'ם בערגלאַנד פון פּאַלעסטינאַ.

פּונקט ווי די פריערדיגע הערשער האָבן זיך געהאַלטען ביי זייער יחוס און האָבן פראַנק און פריי געבאַלעבאַטעוועט אין עגיפּטען, אַזוי זיינען זיי אויך געגאַנגען מיט זייער אייגענעם דרך אין רעליגיעזע ענינים. זיי האָבן זיך אַנטזאָגט פון די געטער פון לאַנד און האָבן מיטגעבראַכט זייער אייגע־

נעם גאט. „קעניג אפאפי" — הייסט עס אין א פאפירוס — „האט ניט געדינט קיין גאט פונ'ם לאנד א חוץ סוטעך'ן און ער האט איהם אויסגעבויט א פראכטיגען טעמפעל און האט אלע טאג צו איהם געאפפערט." סוטעך איז געווען ביי די עגיפטער דער גאט פון מדבר און פון אויסלאנד, און ער ווערט שפעטער אינדענטיפיצירט מיט'ן כנעני'שען „בעל". וואס פאר נאמען סוטעך זאל ניט האבען געטראגען ביי די היקסאס, איז ער אבער אויף יעדען פאל געווען איינער פון די סעמיטישע „בעלים".

די פארטרייבונג פון די פרעמדע הערשער איז פארגעקומען ביים אנהויב פון 16. יאהרהונדערט. עס קומען צו לאנגע מלחמות צווישען די פירשטען פון טעבען און די פרעמדע הערשער, וועלכע זיצען אין דער דעלטא. אלס דער אמת'ער באפרייער ווערט אנגעזעהן אאמעס דער ערשטער, דער ערשטער קעניג פון דער 18. דינאסטיע. אויארים איז דאן א לאנגע צייט באלאגערט געווארען, און עס גיט זיך צום סוף איין די עגיפטער צו עראָבערן די הויפט־שטאדט און ארויסצוטרייבען די פיינד פונ'ם לאנד. די עגיפטער יאגען זיי נאך ביז אין דרום־פאלעסטינא, אזש ביז פעניקיען און דרום־סיריען; און עס ווייזט אויס, אז עס איז נאך געקומען צו לאנגע און ביטערע מלחמות אויך אויף יענער זייט פון עגיפטישען גרעניץ.

די נצחונות פון אאמעס האבען נאטירליך געהאט א שטארקע ווירקונג אויף עגיפטען און איהר קאנסטיטוציע. עגיפטען ווערט איצט אן אבסאלוטע מיליטערישע מלוכה און גלייכצייטיג אויך א מלוכה פון עראָבערער. פארטרייבענדיג די היקסאס האבען די עגיפטישע ארמייען אויספּרובירט זייערע כוחות אויף די באפעסטיגטע סירישע שטעדט, אבער זיי האבען אויך פארזוכט דעם טעם פון רייכער מלחמה־רויב. קיין חידוש ניט, וואס די עגיפטישע פאליטיק ווערט איצטער ווידער וועלט־פאליטיק און די פרעה'ס האלטען ווידער איצט שטענדיג זייער אויג אויף סיריען.

דעם אנהויב האט שוין געמאכט אאמעס'עס נאכפאלגער אמענהאטעפּ דער ערשטער (ארום 1550). עס זעהט אויס, אז ער האט אנגעשפּארט ווייט אין צפון, עס קאן זיין ביז צום פרת. זיין נאכפאלגער טהוטמאס דער ערשטער, האט ארום 1530 אונטערנומען אן עקספּעדיציע קיין סיריען, אויף וועלכער ער איז אריינגעדרונגען ביז אין נאהארינא (נהרים), אין דער געגענד פון צפון־סיריען, וואו דער פרת גיט זיך א בויג נאהנט צו סיריען צו. ער ריהמט זיך, אז ער האט דארטען געמאכט א בלוטיגע שחיטה צווישען זיינע פיינד. ער שטעלט אויף אין יענער געגענד א גרעניץ־שטיין. וועלכער

שטעלט פאר דעם צייכען פון זיין אויבערהערשאפט איבער די געגענדען אין דרום־ און מערב־זייט פונ׳ם שטיין. פאלעסטינא און סיריען מוזען פון איצט אן צאהלען טריבוט צו עגיפטען.

ס׳איז געווען די צייט, ווען אין יענע געגענדען האבען זיך ארומגע־טומעלט אלערליי צוגעוואנדערטע עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען קרובים מיט די היקסאס. צוליב אט די עלעמענטען איז די אלט־באבילאנישע מלוכה אליין שוואכער געווארען. אט דא האבען מיר אויך איינעם פון די פונקטען, ביי וועלכען מיר קאנען זיך פארשטעלען, אז די שבטים פון די ע ב ר י ם זיינען אריינגעדרונגען אין לאנד אהן שוועריגקייטען. אין אזא לאגע האט עגיפטען געהאט א טאפעלטע אורזאך זיך אריינצומישען. די קרובים פון די היקסאס אדער בכלל די פעלקער און מלוכות, וואס זיינען געשטאנען מיט זיי אין עפעס א פארבינדונג, זיינען שטענדיג געווען א גע־פאהר פאר עגיפטען ווי לאנג מ׳האט זיי ניט געהאלטען אונטערטעניג. דערצו האט די אפשוואכונג פון דער באבילאנישער מאכט געצווינגען די פרעה׳ס צו פארכאפען די רייכע הפקר׳ע ירושה וואס איז געבליבען אין סיריען און ביים פרת.

אויך טהוטמאס דער צווייטער האט, ווי עס ווייזט אויס, ארום דעם יאהר 1490 אונטערנומען א מיליטערישע עקספעדיציע, וואהרשיינליך כדי פון דאס ניי צו צווינגען דאס לאנד איהם דעם טריבוט צו צאהלען. דאך אבער האט זיך דאס איהם געמוזט איינגעבען נאר צום טייל און ניט אויף לאנג. וואָ־רים די באריכטען פון טהוטמאס דעם דריטען ווייזען אונז דייטליך, ווי שטארק מ׳האט זיך געשטעלט אנטקעגען דער עגיפטישער ממשלה. די מלכים פון פאלעסטינא און סיריען האבען זיך פאראייניגט צו קעמפען געגען דעם עגיפטישען יאך. בראש שטעהט דער מלך פון קדש ביים טייך אראנטעס. צעהן יאהר לאנג האט טהוטמאס דער דריטער געפיהרט מלחמות ביז עס גיט זיך איהם איין איינצונעמען די באפעסטיגטע הויפטשטאדט און די געגענד וואס ווערט פון איהר באהערשט. אבער נאך איינמאל רעוואלטירט קדש, אהן א ספק אונטערשטיצט פון אסך וואסאלען, און ערשט כמעט נאך א צוואנציג־יעהריגען קאמף האט טהוטמאס סוף כל סוף די שטאדט און דאס לאנד ענדגילטיג אונטערווארפען. אין סך־הכל האט טהוטמאס געמאכט 17 פעלד־צוגען קיין סיריען און ערשט אויף דעם זיבעצעהנטען פעלד־צוג האט זיך איהם איינגעגעבען צו ברעכען דעם לעצטען ווידערשטאנד פון זיינע אזיאטישע פראווינצען.

ערשט מיט טהוטמאס׳עס לעצטען נצחון איבער קדש האט די ממשלה

פון די היקסאס דערגרייכט איהר אמת'ען סוף. ווארים די מאכט פון קדש איז בלי ספק געווען באגרינדעט אויף דעם, וואס זי האט פארשטאנען אנ־צונעמען די ראלע פון א פיהרערין צווישען די פאלעסטינישע און סירישע שטעדט, און דער הארטער ווידערשטאנד וואס אט די שטעדט האבען כסדר אלץ פון דאס נייע ארויסגעוויזען געגען עגיפטען, ־ט בעצם געשטאמט דערפון וואס די רעשטען פון די היקסאס, וועלכע זיינען ארויסגעטריבען גע־ווארען פון עגיפטען, האבען געפונען א שטיצפונקט אין סיריען און האבען דארטען כסדר אלץ געקאנט העצען צו א ווידערשטאנד. דערפאר האט אויך די שפעטערע טראדיציע געפייערט טהוטמאס דעם דריטען אלס דעם אמת'ען און ענדגילטיגען באפרייער פון עגיפטען פון דער פרעמד'הערשאפט. נאך אין דורות ארום איז דער נאמען פון דעם גלענצענדען העלד פון עגיפטען און דעם ערשטען גרינדער פון אן אמת'ער וועלט־מלוכה געווען דער שרעק פון אלע סירישע שבטים, און סירישע וואסאלען, פארלאזען פון עגיפטען, באשווערען ביי זיין גרויסען נאמען די שפעטערע פרעה'ס, אז זיי זאלען זי־ העלפען.

טהוטמאס האט ערֹאבערט נאהארינא, איז צוגעקומען אזוי וויים ווי ביז אלעפא און ביז כרכמיש ביים פרת און איז אפילו אריבערגעגאנגען דעם פרת, „דאס וואסער פון נאהארינא". דערמיט איז ער אריינגעדרונגען אין דער טעריטאריע פון'ם קעניג פון מיטאני. ער מאכט דארטען א גרויס גע־יעג אויף עלעפאנטען, וואו ער שטעלט זיין לעבען אין סכנה און כאפט 120 עלעפאנטען. די מלכים פון נאהארינא אונטערווארפען זיך אונטער איהם בבל גופא און די חתים שיקען איהם מתנות, און אפילו דער אינזעל ציפערן און דער גאנצער מזרח פון מיטעללענדישען ים בייגען זיך פאר דער עגיפ־טישער הערשאפט.

עגיפטען איז פון איצטער געווארען די שטאלצע וועלט־באהערשערין. ניט בבל, ניט די מלוכות פון צפון האבען מעהר ניט געזאגט קיין דעה אין פאליטישע ענינים. אלע באפעסטיגטע שטעדט אין סיריען און פאלעס־טינא זיינען געווען באזעצט מיט עגיפטישע גארניזאנען; דיפלאמאטישע און מיליטערישע פארטרעטער פון פרעה'ן האבען געבאלעבאטעוועט אי־בער'ן לאנד. וואס איז אגב געבליבען אונטער דער הערשאפט פון זיינע היי־מישע מלכים, אויב עס האט געצאהלט מיט'ן גוטען ווילען דעם טריבוט. מ'דארף ניט ברייגען קיין ספעציעלע ראיות צו ווייזען, אז ניט בלויז הא־בען אומגעצעהלטע רייכטימער פון דער גאנצער וועלט זיך אויף אזא'ן אופן אריינגעגאסען אין טעבען און איז אין די האנדעלס־פלעצער פון דער דעלטא,

נאָר אויך אומגעקעהרט, אז אסך עגיפּטישע פּראָדוקטען זיינען געקומען אין סיריען און אז א שטאַרקע כוואַליע פון עגיפּטישען לעבען און דענקען האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד, פון זיין דרום-גרעניץ אַז ביז צום גרעניץ פון קליינ־אזיען און ביז צום ברעג פון פּרת.

ווען ניט ווען האָבען נאָך די נעכסטע נאָכפאָלגער פון טהוטמאָס דעם דריטען געמוזט אונטערדריקען אן אויפשטאַנד. זיי באַהערשען אָבער אַלע מאָל די סיטואַציע. אַט אַזוי האָט אַמענהאָטעפּ דער צווייטער גלייך ביים אנ־הויב פון זיין רעגירונג געהאַט צו טאָן מיט א שטאַרקער פאַראייניגונג פון די פירשטען פון נאהארינא און מיטאַני און אויך פון לבנון. ער באַזיגט צו־ערשט די לעצטע ביי אַן אָרט פון די לבנון-געגענדען מיט א מערקווירדיגען נאָמען „שעמעש־עטעם“, וואָס באַדייט פּיליכט „שמשי־אדום“, אדום איז מיין זון. דאָן צעשלאָגט ער די איבעריגע געגנער זיינע, און, עהנליך צו א רוימישען אימפּעראַטאָר, ציהט ער אריין מיט טריאומף אין מעמפיס און טע־בען — איבער 500 סירישע פירשטען באַצירען זיין טריאומף־צוג: זיבען פון זיי אָפּפּערט ער מיט זיין אייגענער האַנט צום גאָט אַמאָן און הענגט אַרויס עפּענטליך זייערע טויטע קערפּערס, כדי אַנצוואַרפען א שרעק. אויך טהוט־מאָס דער פיערטער, וועלכער האָט רעגירט פון 1420 ביז 1411 ציהט נאָך איין מאָל קיין נאהארינא: דאָן אָבער גיט זיך איהם איין צוצובינדען דאָס לאַנד צו זיך מיט א דויערנדיגען באַנד. די טאָכטער פון דעם מיטאַני־קע־ניג אַרטאַטאַמאַ ווערט זיין פרוי און די מוטער פון אַמענהאָטעפּ דעם דרי־טען, און מיט באַבילאָניען קומט עס צו א מין אָפּמאַך. די לאַגע פון עגיפּ־טען איז דערמיט געוואָרען פאַרשטאַרקט און פאַרזיכערט אין אַלע זייטען. ס'איז אָבער דערין גופא געלעגען די סכנה פון אָפּשוואַכונג. און פּיליכט דאַרף מען אויסטייטשען דעם אָפּמאַך און די הייראַט ניט מעהר ווי אַלס א צייכען, אַז עגיפּטען האָט געמוזט נעמען שטאַרק ערנסט דאָס שטופּען זיך פון די קריגס־פעהיגע חתים קיין סיריען.

## 3.

## די אמארנא-צייט.

ביים סוף פון'ם יאָהר 1887 האָט מען אַנטדעקט א גרעסערע צאָהל טאָוולען פון ליים אין דער געגענד פון דעם היינטיגען בעדואינער־שבט על־אמארנא איז א בערגיל פון א חורבה (טעל, תל) אַרום 300 קי־

לאמעטער אין דרום־זייט פון קאאירא. זיי ווערען אנגערופען ע ל ־ א מ א ר ־ נ א ־ ט א ו ו ל ע ן אדער מעהר בקיצור א מ א ר נ א ־ ט א ו ו ל ע ן. אין סך־הכל באטרעפט זייער צאהל איבער 360; און ניט אלע האבען זיך דערהאלטען. דער ארט פון דער מציאה שטימט מיט דעם אינהאלט:ביידע ווייזען, אז מ'האט דא אנטדעקט א קעניגליכען ארכיוו.

די טאוולען זיינען באשריבען אין דער באבילאנישער שריפט פון די פלעקלעך (כתב־היתדות) און א חוץ דריי זיינען זיי אלע אין דער באבילאניש־אשורישער שפראך. נאך זייער אינהאלט נאך זיינען זיי כמעט אהן אן אויס־נאם בריף, דער גרעסטער טייל פון זיי געשריבען צו פרעה'ן, א קלענערער טייל שטאמען פון פרעה'ן. די שרייבער פון די בריף צו פרעה'ן זיינען כמעט אלע פאדעראציאטישע מלכים און פירשטען. אויסער די מלכים פון בבל, אשור, מיטאני, האטטי (חתים), נאך באזונדערס פרעה'ס וואסאלען פון סיריען און פאלעסטינא. דער פרעה פון די בריף איז אהן אן אויסנאם ענטוועדער אמענהאטעפ דער דריטער אדער דער פערטער. דערפון זעהט מען שוין די צייט. פאר דער געשיכטע פון פאלעסטינא און די ארומיגע לענדער האט די פאליטישע קארעספאנדענץ פון די אמארנא־טאוולען די העכסטע באדייטונג. עס האט זיך אונז דורך זיי געעפענט לגמרי א נייער, רייכער און פיעל־זייטיגער אריינקוק אין דער פאליטישער לאגע פון יענער צייט און אין איהרע קולטורעלע פארהעלטענישען. זעהר פיעל, וואס איז אונז פריהער געווען טונקעל, אדער פון וואס מיר האבען לחלוטין קיין שום ידיעה ניט געהאט, איז אונז פלוצלונג דורך די אמארנא־טאוולען געווארען ליכטיג און קלאר. ס'איז דעריבער ניט קיין גוזמא ווען מען באצייכענט די אנטדעקונג פון די דאזיגע טאוולען אלס א געשעהעניש פון אן עפאכע־מאכענדער באדייטונג פאר דער וויסענשאפט פון אלטען מזרח.

דאס וואס די בריף קומען אן צו פרעה'ן פון אלע זייטען: פון בבל, אשור, דעם לאנד פון די חתים, מיטאני, ציפערן, צפון־ און דרום־סיריען, מאכט קלאר די וועלט־שטעלונג וואס עגיפטען האט ביסלעכווייז באקומען. נאך מעהר, די שרייבער פון די בריף זוכען אלע עגיפטען'ס פריינדשאפט, און די סירישע וואסאלען בפרט חנפ'ענען פרעה'ן מיט אן אומווירדיגער הכנעה און רופען זיך אן „דער שטויב פון דיינע פיס". „דער טראן וואס דו זיצסט אויף איהם". „דאס פוסביינקעלע פון דיינע פיס", אדער אפילו „דיין הונט" און דיין „פערד־קנעכט". אבער נאך דייטליכער ווי אט דעם פאקט ברייגנען די בריף אויך ארויס דעם אנדערען פאקט, אז עגיפטען'ס מאכט איז שוין

געווען אריבערגעגאנגען דעם העכסטען פונקט איהרען און אז זי האט שוין אנגעהויבען אויסערגעווערהנליך שנעל צו זינקען.

נאך טהוטמאס דעם פערטען באשטייגט דעם טראן זיין שוין דערמאנ־טער זוהן אמענהאטעפ דער דריטער (1375־1411). תחילת געפינען מיר ניט קיין סימן פון אן אפשוואכונג פון פרעה'ס מאכט. אדרבה, אמענהאטעפ דער דריטער ווייזט ארויס מאכט אין יעדען פרט. בריף מיט דערקלערונגען פון טרייקייט פון די הערשער פון בבל, מיטאני און די אנדערע לענדער לאזען ניט קיין צווייפעל וועגען דעם: און זיין הערשאפט אין אזיען האט נאך גע־האט די מעלה געגען דער הערשאפט פון זיינע פארגעגנער. וואס ער האט ניט אזוי ווי זיי נויטיג געהאט זי בסדר צו פארטיידיגען מיט'ן שווערד אין האנט. די פארבינדעטע און באפריינדעטע הערשער פון בבל, אשור, מיטאני א. אז. וו., „די ברידער", ווי זיי רופען זיך אז, ווערען נאך דעריין אריבער־געשטיגען פון די וואסאלען פון סיריען און פאלעסטינא. קיינער דענקט דא ניט מעהר זיך צו שטעלען אפען געגען פרעה'ן. יעדערער פון די מלכים זוכט אריבערצושטייגען דעם אנדערען אין פארזיכערען זיין טרייקייט און הכנעה. פרעה האט אויך אומעטום זיין פארטרעטער. עס ווייזט אויס, אז אין יעדער גרעסערער שטאדט איז געזעסען איינער. די קליינע פירשטען פון סיריען אנערקענען אין זיי מיט'ן גוטען ווילען פרעה'ס אויבער־ממשלה. די דאזיגע פארטרעטער פרעה'ס האבען ביי דער האנט גארניזאנען, כדי צו דערמאנען א וואסאל מיט א שוואכען זכרון וואס ער האט צו טאן. וואהרשיינליך מוזען די וואסאלען גופא זיי אויסהאלטען. און עס ווייזט אויס, אז פרעה'ס גובער־נאטארען האבען מיט דער הילף פון די גארניזאנען איינגעפיהרט א שטרענ־גען רעזשים אין לאנד, אזוי אז אנשטאט דער פריהעריגער אנארכיע און דעם פויסט־רעכט האט איצט געהערשט רוה און ארדנונג.

פאקטיש דארף, דוכט זיך, פרעה זיך מעהר ניט קימערען מכוח די ענינים אין אזיען. ער קאן דערפאר אנווענדען דעם רייכטום, וואס האט אהן א מאס אריינגעשטראמט אין עגיפטען פון אלע פראווינצען, פאר די אויפגאבען און די קונסטען פון פרידען. עס אנטשטעהען איצט אומעטום פרעכטיגע טעמפלען און גראנדיעזע בנינים. א לוקסוס, פון וועלכען מ'האט פריהער ניט געוואוסט, פארשענערט און באווייכערט איצט דאס לעבען. א שענער סטיל אין בויען ווייזט דעם פיינעם געשמאק פון דער צייט, און אין טעבען ווערען איצט געפייערט אמת'ע טריאומפען פון דער בוי־קונסט אינ'ם גרעסטען סטיל און אין דער שענסטער פראכט.

אבער די רוה אין אזיען איז געווען נאר א שיין וואס נארט דאס אויג.

וואס לענגער פרעה בלייבט פון ווייטען, אלץ זיכערער ביי זיך ווערען די הערשער און וואסאלען אין דרויסען.ביים סוף פון זיין רעגירונג ווייזען זיך שוין ערנסטע סימנים פון א צערודערונג. די חתים רייסען זיך אריין אין דער געגענד פון מיטאני, און זיי דרינגען אריין ביז אין דעם עגיפטישען וואסאלען־לאנד ביים צפון פון אראנטעס. איינצעלנע פון די סירישע וואסאלען ביז אראפ אין דער געגענד פון דמשק נוצען אויס די אומזיכערקייט פון דער לאגע און שפרייטען אויס זייער גרעניץ אויף פרעה׳ס חשבון. נאך פארפלאנטערטער ווערט די לאגע דורך דעם, וואס סעמיטישע נאמאדען־שבטים, די ה א ב י ר י, רייסען זיך איצט אריין פון מדבר אין סיריען און אין פאלעסטינא. נאר א שנעלע אריינמישונג פון פרעה׳ן גופא מיט א גרויסער מיליטערישער מאכט וואלט איצט געקאנט באפעסטיגען די עגיפטישע אויבער־ממשלה. אנשטאט דעם אבער איז דער אלט־געווארענער, פון מלחמות לאנג שוין אפגעוועהנטער אמענהאטעפ דער דריטער, געבליבען אין דערהיים. זיינע חילות האבען געקאנט צוריקהאלטען אויף א ווײלע די אומרוהיגע עלעמענטען און אויך באשטראפען פאר א מאמענט אומגעטרייע וואסאלען. זיי האבען אבער ניט געהאט דעם כוח אויפצוהאלטען אויף לאנג די חתים. וועלכע האבען זיך געשפארט מיט א מאכט צו דרום צו, און אז דער פרעה איז געשטארבען ארום 1375 נאך א 36 יעהריגער רעגירונג, האט עגיפטען׳ס מאכט אין אזיען שוין געהאט באקומען א שטארקען קלאפ.

וואלט איצט באשטיגען דעם טראן פון די פרעה׳ס א מאן, אין וועמען דער גייסט פון דעם גרויסען טהוטמאס דעם דריטען וואלט נאך אמאל לעבעדיג געווארען, וואלט געוועזן נאר וואס די רעכטע צייט צו ראטעווען עגיפטען׳ס שטעלונג אין אזיען, וואס איז אזוי שטארק צעטרייסעלט געווארען. אנשטאט דעם איז עס געוועזן דער מזל פון עגיפטען צו זעהן ווי א יונגער פאנטאזיאר באשטייגט דעם טראן, איינער וואס איז פון קיין זאך ניט געוועזן אזוי ווייט ווי פון פארשטעהן פראקטישע מלוכה־פיהרונג און פאליטישע נויטווענדיגקייטען. צוליב רעליגיעזע שטרעבונגען, וועלכע מאכען די גרעסטע עהרע זיין לייכטענדען גייסט, האט אמענהאטעפ דער פערטער — ער האט רעגירט ביז 1358 — פארזאמט דעם אנטשיידענדען מאמענט פאר עגיפטען׳ס צוקונפט אין אזיען. יענע גייסטיגע זייט פון זיין פערזענליכקייט וועט אונז נאך שפעטער באשעפטיגען: דא אינטערעסירט אונז נאר זיין שטעלונג צו די פאליטישע ענינים. ביים אנהויב פון זיין רעגירונג האבען, ווי דער שטיינער איז, ניט אויסגעפעהלט קיין פארזיכערונגען וועגען נעמען אן אנטייל אין׳ם שמערץ איבער דעם פאטער׳ס טויט און קיין אויסדרוקען פון פריינד־

שאפט און איבערגעבענקייט צו דעם נייעם פרעה. מ'האט דאך ניט געקאנט ווייסען ווי ער וועט זיך אנטוויקלען. אבער גענוג גיך האט מען זיך איז אזיעז באַרוהיגט וועגען דעם: און די שכנים און וואסאלען האבען מעהר ניט געהאט קיין מניעה פארטצוזעצען קרעפטיג און אהן מורא דאס שפיל וואס האט זיך שוין אנגעהויבען אונטער'ן פאטער. אויף אַט דעם אופן האט עס געקאנט קומען דערצו, אז באלד נאך דעם אריבערגאנג פון 15. צום 14. יאהרהונדערט, אויף יעדען פאל אבער זינט ארום 1370, שטעהען סיריען און פאלעסטינא כמעט נאר לויט דעם נאמען אונטער עגיפטישער הערשאפט. אין צפון שפרייטען זיך אוים די חתים כמעט ביז צו די גרעניצען פון כנען גופא, און אין דרום, וואס ווערט אנגערופען כנען איז אז ענגערען זין, האלט די עגיפטישע אויבער־ממשלה איז גאנצען ביים צעפאלען, אז מ'קאן זי שוין באמת גאר ניט נעמען מעהר ערנסט.

בכלל גיבען אונז די אמארנא־בריף א רעכט טרויעריג בילד פון דער אלגעמיינער לאגע אין סיריען און בפרט אין פאלעסטינא; אפיציעל הערשט דארטען עגיפטען, אבער קיינער נעמט איהר הערשאפט ניט ערנסט. דער גרויסער האר ביים נילוס איז נאך אלץ צו מעכטיג, אז מ'זאל וואגען אפען אראפצוווארפען זיין יאך: דערפון שטאמט אומעטום אין די ווערטער פון די וואסאלען די טיפסטע איבערגעבענקייט, פון וועלכער עס הערט זיך הכנעה. אבער ווייסענדיג, אז דער פרעה איז ווייט און ער האט צו טאן מיט גאנץ אנדערע און נויטיגערע זאכען ווי זיך צו קימערען ערנסט וועגען די עניניב אין צפון־זייט פון סיני, טוט יעדערער הינטער זיין רוקען וואס ער וויל. עס פעהלען דא ניט קיין געהיימע צוזאמענרעדענישען פון די וואסאלען מיט פרעה'ס פיינד: דערביי שוויבעלט עס און גריבעלט מיט קנאה־שנאה און מחלוקת פון די קליינע פירשטען צווישען זיך גופא, און איינער קלאגט זיך ביים גרויסען האר אויף דעם אנדערען.

געגויער באטראכט, זיינען עס דריי עלעמענטען, וואס ביי דער נאכלעסיגקייט פון אמענהאטעפ דעם דריטען און באזונדערס פון אמענהאטעפ דעם פערטען, ברענגען זיי אין געפאהר די עגיפטישע הערשאפט: די שכנות'ע מלוכות אין צפון און צפון־מזרח, די קליינע הארען אינ'ם איינענעם לאנד און די בעדואינער, וועלכע רייסען זיך אריין פון דרויסען.

פון די שכנים זיינען די ערגסטע די שוין אסך מאל דערמאנטע חתים. אזוי גיך ווי די שטארקע האנט פון עגיפטען האט זיך ניט געלאזט מעהר פיהלען, האבען פון דאס ניי זיך אנגעהויבען שטארק צו ריהרען אַט די שכנים פון צפון, וועלכע האבען שוין אהן דעם זיך שטענדיג געשפארט צו דרום־

סיריען און פאלעסטינא און וועלכע זיינען אין איינצעלנע עלעמענטען שוין געווען דארטען באזעצט. אויך וואס פאר אן אופן זיי רוקען זיך אלץ ווייטער אין סיריען און פעניקיען, ווייזען די קלאגען פון די דארטיגע פירשטען. דער קעניג ריב־אדי פון געבאל (גבל, ביבלאס) אין פעניקיען קלאגט זיך, אז די חתים האבען שוין פארוויסט די געגענד ארום זיין שטאדט. פונקט אזוי באריכטעט אבי־מילקי (אבי־מלכי) פון צור וועגען זיי אין אזא פארם, אז מ'קען זעהן, אז זיי שטעהען שוין נאהנט צו צור. אז זיי זיינען פיינדליך צו מיטאני און זיי דריקען שטארק צפון־סיריען, איז זעלבסטפארשטענדליך.

אבער אויך די באבילאניער און די מיטאני זיינען אונטער אזעלכע אומשטענדען רעכט אומבאקוועמע שכנים, וועלכע קענען יעדען אויגענבליק אויסנוצען די געלעגענהייט אנצוטאן עגיפטען צרות. אשור, ווי עס ווייזט אויס, שטעהט נאך, פארמעל אויף יעדען פאל, אונטער באבילאנישער אויבער־הערשאפט, און איז נאך דערווייל ניט קיין געפעהרליכער קאנקורענט פון דער אימפעריע פון די פרעה'ס. די קאסיטישע פירשטען אבער פון באבילאניען, כאטש פון פרעה'ן רעכט ברוטאל באהאנדעלט, אויך די מיט מעהר איינזעהעניש באהאנדעלטע מלכים פון מיטאני, פאראורזאכען שוין קלאגען און זארג. אט אזוי באקלאגט זיך ריב־אדי, אז זיין געגענד האט געמאכט שותפות מיט זיי, און מ'קאן ניט וויסען, וואס עס וועט נאך ארויסקומען דערפון פאר עגיפטען. מען איז געניי̇גט צו דער השערה, אז אויב זיי האבען בכלל זיך דאך געהאלטען ווי עס איז רוהיג, איז עס געווען ניט אזוי צוליב דעם יראת הכבוד פאר פרעה'ס מאכט, ווי גיכער צוליב דעם ריוח וואס זיי האבען געקראגען פון דעם האנדעל מיט עגיפטען.

באזונדערס באלעהרענד איז דאס בילד וואס מיר באקומען פון פרעה'ס וואסאלען אין סיריען און פאלעסטינא גופא. דא ווערען דערמאנט די קליינע מלכים און פירשטען פון צור, צידון, ביירוט, ביבלאס, עכו, סימירא, ירושלים, גזר, חצור און אנדערע שטעדט און געגענדען. ביי זיי שטעהט אויך דער טאגעס־ארדנונג די מלחמה פון אלעמען געגען אלעמען צוזאמען מיט אלערליי קאנספיראציעס און צונויפרעדענישען געגען דעם גרויסען האר אין עגיפטען.

א גרויסען טייל פון די אמארנא־בריף פילען אויס אט די קלאגען און טענות און פארשטעלטע תירוצים. א באזונדערס פארדעכטיגע ראלע האבען געשפילט די גובערנאטארען פונ'ם אמורו־לאנד אבדי־אשירטא און זיין זוהן אזירו. דאס לאנד פון אמורי באצייכענט אין אונזער צייט די געגענד אין צפון־זייט פון ביירוט, בכן באזונדערס דעם לבנון און אנטי־לבנון. עס

גרעניצט זיך אין דרום־זייט מיט ק י נ א ה נ א (כנען), וועלכע ווערט שטרענג אפגעשיידט פון אמורו. די שטעדט פון אמורו־לאנד זיינען צומור, גובלא־ביבלאס, ביירוט און אנדערע. די פארהעלטענישען אין דער דאזיגער געגענד זיינען ניט רעכט קלאר פאר אונז. נאטירליך איז אמורו געווען, ווי גאנץ סיריען פאר דער אמארנא־צייט, אן עגיפטיש וואסאלען־לאנד. דאס שטופען זיך פון חתים ווייטער קיין דרום איז געווען די ערשטע אור־זאך פאר ערנסטע פלאנטערס. אבדי־אשירטא איז קענטיג פרעה'ס רעגענט אינ'ם אמורו־לאנד און אז די חתים האבען אנגעהויבען זיך ווייטער צו רו־קען, האט ער זיך איז אנהויב געהאלטען טריי ביי זיין אמט. אזוי אבער ווי ער איז ניט גענוג אונטערשטיצט געווארען פון פרעה'ן ווערט ער אליין אומגעטריי. ער ווערט דער אנפיהרער פון די פיינדליכע סא־גאז און מאכט דאס גאנצע לאנד פון אמורו זיך אפצוקעהרען פון פרעה'ן. פון פרעה'ס א פאר־טרויטען מאן איז ער געווארען א העלפער און נאכמאכער פון די חתים. נאך זיין טויט ירש'עט איהם זיין זוהן אזירו. אזוי ווי פרעה האט זיך ניט אריינגעמישט, האט ער אויך נאכגעפאלט דעם ביישפיל פון די חתים, און, קענטיג, נאך מיט מעהר הצלחה. מיט פשוט'ער געוואלד עראבערט ער גע־גענדען, וועלכע שטעהען אונטער אנדערע גובערנאטארען אדער פירשטען. ער בארויבט פרעה'ס קאראוואנען, באלאגערט און דריקט שטעדט ווי סימירא און טוניפ, און ווי שטארק זיי זאלען זיך ניט קלאגען ביי פרעה'ן, ווייסט ער אלצדינג צו נישט צו מאכען דורך פארזיכערונגען פון טרייקייט און דורך הויכגעשטעלטע מליצים.

א באזונדערס רייכע קוועלע פאר'ן שטודיום פון די דאזיגע פארהעלטע־נישען זיינען די פיעלע בריף פון ריב־אדי פון ביבלאס אין פעניקיען. עס הערען זיך אין זיי בקשות פאר הילף געגען אזירו און זיין פאטער אבד־אשראט, אבער אהן ערפאלג. אומזיסט ווייזט ער אז פרעה'ן אויף די שלעכ־טע רעזולטאטען פון דער דאזיגער העזה פאר דער עגיפטישער הערשאפט—עס זעהט אויס, אזוי ווי מ'וואלט גאר אין הויף קיין אויער ניט געהאט דערפאר. ריב־אדי'ס געדריקטע לאגע און זיין ערגערניש איבער דער גלייכגילטיג־קייט פון דער רעגירונג געהט אזוי ווייט, אז ער סטראשעט פשוט, אז אויב מ'וועט איהם ניט ענטפערען און זיינע שלוחים וועלען נאך אויסגערויבט ווערען, וועט ער קיין אנדער ברירה ניט האבען ווי מאכען שותפות מיט דעם פארהאסטען געגנער, ווי אנדערע האבען עס שוין געטאן, אדער ער וועט לאזען זיין שטאדט און אנטלויפען.

אויך אט דער סטראשונאק האט ניט געווירקט, און נאכדעם ווי ריב־אדי האט

לאנג געווארט און ס'איז איהם סוף כל סוף געבליבען נאר די שטאדט ביב־לאס, האט ער זי געמוזט לאזען פאלען אין אזירו'ס הענט. אין הויף האט מען שוין כלומר'שט אנגעהויבען עפעס צו טאן וועגען דעם. א פאדערונג איז געשיקט געווארען, אז מ'זאל ארויסגעבען די שולדיגע און אז אזירו זאל פערזענליך ערשיינען אין א יאהר ארום. אזירו האט שוין אבער געהאט ידיעות פאראויס פון אלץ וואס געהט דארטען פאר און דורך קלוגע תירוצים און העזה'דיגע אפלייקענונגען האט ער צו גארנישט געמאכט אלע מיטלען, וואס מ'האט אנגענומען געגען איהם. צום סוף, ווי עס זעהט אויס, איז ער גאר דערהויבען געווארען פון דער עגיפטישער רעגירונג צום קעניגליכען גו־בערנאטאר און איז דערמיט פאקטיש באשטימט געווארען צום האר פון אמורו־לאנד. אהן א ספק האט מען געגלויבט, אז דער איינציגער וועג ביי־צוקומען זיין רמאות און זיין טעטיגע קראפט איז זיי צו שטעלען אינ'ם דינסט פון דער רעגירונג. אגב, ווייזט אויס, איז עס געווען בעסער צו האבען איין גרויסען גנב און רויבער אין סיריען איידער אסך קליינע. דעם ארט פון פויסט־רעכט האט איצט פארנומען די טיראניי פון א שטארקען מאכטהאבער. דאס אלצדינג אבער ווייזט דייטליך ווי שוואך און ראטלאז די עגיפטישע רעגירונג איז געווען. — ווי לאנג אזירו איז באמת טריי געווען פרעה'ן, ווייסען מיר ניט. ביי דער אויבערמאכט פון די חתים האט איהם אויך געמוזט זיין שווער זיך צו האלטען געגען זיי אויף זיין צפון־גרעניץ. ער האט דעריבער גאך א געוויסער צייט — ביי פרעה'ס שוואכ־קייט האט ער קיין אנדער ברירה ניט געהאט — זיך פאקטיש געשטעלט אונטער'ן שוץ פון די חתים און ווערט אלס „קעניג פון אמורו" זייער וואסאל. אז אפמאך רעגולירט די גרעניצען.

כמעט נאך ערגער זיינען די פארהעלטענישען ווייטער אין דרום. וואס ווערט אנגערופען כנען איז אז ענגערען זין. די פירשטען פון די פעניקישע האפען־שטעדט פארשטעהען אויסצונוצען אלצדינג לטובת זייער האנדעל. קיין מיטעל פון קריכעריי און מסירה איז ניט צו נידעריג פאר זיי, ווען עס האלט ביים קריגען לייטזעליגקייט אין פרעה'ס אויגען. אין דער געגענד פון גזר און אין מיטעלסטען טייל פון לאנד שפילט דארטען א גרויסע ראלע איי־נער א געוויסער לאפאיא, דאך אבער האט ער, ווי עס ווייזט אויס, געכאפט א מיאוס'ען אפשניט פון די פאראייניגטע הויפטלינגען. מעהר ווי אלץ זיינען כאראקטעריסטיש די פארהעלטענישען אין ירושלים. די שטאדט גופא שטעהט אונטער א גובערנאטאר מיט'ן נאמען אבדיחיבא. ער האט זיך אסך צו באקלאגען, ווארים זיין האנט איז געווען געגען יעדערען און יעדערען'ס האנט

איז געווען געגען איהם. גזר, אשקלון, לכיש, מילכיאל, א פירשט פון א גע־גענד פון פלשתים און זיין שוועהר טאני, די משפחה פון לאפאיא און נאך מאנכע אנדערע געגענדען און פירשטען זיינען איהם שונאים. קיין חידוש ניט דעריבער וואס די „האבירי" צעשפרייטען זיך אלץ מעהר און אפילו די קאראוואנען פון דעם קעניג גופא ווערען אויסגערויבט.

ווער דאס זיינען די דאזיגע האבירי איז נאך ביז אויף היינט ניט אין גאנצען קלאר. אהן א ספק האבען מיר דא צו טאן מיט הארדען פון בעדואינער, וועלכע, זיך ארייגרייסענדיג פון דער סטעפע אין מזרח, האבען אויסגענוצט די מהומות אין כנען און אויף אט דעם אופן געהאפט צו קענען פארנעמען איינציגע טיילען פון'ם לאנד. עס לאזט זיך אננעמען די השערה, אז ניט בלויז טראגען זיי דעמזעלביגען נאמען ווי די עברים, נאר זיי געהערען טאקע אויך פאקטיש צו דערזעלביגער גרופע. צו זעהן איז די האבירי גראד אויס די „בני ישראל", דאס נאטירליך שיקט זיך ניט. אבער זיי האבען דארטען געקאנט קומען דורך דערזעלביגער באוועגונג, וועלכע האט געמאכט די ישראל־שבטים צו וואנדערען און אריינצודרינגען אין פא־לעסטינא. די עברים, וועלכע מיר באצייכענען אלס „קינדער פון ישראל", האבען אויך ניט געמוזט זיין עפעס אנדערש ווי אן איינצעלנער צווייג פון דערזעלביגער גרעסערער שטאם־גרופע, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען „האבירי".

א נייע שווערקייט אנטשטעהט אבער דאדורך, וואס א גאנץ עהנליכע ראלע ווי די האבירי, וועלכע קומען פאר אין די בריף פון ירושלים און זיינען באשרענקט אויפ'ן דרום, שפילען די שוין אפט דערמאנטע סא־גאז, נאר מיט דעם חילוק וואס זיי טרעטען אויף אומעטום, באזונדערס צאהלרייך אבער, ווי עס ווייזט אויס, אין צפון. אויך זיי זיינען אהן א ספק אריינגעדרונגענע פון מזרח, וועלכע ווילען קריגען די מאכט אין לאנד. מען מאכט דעריבער קיין טעות ניט, ווען מ'נעמט אן, אז די סא־גאז, וועמעס אמת'ער נאמען איז נאך אומבאקאנט, שטעהען בעצם נאהנט צו יענע האבירי, אפילו ווען עס זאל זיך ניט לאזען דערווייזען, אז זיי זיינען איין און דיזעלביגע זאך.

# 5. די פאר־אידישע קולטור פון דעם לאנד

י. בענצינגער

## די פאר־היסטארישע צייט.

די קולטור פון אידישען פאלק האט איהר שורש ניט אין מדבר, נאר אינ'ם לאנד כנען. מ'קאן זי ניט פארשטעהן, ווען מ'ווייסט ניט די אנט־שטעהונג און אנטוויקלונג פון דער קולטור פון כנען.

די פעריאדע דירעקט פאר דער אידישער טרעט ביסלעכווייז ארויס פאר אונז אין דער ליכטיגקייט א דאנק די עגיפטישע און באבילאנישע אויפשריפ־טען און די אויסגראבונגען אינ'ם לאנד גופא. וועגען דער נאך פריהערדיגער צייט אבער ערלויבען אונז די ווינציגע ידיעות נאר פארזיכטיג ארויסצו־דרינגען עטוואס.

1. אין דער ע א ל י ט י ש ע ר פעריאדע, דאס הייסט בשעת דער גרויסער רעגענצייט, וואס אין איהר אנהויב איז פארגעקומען דער צוזאמענפאל פון'ם סירישען גראבען, האבען דארטען געקאנט עקסיסטירען מענשען העכסטענס נאר אויף דעם הויכלאנד פון עבר־הירדן, און אויך דא איז נאך ניט געפונען געווארען פאר דעם קיין באווייז.

2. א י ן ד ע ר פ א ל ע א ל י ט י ש ע ר צ י י ט (עלטסטע שטיין־צייט) קאן מען שוין אין דער עלטסטער פעריאדע באווייזען, אז די שפיצען פון די בערג זיינען באוואוינט געווען פון מענשען. אינ'ם טאל רפאים, צום ביישפיל, און אין אנדערע ערטער אויף דער מערב־זייט פון ירדן זיינען געפונען געווארען שטיינערנע געצייג פון דער דאזיגער פעריאדע. דער פעניקישער ים־ברעג האט פון דער מיטעלסטער שטיין־צייט א רייה סטאנ־ציעס ביים נ א ה ר ־ ע ל ־ ק ע ל ב (הונט־טייך), ביי ביירות א. אז. וו.

פון דער ש פ ע ט ־ פ א ל ע א ל י ט י ש ע ר צייט (דער לעצטער אייז־צייט) האט מען מאנכעס געפונען אינ'ם טאל צווישען גזר און ראמלע און אין א הייהל ביים נ א ה ר א נ ט ע ל י א ס. פון די לעבעדיגע ברואים פעהלט נאך אויס דאס רינד, עס געפינען זיך שוין אבער דאס פערד, דער הירש, די אנטילאפע, דער חזיר און אז. וו.

3. בערך אין מיטען פון דער נ ע א ל י ט י ש ע ר פעריאדע (שפעטערע שטיין־פעריאדע, ארום 5000 פאר דער קריסטליכער צייטרעכע־נונג) איז שוין אנטשטאנען א העכערע קולטור אין די שטראם־לענדער פון פרת און חידקל און פון נילוס; פונ׳ם סוף פון אט דער פעריאדע (ארום 2500) האבען מיר שוין באוויזען, אז די דאזיגע הויך־אנטוויקעלטע קול־טורען זיינען שוין געווען אריינגעדרונגען אין כנען. די אונטערסטע שיכט ביי די אויסגראבונגען אין גזר געהערען צו דער דאזיגער פעריאדע. אלס וואוינונגען האבען געדינט פעלז־הייהלען, צום טייל נאטירליכע, צום טייל קינסטליכע אין דעם ווייכען קאלך־שטיין; דאך וועט מען מוזען אננע־מען, אז ס׳איז שוין דאמאלסט פארגעקומען דער אריבערגאנג צו ליים־ און שטיין־געבויען. מעטאלען זיינען נאך אומבאקאנט, די כלים זיינען נאר פון שטיין (מעסערס, זעגען, שאבערס, קריצערס, שנייד־מעסערס, העק). די ליי־מענע כלים זיינען רויה, זאמדיג און פול מיט לעכעלעך. מ׳באארבייט די ערד און מ׳האדעוועט בהמות. הויז־חיות זיינען: שאף, קיה, חזירים, ציגען און פיליכט אויך אייזלען. די איינציגע קברים־הייהל פון דער דאזיגער פעריאדע וואס מ׳האט אויסגעגראבען אין גזר איז געווען א מין קרעמא־טאריום, וואו מ׳האט פארברענט די טויטע. צי מ׳מעג דערפון דרינגען, אז די פארברענונג פון די טויטע איז געווען דאמאלסט אז אלגעמיינער מנהג, איז א פראגע.

וועגען דער רעליגיאן פון דער דאזיגער פאר־כנעני׳שער באפעלקערונג לערנען אונז די צאהלרייכע שטיינער וואס מ׳האט געפונען (באנומענט־שטיין, „מצבה״; שטיין־קרייז, „גלגל״; שטיין־טיש, „מזבח״). אז די דאזיגע צייט האט שוין געהאט מצבות, האבען געוויזען די אויסגראבונגען אין גזר. די־זעלביגע שטיין־מאנומענטען טרעפען מיר אויך נאכהער אלס כאראקטעריס־טישע סימנים פון דעם כנעני׳שען און אלט־אידישען קולט. זיי וועלען דערי־בער ארומגערעדט ווערען שפעטער מעהר באריכות.

## ר. קיטעל

### דאס לעבען פון די כנענים.

דאס כנעני׳שע לעבען אין פאלעסטינא וואס מיר באשרייבען וזא אויף די פאלגענדע זייטען נעמט ארום די צייט זינט די היקסאס זיינען ארויסגע־טריבען געווארען פון עגיפטען ביז די אידען האבען אנגעהויבען צו פארנעמען

דאס לאנד. דאס איז בערך פון 16טען ביז דעם מיטען 13טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. צו דער דאזיגער פאר־אידישער צייט געהערט אויך די קולטור פון די פלשתים.

פאלעסטינא ווערט דאמאלסט אלץ מעהר און מעהר אן עגיפטישע פראָווינץ. די היקסאס, זיך צוריקציהענדיג פון עגיפטען קיין סיריען און פאַלעסטינא, ברייננען דארטען די עגיפטישע קולטור, וועלכע זיי האבען אריבערגענומען אין עגיפטען. וואס מעהר די היקסאס ווערען צעריבען, אלץ מעהר פאלט פאלעסטינא ארונטער אין אויסערליכען און אינערליכען לעבען אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער אימפעריע פון די פרעה'ס. ניט קוקענדיג אבער אויף דעם, פליסט אין לאנד א שטארקער שטראם פון באבילאָנישען גייסט, וועלכער שטאמט נאך פון פריהעריגע צייטען און וועלכער ווערט אויפגעהאלטען דורך א שטענדיגען פארקעהר.

### אלגעמיינע פארהעלטענישען פון לעבען.

אין דער צייט, פון וועלכער מיר ריידען דא, האט דאס לעבען אין די שטעדט פון פאלעסטינא זיך שטארק אנטוויקעלט. די רייכקייט פון די פעניקישע האנדעלס־שטעדט האט זיך אויך אריבערגעטראגען אין די שטעדט פון אינערליכען לאנד. די איינוואוינער פון די דאזיגע שטעדט האבען געלעבט אין אזא שפע, אז די פריש־אריינגעקומענע, נאך ניט פארדארבענע אידען האבען באטראכט אט די שטאדט־מענשען פון כנען אלס שלעכטע און זינדיגע. די באפעלקערונג באשטעהט פון פויערים און שטאדט־איינוואוינער, צווישען וועלכע עס באוועגען זיך דא און דארטען נאמאדישע עלעמענטען. באזונדערס מאכען פון זיך אסך צו ריידען די האבירי אין דרום און די סא־גאז אין צפון. די איינוואוינער פון די שטעדט באשטעהען פון לאנדאייגענטימער, סוחרים, האנטווערקער און קריגס־לייט. אז מ'האט דאמאלסט שוין געהאט אנגעזאמעלט גרויסע מאסען סחורה, קאן מען זעהן פון דעם אויסגעגראבענעם שפייכלער אין ג ז ר, אין וועלכען מ'האט געפונען 600 קערב. פונקט אזוי ווייזען די קאראוואנען פון פרעה'ז, וועלכע ווערען אזוי אפט דערמאנט אין די אמארנא־בריף, ווי רייך דער האנדעלס־פארקעהר איז געווען. ווארים געווים רעדט זיך דא ניט בלויז וועגען א דורכגאנג־פארקעהר, נאר טאקע אויך וועגען סירישע סחורות און פראָדוקטען. די האנטווערקער זיינען דאס רוב: טעפער, וועבער, האלצארבייטער און מאכער פון געוועהר און שניידגעצייג. זיגעל־קריצער און שמידען פון בראנז, גאלד און זילבער פארטרעטען דאס קונסט־האנטווערק. די גרויסע צאהל פון שפין־רינגלעד און וועבער־גע־

וויכטען וואס מ'האט אויסגעגראבען אין גזר זיינען אן עדות פאר דער פלייסיגקייט פון די פאלעסטינישע און סירישע וועבער. די לאנד־פראדוקטען פונ'ם פויער זיינען, נעבען מילך, פלייש און פעל פון די בהמות פון דער פאשע, באזונדערס: תבואה, פלאקס, אויל, וויין, פייגען און ווילדע פייגען (סיקאמארען, שקמים).

דאס לאנד ליגט אין די הענט פון איינצעלנע מלכים, נאר זינט טהוט־מאס דעם 3טען זיינען זיי פרעה'ס וואסאלען, און אין דער אמארנא־צייט איז זייער צאהל גרוים גאר אהן א שיעור. יעדע געגענד און יעדע שטעדטעל האט, ווייזט אויס, געהאט אן אייגענעם פירשט אדער מלך. ווי באשיידען און ארים א טייל פון די דאזיגע פירשטען זיינען געווען, קאן מען זעהן פון דעם בריף פון לכיש אין דער אמארנא־קארעספאנדענץ, וואו דער פירשט באט זיך אן, אז אויב מ'וואלט איהם געבען דריי שפיזען און שווערדען און עטליכע בויגענס וואלט ער אונטערוואַרפען דאס לאנד פונ'ם קעניג. צווישען זיך גופא רייסען זיך די פירשטען כסדר ארום. נאר אין מאנכע צייטען פאר־אייניגען זיי זיך אין א בונד.

## פיהרונג פון מלחמה.

פון דער שילדערונג פון די מלחמות פון טהוטמאס דעם 3טען לערנען מיר ווי אזוי א מלחמה פלעגט דעמאלט געפיהרט ווערען פון די עגיפטער און איגדי־רעקט אויך פון די כנענים. נאך מאטעריאל וועגען דעם האבען מיר אין די אויסגראבונגען פון פאלעסטינא און אין די אמארנא־בריף. פאר דער שלאכט ווערט אפגעהאלטען א קריגס־ראט. אין א געפעהרליכער לאגע און ביים שטורעמען איז עס די אויפגאבע פון דעם העלדישען פיהרער פון דער שלאכט צו געהן פאראויס פאר די סאלדאטען. חשוב'ע קריגס־לייט האבען פראכטיגע רייטוועגען באשלאגען מיט גאלד און זילבער. האט מען געמאכט אן אויספאל פון א פעסטונג און מען איז צוריקגעשטויסען געווארען, עפענט מען דאן ניט די טויערען פאר די זיך צוריקקעהרענדיגע קריגס־לייט, נאר מ'לאזט אראפ קליידער פון מויער פון שטאדט און מ'ציהט זיי אזוי ארויף. קומט עס צו א באלאגערונג, שיט מען אן שאנצען ארום שטאדט, כדי פון דאר־טען זי אנצוצינדען אדער זי צו באצווינגען. ארום שטאדט האקט מען אוים אלע בוימער, כדי צו שעדיגען דעם פיינד און אויך כדי צו האבען האלץ צום ברענען. דער זיגער פיהרט אוועק מיט זיך די געפאנגענע פיינד. איבער 500 סירישע פירשטען באצירען דעם טריאומפצוג פון אמענהאטעפ דעם 2טען. זיבען פון זיי האט ער מיט דער אייגענער האנט געאפפערט צו אמאן און זייע־

דע קערפּערס ארויסגעהאנגען אלס ווארנונג און געווים אויך לכבוד דעם גאָט פון דער זון. ווען מיר געפינען עהנליכעס אין דער געשיכטע פון שמואל און שאול (שמואל א, ט"ו 33; ל"א 10; שמואל ב' כ"א 9), איז עס דערפון צו דרינגען, אז אזעלכענע מנהגים האבען אין יענער צייט געהערשט ביי אלע־מען, ניט נאָר ביי די פּרעה'ס. געפאנגענע פיינד ווערען איצט שוין אָפט־מאָל באזעצט אין דעם לאנד פונ'ם זיגער.

## כ ל י ־ ז י ן.

פון כלי־זין קען מען אין יענער צייט: מעסערס, שפּיזען און פיילען פון פייערשטיין און בראָנז. אזעלכענע געוועהר האָט מען אויסגעגראבען אין ת ע נ ך, מ ג י ד ו און ג ז ר. בראָנז פארמעהרט זיך און פארנעמט אלץ מעהר דעם פּלאַץ פון שטיין. אמאָל אין א נאָווינע האבען נאָך אויך געדינט שפּיציגע ביינער אלס כלי־זין. די שענסטע שטיק געוועהר וואָס האָט זיך אונז דערהאלטען פון דאמאָלסט איז א בראָנזענער שווערד, וואָס מ'האָט געפונען אין ג ז ר. באזונדערס אינטערעסאנט איז, אז צום ערשטען מאָל, הגם נאָר אין איינצעלנע פאלען, לאָזט זיך נאכווייזען אייזען. אהן א ספק דארפען מיר זיך פארשטעלען די אויבען דערמאנטע רייטוועגען, אויב ניט ביים אנהויב, על כל פנים ביים סוף פון אונזער פעריאדע, ביי די פשוט'ע קריגס־לייט אלס אייזערנע, דאָס הייסט: באשלאָגען מיט אייזען.

## ה א נ ד ע ל.

אז האנדעל און פארקעהר מיט עגיפּטען און מיט די לענדער פון צפון און פון מזרח האבען דעמאָלט געבליהט, אויף אזוי פיעל ווי זיי זיינען ניט געשטערט געוואָרען פון די אומרוהען אין לאנד, קענען מיר זעהן אין דער פריהער צייט פון אונזער פעריאדע שוין פונ'ם רייכטום פון די פעניקישע האפען־שטעדט און פון דעם רייכען רויב וואָס טהוטמאָס און זיינע נאָכפאָל־גער ברייגנען אהיים פון סיריען און פאלעסטינא. אין דער שפּעטערדיגער צייט פון אונזער פעריאדע זעהען מיר עס פון דעם פיעלפאכיגען דיפּלאָמאטי־שען פארקעהר פון די פעלקער און די פירשטען צווישען זיך, ווי ער דריקט זיך אויס דייטליך אין די אמארנא־בריף. דער שכל איז מחיב, אז אָט דער דיפּלאָ־מאטישער פארקעהר איז געגאנגען האנט אין האנט מיט א פארקעהר אין האנדעל. זינט דער אמארנא־צייט ווייסען מיר אויף זיכער, אז פאלעסטינא און סיריען האבען געהאט א פארקעהר איבער די ים'ען מיט די מערב־לענ־

דער, מיט ציפערן און נאך ווייטער מיט קרעטא און מיט די געגענדען פון דער מיקעניש־עגעאישער קולטור.

## האנטווערק און קונסט.

באזונדערס רייך איז יענע צייט אין פראדוקטען פון האנטווערק און קונסט, וועלכע האבען שוין באשיינפערליך דערגרייכט א חשוב'ע מדרגה. ווען מ'באטראכט וואס פאר א הויכען גראד פון שלמות די עגיפטישע קונסט האט שוין דערגרייכט אין דער אלטער און מיטעלסטער מלוכה; און ווען מ'באטראכט נאך דערצו ווי לעבעדיג עס זיינען געווען די באציהונגען צו באבילאניען, צו די חתים און צו ציפערן, וועט מען זיך ניט חידוש'ען צו זעהן די פרוכט פון אזא פיעלזייטיגער השפעה אויך אין דער קונסט פון אלטענ־ליכען לעבען און פון קולט. די פרעמדע פראדוקטען ווערען זעהר פיעל ארי־בערגענומען אדער נאכגעמאכט, ניט זעלטען אריבערשטייגענדיג דעם נאכ־געמאכטען מוסטער.

סירישע פראדוקטען פון יענער צייט זעהען מיר אויף אן עגיפטישען בילד וואס שטעלט פאר אזיאטען טראגענדיג טריבוט צום קעניג טוטאנכא־מאן פון דער 18. דינאסטיע. די מלבושים ווייזען א רייכע וועבעריי מיט פרעהליכע פארבען. צווישען די געבראכטע מתנות ווארפט זיך באזונדערס אין די אויגען א צאהל וואזען פון א קלאכישער פארם. איין וואזע איז אזוי גרויס, אז צוויי מאן טראגען זי אויף א שטאנג איבער די פלייצעס. די דאזיגע וואזען, קאן זיין, זיינען געקומען פון די עגעאישע אינזלען אדער פון קרעטא. מ'זעהט אבער פון זיי וואסערע טייערע סחורות מ'האט געקראגען צו קויפען אין די פעניקישע שטעדט.

דעם הויפט־מאטעריאל אבער אין אט דעם פרט גיבען אונז די אויס־גראבונגען אין פאלעסטינא גופא.

אין ל כ י ש האט מען געפונען א בראנז־פיגור פון אן עגיפטישער געטין און אלערליי ציפערישע און מיקענישע זאכען, ווי אויך צוויי עקזעמפ־לארען פון אן ע ש ת ר ת. פון בראנזענע זאכען דארף מען דערמאנען עלעגאנטע שפיזען און צוואנגען, אויך העק, קריצערס און נאדלען פון אן עגיפטישער פארם. דערצו א בראנזענע סטאטועלע פון עגיפטישען גאט פטאה מיט גאלדענער ברוסט־צירונג; פון ליימענע זאכען: דינע, קירביסארטיגע שיסלען, קאנען מיט א קליינעם פוס און א הויכען האלז. די באמאלטע שארבענס ווייזען ארום אין זייערע ליניען אן עהנליכקייט מיט ציפערישע

שטיקער. די מוסטערונג איז מיט דיק־רויטער פארב אויף א פיינעם קרייד־ווייסען איבערצוג.

פון די אויסגראבונגען אין ג ז ר קומען פאר אונזער צייט אין באַטראכט די צוויי־אויערדיגע קריג מיט טויטע קערפערס פון קינדער, און מעהר ווי אלץ די צאהלרייכע בילדער פון דער ע ש ת ר ת. מעהרסטענס נאַקעט און ניט זעלטען באטאנענדיג אויסדריקליך איהר אייגענשאפט אלס ווייבליכע געטין פון פרוכטבארקייט, אפטמאל אויך אנגעטאן און באלאדען מיט צירונג, קלאפענדיג אין א פייקעל פון טענצערינס. אין אן עגיפטיזירטער פארם אלס ה א ט א ר טראגט די געטין אויך די עגיפטישע געטער־קרוין. אפטמאל ווידער ערשיינט זי ווי האטהאר אלס א פרוכטבארע קוה מיט הערנער*). ווי שטארק פאפולער די געטין ע ש ת ר ת איז געווען, קען מען זעהן דערפון, וואס זי איז אסך מאל אויסגעגאסען פון פורעמס; דאס ווייזט, אז מ'האט פון איהר געמאכט א גרויסע צאהל.

שטארק רייך אין די זאכען זיינען אויך געווען די אויסגראבונגען פון ת ע נ ך און מ ג י ד ו. דא אין צפון פיהלט זיך שוין ווייניגער דער עגיפטישער איינפלוס. דערפאר איז דא בולט דער ספעציפיש לאקאלער און נעבען איהם דער אלט־באבילאנישער טיפ.

די קונסט פון דער צייט, וועלכע מיר באהאנדלען דא, ווייזט גאנץ קלאר, אז דער עגיפטישער איינפלוס האט אין דרום פון פאלעסטינא געהאט די אויבערהאנט, בעת אין צפון האט דער עגיפטישער איינפלוס געהאלטען די וואגשאל מיט דעם איינפלוס פון מזרח און פון מערב. אין דער פאליטיק איז אפיציעל עגיפטען אליין מאסגעבענד, א לאנגע צייט טאקע פאקטיש: שפעטער אביסעל נאר פארמעל. די היימישע דינאסטיעס געוועלטיגען זעלבשטענדיג אדער לאזען זיך באאיינפלוסען פון צפון. באזונדערס פון די חתים. אבער בנוגע דער שריפט זעהען מיר א גאנצע אנדער בילד.

## שריפט און בילדונג.

די צווייטע העלפט פון אונזער תקופה, די אזויגערופענע אמארנא־צייט, איז זעהר רייך אין געשריבענע. כמעט פון יעדער שטאדט פון כנען ליגען פאר אונז בריף, צום טייל געשריבען צו פרעה'ן, צום טייל געשריבען פון די

---

*) דאס דערמאנט אונז אן דעם נאמען „עשתרת קרנים“ (בראשית י״ד 5). דער נאמען פון דעם ארט, הייסט עס, קומט דערפון, וואס דארטען האט זיך געפונען אן עשתרת מיט הערנער. ח. ש.

מלכים צווישען זיך גופא אדער צו די עגיפּטישע גובערנאַטאָרען. פון ת ע נ ד און ל כ י ש האָבען מיר ליסטען, וועלכע ווייזען אונז, אז מ'האָט געברויכט די שריפט פאר דער קלענסטער זאך. ביי אזא שטארקער פארשפּרייטונג און ביי אזא'ן אָפטען געברויך פון דער שריפט דאַרף אונז קיין חידוש ניט זיין, ווען מיר הערען שוין פון זאמלונגען פון שריפטשטיקער, פון ארכיוען, אין וועלכע עס ווערען באהאלטען די וויכטיגערע געשריבענע דאָקומענטען. אין תענך איז אזא'ן ארכיוו אנטדעקט געווארען אין דער געשטאלט פון א ליימענעם קאסטען, אין יריחו האָט אויך עהנליכעס עקסיסטירט, און לויט דעם אין יעדען באדייטענדען אָרט, — לכל הפחות אין יעדען אָרט וואו א פירשט איז געזעסען.

פונקט ווי אין עגיפּטען איז שוין לאנג געווען די מאָדע, באזונדערס זינט טהוטמאָס דעם 3טען, אויפצוצייכענען וויכטיגע געשעהענישען אויף מגילות פון פעל און זיי אוועקצולעגען אינ'ם טעמפּעל פון די געטער, אזוי האָט מען זיך אויך אין כנען זינט דער נייער עגיפּטישער הערשאפט געמאכט די מאָדע צו פיהרען א בוך איבער וויכטיגע פאסירונגען אין דער פאָרם פון כראָניקעס און צו היטען די באדייטענדע דאָקומענטען אז זיי זאָלען ניט פארפאלען געהן. אין תנ"ך איז קענטיג געבליבען אן ערינערונג אָן דעם אָפטען געברויך פון דער שריפט אין כנען. דאָס איז דער נאָמען פון דעם אָרט „קרית־ספר" („בוך־שטאָדט", אדער פיליכט „שרייבער־שטאָדט", שופטים א 11). עס קען גריילעך זיין, אז עס זיינען געווען באשטימטע ערטער און צענטרען, וואו די דאָזיגע שווערע און געוויס נאָך זעלטענע קונסט איז געווען היימיש.

א באזונדערס וויכטיגע ראָלע צווישען אָט די ערטער האָט געשפּילט די פעניקישע שטאָדט ביבלאָס. אין אן עגיפּטישען באריכט (פון ארום 1100 פאר דער קריסטליכער ערא) ווערט דערצעהלט וועגען 500 מגילות פון פאַפּי־רוס, וואָס די עגיפּטישע הערשער האָבען געשיקט קיין ביבלאָס אלס קויף־פּרייז פאר האָלץ פון לבנון*). מיר זעהען דערפון קלאָר, אז ביים סוף פון

---

*) ס'איז געוויס ניט קיין צופאל, וואָס גראָד ביבלאָס איז דער האַנדעלס־פּלאַץ פאר פּאַפּירוס. פון ביבלאָס שטאַמט דער גריכישער נאָמען „ביבעל" פאר אַ בוך (געבליבען א באצייכענונג פאר די הייליגע ביכער), פונקט ווי פּאַרמעט פון פּערגאַמאָן. פאר דעם נאָהנטען מזרח און די לענדער פון מיטעללענדישען ים זיינען בכן די פאָרשטעלונגען פון פּאַפּיר און בוך געווען פארבונדען מיט ביבלאָס. דאָס לאָזט זיך נאָך דערקלערען, ווען ביבלאָס איז געווען אַ לאַגער־פּלאַץ פאר פּאַפּירוס

צווייטען יאהרטויזענד איז פאפירוס געווען פאר סיריען און פאלעסטינא א וויכטיגע אימפארט־סחורה. עם האט געמוזט זיין א נאכפראגע אויף דעם דאזיגען שרייב־מאטעריאל אין פאלעסטינא און דאס שרייבען האט שוין דארטען געמוזט זיין הויך אנטוויקעלט — צווערשט ביי די כנענים, אבער ביסלעכווייז שוין אויך ביי די אידען.

## ב ו כ ש ט א ב ע נ ש ר י פ ט.

אין וועלכע כתב האט מען געשריבען אויף יענע פאפירוסען? אין דעם אויבען דערמאנטען באריכט פון ביבלאס רעדט זיך אויך מכוח א געדענק־שטיין, אויף וועלכען דער פירשט פון ביבלאס פאראייביגט זיינע און אויפ־טואונג. איינצוקריצען אויפשריפטען אויף שטיינער איז בכן שוין דעמאלט געווען אן אנגענומענער מנהג אין סיריען. אין וועלכער שריפט האט מען געשריבען אויף די שטיינער? דא קומען אין באטראכט דער באבילאנישער כתב פון די פלעקלעך (כתב היתדות) און דער כנעני'שער כתב. פון איין זייט האבען מיר דעם שטיין פון מישע מלך מואב און אלט־סירישע מאנו־מענטען. און פון דער אנדערער זייט האבען מיר דעם פאקט, אז אין ציפערן און קרעטא האט מען שוין זעהר פריה געשריבען אין אן אייגענער שריפט. די סברא איז דעריבער מחיב, אז אזעלכענע געדענק־שטיינער זיינען ניט פאר־פאסט געווארען אין דער באבילאנישער, נאר אין דער היימישער שריפט. דערצו נאך הערען מיר פון 500 פאפירוסען, אויף וועלכע מ'האט מיט דער שריפט פון די פלעקלעך ניט געקאנט שרייבען. מיר זיינען דערוי־בער גענויט צו דער השערה, צו וועלכער די שריפט פון מישע'ס שטיין איז לחלוטין ניט קיין סתירה, אז די צפון־סעמיטיש־כ נ ע נ י ' ש ע ב ו כ־ש ט א ב ע ן ־ ש ר י פ ט (הגם ניט גענוי אין דער שפעטערדיגער גע־שטאלט) איז שוין געווען אין געברויך ארום 1100, איבערהויפט ביים סוף פון צווייטען יאהרטויזענד.

אט דא העלפען אונז אסך ארוים די באשריבענע שערבלעך, וועלכע מ'האט אויסגעגראבען אין די חורבות פון שומרון אין יאהר 1910 און וועלכע שטאמען פון דער צייט פון עמרי'ס דינאסטיע. די דאזיגע שערבלעך זיי־נען באשריבען מיט טינט און א ראהר־פעדער, און נאך היינט, 28 הונדערט יאהר נאכדעם, לאזען זיך די שריפט־ליניעס כמעט אומעטום גרינג לייענען.

---

און אויך א צענטער פון שרייבער־שולען. וואס קרית־ספר איז געווען אין דרום איז ביבלאס געווען אין צפון פון כנען.

באזונדערס גרינג זיינען זיי דורכדעס, וואס די ווערטער זיינען, אזוי ווי אויף די אלט־העברעאישע און פעניקישע אויפשריפטען, אפגעטיילט איינס פונ׳ם אנדערען דורך פונקטען אדער שרעגע־שטריכען. וואס עס האט זיך בכלל גע־לענט אויפ׳ן שכל, ווערט דורך די שערבלעך כמעט א געוויסע זאך. אויב ארום יאהר 900, פון ווען די שערבלעך שטאמען, איז די צפון־סעמיטישע בוכשטאב־בענשריפט שוין געברויכט אויף שערבלעך, דאן האט זי שוין בלי ספק א לאנגע פארגאנגענהייט הינטער זיך אין שטיין, מעטאל, פעל און פאפירוס. אז מ׳האט אויף די לייטענע שערבלעך זיך באנוצט מיט טינט און שרייב־ראהר דאס ערשטע מאל, דאס קאן ניט געמאלט זיין. אויך די אותיות פון די שערבלעך פון שומרון ווייזען, אז מ׳האט געברויכט די שריפט שוין לאנג פאר 900. די דאזיגע אלע פאקטען באשטעטיגען די הנחה, אז די כנעני׳שע שריפט איז אויפגעטראטען אסך פריהער ווי מ׳האט עס ביז איצט אנגע־נומען.

פיליכט איז דאס פארהעלטעניש פון דער היימישער שריפט צו דער באבילאנישער געווען אזא, אז אין דיפלאמאטישען פארקעהר, וואו מ׳האט זיך באנוצט מיט דער באבילאנישער שפראך, האט מען געברויכט דעם כתב פון די פלעקלעך, און אז מ׳האט געשריבען אין דער לאנד־שפראך האט מען געברויכט די היימישע שריפט.

ווען מיר לעזען אונטער די דאזיגע אומשטענדען וועגען ארכיוועו, כרא־ניקעס און א לעבעדיגער קארעספאנדענץ, ערשיינט אויך פאר אונז די גע־שטאלט פונ׳ם ש ר י י ב ע ר אין א נייער ליכט. דער קעניג איז זיין הויף האט איינעם אדער מעהרערע שרייבער: דער שרייבער באגלייט דעם קעניג׳ס שליח אויף זיין וועג; נאך מעהר, דעם שרייבער באטראכט מען אזוי ווי ער וואלט האבען א געהיימען קונץ, עפעס אזוי ווי עס וואלט ליגען אין איהם א מיסטעריעזע קראפט.

פאר דעם מצב פון ג י י ס ט י ג ע ן ל ע ב ע ן אין כנען בכלל האט אט דער שטארקער געברויך פון דער שריפט ניט קיין גרויסע באדייטונג. לויט דעם מאטעראל וואס מיר פארמאגען ביז איצט איז דאס געשריבענע באשרענקט אויף די באקאנטע דיפלאמאטישע און פאליטישע קארעספאנ־דענצען, אויף מיטטיילונגען מכוח שטרייטיגקייטען און געלט־נויט, מכוח שיקען סאלדאטען און טריבוט. העכערע גייסטיגע פראדוקטען, ווי: באריכ־טען וועגען מלחמות, היסטארישע דערצעהלונגען אדער גאר לידער אדער רע־ליגיעזע און יורידישע דאקומענטען, פעהלען אונז ביז היינט.

מיר האבען אבער אינדירעקטע ראיות, אז עס האט דעמאלט עקסיס־

טירט אין כנען א העכערעס גייסטיג לעבען. פון די שוין דערמאנטע כנעני'שע ארכיוועו קען מען דריגגען בדרך השערה, אז זיי זיינען ניט געווען באשרענקט בלויז אויף ליסטען, אפמאכען און חשבונות. נאך דייטליכער קענען מיר עס דרינגען פון אן אנדער פאקט. אין די אמארנא־טאוולען גע־פינט זיך צווישען די בריף וועגען סאלדאטען, געלט און באשיצונג אויך א טייל פון דעם באבילאנישען מיטוס פון אדאפא*), אויך פראגמענטען פונ'ם באבילאנישען מיטוס פון נרגל און ערעש־קיגאל**). די דאזיגע ביידע מעשה'לעך, און מיט זיי מן הסתם נאך אנדערע, האבען בכן געמוזט זיין א טייל פון דער ביבליאטעק פון אמענהאטעפ דעם 4טען, פון וועלכער עס שטא־מען די אמארנא־בריף. אין מאנכע טאוולען זיינען אפילו די ווערטער אפגע־שיידט איינס פון אנדערען אויף דעם עגיפטישען אופן מיט רויטער טינט. דאס ווייזט, אז די דאזיגע טאוולען האבען געדינט אלס א מין כרעסטאמאטיע אויס־צולערנען די באבילאנישע שפראך און שריפט.

מיר קענען ניט באווייזען, אז די דערמאנטע באבילאנישע מעשיות הא־בען געדינט פאר דעמזעלביגען צוועק אויך אויסען עגיפטען. פאלעסטינא איז אבער געווען אן עגיפטישע פראווינץ און האט פונקט אזוי ווי עגיפטען באדארפט הילפס־מיטלען זיך אויסצולערנען באבילאניש; אין נאך מעהר, יענע טעקסטען גופא האבען דאך געקאנט אנקומען אין עגיפטען נאר איבער פאלעסטינא. מען מעג דעריבער כמעט ווי זיכער אננעמען, אז אויך אין פא־לעסטינא איז מען געוועהנט געווען צו לייענען עהנליכע טעקסטען, צי אלס מיטעל זיך צו לערנען די שפראך און די שריפט, צי ווייל מען איז טאקע געווען פאראינטערעסירט אין דעם אינהאלט. אויף אט דעם אופן זיינען די געבילדעטע פון כנען, וועלכע האבען געקאנט לייענען און שרייבען, באקאנט געווארען ניט בלויז מיט די אלטע באבילאנישע געטער־מעשיות און רעליגיעזע השגות, נאר אויך מיט די רעליגיעזע לידער און די געזעצען פון באבילאניען. די דאזיגע געבילדעטע פון כנען דארפען מיר זיך פארשטעלען צווישען די מלכים און די גובערנאטארען אדער צווישען די כהנים און אין די הייליגטימער

---

*) אדאפא (אדאמא־אדם). דער דאזיגער מיטוס האט אן עהנליכקייט צו דער מעשה'לע אין בראשית וועגען דעם בוים פון לעבען. ח. ש.

**) נרגל, גאט פון מלחמה, פון פעסט און אויך פון דער אונטערוועלט, וואו די טויטע געפינען זיך. ערעש־קיגאל, געטין פון דער אונטערוועלט, נרגל'ס פרוי. ח. ש.

פון דער עשתרת און פון אנדערע געטער. אזוי ווי צווישען כנען און דעם פרת איז שוין זינט הונדערטער יאהרען אנגעגאנגען א לעבהאפטער פארקעהר, האט זיך דא דעריבער ניט געהאנדעלט וועגען א נייער זאך, נאר גיכער וועגען א פארטזעצונג פון אלטע באציהונגען: פיליכט האט מען געלעזען אין טעקסטען אזוינע זאכען וואס מ׳האט שוין לאנג געהערט אויסווענינ.

אויב די דאזיגע הנחה איז ריכטיג, עפענט זיך דאן פאר אונז א נייער ארייננקוק אין דעם גייסטיגען לעבען פון כנען. דאן האבען מיר באמת א פעסטען גרונט אנצונעמען, אז אין כנען אזוי ווי אין באבילאניען גופא האט מען שוין לאנג אנגעהויבען נאכצוטראכטען וועגען די העכערע ענינים, וועלכע באווענען דעם מענשען׳ס הארץ: וועגען רעכט און אומרעכט, וועגען דער אנטשטעהונג פון דער וועלט און דעם אורשפרונג פונ׳ם מענשען און זיין שיקזאל, וועגען גאט׳ס ממשלה איבער דער נאטור און דעם מענשען.

נאר ווי דאס זאל ניט זיין, איין פאקט איז אבער על־כל־פנים זיכער. אז די שריפט און דאס געשריבענע פון אונזער צייט באווייזען, אז די מאכט פון באבילאנישען גייסטיגען לעבען איבער כנען איז געווען אסך גרעסער ווי מ׳וואלט זיך אהן דעם געקאנט פארשטעלען. מען מוז האלטען אין זינען, אז די פירשטען און הארען פון דער אמארנא־צייט שרייבען זייערע בריף צו פרעה׳ן ניט אין עגיפטישער, נאר אין באבילאנישער שפראך און שריפט. נאך מעהר חידוש איז, וואס פרעה גופא ענטפערט זיי איז אט דער שפראך, ניט אין זיין אייגענער. דער דאזיגער מערקווירדיגער פאקט קאן נאר דערקלערט ווערען דערמיט, וואס ניט עגיפטיש, נאר באבילאניש איז דעמאלט געווען די שפראך פון וועלט־פארקעהר אין פאדער־אזיען.

פארוואס האט מען אבער בעסער ניט אויסגעקליבען די עגיפטישע שפראך און שריפט, וועלכע מ׳האט אין יענער צייט געקענט איז כנען בעסער ווי די באבילאנישע? דאכט זיך געווען דארטען אזויפיעל עגיפטישע גארניזאנען און גובערנאטארען: דערצו נאך איז דאך עגיפטען אזוי נאהנט.

דער ענטפער דערצו קאן נאר זיין, אז די אמארנא־צייט האט ניט געשאפען אט דעם צושטאנד, איז וועלכען מיר געפינען זי. עס זיינען גאר דעמאלט ניט געווען קיין שום באדינגונגען פאר דעם. באבילאניען האט ניט געהאט קיין שום ממשלה איבער כנען. אין דער וועלט־פאליטיק פון אט דער צייט איז באבילאניען לאנג שוין געווען אויסגעשפילט. ווען מ׳וואלט זינט די טעג פון טהוטמאס דעם 3טען און דער עגיפטישער וועלט־אימפעריע, אפילו זינט דער צייט פון דער מלוכה פון די היקסאס, באדארפט זוכען א שפראך וואס וואלט געווען פאסיג צו ווערען די שפראך פונ׳ם וועלט־פארקעהר און דער עיקר

פונ׳ם דיפלאמאטישען פארקעהר מיט דעם וועלט־באהערשער פון נילוס: וואלט מען זיכער ניט געקאנט אויסקלייבען קיין אנדערע ווי די שפראך פון עגיפטען. באזונדערס די פרעה׳ס פון דער דאזיגער פעריאדע וואלטען ניט געגעבען דעם פארצוג איבער זייער שפראך צו א שפראך פון א הערשער און א מלוכה, וואס שטעהען טיף אונטער זיי און זייער מלוכה.

ווען דאס פאסירט פארט, איז עס נאר דערפאר וואסביידע, אי פרעה און אי די מלכים פון כנען מוזען זיך צופאסען צו א גרויסען פאקט פון דער פארגאנגענהייט, וועלכער איז שטארקער פאר זיי גופא. ניט די אמארנא־צייט האט געשאפען אט די פארהעלטענישען, נאר א לאנג שוין פארגאנגענע פעריאדע, און די אמארנא־צייט, אין וועלכער מיר געפינען זיי, האט זיי בלויז איבערגענומען אלס א ירושה פון די אמאליגע צייטען. וואס די מלכים און פירשטען פון כנען טוען איצט, דאס האבען מן־הסתם געטאן אויך די פריוואטע לייט פון לאנד, בשעת זיי האבען געשריבען. דאס האט שוין געטאן אטאנאהילי, א כנעני׳שער אדער באבילאנישער קאלאניסט, אי־בער א האלבען יאהרטויזענד פאר דער אמארנא־צייט. דאס ווייסען מיר פון דעם זיגעל וואס מ׳האט אויסגעגראבען אין ת ע נ ך און וואס גיט אן זיין אייגענטימער אלס קנעכט פון דעם גאט נרגל. פונקט ווי אטאנאהילי האט געשריבען זיין זיגעל אין באבילאניש, אזוי האבען עס אויך מן הסתם געטאן זיינע לאנדסלייט אין אנדערע ערטער פון כנען. אויב זיי האבען זיך דעמאלט געשריבען בריף אדער זיי האבען פארפאסט ליסטען און דאקומענ־טען, האבען זיי פאר דעם קיין אנדער שפראך און שריפט ווי די באבילאנישע ניט געברויכט. דאס וואס איז פאר אונז עפעס א חידוש פאר דער אמארנא־צייט, אזוי אז אויב מיר וואלטען ניט געהאט די פאקטען וואלט דאס קיי־נעם גאר ניט געקאנט איינפאלען, איז דורכאויס נאטירליך פאר דער צייט פון אמוראבי.

אט דא ליגט באמת דער שליסעל פאר דער גאנצער ערשיינונג. אין דער צייט פון אמוראבי, און בכלל אין דער אלטער באבילאנישער צייט, זינט זי האט איהרע ארעמס אויסגעשטרעקט צום לבנון און צום מערב־ים, איז באבילאניען געווען פאליטיש און גייסטיג די אנטשיידענדע מאכט פאר גאנץ סיריען, כנען אריינגערעכענט. מעהר ווי אלץ האט די געוואלדיגע הערשער־נאטור פון אמוראבי גופא ארויפגעלעגט אויף דער צייט דעם שטעמפעל פון איהר אייסגעצייכענטער פערזענליכקייט. דאמאלסט שוין האבען באבילאנישע גע־שריפטען — קודם כל דאס גייסטיג־מעכטיגע געזעצבוך פון אמוראבי — געמוזט באשעפטיגען און גייסטיג באאיינפלוסען דעם סירישען מערב. דא־

מאַלסט שוין האָבען אויך געמוזט געפיהרט ווערען אין באַבילאָנישער שפּראַך און שריפט די פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען פון פאָלק צו פאָלק, וואָס זייער מיטעלפּונקט איז איצט געווען דער קעניג פון באַבילאָניען, פּונקט ווי שפּעטער פּרעה. אַט אַזוי האָבען די פעלקער פון נאָהנטען מזרח שוין דאַמאָלסט זיך געשטעלט צוגלייך מיט דעם פּאָליטישען אויך אונטער דעם גייסטיגען איינפלוס פון באַבילאָניען. וואָס זיי האָבען אבער אריבערגענומען אין די אַלטע צייטען, דאָס האָבען זיי דערהאַלטען אונטער גאַנץ נייע פּאָליטישע פאַרהעלטענישען, און אין עגיפּטען גופא, אין פּאָליטישען צענטער פון די וועלט-געשעהענישען, איז מען שפּעטער ניט געווען בכוח צו ענדערען אַ צו־שטאַנד, וועלכער איז שוין אַלט געווען הונדערטער יאָהרען. נאַטירליך האָבען די דאָזיגע פאַרהעלטענישען אויך געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף דער רע־ליגיאָן.

## די קבורה פון מתים.

די כנענים האָבען מקבר געווען זייערע טויטע. אין מ ג י ד ו ווערט דער בר־מינן, צי אַן איינצעלנער, צי אין גרופּען, ארומגעצאַהמט מיט א קרייז פון גרויסע פעלד־שטיינער און אַזוי אויסגעבעט איז דר׳ערד — נאַ־טירליך אַלעמאָל מיט די זאַכען וואָס מען איז זיך נוהג מיטצולעגען. אין ג ז ר האָט מען, צוליב דעם צוואוואוקס פון דער באַפעלקערונג, אריבערגעטראָגען די ערטער פון די קברים אויסען דעם מויער פון שטאָדט. מ׳הייבט דאָ איצט אָן מקבר צו זיין אין אַזויגערופענע שאַכט־קברים. די טויטע לעגט מען אוועק במעט אַלע מיט אַנגעצויגענע קניה. אַט דאָ אין גזר איז אַמאָל אויך געווען דער מנהג פון מקבר זיין אַ לאָמפּ, דעם סימבאָלישען „במקום" פאַר מענשען־אָפּפער. פּונקט ווי דעם בר־מינן גופא, אַזוי האָט מען אויך מקבר געווען זיין „במקום", דעם לאָמפּ. דער מענש בלייבט לעבען און די אָפּפע־רונג קומט פאַר בלויז סימבאָליש.

דער מנהג פון אָפּפערען די קינדער צו גאָט איז קענטיג שטאַרק אנגעגאַנגען אין ג ז ר זעהר נאָהנט ביי דעם הייליגטום פון די „מצבות" וואָס מיר וועלען באַלד באַשרייבען. איינגעבעט אין אַן ערד־שיכט פון כמעט אַ מעטער טיף און באַגראָבען אין גרויסע, דיק־ווענטיגע, צוויי־אויערדיגע קריג אָהן וואַסערע באַפּוצונג האָט מען דאָ געפונען ארום אַ טוץ טויטע קערפּער פון קינדער. דער קערפּער איז אריינגעדריקט אין קרוג מיט׳ן קאָפּ פאָראיים: דערביי ליגען צוויי, דריי קלענערע קריגלעך, אַ שיסעל און אַ שעלכעל. אַלץ איז איינגעהילעט אין פיינער זאַמד. די כלים זיינען די

באלעבאטישקייט פונ׳ם בר־מינן פאר זיין לעבען דא אונטען. די זאמד־מעהל איז א „במקום" פאר מעהל. פונקט אזוי האבען די עגיפטער איז א האלב־נאאיוועו קמצנות מיטגעגעבען זייערע טויטע אין קבר אלערליי זאכען, וועל־כע גיבען כלומר׳שט אן אנצוהערעניש אויף שפייזען און כלים. די קינ־דער פון גזר זיינען כמעט אלע ניינגעבארענע, צוויי פון זיי 5 ביז 6 יאהר אלט. דער אופן פונ׳ם אריינדריקען איז קרוג ברייננט נאהנט די השערה, אז מ׳האט די נייגעבארענע געטויט מיט געוואלד — געווים דערשטיקט — און זיי געבראכט אלס קרבן צו דער גאטהייט אין הייליגען ארט. דער דא־זיגער מנהג דערמאנט אונז שטארק אן דעם מקריב זיין פון די בכורים, וואס איז אונז באקאנט פון תנ״ך (שמות כ״ב 28). נאר דארטען איז שוין דאס לאנג מטושטש און פארביטען אויפ׳ן אויסלייזען (שמות י״ג 13).

אויב מ׳דארף לויט דעם אננעמען אלס אויסער צווייפעל, אז די כנענים האבען פראקטיצירט דעם מנהג פון אפפערען די בכורים — ווי בכלל דעם מענשען־אפפער — דאן לעגט עס זיך אויפ׳ן שכל, אז אין די פאלען וואו דער קבר פון קינדער געפינט זיך איז זעהר א נאהנטער פארבינדונג מיט א היי־ליגטום, האט דאס באמת צו טאן מיט אט דעם מנהג. די וואהרשיינליכקייט ווערט נאך שטארקער דורך דעם פאקט, וואס די זאכען וועלכע מ׳גיט מיט די טויטע אין קבר, צווישען זיי אויך לאמפען — צי צום לייכטען, צי אלס סימבאל פון לעבען — געפינען זיך אפטמאל אויך אליין אהן א בר־מינן. זיי ווערען באהאנדעלט פונקט ווי די מיטגעלעגטע זאכען פון אמת׳ע בר־מינן׳ס, דער עיקר אנגעשאטען פול מיט פיינער זאמד. נאר דער טויטער קערפער גופא פעהלט. אט דער מנהג לאזט זיך אויף קיין אנדער אופן ניט דערקלערען, סיידען אז די בייגעלעגטע זאכען זיינען א „במקום" פאר׳ן טויטען קערפער. פונקט ווי מ׳האט זיך באנוצט מיט פיינער זאמד וואס גיט אן אנצוהערעניש אויף מעהל, אזוי האט מען זיך אויך באנוצט מיט עפוואס וואס גיט אן אנצוהערעניש אויף א קרבן, מיט דער האפענונג, אז די גאט־הייט וועט זיך צופרידענשטעלען מיט דעם „במקום" אדער דעם אנצוהערעניש אויף עפעס ווירקליכעס.

## די השגה פון גאט.

די אלגעמיינסטע באצייכענונג פון אלע סעמיטען פאר דער גאטהייט, אלס א מהות וואס געוועלטיגט איבער דעם מענשען און דער נאטור, איז „אל". וואו מיר טרעפען נאר סעמיטען אין פאלעסטינא און סיריען און אויך אנדערשוואו, זינט די צייטען איז וועלכע די סעמיטען שפילען דארטען

א ראלע. האבען זיי שוין א מעהרהייט פון געטער, וועלבע זיי זיינען כולל אונטער דעם אלגעמיינעם באגריף פון „אל".*) זיי פארבינדען דערמיט וואהרשיינליך פון אנהויב אן די השגה פון „מאכט" און פון א מיסטעריעזען מעכטיגען מהות. דאך איז עס ניט אויסגעשלאסען, אז אויך אט די פאר־שטעלונג האט זיך אויסגעבילדעט אין משך פון דער צייט — נאטירליך פון דער סאמע עלטסטער צייט. פאקטיש ליגען נאך דער נאמען און די זאך אין דער טונקעלקייט פון א פאר־היסטארישער צייט. עס לעגט זיך אבער שווער אויפ'ן שכל, אז „אל" זאל אמאל האבען באצייכענט נאר א גייסט וואס מ'קען ניט זעהן.

אין איינקלאנג מיט דעם גאנצען כאראקטער פון דער השגה ווענען גאט איז אורשפרינגליך קיין גרויסער חילוק ניט צווישען „אל", גאטהייט, און אנ־דערע עהנליכע באצייכענונגען ווי: „בעל", אייגענטימער, „אדון", האר אדער „מלך", קעניג. עס קאן דערפאר גרייליך טרעפען, אז אט די אלע אל־געמיינע באצייכענונגען פאר גאט ווערען פארביטען צווישען זיך, און דיזעל־ביגע פערזאנען רופט זיך נאך איין באצייכענונג ווי נאך דער אנדערער**).

פון דאנעט אויס לאזט זיך באשטימען בדרך כלל דער מהות פון דער גאטהייט ביי די סעמיטען פון כנען איידער די אידען האבען דארטען אריינ־געוואנדערט. די געטער זיינען מהות'ן מיט א מיסטעריעזער מאכט. זעהן קאן מען זיי ניט, און פון זייער נאמען קאן מען דערקענען, אז זיי זיינען די „הארען" און „באלעבאטים" פון זייער געגענד. זיי זיינען בכן פון אנהויב אן בשום אופן ניט קיין פערזאניפיצירטע כוחות אדער זאכען פון דער נאטור. ניט די זון אדער די לבנה, אדער דער בוים אדער דער שטיין, פארגעשטעלט אלס פערזאנען, זיינען דער מהות פון רער גאטהייט לויט דער פארשטעלונג וואס הערשט אין דער רעליגיעזער שפראך. נאר דאס אייגענ־טום־רעכט אויף אן ארט און א זאך און די ממשלה איבער זיי. דער „בעל" פון צ ו ר, די „בעל'טע" פון ביבלאס זיינען פשוט נעבען און הינטער די מלכים, וועלכע מ'קען זעהן, די העכסטע באהערשער פון שטאדט און לאנד־

---

*) די עלטסטע שפור דערפון געפינט זיך אין די אויפשריפטען פון די אלטע אקאדישע מלכים זינט סרגון.

**) אט אזוי געפינען מיר „בעל־ברית" און „אל־ברית" (שופטים ט 4, 46): „בעלידע" און „אלידע"; „אדוני־צדק" און „מלכי־צדק", און נאך פיעל אנדערע אזוינע פאלען.

שאפט, וועלכע מ׳קען ניט זעהן. פונקט ווי ערדישע הארען זיינען זיי די באלעבאטים פון זייער געגענד, און מען מוז זיי דעריבער אויך ברייננען דאס בעסטע וואס די געגענד גיט ארויס. זיי זיינען, אזוי לאנג ווי זיי זיינען לייט־זעליג, נאטירליך אויך די פארזארגער און באשיצער פון זייערע אונטערטא־נען ,די וועלכע ברייננען א ברכה און א שפע אומעטום.

דאס פעלד און דער וויינגארטען, דער ברונים און דער קוואל האבען דערפאר זייער ב ע ל אדער ב ע ל ה (בעל׳טע). אויך זיי זיינען ניט קיין פערזאניפיצירונגען, נאר אייגענטימער פונ׳ם ארט. מ׳קאן די דאזיגע אייגענטימער ניט זעהן, אבער זיי וואוינען נאהנט דערביי און באזעצען זיך אפט אין בוימער אדער שטיינער, וועלכע ווארפען זיך אין די אויגען. אלס פועל יוצא דערפון האבען אויך די זון, די לבנה און די שטערן געמוזט האבען זייערע ב ע ל י ם. דאך אבער ליגט שוין דא פאר אונז א צווייטע מדרגה פון דער כנעני׳שער רעליגיאן, א מדרגה וועלכע איז שווערליך באגרינדעט אויף היי־מישע איינפלוסען. אט דא, ביי דער זון, דער לבנה און די שטערן, איז מען שוין צוגעקומען צו א פערזאניפיצירונג פון דער נאטור. — אויך דער שבט און די משפחה קאנען האבען זייער אייגענע גאטהייט, זייער ב ע ל. אויך דא האנדעלט זיך ניט וועגען א שטרענגער בעל־פארשטעלונג, נאר וועגען דינען די אבות. דער לאקאלער ב ע ל פון דער געגענד אדער דער שטאדט, דער ב ע ל פון בית־לחם, גד, חברון, האט דא א פארבינדונג גע־מאכט מיט דעם אור־פאטער פון דעם שבט אדער פון דער משפחה.

דער נאמען ב ע ל איז ניט אנטשטאנען אויף דעם באדען פון כנען. אבער די פארשטעלונג וועגען די ב ע ל י ם האט דא דורכגעמאכט אן איי־גענארטיגע אנטוויקלונג. די עלטסטע פארם פון דינען איבער־ערדישע כוחות, וואס מיר קאנען אויפווייזען אויפ׳ן באדען פון כנען, ווייזט אויף א גלויבען אין ערד־גייסטער, אזעלכע מיסטעריעזע מהות׳ן, וועלכע האלטען זיך אויף אין דר׳ערד און מ׳קאן זיי קיינמאל ניט זעהן. וואס פאר א נאמען זיי האבען געטראגען, ווייסען מיר ניט. דאס וואס זיי האבען ביי די סעמיטען פון כנען נעבען דער אלגעמיין סעמיטישער באצייכענונג „אל“ פון אנהויב אן שוין אנגענומען די באצייכענונג ב ע ל, „האר“, איז אהן א ספק א פועל יוצא דערפון וואס דער באבילאנישער „בל“ איז אריינגעדרונגען אין מערב.

אט דער אלט־באבילאנישער ב ל פון נ י פ ו ר איז, ווייזט אויס, דער „אבי אבות“ פון די סעמיטישע ב ע ל י ם. אויסערדעם וואס ער ער־שיינט, ווי דער אלטער שומערישער גאט ע נ ל י ל, אלס דער האר פון דער מלוכה פון דער לופט, איז ער אויך פון די עלטסטע צייטען אן דער

„בעל מאטאטי“, דער האר פון די לענדער און אויך פון דער ערד. אז מארדוק (מרודך) איז געווארען דער אויבערסטער גאט פון בבל, האט מען אויך אויף איהם אנגעווענדט דעם נאמען בל. בל ווערט דערמיט אלס מרדך דער באשעפער פון דער וועלט, דער גאט פון הימעל און דער אויבערסטער גאט, דער „האר פון אלע הארען“. מיט דער אנטוויקלונג פון דעם קעניגטום זיינען „מלך“ און „אדון“ געווארען שמות־נרדפים (סינאנימען) פון ב ע ל.

עס בלייבט מילא בכן, אז ב ע ל איז אורשפרונגליך א גאטהייט מיט א לאקאלען כאראקטער: לאקאלע רוחות, וועלכע האלטען זיך אויף אין א געגענד, א שטאדט, א בארג און א ברונים. אבער די געגענדען מאכען פארבינדונגען איינע מיט די אנדערע; מיט דעם אויפקומען פון שטעדט און מיט דער אנטוויקלונג פונ׳ם פארקעהר בייטען אוים די געגענדען און שטעדט זייערע פראדוקטען און זייערע איינוואוינער און מיט זיי אויך זייערע געטער. מיט דעם אריינדרינגען פון פרעמדע אינ׳ם לאנד און מיט דעם פארקעהר מיט׳ן אויסלאנד הערט מען פון פרעמדע געטער און מ׳זעהט זייערע בילדער. אט אזוי ווערט ברייטער דער בליק און מ׳נעמט אויף כל׳ערל׳י השפעות. די גרויסע מאסע האט אט אזוי שטילערהייד אריינגענומען: די פרעמדע ב ע ל י ם צווישען די אייגענע און צוגעשטעלט אויסלענדישע גאטהייטען צו די היימישע. די צאהל פון די געטער ווערט אויף דעם אופן אלץ גרעסער. פאר מענשען וואס קלערען נאך איז דא געווען א גוטע געלעגענהייט צו אנטוויקלען זייער השגה פון גאט. עס האט פון זיך אליין געמוזט ארויפשווימען די פראגע, אויב די דאזיגע אלע גאטהייטען זיינען גלייך אין מאכט און ראנג, אדער אויב איינצעלנע גרעסערע און מעכטיגע זיינען ניט דערהויבען איבער דער מאסע פון די קלענערע געטער און אויב איבער יענע איינצעלנע דערהייבט זיך ניט פילייכט אן אויבערסטער און מעכטיגסטער גאט אלס דער האר פון אלע הארען, דער „אל עליון*). דערמיט האט מען אין כנען פראגרעסירט פון דעם איינפאכען פאליטעאיזם צו דער העכערער מדרגה פון דעם מאנארכישען פאליטעאיזם, פון אסך געטער מיט איינעם אן אויבערגאט, אן אנטוויקלונג, אין וועלכער באבילאניען מיט איהר אנו**) און בלמרדך איז שוין לאנג פאראויסגעגאנגען.

אבער די פראגע איז דא, אויב מענשען מיט א העכערען גייסט — אין

---

*) פארגלייך בראשית י״ד 18.

**) א נ ו, ע נ ל י ל און ע א, די דריי אלט־באבילאנישע געטער פון הימעל, ערד און וואסער. מארדוק איז שפעטער געווארען זייער יורש. ח. ש.

כנען און אין באבילאניען—האבען געקאנט בלייבען שטעהן דערביי. אז מ׳האט טיפער נאכגעקלערט וועגען די פיעלע גאטהייטען, העכערע און ני־דעריגערע, אייגענע און פרעמדע, האט מען פארט געמוזט זוכען הינטער זיי דאס וואס איז שותפות פאר זיי אלעמען, די גאטהייט אלס אזא. דאמאלסט האבען יענע פיעלע גאטהייטען דאך געמוזט סוף כל סוף באטראכט ווערען בלויז אלס זיך בייטענדיגע ערשיינונג־פארמען פון דער גאטהייט, וועל־כע איז אין תוך גענומען נאר איינע. דאס איז נאך ניט קיין מאנאטעאיזם, קיין גלויבען אין דער אחדות פון גאט. אבער עס איז אן אופן פון דענקען, וועל־כער פארגייסטיגט דורך ספעקולאציע דעם פאליטעאיזם און וואלט געקאנט אמאל פיהרען צום אמת׳ן מאנאטעאיזם. דאס געהערט צו די פארשידענע פאר־שטופעס פון אט דער העכסטער השגה פונ׳ם גדאנק וועגען גאט.

אז מ׳האט זיך ארומגעטראגען מיט עהנליכע גדאנקען אין פאלעסטינא שוין אין דער אלטער צייט, האט ביז איצט אזוי ווי דורכגעשימערט פון תנ״ך. די מעהרהייט אלהים ווערט דארטען געברויכט אלס איינ־הייט. פון די אמארנא־בריף ווייסען מיר דאס אבער איצט אויף זיכער

עס זעהט אויס עפעס משונה׳דיג וואס גאט ווערט באצייכענט אין תנ״ך דורך א פארם פון מעהרהייט מיט א פארשטעלונג פון איינהייט. מ׳האט זיך אבער ביז אהער געמוזט רעכענען מיט דער מעגליכקייט, אז דאס שטאמט פון דער סעמיטיש־כנעני׳שער פארצייט, וועלכער האט געשאפען די העברע־אישע שפראך און מיט איהר אויך דאס ווארט „אלהים“. דער נאמען „אלהים“ פאר גאט שטאמט, הייסט עס, פון פאליטעאיסטישען גדאנק. אבער די אמארנא־טעקסטען פיהרען אונז דא אויף אן אנדער וועג. אמת טאקע, אז ביי דער גרויסער מאסע פון די כנענים אין דער אמארנא־צייט האט גע־הערשט דער ריינער פאליטעאיזם. אבער ביי א גלעגענהייט ווערט שוין אויך דא געברויכט די פארם פון מעהרהייט „געטער“ (אילאני) צו באציי־כענען נאר איין גאט אדער א געטליכע פערזאן. דאס ווייזט אונז בא־שיינפערליך, אז אין א גייסטיג העכערער שיכט איז שוין דאמאלסט גע־ווען פארטראטען די אנדערע פארשטעלונג, פון באטראכטען די פיעלע גע־טער אלס פארשידענע ערשיינונגען פון איין און דעמזעלביגען גאט.

## דער פאנטעאן.

וועגען דעם כנעני׳שען הויפט־גאט בעל האבען מיר שוין גערעדט. בעל איז דער נאמען פון יעדער לאקאלער גאטהייט אלס דער „האר“ פון אט דעם ארט. ס׳איז אבער געווען נאטירליך, אז אין דעם ארט וואו מ׳האט

איהר געדינט האט די גאטהייט. וועלכע האט באמת געהייסען בעל פון צידון. שטאדט-גאט פון צור א. אז. וו. געקאנט אנגערופען ווערען קורץ „דער בעל“. וואס האט דאן פאקטיש געקלונגען ווי אן אייגעננאמען.

ווי אלט דער גלויבען אין בעל איז אין כנען קענען מיר זעהן דערפון. וואס ניט בלויז האט די עלטסטע סעמיטישע שיכט אין באבילאניען שוין געהאט אין דעם ב ע ל פון נ י פ ו ר א באבילאנישע געגענשטיק צום בעל. נאך זינט סרגון דעם 1טען און נאראם-סין ביז אויף דער צייט פון אמוראבי געפינען זיך שוין אין באבילאניען נעמען, וועלכע ווייזען אז מ'האט דארטען געדינט טאקע דעם מערב-סעמיטישען בעל גופא. ביי דער ענגער פארבינדונג פון די אמורי'שע קרייזען פון באבילאניען מיט כנען, קאן עס קיין ספק ניט זיין, אז דער דינסט פון דעם בעל האט שוין אריבערגעוואנדערט אין כנען מיט די ערשטע אמורים וואס זיינען געקומען פון מזרח און האט זיך אט דא פארבונדען מיט דעם גלויבען אין ערד-גייסטער פון דער עלטערער פאר-סעמיטישער באפעלקערונג. דערמיט איז אין איינקלאנג וואס אין דער היקסאס-צייט זעהען מיר אין עגיפטען אין פאדערגרונט דעם גאט סוטעך, וועלכער איז גלייך צו דעם בעל פון די כנענים.

שוין דערפון אליין קאן מען זעהן ווי פארשפרייט די רעליגיאן פון ב ע ל איז געוועזען אין פאלעסטינא און סיריען. דער איינדרוק ווערט נאך שטארקער דורכ'ן תנ"ך. מיר געפינען דארטען אזוי פיעל מאל דערמאנט, אז אריינקומענדיג אין לאנד האט דארטען ישראל געפונען דעם דינסט פון דעם ב ע ל און דער עשתרת. דאס איז א גוטער באוויז פאר דער לעצטער פאר-אידישער און דער עלטסטער אידישער צייט אין כנען. פאר נאך פריי-הערדיגע צייטען זיינען אן עדות די צאהלרייכע נעמען פון ערטער, וועלכע זיינען פארבונדען מיט ב ע ל און ע ש ת ר ת*). מיר ווייסען ניט ווען די נעמען זיינען געשאפען געווארען: אבער עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז לכל הפחות א טייל פון אט די ערטער האבען באקומען זייערע נעמען פון די סעמיטישע בעל-דינער גלייך ווי זיי האבען זיך אין לאנד באזעצט.

דער מהות פון ב ע ל איז פרוכטבארקייט. אלס אייגענטימער פונ'ם ארט איז ער פאר דעם כנעני'שען פויער, גארטענפלאנצער און האדעוועד פון בהמות דער עיקר א גאט וואס גיט א גערעטעניש אין לאנד און פרוכטבארקייט אין די סטאדעס. אזוי ווי דער ב ע ל איז דער מאן פון דער

*) למשל: בעל צפון, בעל פעור, בעל חרמון, בעל גד, בעל שלישה, בעל חצור, בעל פרצים, בעל תמר, עשתרת קרנים, עשתרות.

ע ש ת ר ת ווערט איהם דעריבער אויך צוגעשריבען די מענשליכע פרוכט־בארקייט. און ווען דער בעל באקומט א נאהנטע שייכות צו דעם באבילא־נישען בל־מרדך, ווערט ער א זון־גאט, צו וואס ער, אלס גאט וואס מאכט אלץ וואקסען, איז זעהר מסוגל. אלס א זון־גאט וואוינט ער אין הימעל און איז דער האר פון הימעל.

נעבען דעם „בעל" שטעהט זיין זיווג די „בעלה" (בעל'טע), די הא־רינטע. אונטער דעם דאזיגען כלל־נאמען דינט מען איהר אין ביבלאס און אין מאנכע אנדערע ערטער. דאך אבער טרעפען מיר זי לפי ערך אין וועניג פאלען אונטער דעם דאזיגען נאמען. די סיבה דערפון איז וואס אין אונטערשייד פון ב ע ל האט די ב ע ל ה גאנץ פריה אנגענומען אן אייגעננאמען עשתרת, און אונטער אט דעם נאמען האט מען איהר געדינט. די בעל'טע טרעט דעריבער צוריק און אויף איהר שטעל האט דער בעל די עשתרת נעבען זיך. באזונדערס איז דאס אזוי אין תנ"ך.

דער דינסט פון דער עשתרת ווערט אפט דערמאנט אין תנ"ך אלס א מנהג פון די פאר־אידישע כנענים, פון וועמען די אידען האבען עס ארי־בערגענומען. אז זי האט אן אלט־כנעני'שע אפשטאמונג קאן מען זעהן קלאר פון מאנכע נעמען פון ערטער, וועלכע זיינען פארבונדען מיט איהר. זי ערשיינט דא איינפאך אלס כנעני'שע, אין איינינע שטעלען אלס צידוני'שע געטין. אין תנ"ך ווערט אנגעדייט אויף איהר נאהנטע שייכות צום ב ע ל. אויך אז זי איז געווען א געטין פון דער פרוכטבארקייט פון די בהמות*). מיר ערפאהרען אויך פון ספר שמואל, אז ביי די פלשתים איז זי געווען א געטין פון מלחמה**).

גענויערע ידיעות וועגען דעם כאראקטער פון דער ע ש ת ר ת הא־קומען מיר פון איהר נאהנטער שייכות פון איין זייט צו דער באבילאנישער אישטאר און פון דער אנדערער זייט צו דער אשרה, וועלכע איז אונז בא־קאנט פון תנ"ך און אויך פון אויסען דעם תנ"ך.

אז אישטאר העננט צוזאמען עטימאלאגיש און זאכליך מיט דער עשתרת, איז קיין ספק נים. אין באבילאניען האט אישטאר פארנומען די שטעלע פון א געטין פון תאוה'דיגער ליבע און איז אלס אזא ארומגערינגעלט גע־ווען פון א כאלאסטרע פון דינערינס (אויך פון דינער). וועלכע האבען זיך איבערגעגעבען צו איהר דינסט פון אויסגעלאסענקייט. מ'האט זיך זי בכן

*) „ועשתרת צאנך", דברים ז 13.

**) שמואל א, ל"א 10.

פארגעשטעלט אלס געטין און באשיצערין פונ׳ם לעבען וואס ווערט געבארען און וואקסט. דאס לעבען איז אין אלע צייטען געווען פאר דעם מענשען א גרויס געהיימעניש: דא האט מען זיך פארגעשטעלט זיין אורשפרונג אין מענש און חיה, באזונדערס דאס גאנצע סעקסועלע לעבען פונ׳ם מענשען, אלס שטעהענדיג אונטער דער באשיצונג און פיהרונג פון א באזונדערס גרויסער גאטהייט.*)

ווי שטארק אט די זייט איז געווען אנטוויקעלט אין דער כנעני׳שער עשתרת, ווייזען אונז די אויבען באשריבענע בילדער איהרע, וואס מ׳האט לעצטענס אויסגעגראבען. באזונדערס אבער ווערט אונז קלאר דער דאזי־גער כאראקטער פון דער כנעני׳שער געטין אין יענע שטעלען פון תנ״ך, וואו זי טראגט דעם נאמען „אשרה“, אדער וואו עס האנדעלט זיך וועגען דער רע־ליגיעזער פראסטיטוציע, וועלכע איז אהן א ספק פארבונדען מיט דער א ש ר ה.

אין תנ״ך געפינט זיך דאסווארט א ש ר ה אין צוויי באדייטונגען: אלס א הילצערנער חפץ און אלס א געטין**). אבער די אויסגעגראבענע טעקסטען לאזען מעהר קיין ספק ניט, אז ס׳איז געווען אן אלט־כנעני׳שע געטין מיט׳ן נאמען א ש ר ה. וואס פאר א מין געטין זי איז געווען און אז איהר נאמען איז בלויז א וואריאנט פון ב ע ל ה און ע ש ת ר ת, קאן מען שוין זעהן דערפון וואס אויך זי, פונקט אזוי ווי יענע ביידע, האט אזא נאהנטע שייכות צום ב ע ל. נאך ראיות האבען מיר פון די אמארנא־בריף, און ועל כולם זעהען מיר דאס פון דעם, וואס ווערט אין תנ״ך דער־צעהלט וועגען איהר. ניט נאר רעדט זיך דארטען אונטער אסא מלך יהודה וועגען א שאנד־בילד (מפלצת) פון דער אשרה, נאר דא, און נאך מעהר אין א שפעטערען שטעל, ווערט דער דינסט פון דער אשרה געבראכט אין דער נעהנטסטער שייכות צו די „קדשים“, און די „קדשות“, די רעליגיעזע פראס־טיטואירטע***).

---

*) זונט אישטאר איז ארונטערגעשטיגען אין דער אונטער־וועלט, הויסט עס אין א באבילאנישער מעשה׳לע, שפרינגט ניט דער אקס אויף דער קוה, הער מאן שלאפט אין זיין צימער, די פרוי שלאפט אליין.

**) זעה מלכים א, ט״ו 13 : י״ח 19 : מלכים ב, כ״א 7 : אויך שופטים ג 7.

***) פארגלייך באזונדערס מלכים א ט״ו 12, 13 ; כ״ב 47 ; מלכים ב, כ״ג 7.

דיזעלביגע זאך אונטער דעמזעלביגען נאמען געפינען מיר אין באבילאניען פארבונדען מיט א י ש ט א ר. מ׳דארף דעריבער אננעמען אלס זיכער, אז מיר האבען דא צו טאן מיט דעם דינסט פון דערזעלביגער גאטהייט, וועלכע האט אין באבילאניען געהייסען א י ש ט א ר און אויך ב ע ל י ט, און אין פאלעסטינא ב ע ל ה אדער ע ש ת ר ת און א ש ר ה. זי איז די געטין פון לעבען און פון פרוכטבארקייט — אין באבילאניען מעהר פון דעם לעבען פון מענשען און חיות, אין פאלעסטינא איז זי אלס זיווג פונ׳ם ב ע ל אויך די געטין פון דעם לעבען פון די פלאנצען, די הארינטע פונ׳ם לאנד און פון זיינע קוואלען. אויך די הארינטע פון הימעל. אויסער דעם איז זי אין באבילאניען שטענדיג, אין כנען וועניגסטענס אויפ׳ן צווייטען פלאץ, אויך די געטין פון מלחמה.

נאר איין זייט פון דער באבילאנישער אישטאר, לויט וועלכער זי איז גלייכצייטיג אויך די שוועסטער פונ׳ם זון־גאט און די געטין פון אווענד און מארגען און פון דעם שטערן ווענוס (מזל נגה), קענען מיר ניט נאכווייזען אין דער ביבלישער און כנעני׳שער עשתרת. אזוי אבער ווי מיר טרעפען זי אלס גאטהייט פון הימעל אין דער שפעטערער ביבלישער צייט*), און אזוי ווי אין דער אמארנא־צייט וואנדערט זי שוין אין דער דאזיגער אייגענשאפט פון מיטאני דורך פאלעסטינא קיין עגיפטען, איז עס דעריבער לחלוטין ניט אויסגעשלאסען, אז זי איז אויך באקאנט געווען אין כנען אין יענער באשטימטער שטעלונג אין הימעל, וועלכע זי האט פארנומען אין באבילאניען.

א וויכטיגע געטין פון מלחמה, א קרובה׳טע און אט דעם פרט מיט דער אישטאר־עשתרת איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען ע נ ת. פון תנ״ך קענען מיר זי בלויז אלס נאמען פון א פאטער פון איינעם פון די שופטים (שמגר בן ענת, שופטים ג 31). עס קאן אבער גרייליך זיין, אז ענת איז ניט דער נאמען פון שמגר׳ם פאטער, נאר בן־ענת האט באדייט: דער זוהן פון דער קריגס־געטין, עס הייסט: דער גבור פון מלחמה. אויסער דעם טרעפען מיר נאך ענת אין תנ״ך אלס נאמען אדער אלס טייל פון א נאמען פון אן ארט (ענתות, ירמיה הענתותי). אין עגיפטען אבער האט ענת געשפילט א ראלע, באזונדערס אין דער צייט, ווען דארטען איז געווארען א מאדע אריינצונעמען סירישע געטער. זי ווערט פארגעשטעלט אויף עגיפטישע בילדער מיט א שפיז און א פאנצער.

א סירישער גאט פון מלחמה איז אויך געווען ר ש ף. אין תנ״ך

*) „מלכת השמים“, ירמיה מ״ד 18, 19.

געפינען מיר איהם ניט. דאס ווארט ר ש ף באדייט דא נאר די פייעריגע גלוט און דעם בליץ, אויך די פעסט*). דאס גיט אונז אבער שוין א שטיקעל אנצוהערעניש וואס פאר א מין גאט ר ש ף איז אמאל געווען אין כנען. אלס גאט טרעפען מיר איהם ניט בלויז אין די שפעטערינגע אראמעאישע און פעניקישע אויפשריפטען. נאר א סברא שוין אויך אין די אלטע אשוריש־באבילאנישע טעקסטען. באזונדערם דייטליך אבער טרעט רשף אויף פאר אונז אלס כנעני'ש־פעניקישער גאט פון בליץ און מלחמה אויף עגיפטישע מאנומענטען פון אט דער צייט, וועלכע מיר באהאנדלען דא. פונקט ווי ענת ווערט אויך רשף פארגעשטעלט מיט א שפיז און א פאנצער.

עס קומען נאך אין באטראכט א רייה פון געטער, וואס ענטוועדער זייער אמת'ע היים איז באבילאניען אדער זיי האבען דארטען לכל הפחות זייער נעהנטסטען פאראלעל. ביי דער שטארקער גייסטיגער השפעה, וואס באבילאניען האט נאך אלץ געהאט אויף פאלעסטינא און סיריען, זיינען יענע געטער (צי פריהער שוין, צי איז דער צייט, פון וועלכער מיר ריידען דא) ענטוועדער פשוט אריבערגענומען געווארען אדער מ'האט זיך זיי פארגעשטעלט און זיי גערינט אויף א שטארק באבילאנישען אופן.

צו די ערשטע פון אט דעם מין געטער געהערען: ש א מ א ש (שמש) דער גאט פון דער זון און ס י ן, דער גאט פון דער לבנה, דער לעצטער איז אין פאלעסטינא גופא אנגערופען געווארען י ר ח. אז מ'האט אין פאלעסטינא גערינט אין יענער צייט צו דעם זון־גאט, איז זיכער. מ'קאן אויך דערקענען ווי מאנכע איינצעלנע פערזאנען פון דער אידישער לעגענדע און געשיכטע האבען אין זיך שטריכען, וועלכע האבען לכתחילה געהערט צו דעם זון־גאט. באזונדערס זעהט זיך דאס אין די געשיכטען וועגען שמשון און אליהו. דאס וואס ווערט וועגען זיי דערצעהלט גיט אן אנצוהערעניש, אז אין דער אידישער פארצייט און באזונדערס אין דעם לאנד, וואו דאס פאלק האט זיך באזעצט, האט מען געקענט און זיך איבערדערצעהלט מאנכע געטער־געשיכטען פון דעם זון־גאט.

דעם נאמען פון'ם באבילאנישען לבנה־גאט ס י ן ווילען מאנכע דערקענען אינ'ם נאמען פון בארג ס י נ י, אויך אין דעם פון מ ד ב ר ס י ן. אויב די דאזיגע סברא איז ריכטיג, לעגט זיך דאן אויפ'ן שכל, אז אט דער גאט איז געקומען צום סיני ניט פון באבילאניען, נאר פון ח ר ן איז

*) שיר השירים ח 6; תהלים ע"ח 48. דברים ל"ב 24; חבקוק ג 5.

מעסאפאטאמיען. חרן האט געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דעם דינסט פון דעם לבנה־גאט און איז אויך געווען דער מיטעלפונקט פאר דעם פאר־קעהר צווישען מזרח און מערב. מאנכע ווילען דערמיט פארבינדען אזוינע נעמען ווי: ל ב ן, ש ר ה און מ ל כ ה*). דאס האט אבער זעהר א שוואכען יסוד. דאך אבער איז קיין ספק ניט, אז מ'האט אין די אלטע צייטען געדינט אין כנען דעם גאט פון דער לבנה. דאס זעהען מיר פון דעם אוראלטען אידישען יום־טוב פון ראש חדש און אויך פון דעם כנעני'שען נאמען י ר י ח ו, לבנה־שטאדט.

א נאהנטער קרוב פון דער גאטהייט פון דער זון און דער לבנה איז אין באבילאנישען פאנטעאן געווען דער גאט פון שטורם, דונער, און בליץ רימון (ראמאן), וועלכער איז געווען באקאנט אין מערב־לאנד אונטער'ן נא־מען ה ד ד. זיין סימבאל איז די בליץ־שנור און די האק, זיין חיה דער אקס. פון די אמארנא־טאוולען זעהען מיר, אז דער דאזיגער גאט איז געווען פאפולער אין די אלטע צייטען אין סיריען און אין כנען. מיר געפינען אויך זיין נאמען פארבונדען מיט אסך נעמען פון ערטער און פערזאנען. אין אלישע'ס צייט ווערט ער אנגערופען אלס דער הויפט־גאט פון דמשק (מלכים ב, ה 18). מ'האט איהם קענטיג געדינט אין דעם סימבאל פון א בילד פון אן אקס.

א באדייטענדע ראלע האט געמוזט שפילען אין אלטען כנען אויך דער גאט „מלך". אין תנ"ך ווערט דערצעהלט ערשט אין דער שפעטערער צייט פון דער מלוכה וועגען דעם דינסט פון אט דעם גאט. דארטען ערשיינט ער אלס א בלוטדורשטיגער אכזר, צו וועמען מ'מוז מקריב זיין מענשען אלס קרבנות. עס ווייזט אבער אויס, אז שוין אין דער אמארנא־צייט האט מען אסך געדינט דער דאזיגער גאטהייט.

מ'מוז נאך דערמאנען עטליכע געטער, וועלכע קומען פאר זעלטענער און האבען דערפאר א קלענערען באטרעף, זיינען אבער דאך אלט־כנעני'שע גאט־הייטען. צו אט דעם מין געהערען די פון דערהיים אוים באבילאנישע גע־טער: נ ב ו, נ י נ י ב און נ ר ג ל. נ ב ו איז אין תנ"ך דער נא־מען פון א בארג. נ י נ י ב געפינט זיך אין די אמארנא־בריף אלס נאמען

*) אלע דריי זיינען פון חרן. לבן איז נאהנט צו לבנה; שרה — שאראטו איז א באצייכענונג פאר דער לבנה־געטין פון חרן און מלכה־מאלקאטו איז א באצייכענונג פאר דער אישטאר. פארגלייך אויך „מלכת השמים", ירמיה מ"ד 18.

פון אן ארט נעבען ירושלים (בית־ניניב). דעם נאמען נ ר ג ל האט מען אויסגעגראבען אין ת ע נ ד*). דאן קומט נאך דער גאט ד ג ו ן, וועלכער איז אין דערהיים אין כנען און איז נאכהער פון דארטען געקומען אין מעסאפאטאמיען און צו די פלשתים אויך דער כנעני'שער און אראמעאישער גליקס־גאט ג ד (ישעיה ס"ה 11) און די לאקאלע גאטהייטען, וועלכע קומען נאר פאר אין א גרויסער נאווינע, צ ד ק און ש ל ם**).

די אונטערסטע שורה פון דעם איבערבליק וואס מיר האבען דא געגעבען איז, אז אין דער אמארנא־פעריאדע און אין די צייטען באלד נאך איהר האט דער פאנטעאן אין כנען, אפילו אזוי ווייט ווי ער האט אנטהאלטען היימישע כנעני'שע אדער אראמעאישע גאטהייטען, דורכאוים געהאט זיין יסוד אין דער באבילאנישער געטער־וועלט. וואו ניט וואו האט אויך ניט געפעהלט די עגיפטישע השפעה. אבער זי טרעט צוריק געגען דער באבילאנישער, באזונדערס אינ'ם אינערליכען לאנד און אין די געגענדען וואס ליגען ווייט פון עגיפטישען גרעניץ. דער פאקט קומט אוים משונה'דיג, ווייל לויט די פאליטישע פארהעלטענישען האט אין דער דאזיגער צייט בפארפט אראפווענען דער עגיפטישער איינפלוס. די איינציגע דערקלערונג דערצו איז, אז אין דער צייט פון דער עגיפטישער הערשאפט אין דער פאנטעאן אין כנען שוין לאנג געווען איינגעפונדעוועט. די כנעני'שע געטער־וועלט האט געמוזט אנשטעהן אין דער פעריאדע פון דער אומבאגרעניצטער באבילאנישער השפעה, בכן אין דער צייט פאר 1600. די עראבערונג פון סיריען דורך עגיפטען אונטער טהוטמאס דעם דריטען האט שוין געפונען פארטיג דעם געטער־סיסטעם אין לאנד און האט ווייניג וואס געקאנט ענדערען אין איהם. אדרבה, עגיפטען, ווייזט אוים, האט אין דערזעלביגער מאס מקבל געווען ווי געגעבען: א גאנצע רייה פון געטער וואנדערען קיין עגיפטען און מ'דינט זיי דארטען צווישען דער היימישער באפעלקערונג און אפילו אין קעניג'ס הויף.

אבער אט די אלע גאטהייטען געהערען, אזוי ווייט ווי מיר קענען זיי, צו די גרויסע געטער, נעבען וועלכע עס האבען זיך תמיד געפונען נאך אסך נידעריגע געטער פון א קלענערען ראנג. צום טייל האט מען זיי זיך פארגעשטעלט אלס דינער און משרתים פון די הויפט־געטער, צום טייל אלס ני־

---

*) זעה אויבען ז. 109.

**) פון דעם גאט צדק שטאמען די נעמען מלכי־צדק און אדוני־צדק. דער נאמען פון גאט שלם איז קענטיג דער שורש פון ירושלים (ירו־שלם).

דעריגע כוחות און מחבלים. זיי זיינען געווען באליבט ביי די כישוף־מאכער און ביי די נידעריגע פאלקס־שיכטען האבען זיי פארטראטען דעם ארט פון די גרויסע געטער. ווי אין מאנכע אנדערע רעליגיאנען, האט מען אויך אויף דעם דאזיגען געביט געקאנט מאכען די ערפאהרונג, אז די גרויסע געטער מיט זייערע רייכע טעמפלען און גלענצענדע ימים־טובים זיינען בעצם נאר געווען פאר די רייכע און חשוב׳ע. די ברייטע אונטערסטע שיכט פון ארימע און פארקנעכטעטע, בכלל פון דעם פשוט׳ען פאלק, האט זיך געמוזט באגנוגענען מיט געטער פון א קלענערען ראנג און מיט ביליגערע פרעטענזיעס. צו זיי קאן דער פשוט׳ער מענש אויך האבען א געלעגענהייט צוצוקומען.

אט אזוי ערשיינען שוין אין באבילאניען נעבען די הויפט־געטער גע־וויסע נעבען־געטער, וועלכע רינגלען ארום דעם הימעל־גאט אלס חילות פון הימעל און שטעלען פאר די הימעלשע בעראטונגס־פארזאמלונג פון די געטער*). זיי טרעטען אייף צום טייל אלס פאמיליען־גלידער, צום טייל אלס שלוחים פון דער הויפט־גאטהייט.

צו דעם דאזיגען מין פון נידעריגע געטער געהערען אויך אזוינע גע־שטאלטען פון תנ״ך ווי א שטייגער דער „עזאזל“ און די „שעירים“. דער „עזאזל“ איז א בייזער רוח פון מדבר און די „שעירים“ זיינען בייזע רוחות פון פעלד. צו די „שעירים“ האבען אידען אפטמאל אויך מקריב געווען קרבנות (ויקרא י״ז 7). די דאזיגע מחבלים, ווי אויך די רוחות פון די געשטארבענע, וועלכע דער מענש קאן רופען און ארויסגעפינען פון זיי אלצדינג („אובות“ און מיט זיי פארוואנדט די „ידעונים“), זיינען געבליבען ביי די אידען אלס „שיריים“ פון די אמאליגע כנענים. אנדערש איז אבער מיט אנדערע גע־שטאלטען, וועלכע מיר געפינען ארום יהוה, ווי די „כרובים“, די „שרפים“ און יהוה׳ס שלוחים, די „מלאכים“, אדער געוויסע איינצעלנע צווישען זיי, ווי דער „משחית“, דער פארדארבער. ביז איצט האבען מיר וועגען זיי קיין אנצוהערעניש ניט געפונען אין דער פאר־אידישער צייט. אויך דער שטן שטאמט פון א שפעטערדיגער צייט.

---

*) פון אזא הימעלשער בעראטונגס־פארזאמלונג פון די „בני אלהים“ אדער „בני אלים“ רעדט זיך אין תהלים כ״ט 1; איוב א 6, ב 1; אויך אין מלכים א, כ״ב 19 (צבא השמים). בראשית ו 4 (בני האלהים), די אידען האבען אט דעם באגריף אריבערגענומען פון די פעלקער ארום.

## ערטער פון קולט.

אלס פלעצער וואו די כנענים האבען געדינט צו די געטער קומען העכסט וואהרשיינליך אין באטראכט אלע וויכטיגע ערטער פון לאנד. יעדער פון זיי האט געהאט זיין לאקאלען „בעל". דאס שליסט ניט אויס, אז מ'האט דארטען אמאל אין א נאוויגע אדער אויך דויערנד געדינט צו אנדערע געטער. אויסער די אמת'ע ערטער פון קולט האט דאס לאנד אהן א ספק אויך גע־האט מאנכע הייליגע פלעצער אויפ'ן פרייען פעלד: שפיצען פון בערג, פלא־טען פון פעלזען און פון שטיינער, קוואלען, ביימער און וועלדלעך, וועלכע מ'האט געהאלטען פאר הייליג.

אלס די וויכטיגסטע פון יענע הייליגע ערטער דארף מען, לויט דעם תנ"ך, דערמאנען: שכם, בית־אל, גלגל, גבעון, חברון: לויט די אויסגרא־בונגען און די אויסגעגראבענע אויפשריפטען: אזעלכענע ערטער ווי גזר, תענך, מגידו, ירושלים, יריחו, לכיש, א. אז. וו.; ענדליך דארפען נאך בא־טראכט ווערען אלס הייליגע פלעצער פון די כנענים אלע ערטער וואס זייערע נעמען זיינען פארבונדען מיט „בעל".*) פאר דאס איבעריגע פון סיריען קומען נאטירליך אין באטראכט אלס הייליגע ערטער די לאנג שוין באשטע־הענדע שטעדט: צידון, צור, ביבלאס, ביירוט א. אז. וו. דערצו געהערען נאך קוואלען און ברונימער ווי די פון באר־שבע, לחי־רואי, גיחון און רוגל ביי ירושלים; הייליגע ביימער ווי דער פאלמען־בוים פון דבורה, דער אייכען־בוים פון דעם אראקעל־געבער ביי שכם (אלון מורה), הייליגע שטיינער ווי דער ביי שכם, ביי גבעון אדער בית־שמש אדער דער שטיין פון הילף (אבן העזר**).

## סימבאלען פון קולט.

א קולט־ארט פון די כנענים אין יענער צייט, ווי ס'איז צו זעהן פון די אויסגראבונגען אין גזר, האט ניט אנטהאלטען קיין טעמפעל, קיין פעס־טעס הויז און אויך קיין בילד פון גאט. ס'איז א הייליגער ארט צו דינען גאט אונטער'ן פרייען הימעל, אין פנים פון דער אויפגעהענדער זון. דער עיקר, ווי עס לאזט זיך נאך היינט דערקענען, איז די מ צ ב ה, וועלכע

*) זעה אויבען ז. 116.

**) זעה, למשל, שופטים ט 6, 37; בראשית ל"ח 8; שופטים ד 5; יהושע כ"ד 2; שמואל ב, כ 8; שמואל א, ו 14; מלכים א, א 9.

טרעט דא אויף אין פארשידענע זארטען עקזעמפלארען. עס איז א זייל פון איין שטיין, זיך פארגעשטעלט אלס סימבאל פון דעם לאקאלען ב ע ל, אדער אלס דער ארט וואו ער האלט זיך אויף. דער דאזיגער שטיינערנער זייל איז קענטיג ארויסגעוואקסען פון דעם נאך איינפאכערען שטיינבלאק, וועלכען מ׳האט באטראכט פון די עלטסטע צייטען אן אלס די וואוינונג פון א לאקאלען גאט. לכתחילה האט דער דאזיגער שטיין ניט געהערט צו דעם ב ע ל, נאר צו יענע ערד־גייסטער, צו וועמען די עלטסטע פאר־סעמיטישע איינוואוינער פון לאנד האבען געדינט.

ביי דער זייט פון דער מ צ ב ה, אלס וואוינונג אדער סימבאל פונ׳ם „בעל“, שטעהט די א ש ר ה אלס וואוינונג אדער סימבאל פון דער ווייבליכער „בעלה“, וועלכע מ׳האט גערן אנגערופען עשתרת אדער אויך אשרה. דאס וואס עס האט זיך אונז ניט דערהאלטען פון דער אלטער צייט קיין סימן פון אזא׳ן אשרה איז קיין חידוש ניט: ווייל אזא קולט־זאך האט לויט איהר נאטור זיך ניט געקאנט דערהאלטען. דאס העברעאישע ווארט א ש ר ה האט נעבען דער באדייטונג פון א גאטהייט, אויך נאך אן אנדער באדייטונג, אין וועלכער עס באצייכענט א הילצערנעם חפץ, וואס האט א נאהנטע שייכות צו דער מצבה און האט אויך בכן אן עהנליכע געשטאלט. די אשרה־עשתרת־בעלה איז אבער די געטין פון פרוכטבארקייט און פון וואקסען, פון חיות און באזונדערס אויך פון פלאנצען. מיר קענען אויך פון אסך בילדער נעבען די מצבות אדער אומאפהענגיג פון זיי איינגענארטיגע חפצים פון קולט, וועלכע האבען א פנים פון א סלופ אדער א שטענדער, ניט זעלטען געקרוינט מיט א צייכען פון דער גאטהייט. ס׳איז דערפאר קיין ספק ניט, אז די אשרה, וועלכע ווערט דערמאנט אין תנ״ך צוזאמען מיט דער מצבה, שטעלט פאר דעם הייליגען בוים אדער דעם הילצערנעם זייל, דאס קינסטליכע בילד פונ׳ם פרוכטבוים אדער בכלל פונ׳ם בוים, וועלכער שטעלט פאר בחוש דאס וואקסען און לעבען. די אשרה האט אהן א ספק זיך אנטוויקעלט פונ׳ם בוים גופא. דארטען וואו מ׳האט געהאט א לעבעדיגען בוים אין הייליגען ארט, האט מען פריהער קיין אשרה ניט באדארפט. וואו אבער אזא בוים איז ניט געווען, איז געווארען זיין „במקום“ א שטאם פון א בוים ארייגעשטעקט אין דר׳ערד, וועלכער האט אין משך פון דער צייט נאך צוגעקראגען פארשידענע באפוצונג.

## ד ע ר  ד י נ ס ט  פ ו ן  ד י  ט ו י ט ע.

די אמאליגע כנענים האבען געדינט צו די טויטע. עס האט ביי זיי

געהערשט די מיינונג, אז כאטש די טויטע פיהרען ניט א פול לעבען ווי די מענשען אויף דער ערד, דאך אבער האבען זיי נאך אזא מין קיום ווי שאַטענס. אונטער דר'ערד אין קבר אדער נאהנט דערביי האלטען זיי זיך אויף און פארלאנגען נאך שפייז, געטראנק און מאנכערליי זאכען, וועלכע מ'גיט זיי מיט אין קבר אדער מ'שטעלט זיי אוועק נאהנט דערביי. וואס פאר א שייכות זיי האבען צו די הייליגע ערטער און צו די ערד־גייסטער, צו וועלכע די פאר־סעמיטישע באפעלקערונג האט דארטען געדינט, ווייסען מיר ניט זי־כער. דאך איז די סברא מחיב, אז אין דער עלטסטער אונז צוגענגליכער צייט האבען זיי ביידע זיך צוזאמענגעטראפען אדער זיינען פון דער מאסע פארביטען געווארען. אין דער אידישער פאלקס־רעליגיאן אין דער אוראלטער צייט זיינען די רוחות פון די געשטארבענע באטראכט געווארען אלס געט־ליכע מהות'ן. דאס זעהען מיר אין דער געשיכטע ווי די מכשפה ברייננגט ארויף פאר שאול'ן שמואל'ס גייסט („אלהים עולים מן הארץ", שמואל א, כ"ח 13). ס'איז דעריבער דא א שטארקער יסוד פאר דער השערה, אז די דאזיגע השגה האט שוין עקסיסטירט אין דער אלט־כנעני'שער צייט. פון דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער כנעני'שער רעליגיאן קריגען מיר אבער דעם איינדרוק, אז די בעלים און די אנדערע אויבערסטע געטער האַבען אליץ מעהר און מעהר באהערשט דעם גאט'ס־דינסט, און דער דינסט פון די טויטע האט זיך דערהאלטען דערביי אלס חוב נעגען די פארשטארבענע אבות, דער עיקר אין די אונטערסטע שיכטען פון פאלק און אויך צום צוועק פון כישוף און טרעפעריי.

## קורצער סדר־הכל.

ווען מיר מאכען א קורצען סדר־הכל פון דער ביזאהעריגער אונטערזו־כונג, ווייזט זיך אונז דאן א בילד פון א פיעל־געשטאלטיגען רייכען לעבען אין דער אלטער כנען.

אזוי ווי דאס לאנד האט געדינט פון אלעמאל אן אלס דורכגאנג פון באבילאניען קיין עגיפטען, איז עס דורך זיין געאגראפישער לאגע באשטימט אויפצונעמען קולטורעלע השפעות פון צפון און פון דרום און זיי צו לאזען ווירקען אויף זיינע איינוואוינער. זיין לאגע ביים ברעג פון מיטעללענדישען ים מאכט עס גלייכצייטיג פאר א טויער, דורך וועלכען עס קומען אריין די השפעות פון די קולטורען פון די מערב־לענדער און דורך די באוואסערטע טאלען פון סיריען און די דורכגענג דורך דעם טאל פון לבנון שטראמען תמיד אריין די גייסטיגע שטרעבונגען און אוצרות פון קליינאזיען און פון

צפון־סיריען אין דרום. מיר באקומען דעריבער בסך־הכל אז איינדרוק פון א געמישטער קולטור, אין וועלכער אריבערגענומענע עלעמענטען האבען זיך פארבונדען מיט היימישע. אונטער אלע אומשטענדען שפילט דער פרעמדער איינפלוס ניט קיין קליינע ראלע. פונקט ווי אין בבל, אזוי האט מען אויך אין דמשק און אין שכם געקאנט הערען באבילאנישע מעשיות וועגען די געטער אדער מ׳האט גע׳משפט לויט אמוראבי׳ס געזעצען; און פונקט ווי אין טעבען אזוי האט מען אויך אין ביבלאס, עכו און מגידו געקאנט האבען כראניק־שרייבער און הערען די שטים פון די חכמים פון די קלוגע משלים.

אבער בעת אין קולטורעלען לעבען פון פאלעסטינא איז דער עיקר דאס אויפנעמען און איבערארבייטען פרעמדע השפעות, געהט די רעליגיאן פון כנען אויף אן אייגענעם וועג. אין אט דעם פונקט טרעפען זיך דארטען צוזאמען די ווערטפולע השפעות פון דרויסען מיט געוויסע, קענטיג זעלבשטענדיגע היימישע שטרעבונגען. שוין די אנטוויקלונג פון די געטער־געשטאלטען האט זיך לחלוטין ניט באשרענקט אויפ׳ן איבערנעמען פרעמדע געטער. בעל און עשתרת, די היימישע הויפט־געטער, זיינען — על־כל־פנים אין דער פארם אין וועלכער זיי האבען דא געהערשט — ספעציפיש כנעני׳שע געשטאלטען. דאס ווייזט, אז אין רעליגיעזען לעבען האט אין כנען געהערשט א זעלבשטענדיגער גייסט. מיר וועלען ניט געהן אויף קיין פאלשען וועג, ווען מיר וועלען זעהן בדרך השערה די סימנים פון אט דעם גייסט אויך אין יענע מאנאטעאיזירענדע התחלות אין כנען, פון וועלכע ס׳איז אויבען גערעדט געווארען. עס קאן זיין, אז אויך די דאזיגע התחלות האבען באקומען זייערע השפעות פון בבל און פון עגיפטען. אבער דער אופן ווי אזוי זיי האבען זיך אויסגעדריקט און זיך ווייטער אנטוויקעלט אין כנען איז אונז, לכל הפחות ביז איצט, ניט געוויזען געווארען אין יענע לענדער.

# די פאַר־היסטאָרישע צייט

ו. ח. שוים

# די מעשיות וועגען די אבות

קיין פאָלק ווייסט ניט צו דערצעהלען קיין גענויע פאקטען פון דער סאמע ערשטער צייט פון זיין געשיכטע. די קינדהייט פון יעדען פאָלק איז איינגעוויקעלט אין א וואונדערליכען שלייער פון לעגענדען. היסטאָרישע ווירקליכקייט מישט זיך דאָרטען דורך מיט שאפונגען פון דער פאנטאַזיע. עס פאַלען אוועק די גרעניצען פון אָרט און צייט. געשעהענישען וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּילט אין פארשידענע לענדער, וואָס זיינען גאַנץ ווייט איינס פונ'ם אנדערען, פּערזאָנען וואָס האָבען געלעבט אין פארשידענע צייטען ווערען צונויפגעוועבט אין איינעם אין א רייכפארביגען, פאנטאַסטישען געוועב.

די דאָזיגע קינדהייט פון א פאָלק ווערט אָנגערופען זיין „פאר־היסטאָרישע" צייט. געוועהנליך הערען מיר אין דער פאָר־היסטאָרישער צייט פון פעלקער וועגען העלדען און געטער. ניטאָ דאָרטען קיין גרעניץ צווישען מענש און גאָט. די מענשען זיינען האַלבע געטער און די געטער האַלבע מענ־שען. אנדערש זיינען אבער די געשיכטען פון דער פאר־היסטאָרישער צייט פון אידישען פאָלק. די אידען האָבען ניט געהאט קיין ג ע ט ע ר, נאָר א י י ן גאָט, יהוה. זיי זיינען אויך געווען פון דער עלטסטער צייט אָן אנטי־מיטאָלאָגישטען: דאָס הייסט: זיי האָבען ניט געקאָנט פארטראָגען דעם געדאַנק, אז א מענש זאָל זיין א צו גרויסער מקורב מיט גאָט. די פּי־גורען פון דער אידישער פאר־היסטאָרישער צייט זיינען דעריבער ניט קיין האַלב־געטער, נאָר ריינע מענשען. זיי האָבען אפילו א נאָהנטען פארקעהר מיט גאָט, וועלכער באווייזט זיך אָפּט צו זיי, אָבער זיי זיינען צוליב דעם ניט וועניגער מענשליך. ניטאָ אין זייער לעבען קיין זאך איבער־מענשליכעס. אַלץ וואָס ווערט וועגען זיי דערצעהלט, באוועגט זיך אין דעם געוועהנלי־כען קרייז פון מענשען'ס לעבען. די געשטאַלטען פון דער אידישער פאָר־היסטאָרישער צייט זיינען דעריבער געבליבען אינטערעסאנט און אנציהענד פאר אַלע צייטען; און זייערע בולט'ע מענשליכע שטריכען וועלען קיינמאָל ניט פארלירען זייער ווירקונג אויף מענשען פון פאַ־שידענע מדרגות פון אנטוויקלונג און פון פארשידענע עלטערס.

די געשיכטע פון דער פאר־היסטארישער צייט פון אידישען פאלק הייבען זיך אן אין חומש שמות מיט דער קנעכטשאפט פון די אידען אין מצרים און זייער באפרייאונג דורך משה'ן. אין אט די געשיכטען זיינען שוין די אידען א פאלק און טראגען שוין דעם נאמען „בני ישראל" — זייער נאמען פון דער היסטארישער צייט. אבער פאראוים פאר די דאזיגע געשיכטען קומט אין חומש בראשית א לאנגע, צוזאמענגעפלאכטענע מעשה פון די אבות און זייערע קינדער. אין אט דער מעשה ווערט ניט גערעדט פון קיין אידישען פ א ל ק. ווי אין דער מעשה פון יציאת מצרים, נאר פון א אידישער מ ש פ ח ה און פון איהרע פארהעלטענישען מיט איהרע נעהנטערע און ווייטערע קרובים.

די פאמיליען־געשיכטע פון די אבות שפילט זיך אפ אין דריי לענדער: אין ארם נהרים (מעסאפאטאמיען), אין כנען און אין מצרים; און די סצענעס טראגען זיך אפט אריבער פון איין לאנד אין דעם אנדערען. צוערשט קומט א געשיכטע פון דריי דורות: א טאטע, א זוהן און צוויי אייניקלעך. דער זיידע פון דער פאמיליע, אברהם אדער אברם, שטאמט פון מעסאפאטאמיען. דארטען באווייזט זיך גאט צו איהם און זאגט איהם, אז ער זאל פארלאזען זיין לאנד און זיין משפחה און געהן אין דאס לאנד וואס ער וועט איהם אנווייזען. אברהם, צוזאמען מיט זיין פרוי שרה און מיט זיין ברודער'ס זוהן לוט, קומט אין כנען. גאט באווייזט זיך דארטען צו איהם און פארשפרעכט איהם, אז ער וועט דאס דאזיגע לאנד אוועקגעבען צו איהם און זיינע קינדער. אברהם און לוט זיינען ביידע רייכע שעיך'ס און פארמאגען אסך סטאדעס. אט אזוי וואנדערען זיי ארום מיט זייערע סטאדעס איבער'ן לאנד. אין א צייט פון הונגער וואנדערט אברהם אוועק אזש קיין מצרים און קומט דערנאך צוריק אין כנען. צום סוף אבער קאנען אברהם און לוט מעהר ניט צוזעבטקומען; זייערע פאסטוכער קריגען זיך וועגען דער פאשע. לוט גיט דערפאר אויף דאס נאמאדישע לעבען. ער ווערט ציוויליזירט און באזעצט זיך אין די כנעני'שע שטעדט אין „ככר הירדן" (קרייז פון דעם ירדן). אברהם אבער האלט זיך ווייט פון די ציוויליזירטע און זינדיגע כנענים. ער בלייבט א נאמאד און לעבט אין געצעלטען אין חברון. די זינדיגע שטאדט סדום פון די כנענים, וואו לוט האט געוואוינט, ווערט איבערגעקעהרט. בלויז לוט און זיינע צוויי טעכטער ווערען געראטעוועט צוליב אברהם'ס זכות. און פון זיי קומען ארוים עמון און מואב, די צוויי שכנים־פעלקער פון די אידען אין דרום־מזרח פון פאלעסטינא.

אברהם האט צוערשט געהאט א זוהן פון זיין קעפסווייב הגר מיט'ן

נאמען ישמעאל, — דער פאטער פון דעם בעדואינער־פאלק פון די ישמעאלים אין מדבר. ערשט צו די עלטערע יאהרען האט זיין ריכטיגע ווייב שרה גע־בארען א זוהן יצחק. אברהם טרייבט ארויס פון זיין הויז, אויף שרה'ס פארלאנג, הגר'ן מיט איהר זוהן, ווארים דער אמת'ער זוהן און יורש זיינער איז יצחק.

שרה איז געשטארבען. אברהם איז אלט געווארען. נאר איידער ער איז געשטארבען האט ער געוואלט פארזארגען זיין זוהן יצחק מיט א פרוי פון זיין אייגענער משפחה, פון די ארامעער אין חרן. דאס אויסצופיהרען גיט ער איבער דעם עלטסטען קנעכט פון זיין הויז. די פּצענע טראגט זיך אויף א וויילע אריבער אין חרן. ביים ברונים אויסער'ן שטאדט טרעפט דער קנעכט יצחק'ס שוועסטער־קינד רבקה'ן. זי קומט קיין כנען און ווערט יצחק'ס פרוי. אברהם האט נאך קינדער פון אן אנדער קעפסווייב קטורה, אבער ער שיקט זיי אוועק אין „ארץ־הקדם", אין אראביען. זיין יורש אין כנען בלייבט יצחק.

יצחק און רבקה האבען צוויי זיהן — א צווילינג: יעקב און עשו. און דא הייבט זיך אן די געשיכטע פון יעקב'ן, וועלכע שפּיעלט זיך אפ אין אנ־הויב אין כנען, ווערט אריבערגעטראגען קיין חרן און ענדיגט זיך ווידער אין כנען. אלס ערשטער זוהן ווערט געבוירען עשו, און גלייך נאך איהם קומט יעקב. עשו איז א יעגער און יעקב א פאסטוך. עשו איז דער בכור. אבער דער קלוגער יעקב קריגט ארויס פון איהם די בכורה פאר א טאפּ לינזען און שפּעטער נארט ער אויך ארויס פון איהם דעם פאטער'ס ברכה. עשו פאלט אריין אין א גרים צארן און וויל דער'הרג'ענען זיין ברודער. יעקב מוז פאר־לאזען באר־שבע, און די פּצענע ווערט אריבערגעטראגען אויף א לענגערער צייט קיין חרן; און ווידער זיינען מיר דארטען אויסען שטאדט ביים ברונים. רבקה האט ביים ברונים אנגעטראפען אברהם'ס קנעכט און זיינע קעמלען: יעקב האט ביים ברונים אנגעטראפען די סטאדע פון רחל'ען, — דער שענער טאכטער פון זיין אנקעל לבן. אבער רחל האט אן עלטערע שוועסטער לאה, מיט שוואכע, מיאוס'ע אויגען. יעקב האט ליב רחל'ען און ער דינט לבן'ען זיבען יאהר פאר איהר. אין דער חופה־נאכט אבער ווערט ער אפּגענארט פון לבן'ען, און ער האט קיין אנדער ברירה ניט ווי הייראטעןביידע שוועס־טערס און דינען נאך זיבען יאהר. לאה האט זעקס זיהן: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר זבלון; רחל האט אין אנהויב בלויז איין זוהן, יוסף. אבער אויסער די צוויי ווייבער האט יעקב נאך צוויי קעפס־ווייבער: רחל'ס דינסט בלהה און לאה'ס דינסט זילפּה. בלהה האט צוויי זיהן: דן און

נפתלי, און אויך זילפה האט צוויי זיהן: גד און אשר. אין גאנצען האט יעקב צוועלף זיהן.

יעקב דינט לבן׳ען א דריטען מאל זיבען יאהר פאר א לוין. לבן זוכט צו נארען יעקב׳ן. יעקב איז נאך קליגער און נארט לבן׳ען. ווידער ענדיגען זיך די זיבען יאהר. יעקב איז רייך; האט אסך סטאדעס; און איין מאל, ווען לבן געהט אוועק ווייט פון דער היים שערען די שאף, גנב׳עט זיך יעקב אפ און אנטלויפט מיט זיינע ווייבער און קינדער און מיט זיין גאנצען האב און גוטס. לבן יאגט איהם נאך, אבער זיי ווערען צום סוף גוט, מאכען א בונד פון פריינדשאפט; לבן געהט צוריק אהיים קיין ארם און יעקב וואנ־דערט קיין כנען.

די סצענע ענדערט זיך. ווידער זיינען מיר אין כנען און ווידער האבען מיר דיזעלביגע העלדען ווי אין אנהויב פון דער יעקב־געשיכטע: די צוויי פיינדליכע ברידער. יעקב טרעפט זיך מיט עשו׳ן, אבער אויך מיט איהם ווערט ער גוט און זיי צעשיידען זיך אין פרידען.

נאך מאנכע קלענערע פאסירונגען דערגרייכט יעקב זיין אלטע היים, וועלכע ער האט פארלאזען אזוי לאנג צוריק. ווען ער איז געקומען אהיים, איז איהם אפגעשטארבען רחל,—זיין געליבטע פרוי, געבארענדיג א צווייטען זוהן, בנימין. בנימין בלייבט דעריבער דער מוזיניק אין דער משפחה, אי־בער וועמען דער פאטער ציטערט כסדר און לאזט איהם פון דער האנט ניט אוועק.

דא ענדיגט זיך די געשיכטע פון די דריי אבות. אלע קינדער פון אברהם׳ס פארצווייגטער משפחה זיצען שוין אין זייערע היימען. הגר׳ס זוהן ישמעאל זיצט אין מדבר פארן; קטורה׳ס קינדער זיצען אין אראביען; עמון און מואב, די אייניקלעך פון לוט, זיצען אין דרום־מזרח פון ארץ ישראל; לבן׳ס היים איז חרן אין ארם נהרים; עשו זיצט אויף׳ן בארג שעיר און „יעקב זיצט אינ׳ם לאנד וואו זיין פאטער האט געוואוינט, — אין לאנד כנען“.

עס קומט דער צווייטער טייל פון דער פאמיליען־געשיכטע פון די אבות: די מעשה פון יעקב׳ס קינדער אדער פון יוסף׳ן און זיינע ברידער. די דאזיגע געשיכטע איז די שפאנענדסטע און רייכפארביגסטע פון חומש בראשית. וואונדערליך פאנטאסטיש און דאך אזוי איינפאך און נאטירליך לויפען די געשעהענישען און בייטען זיך די סצענעס. די איינצעלנע מאטיווען זיינען דא פון זיך אליין ארייננעפלאכטען איינער אין דעם אנדערען; און די קונסט

פון דראמאטישער געשפאנטקייט און אפוויקלונג ווערט דא דערגרייכט מיט די פשוט'סטע מיטלען.

יוסף איז זיין פאטער'ס ליבלינג. ער דערצעהלט חלומות, אין וועלכע עס זעהט זיך אן אמביציע צו הערשען. זיינע ברידער האבען איהם דעריבער פיינד, און אז ער קומט צו זיי קיין ד ו ת ן אין זיין פאטער'ס שליחות, קאנספירירען זיי איהם צו טויטען. נאר ראובן ראט זיי אפ דערפון. ער הייסט זיי בעסער איהם אריינוואַרפען אין א גרוב, כדי ער זאל איהם נאכ־הער קאנען ארויסנעמען פון דארטען און איהם ברייננען צוריק צום פאטער. אבער ווען ראובן קומט צוריק צו דער גרוב געפינט ער שוין מעהר ניט יוסף'ן. א גרופע מדיני'שע הענדלער זיינען אונטערדעסען פארבייגעצויגען און האבען ארויסגענומען יוסף'ן פון גרוב און איהם מיטגענומען מיט זיך. לויט א צווייטען נוסח איז עס יהודה, וועלכער האלט אפ די ברידער פון פארגיסען יוסף'ס בלוט. ער ראט זיי בעסער איהם צו פארקויפען פאר א קנעכט. א קאראוואן ישמעאלים ציהט פארביי. די ברידער נעהמען אן יהודה'ס עצה און פארקויפען יוסף'ן צו די ישמעאלים. זיי ברייננען דאן צום פאטער יוסף'ס העמדיל איינגעטונקט אינ'ם בלוט פון א ציגען־באק, און דער פאטער איז זיכער, אז יוסף איז טויט, אז א ווילדע חיה האט איהם אויפגעגעסען.

די דערצעהלונג לאזט די ברידער אין כנען ארום דעם וויינענדיגען פא־טער און געהט ווייטער אן מיט דער אינטערעסאנטער קאריערע פון יוסף'ן אין מצרים. פון דעם געצעלט פון א נאמאד אין כנען ווערען מיר דאן אריבער־געטראגען אין דעם פאלאץ פון פרעה'ס א הויכען באאמטען, ביי וועמען אין הויז יוסף קומט אן אלס קנעכט. יוסף'ס שיקזאל האלט זיך כסדר אין בייי־טען. ער געפינט חן ביי זיין האר אין די אויגען, ווייל אלץ וואס ער טוט באגליקט איהם. ער איז אבער אויך זעהר שען און די פרוי פון זיין האר הייבט אויף איהרע אויגען צו איהם. יוסף בלייבט געטריי זיין האר: זי נעמט דערפאר פון איהם נקמה: זי באשולדיגט איהם, אז ער האט זי געוואלט פאר־פיהרען און יוסף ווערט אריינגעווארפען אין געפענגניש. דא צייכענט ער זיך אויס מיט זיין פעהיגקייט אלס „פותר־חלומות", און אז פרעה דארף א גרויסען חכם וועך עס זאל איהם פותר חלום זיין, ווערט יוסף רעקאמענדירט צו איהם. ער דערקלערט פרעה'ן, אז זיין חלום באדייט, אז א הונגער וועט באלד קומען אין לאנד, און פרעה באשטימט איהם אויפ'ן שטעל אלס „משנה למלך", מיט דער אויפגאבע אנצוזאמלען גענוג שפייז אין מצרים פאר די קומענדיגע הונגער־יאהרען.

באלד קומט דער הונגער, און נאך א לאנגער צייט הערען מיר ווידער פון יעקב'ן און זיינע קינדער. אויך אין כנען האט דער הונגער זיך געלאזט פיהלען. מצרים איז דאס איינציגע לאנד וואו מ'קריגט ברויט, און יוסף'ס ברידער קומען פון כנען קיין מצרים קויפען שפייז. נאר דער מיזיניק בנימין בלייבט אין דערהיים. נאך דעם אומגליק מיט יוסף'ן לאזט איהם דער פא־טער ניט אוועק פון זיך. יוסף זעהט זיינע ברידער קומענדיג. ער דערקענט זיי, אבער ער גיט זיך ניט ארויס; אדרבה, ער איז שטרענג צו זיי; ער באַ־שולדיגט זיי, אז זיי זיינען שפיאנען. זיי דערצעהלען איהם ווער זיי זיינען און ווער זייער פאמיליע איז, און ער נעמט צו איינעם פון זיי, שמעון'ען, אלס משכון, אז זיי וועלען ברייגנען אהער זייער קליינעם ברודער בנימין, ווענען זיי האבען צופעליג דערמאנט, באשטעטיגענדיג דערמיט זייערע רייד. יעקב וויל אבער בשום אופן ניט לאזען געהן בנימין'ען אזוי ווייט ווי ביז מצרים, אבער דער הונגער איז שטארקער פאר איהם און ער מוז צום סוף נאכגעבען. דער אלטער פאטער בלייבט אין כנען און אלע זיינע געבליבענע קינדער געהען קיין מצרים. דאס ערשטע מאל זינט יוסף איז פארקויפט געווארען פאר א קנעכט זיינען אלע ברידער ווידער צוזאמען. זיי עסען און טרינקען ביי יוסף'ן, און אויפ'ן וועג אהיים יאגט זיי אונטער דער פארוואל־טער פון יוסף'ס הויז און באשולדיגט זיי, אז זיי האבען אוועקגע'גנב'עט יוסף'ס זילבערנעם כישוף־בעכער (וועלכען יוסף האט באפוילען אריינצולעגען אין בנימין'ס זאק). זיי קומען צוריק אין יוסף'ס הויז. יוסף וויל פאר־האלטען בנימין'ען אלס גנב, אבער יהודה איז א לאנגער רעדע אפעלירט צו איהם, אז אויב זיי קומען אהיים אהן בנימין'ען וועט דער פאטער אויפ'ן שטעל שטארבען.

דא האט די דערצעהלונג דערגרייכט איהר קלימאקס. יוסף קאן זיך שוין מעהר ניט צוריקהאלטען און ער לאזט זיך דערקענען צו זיינע ברידער. די ברידער, באשאנקען מיט די בעסטע מתנות, געהען איצט אהיים ברייגנען דעם פאטער. יעקב קומט אין מצרים, און ווידער זיינען אלע קינדער ארום איהם ווי אין אנהויב פון דער געשיכטע, אבער אנשטאט אין כנען לעבען זיי איצטער אלס פאסטוכער אינ'ם לאנד ג ש ן אין מצרים.

יעקב דערגרייכט א הויכען עלטער און שטארבט אין מצרים מיט א ברכה אויף די ליפען צו יעדען פון זיינע קינדער. די קינדער פאלגען זיין צואה און טראגען איהם מקבר זיין אין דעם לאנד פון זיינע עלטערן, איז כנען. יוסף טרייסט זיינע ברידער נאך יעקב'ס טויט און פארשפרעכט זיי, אז ער וועט פון זיי קיין נקמה ניט נעמען, נאר אדרבה, ער וועט זיי אויסהאלטען מיט אל־

דאס־גוטס. אויסדריקענדיג זיין פעסטען גלויבען, אז גאט וועט צוריקברייג־גען יעקב׳ס משפחה אינ׳ם לאנד פון זייערע פאטערס, שטארבט יוסף אין א הויכען עלטער און עס ענדיגט זיך דערמיט די וואונדערליך צוזאמענ־געפלאכטענע פאמיליען־געשיכטע פון די אבות און זייערע קינדער.

## 2. ח. שוים

# וואס שטעלען מיט זיך פאָר די מעשיות וועגען די אבות

אז די מעשיות וועגען די אבות זיינען ניט קיין היסטאָריע איז א ענ־גערען זין, איז איבעריג צו באווייזען. אין א גרויסען טייל פון אט די מעשיות זעהט מען באשיינפערליך, אז די נעמען שטעלען פאָר ניט קיין פערזאָנען, נאָר פעלקער און שבטים. ס׳איז זיכער, למשל, אז ישראל און זיינע צוועלף זיהן שטעלען פאר דאָס פאָלק ישראל און די אידישע שבטים אין דער היס־טאָרישער צייט אין ארץ ישראל. די צאָהל 12 איז א קינסטליכע. וואָרים דיזעלביגע צאָהל געפינען מיר אויך ביי נחור׳ס און ביי ישמעאל׳ס קינדער (בראשית כ״ב 20-24; כ״ה 13-15). דערצו געפינען מיר אין חומש דריי פאַרשידענע סיסטעמען פון 12 שבטים*). דאָסזעלביגע איז אויך מיט אזוינע נעמען ווי א שטייגער עמון און מואב (לוט׳ס קינדער), הגר׳ס זוהן, ישמעאל, און קטורה׳ס זוהן מדין. וואָרים אין איין דור ארום, אין דער געשיכטע פון יוסף׳ן טרעפען מיר שוין די ישמעאלים און די מדינים אלס פעלקער, וועלכע פיהרען אָן א קאראוואנען־האנדעל צווישען פאלעסטינא און עגיפטען. אויך אין דער געשיכטע פון יעקב און עשו און אין יצחק׳ס ברכה שפיגעלט זיך

---

*) דעם ערשטען סיסטעם געפינען מיר אין בראשית כ״ט, ל.

א. לאה׳ס קינדער 7 : ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולן, דינה.

ב. בלהה׳ס קינדער 2 : דן, נפתלי.

ג. זלפה׳ס קינדער 2 : גד, אשר.

ד. רחל׳ס קינדער 1 : יוסף.

דעם צווייטען סיסטעם געפינען מיר אין בראשית ל״ה. דינה איז דאָ ארויס־געפאלען און אנשטאט איהר איז ארייגעשטעלט בנימין. דעמזעלביגען סיסטעם טרעפען מיר אויך אין יעקב׳ס ברכה (בראשית מ״ט). דעם דריטען סיסטעם גע־פינען מיר אין במדבר קאפ. א, ז און י״ג. דאָ איז אויך לוי ארויסגעפאלען, אלס גייסטליכער שבט, און אנשטאט איהם איז יוסף צעטיילט אויף צוויי שבטים: מנשה און אפרים.

אַפּ דאָס פאַרהעלטעניש צווישען צוויי פעלקער, די אידען און די אדומים, אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה.

עס האָבען זיך דעריבער געפונען אסך פאַרשער, וועלכע דערקלערען די גאַנצע געשיכטע פון די אבות אלס א זאַמלונג פון אידישען פאָלקלאָר, וועלכע גיט געשיכטע פון פעלקער, שבטים און ערטער (למשל שכם אין בראשית ל"ד) אין דער פאָרם פון א סדר־היחוס און א פאַמיליען־געשיכטע. לויט זיי, הייסט עס, הייבט זיך אָן די אידישע פאַר־געשיכטע מיט מצרים, און אַלץ וואָס ווערט דערצעהלט אין חומש בראשית מכוח אידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין כנען איידער זיי זיינען געקומען אין מצרים — איז ניט מעהר ווי א פאָלקס־פאַנטאַזיע, וואָס האָט אריבערגעטראָגען אין דער אורצייט צושטענדען און פאַרהעלטענישען פון דער היסטאָרישער צייט, בשעת די אידען זיינען שוין אין זייער לאַנד געזעסען*).

אָבער אזא דערקלערונג שטעלט ניט אין גאַנצען צופרידען. ס'איז טאַקע אמת, אז אסך נעמען אין חומש בראשית שטעלען פאָר פעלקער, אָבער ניט אַלע. באַזונדערס איז דאָס דער פאַל ביי די דריי אבות: אברהם, יצחק און יעקב, ביי וועמען דאָס פערזענליכע שטעהט אין פאָדערגרונט און דאָס עט־נאָלאָגישע אין הינטערגרונט. אברהם און יעקב זיינען אויך באַוויזען געוואָרען פון די אויסגעגראָבענע אויפשריפטען אלס אַלטע סעמיטישע פער־זאָנען־נעמען, פאַרקעהרט אָבער האָבען מיר ניט דעם מינדסטען שפור פון אברהם, יצחק און יעקב אלס נעמען פון פעלקער אדער שבטים. דערצו נאָך איז דאָס פרידליכע, מילדע לעבען פון די אבות בשום אופן ניט קיין פּאַעטישע אָפּשפּיגלונג פון דעם קריגערישען, ווילדען לעבען פון די אידישע שבטים

---

*) עס געפינט זיך אויך אַן אַזויגערופענע מיטאָלאָגישע טעאָריע, וועלכע דער־קלערט די אבות אלס געוועזענע לאָקאַלע געטער פון די כנענים, וואָס זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען ביי די אידען אין פּאַטריאַרכען פון דער אורצייט. באמת אָבער ווייסען מיר אַלס געטער פון די נעמען פון חומש בראשית בלויז „גד" (ישעיה ס"ה 11) און פיליכט אויך „אדום" און „עשו" (וו. מאַקס מיללער, אַזיען אונד אייראָפּא נאך אלטעגיפּטישען דענקמעלערן, לייפּציג, 1893, ז. 316—317). צו דערקלערען אָבער אברהם, יצחק און יעקב אַלס געוועזענע געטער פון די כנענים איז ניט מעהר ווי אַ וויסענשאַפטליכע אויבער־סברא אָהן אַ וואָסערען גע־זונטען יסוד. די דאָזיגע טעאָריע ווערט איצט פאַרטראָטען פון גאַנץ וועניג ערנסטע פאָרשער פון דער ביבעל און עס לוינט ניט דעריבער זיך אריינצולאָזען אין דעם באריכות.

בשעת זיי האבען אריינגעוואנדערט אין לאנד כנען. די אבות לעבען בשלום מיט זייערע שכנים, בעת די אידישע שבטים האלטען אין איין פיהרען מלחמות. צו די אבות געהערט אויך ניט דאס גאנצע לאנד כנען. נאר מאנכע קליינע, אומבאדייטענדע טיילען פון איהם. ווען זייער פערזאן וואלט ניט געווען מעהר ווי א פראדוקט פון דער אידישער פאנטאזיע פון דער היסטארישער צייט, וואלטען זיי געווים פארגעשטעלט געווארען אלס די אייגענטימער און באהערשער פונ'ם גאנצען לאנד, כדי צו באשטעטיגען דאס רעכט פון די אידען אויף דאס לאנד וואס זיי האבען עראבערט.

מען מוז צוגעבען, אז דער ראהם און דער קאלאריט פון די מעשיות וועגען די אבות שטאמען טאקע אין א גרויסער מאס פון דער היסטארישער צייט, בשעת די דאזיגע מעשיות האבען באקומען די פארם, אין וועלכער מיר האבען זיי היינט. ס'איז אבער ניט געזאגט, אז הינטער דעם ראהם און דעם קאלאריט ליגט ניט א היסטארישער קערן און עס שטעהען ניט היסטארישע פערזאנען פון דער גראהער אורצייט. אפילו די געשיכטען וועגען יעקב'ס קינדער, די שבטים, לאזען זיך ניט דערקלערען אין גאנצען פון די אומשטענדען פון וואסער ניט איז צייט, נאכדעם ווי די אידען האבען זיך שוין געהאט באזעצט אין זייער לאנד. אויך פאר זיי מוזען מיר אנקומען צו אן אורצייט אין דער פאר־געשיכטע פון די אידען איידער זיי זיינען נאך געקומען אין מצרים.

די אונטערסטע שורה איז, אז די פאמיליען־געשיכטע פון די אבות מוז באטראכט ווערען נאר אלס די פארם, אין וועלכער די פאלקסטימליכע טראדיציע האט דערהאלטען פאר די שפעטעריגע דורות געוויסע געשעהע־נישען און צושטענדען פון אן אלטער, גראהער אורצייט. ארום דעם היסטא־רישען קערן האבען זיך משך פון דער צייט זיך ארומגעוויקעלט אסך געשיכטען פון פעלקער און שבטים אין דער פארם פון א דערצעהלונג. עס זיינען אויך אריינגעשפונען געווארען אלגעמיינע פאעטישע מאטיווען, וועלכע האבען לכתחילה גאר קיין שייכות ניט געהאט צו די אבות. מיר מוזען דעריבער ארויסשניידען היינט דעם היסטארישען פאדים פון דעם גרויסען פאעטישען געוועב, אין וועלכען די אידישע פאלקס־פאנטאזיע האט איהם אריינגעפלאכ־טען.

## 3. ר. קיטעל

# דער היסטארישער הינטערגרונט פון די מעשיות וועגן די אבות

אומעטום אויף דער גרויסער ביהנע פון דער וועלטגעשיכטע איז עס א דערהויבענע דראמע צו זעהן ווי עס ארבייט זיך ארויס א נייע קולטור־וועלט אויפ׳ן פלאץ פון אן אנדער אונטערגעהענדער אדער אין מיטען פון מעהרערע זינקענדע קולטורען. ארום דעם מיטען פון צווייטען יאהרטויזענד (פאר דער קריסטליכער ערא) זיינען די עגיפּטישע, ווי אויך די באבילאנישע קולטורען שוין לאנג געווען אריבערגעטראטען זייער העכסטען שטאפעל. אין כנען באריהרען זיי זיך ביידע. אט דא לעבען זיי זיך אויס: אט דא ברייננען זיי ארויס ביי דער היימישער באפעלקערונג, אין פיעלפאכיגער פארבינדונג מיט פרעמדע עלעמענטען, א מיש־קולטור, וועלכע האט זינט דעם מיטען פון צווייטען יאהרטויזענד שוין געטראגען אין זיך מאנכע סימנים פון איבערדייפקייט. די באזעצונג פון די פרוכטבארע טאלען, באזונדערס פון דעם טאל יזרעאל, די גרינדונג פון באפעסטיגטע שטעדט, דער איינפלוס פון די רייכע פארט־שטעדט פון סיריען, און מעהר פאר אלעמען— דער פארט־שטאדט ביבלאס; דאס שטארקע אריינדרינגען אויך פון עגיפּטישע עלעמענטען — דאס אלץ האבען קענטיג שוין דעמאלט געשאפען אין כנען סאי א קלאס פון פויערים, וואס האבען געפיהרט א באקוועם לעבען, און סאי א רייכע שטאדטישע באפעלקערונג פון האנטווערקער, קינסטלער און סוחרים, וואס זיינען געווען גענייגט צו א לוקסוס־לעבען. די עגיפּטישע גובערנאטארען און גארניזאנען ברייננען מיט זיך עגיפּטישע מנהגים און דאס רייכע עגיפּטישע לעבען. חשוב׳ע קריגס־לייט פון מגידו האבען גאלדענע און זילבערנע וואגענס. די סאלדאטען פון טהוטמאס דעם דריטען האבען נאך דער עראבערונג פון פעניקיען „גע׳שיכור׳ט און זיך געזאלבט מיט אויל ווי אויף אן עגיפּטישען יום־טוב“. שוין זינט דעם אנהויב פון צווייטען יאהרטויזענד קומען אריין פון סיריען טייערע שטאפען און זאלבען, גאלדענע און זילבערנע תכשיטים, אלערליי קונסט־האנטווערק, וועבערייען, וואזעס און פרויען־צירונג. אלס צוגאב דערצו האט מען אין כנען שוין פריה

אריבערגענומען די וויין־קולטור און די ווילדע ארגיען פון דעם קולט, וועלכע העננגען מיט איהר צוזאמען. דער תנ"ך גיט געווים איבער ריכטיגע איינדרוקען, ווען ער באטראכט די כנענים און אמורים אלס אויסגעלאסען (בראשית ט 20—: ט"ו 16 ; י"ט 4—).

אבער אין מיטען פון אט די זינקענדיגע מעכטען דערהייבט זיך א נייע קולטור. זי לעגט ניט איהר הויפטגעוויכט אויף ציוויליזאציע, אדער פארשע־נערונג און בארייכערונג פונ'ם אויסערליכען אדער פונ'ם אלגעמיין גייסטיגען לעבען. דערפאר אבער גיט זי זיך אפ מיט אזא וויכטיגען עלע־מענט פון גייסטיגען לעבען פון דער מענשהייט ווי די רעליגיאן. אט די נייע קולטור נעהמט אויף א קאמף מיט די עקסיסטירענדע קולטורען און רע־ליגיאנען און שאפט א נייע גייסטיגע וועלט, וועלכע, כאטש זי לערענט פון זיי אלעמען, שיידט זי זיך דאך אפ פון זיי אלעמען דורך איהר אריגינא־ליטעט.

קיין לאנד אין דער וועלט איז לויט זיינע נאטירליכע באדינגונגען ניט געווען אזוי צוגעפאסט פאר דעם גאנג פון די געשעהענישען, וואס האבען זיך דא צוגעגרייט, ווי דאס לאנד כנען. ווער עס איז גענייגט צו גלויבען, אז עס הערשען גייסטיגע כוחות אין דער מאטעריעלער פיהרונג פון דער מענש־ליכער וועלט, דער וועט דא געפינען א באשטעטיגונג פאר זיינע געדאנקען. לויט דער געאגראפישער לאגע פונ'ם לאנד האבען דארטען פון אלע זייטען אריינגעשטראמט און עס גייסטיג באאיינפלוסט יענע פעלקער, וואס האבען שוין געהאט געוויסע קולטור־גיטער, און דערפאר האבען די שבטים און משפחות, וועלכע האבען זיך דא באזעצט, גאנץ פריה זיך גענומען צו באַ־ארבייטען די טאלען און די בערג־רוקענס, בויען שטעדט און פארפיינע־רען דאס לעבען.

ארום דעם מיטען פון צווייטען יאהרטויזענד טרעט בולט ארויס, ווי שוין פיעל מאל פריהער, די באזונדערע אייגענארטיגקייט פון דער לאגע פון לאנד : פאלעסטינא איז ניט בלויז אפען אין דרום, אין צפון און אין מערב פאר קולטיווירטע און האלב־קולטיווירטע אריינוואנדערער : נאך מעהר איז זי אפען אין מזרח, צום מדבר צו. אין א ברייטען, פלאכען שטח בא־ריהרט זיך דאס לאנד פון ים־המלח און זיין הינטערלאנד אין דרום ביז ארויף אין גליל מיט דער אראבישער וויסטע, וועלכע הייבט זיך אפט אן עטליכע שטונדען הינטער דעם ירדן, אדער ביי דעם בערגלאנד אין מזרח, און שפרייט זיך אויס אין א ווייטקייט אהן אן ענד. דא לאדט איין צום איינטריט א ווייט געעפענטער טויער, וואס איז ניט פארשלאסען ניט דורך

טייכען און ניט דורך בערג. אין אַלע צייטען האָט דאָ אַראַביען אַריינגעשיקט צום מזרח און צום מערב־לאַנד פון ירדן יענע קינדער איהרע, וואָס האָבען קיין אָרט ניט געהאַט מעהר אין דערהיים און זיינען פון הונגער געטריבען געוואָרען צום פרוכטבאַרען לאַנד. דאָס באַאַרבייטע, לויט זייערע השגות איבעררייכע ישוב־לאַנד ציהט אויף זיך זייערע באַגעהרענדע בליקען: די פרוכטבאַרע טאָלען, מעהר פאַר אַלע דער טאָל יזרעאל, ווייטער אויך דער שרון און די שפלה, רייצען צו אַ צייטוויייליגען רויב־צוג, און, ווען מעגליך, אויך צו אַ דויערענדיגער באַזעסענקייט. אויך די רוקענס פון די בערג, ניט אַזוי הויך און רויה ווי אין סיריען, גיבען אָפט גענוג געלעגענהייט צו כאַפּען רויב אָדער צו פאַרבלייבען. מיט דער צייט ווערען די ניי־אַריינגעדרונגענע, וועלכע זיינען אין אָנהויב געווען לעסטיגע, אומגעבעטענע געסט, באַלעבאַטים פון איינצעלנע געגענדען. דער נייער אופן פון לעבען, וועלכער איז זיי פון דערהיים אוים פרעמד, ווערט אַלץ מעהר און מעהר אָריבערגענומען, מחמת ער שאַפט אַ זיכערע דערנערונג. פון רויבערישע וואַנדער־שבטים ווערען אויף אַזאַ'ן אופן פרידליכע האַלב־נאַמאַדען; און פון האַלב־נאַמאַדען ווערען מיט דער צייט פּויערים און שטאָדט־מענשען. דאָס פרישע בלוט, וואָס איז ריין לויט דער ראַסע, מישט זיך מיט די אַלטע משפחות, און די יונגע, ביז דאַמאָלסט קולטור־פרעמדע אָדער גאָר קולטור־פיינדליכע ניי־אָנגעקומענע ווערען אַליין קולטור־טרעגער, און פילייכט, צוליב באַזונדערע מעלות און צוליב זייער ריינעם בלוט, ווערען זיי גאָר מיט דער צייט קולטור־פאַרשפּרייטער.

אויף קיינע פון די פאַרשידענע שיכטען, וואָס זיינען אין לויף פון דער צייט אַריינגעדרונגען אין פּאַלעסטינאַ, איז עס ניט מקוים געוואָרען אין אַ העכערער מאָס ווי אויף יענע שיכטען, פון וועלכע ס'איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסען דאָס פאָלק ישראל. ס'איז גאַנץ נאַטירליך וואָס זיינע ערשטע התחלות ליגען אין טונקעלקייט. ווען עס זאָל זיך אונז איינגעבען אויפצוכאַפּען מאַנכע שטראַהלען פון'ם ערשטען מאָרגען־ליכט, וואָס האָט אָנגעהויבען צו באַשיינען יענע טונקעלקייט, און צו דערקענען דורך זיי די סאַמע ערשטע קאָנטורען פון היסטאָרישע געשעהענישען און געשטאַלטען, וועלען מיר דעמאָלט האָבען אויפגעטאָן אַלץ וואָס מ'קאָן בכלל דערוואַרטען אין דער לאַגע פון דעם ענין.

ווייט אין דער ערשטער העלפט פון צווייטען יאָהרטויזענט קומט ווידער פאַר אַ באַוועגונג צווישען די פעלקער אין צפון און אין מזרח. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, וואָס די היקסאָס האָבען זיך אַריינגעריסען

איז עניפּטען און זיינע נאָכהער פון דאָרטען ארויסגעטריבען געווארען. עס האָבען זיך דעמאָלט אנגעהויבען די גרויסע מלחמות פון טהוטמאָס דעם ערשטען און זיינע נאָכפאָלגער וועגען דער הערשאַפט פון סיריען. עס לעגט זיך לייכט אויפ'ן שכל, אז די אומזיכערקייט פון די צושטענדען איז ניט געווען קיין סוד פאר די, וואָס האָבען געלייערט ביי די גרעניצען, און האָבען געוואַרט אויף א געלעגענהייט זיך אריינצורייסען אין פרוכטבארען לאַנד. מיר דאַרפען אננעמען, אז שוין באלד נאָך דעם יאהר 1600 האָבען די וואנדער־שבטים פון מזרח זיך געשטופּט אויך צו פּאַלעסטינא. דער דאָזיגער פּראָצעס האָט בלי ספק ניט אויפגעהערט אין דער צייט פון די מלחמות פון טהוטמאָס דעם דריטען, וואָס אומרוהיגער עס איז אינ'ם ישוב־לאַנד, אלץ א בעסערע געלעגענהייט איז עס פאר די וואָס וואַרטען איז דרויסען זיך אהין אריינצורייסען.

א קלאָרע ידיעה וועגען דעם דאָזיגען פּראָצעס באַקומען מיר ערשט פון די אמאַרנא־בריף און פון דער אמאַרנא־צייט. אבער ס'איז קיין ספק ניט: דאָס וואָס מיר טרעפען דאָ אלס פאַרטיגען פאַקט, אלס ערשיינונג אויף איהר העכסטען פונקט, האָט געהאַט פאַרשטופען אין דער פריהערדיגער צייט. די מהומות פון דער אמאַרנא־צייט האָבען באַגינסטיגט דאָס אריינדרינגען פון די סאַ־גאַז און די האבירי; אבער די פאַרטרעטער פון די בעדואינער פון מזרח, וועלכע טרעטען איצטער אויף, זיינען זיכער ניט די ערשטע פון זייער זאָרט. ווען מיר זאָלען אננעמען בדרך השערה, אז זייער ערשטער אויפטרעט איז פאַרגעקומען צווישען די יאָהרען 1500 ביז 1550, דאָס הייסט אין א יאָהרהונדערט אָדער אנדערטהאַלבען יאָהרהונדערט פאר דעם אָנהויב פון דער אמאַרנא־צייט, וועלען מיר קיין גרויסען טעות ניט מאַכען.

וואָס איז די שייכות פון די האבירי פון די אמאַרנא־בריף צו די עברים פון תנ"ך?

שפּראַכליך איז ניטאָ קיין ערנסטע מניעה פאר וואָס מ'זאָל ניט דערקלערען ביידע נעמען פאר גלייך. דערצו נאָך פּאַסט גאַנץ גוט די באַדייטונג פונ'ם נאָמען „עברים". ווען מ'נעמט איהם אין זין פון „אריבערגעקומענע"— אָדער, וואָס עס וואָלט נאָך זיין ריכטיגער, פון „וואנדער־שבטים", — אויך אויף די האבירי. עס לאָזט דעריבער באמת גאַנץ לייכט באַטראַכטען ביידע באַצייכענונגען אלס גלייכבאַדייטענד. נאַטירליך איז עס נאָך דערפון ניט געדרונגען, אז די האבירי אָדער עברים זיינען איינע און די זעלביגע ווי דער ביבלישער ישראל אָדער זיינע פּאַטער־שבטים. שוין דאָס אליין וואָס „עבר", דער פאַטער פון אלע עברים, איז לויט דער ביבעל אויך דער פאַ־

טער פון אנדערע סעמיטישע שבטים (בראשית י 25; י"א 17), איז א ראיה געגען דעם. עברים איז לויט דעם אין תנ"ך גופא ניט גלייכבאַדייטענד מיט ישראל, נאָר א באַצייכענונג פאַר א ברייטערע גרופּע פון שבטים. די האבירי און די מיט זיי פאַרוואַנדטע סאַ־גאַז דאַרף מען דערפאַר אין א וויטערען זין באַטראַכטען פאַר גלייך מיט יענער גרעסערער גרופּע, עס הייסט: מיט די עברים. האבירי־עברים איז דער נאָמען פאַר יענע סעמיטישע שבטים, וועלכע האָבען זיך גענומען צו וואַנדערען צוליב דער פריהער באַשריבענער פעלקער־באַוועגונג און זיינען אריינגעדרונגען ביז אין פּאַלעסטינא אריין. צווישען אַט די דאָזיגע וואַנדער־שבטים דאַרפען מיר עס זוכען יענע משפחות, פון וועלכע ס׳איז שפּעטער ארויסגעוואַקסען דאָס פאָלק ישראל. אין יאָהר־הונדערטער ארום האָט זיך נאָך געהאַלטען די ערינערונג אין ישראל, אז ביי־דע: ישראל און עברים, זיינען פון דערהיים אויס ניט דיזעלביגע זאַך. א געוויסע צייט, נאָכדעם ווי איין צווייג פון די „בני עבר", וועלכער האָט גע־טראָגען דעם נאָמען י ש ר א ל, האָט זיך געמאַכט זעלבשטענדיג און האָט איבערגעגעבען זיין נאָמען צו א גאַנצער גרופּע פון שבטים, האָבען קענטיג זיך נאָך געהאַלטען אין זכרון די פאַקטען פון די אַמאָליגע צושטענדען. ערשט מיט דער צייט ווערען די איבערבלייבעכצען פון יענע עבר־שבטים, וועלכע האָבען געלעבט אין פּאַלעסטינא ביז דער צייט פון די שופטים נאָך אונטער אַן אייגענעם נאָמען, אבער אונטער פרעמדער הערשאַפט, פאַרשלונגען פון ישראל, וועלכער איז אונטערדעסען געוואָרען מעכטיג. אז עס האָבען זיך דערהאַלטען שפּורען פון די דאָזיגע וואַנדער־שבטים פיליכט אויך אויף אַן אנדער באָדען אויסער פּאַלעסטינא, דאָס וועלען מיר שפּעטער זעהן.

ווען און פון וואַנעט זיינען זיי געקומען אין לאַנד און וואָס ווייסען מיר וועגען דעם אופן פון זייער אריינדריגנען?

די טראַדיציע פון דעם פאָלק ישראל וועגען זיין אוראַלטער צייט האָט זיך ביי אונז דערהאַלטען אין איינצעלנע לעגענדען און גאַנצע קרייזען פון לע־גענדען. ווען מ׳נעמט פון זיי אַראָפּ דאָס ניט וויכטיגע, זעהט מען דאָן, אז זיי האָבען צו טאָן מיט געוויסע פאַקטען. בנוגע דעם מאַטעריאַל דערגרייכען יענע לעגענדען צוריק ביז אין די סאַמע אוראַלטע צייטען, און אין מאַנכע שטעלען קען מען דורך זיי נאָך באַקומען א בליק אויף היסטאָרישע צושטענדען. די פראַגע קאָן דערפאַר פאַר אונז זיין, ניט א ו י ב די לעגענדען אנטהאַלטען אין זיך א היסטאָרישען קערן? נאָר א ו י ף ו ו י ו ו י י ט איז דאָס דער פאַל? און וואו דאַרפען מיר היסטאָריש אָנקניפּען זייער אינהאַלט מיט דעם גאַנג פון די געשעהעגישען, וואָס זיינען אונז באַקאַנט? אויך דאָ וועט עס

גוט זיין, ווען מיר וועלען האלטען אין זינען ווי באגרעניצט עס זיינען אונזערע מעגליכקייטען. מעהר ווי א פראבע צו לאזען ווידער אויפלעבען די גאר אלטע צייט וועט זיך אונז קיינמאל ניט איינגעבען.

לויט איין טראדיציע לעבט אברהם אין דער צייט פון האמוראבי („אמרפל מלך שנער"). דאס איז היסטאריש ניט ריכטיג. אבער, לויט ווי מיר האבען אויבען פאנאנדערגעלעגט, קאן עס גריילעך זיין, אז אין דער צייט דירעקט פאר דער אמארנא־פעריאדע, פון ארום 1500 אן, זיינען די ערשטע שבטים פון די עברים געקומען אין פאלעסטינא.

פון וואנעט זיי זיינען געקומען לאזט זיך דרינגען פון אונזער פריהעריגער פאנאנדערגלידערונג. דער אראבישער האלב־אינזעל איז די היים פון אט די אלע הארדען. אויך די עברים האבען זיך דארטען פריהער געמוזט אויפהאלטען. ביי וועלכען פונקט זיי האבען זיך ארויסגעריסען פון אראביען, און וואו זייער סטאנציע איז געווען איידער זיי האבען אנגעקלאפט אן די טויערן פון פאלעסטינא, דאס וועט זיך קיינמאל ניט לאזען פעסט באשליסען. אברהם'ס היים ווערט אין איין טראדיציע אנגערופען א ו ר־כ ש ד י ם. אבער מיר קענען ניט באשטימען וואו מ'דארף דעם ארט זוכען, אויך ניט ווי אלט די דאזיגע טראדיציע איז. מיט א גרעסערער זיכערקייט אבער מעגען מיר אננעמען אלס זייער היים מזרח־ארם, די געגענד צווישען דמשק און דעם פרת, און, פיללייכט, ביז קיין חרן. ווענינגסטענס דארפען מיר דאס אננעמען אין דעם זין, אז יענע הארדען, נאכדעם ווי זיי האבען זיך ארויסגעריסען פון מיטען דער סטעפע, האבען דארטען א לאנגע צייט געמאכט זייער סטאנציע. זיי האבען באנוצט די געגענד ארום חרן און דאס לאנד פון די „קינדער פון מזרח" („בני קדם") אלס ווארט־פלאץ, גרייט ווייטער זיך צו ציהען קיין מערב און קיין דרום, ווען עס וועט זיך מאכען די געלעגענהייט.

אז זיי האבען אומעטום געלעבט בשלום, איז ניט זעהר וואהרשיינליך. באמת דערצעהלט אויך די טראדיציע וועגען אברהם'ן און יעקב'ן אלס קריגס־לייט. בכלל אבער איז דער דאזיגער שטריך שטארק אפגעווישט געווארען. ווען איין גרופע אדער די אנדערע איז שוין געווען אריינגעדרונגען אין לאנד, האט זי געקאנט לייכט מיטציהען הינטער זיך די קרובים פון איהר שבט; פונקט ווי אין עגיפטען האבען נאמאדען פון צפון פארלאנגט אין אלע צייטען, אז מ'זאל זיי אריינלאזען אהן מלחמות און זיי האבען עס אויך געפועל'ט. דערצו ווערען די וואס זיינען שוין אריינגעדרונגען אין לאנד פון זיך אליין פרידליך געשטימט. ריכטיגע וואנדער־שבטים, קעמעל־נא־

מאדען, קאָן דאָס לאַנד ניט אויפהאַלטען. זיי טרייבען זיך ארום אויף א ווייטען שטח און געהערען צו דער ענדלאָזער סטעפּע. אין פּאַלעסטינא ווע־רען זיי פון זיך אַליין האַלב באַזעסענע פּאַסטוכער פון שאָף, אָדער אויך האַלבע פּויערים, וועלכע באַארבייטען דעם באָדען אזוי ווייט ווי ער גיט ארויס פּרוכט. פאַר אַזעלכע באַזעסענע פּאַסטוכער איז נויטיג פּרידען, פּונקט אזוי ווי פאַר דעם פּויער גופא. אין די מעשיות וועגן די אבות אין הומש בראשית הערשט דערפאַר דער פּרידליכער גייסט פון די האַלבע נאָ־מאדען און ס׳איז אין זיי כמעט ווי פאַרגעסען, אַז די אבות האָבען אמאָל זיך געמוזט אָפּגעבען מיט אַן אנדער ארבייט.

אַז יענע שבטים פון די עברים זיינען ניט אריינגעקומען אין כנען מיט איינמאָל, איז א שטריך, וועלכען די טראַדיציע האָט אָהן א ספק ריכטיג דערהאַלטען מיט פולער דייטליכקייט. א דור נאָך אברהם׳ן קומט יעקב, וועלכער האָט, פּונקט ווי יצחק, זיך אויסגעזוכט א פרוי אין ווייטען מזרח־לאַנד. ס׳איז העכסט וואהרשיינליך, אַז מיר מעגען דאָ די לעגענדע דערקלע־רען היסטאָריש: נאָך די ערשטע וואנדערונגען זיינען צוגעקומען נייע פאַר־שטאַרקונגען פון ארם, אזוי אַז נייע משפחות און שבטים זיינען צוגע־וואקסען צו די פריהערדיגע.

אָט אזוי דערקלערט זיך פון זיך גופא, פאַרוואָס די גרופען און עטאַפּען פון דער וואנדערונג האָבען געטראָגען זעלבשטענדיגע נעמען. אברהם, יצחק, יעקב־ישראל שטעלען פאַר, ווי עס ווייזט אויס, הויפּטגרופּען. נעבען זיי טרעטען אַרויס אונטעראָפּטיילונגען אַלס אינגערע גרופען אָדער משפחות, וואָס זיינען פון זיי ארויסגעקומען, אָדער וואָס זיינען פון זיי אָפּגעהאַנגען. די שפּעטערדיגע צייט האָט זיי צוזאַמענגעשטעלט אין א סיסטעם פון 12 שבטים. די צאָהל 12 איז קינסטליך געשאַפען. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זי זיך אויך געמוזט אַסך בייטען: ניי אריינטרעטענדע שבטים און משפחות האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון עלטערע, פאַרשוואונדענע. אָבער צוויי הויפּטגרופּען, צוזאַמענגענומען אין די נעמען ל א ה און ר ח ל, וועלכע ווערען אָנגעגעבען אַלס יעקב־ישראל׳ס ווייבער, האָבען קענ־טיג פאַרגעשטעלט דעם עלטסטען באַשטאַנד פון די צוזאַמענגעהעריגע שבטים. אויך יעקב און ישראל האָבען אמאָל געמוזט בילדען זעלבשטענ־דיגע שבטים, וועלכע זיינען ערשט מיט דער צייט פאַרשמאָלצען געוואָרען איינער מיט׳ן אנדערען. אזוי אָבער ווי זיי זיינען ביידע געוועזען גלייך אַלט און ביידע זיינען זיי געוועזען הויפּט־שבטים, איז דעריבער קיינער פון זיי ביידען ניט פאַרבונדען געוואָרען מיט דעם סיסטעם פון די צוועלף.

ווען מ׳פארגלייכט דעם סיסטעם פון די 12 שבטים, ווי מיר האבן איהם דא פארגעשטעלט, מיט די אנדערע ידיעות, וואס מיר האבן, קען מען ארויסקריגען עפעס פונדאמענטאלעס וועגען דער עלטסטער געשיכטע פון די שבטים. אבער א פולען בילד צו קריגען, דארף מען גאר ניט אנהייבען צו דערוואַרטען.

צווישען די לאה־שבטים האבען קענטיג פריהער פארנומען דעם ערש־טען פּלאַץ: לוי, וועלכער איז וואהרשיינליך דער אמת׳ער טרעגער פון דעם נאָמען און בעצם איינס מיט לאה׳ן, און נעבען איהם שמעון, וועלכער איז לוי׳ס ברודער אין א באזונדערען זין: זיי זיינען געזעסען אין דער געגענד פון שכם, און האבען דא אין דער עלטסטער צייט געליטען א שווערע נידערלאגע, וואס האט באשטימט זייער גאנצע צוקונפט (בראשית ל״ד, מ״ט 5—7).

אז זיי האט זיך פריה אנגעשלאָסען ראובן. אזוי ווי ער האט שנעל באקומען א גרעסערע באדייטונג, פיליכט אויך ווייל ער איז שוין פון פריהער געווען אריינגעדרונגען אין לאנד, איז ער דעריבער באטראכט געווארען אלס דער בכור צווישען די שבטים. וואוינען האט ער געמוזט אביסעל מעהר צו דרום צו פון שמעון און לוי, אומגעפעהר אין דער געגענד פון בית־אל.

אין דרום־זייט פון ראובן׳ען, אבער אויף די מערב־רוקענס פון די בערג און נאך ניט אין מיטעלפונקט פון זיין שפּעטעריגען שטאם־לאנד אויף די בערג פון חברון און בית לחם, האט יהודה זיך אויסגעקעמפט א געגענד, וועלכע האט געהאט אין זיך די ערטער עדולם, תמנה, אויך כזיב. ס׳איז מעגליך, אז שוין פון אנהויב אן איז א שטארקערע שיכט פון די ביזאהעריגע איינוואוינער פון לאנד געלעגען צווישען איהם און זיינע ברודער־שבטים און האט אפּגעשיידט יהודה פון יענע. יעדענפאלס ווייזט עס אויס, אז איי־ניגע פון זיינע אונטער־משפחות (ער, אונן, שלה), וועלכע האבען זיך גע־קאנט האלטען נאר א קורצע צייט, האבען געשטאמט פון דער פארמישונג מיט יענע עלטערע איינוואוינער פון לאנד. עס קאן זיין, אז אין דער פאר־עגיפּטישער אדער אין דער ערשטער נאך־עגיפּטישער צייט זיינען אט די אונטער־משפחות ווידער פארשלונגען געווארען פון די כנענים (בראשית ל״ח).

אויך פון י ש ש כ ר מעגען מיר אננעמען, אז ער איז שוין אין אט דער פריהיגער צייט געווען אין לאנד. עס קאן זיין, אז ער האט געזוכט זיך צו באזעצען אין פרוכטבארען טאל יזרעאל, ווי ווייט ער האט איהם געקאנט דערגרייכען, אדער אין דרום־מזרח פון גליל. יעדענפאלס ווייזט דער

פאקט וואָס ער ווערט געצעהלט צווישען יעקב'ס געזעצליכע זיהן, אז ער איז געווען איינער פון די האַרן־שבטים. נעבען איהם האָט א ש ר פיליכט אויפגעשטעלט די פאַרבינדונג מיט די לאה־שבטים, וועלכע זיינען געזעסען אויף די בערג פון אפרים. ער איז אונז באַקאַנט אלס א שבט, וואָס איז שוין גאַנץ פריה געזעסען אין פאַלעסטינא. עס ווייזט אויס, אז ער האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאלטען אין דער טעריטאָריע, וועלכע ער האָט שפּעטער באַוואוינט. פאַרוואָס ער ווערט גערעכענט אלס א זוהן פון א קעפּסווייב, ווייסען מיר נִיט.

מעהר ווי דאָס וואָס מיר האָבען דאָ אנגעדייט קענען מיר לחלוטין ניט ווייסען וועגען די דאָזיגע זעקס לאה־שבטים. מיר האָבען קיין שום ידיעה ניט ווי גרויס זיי זיינען געווען לויט דער צאָהל פאַרשוינען און לויט דער גרויס פון דער פלאַך: וואָסערע באַריהרונגען אָט די שבטים האָבען געהאַט איינע צו די אנדערע און צו די יעקב־ישראל־שבטים, וואָס האָבען זיך שוין דאַמאָלסט אויפגעהאַלטען אין לאַנד. זייער שייכות איז, וואהרשיינליך, בכלל ניט געגאַנגען ווייטער ווי די ערינערונג אז דאָס שותפות'ע בלוט און דערמיט א געוויסער געפיהל פון צוזאַמענגעהעריגקייט. וואָס ווייטער האָבען זיי אָבער אַלץ מעהר אנערקענט, אז זיי זיינען אַריבערגעשטיגען געוואָרען אין וויכטיג־קייט פון די יעקב־ און ישראל־שבטים און האָבען זיך ענגער אַנגעשלאָסען אַן זיי.

אַן א זייט פון לאה'ן און פיליכט אויך פון ישראל: דאָך אַם ווע־ניגסטענס לויז פאַרבונדען מיט זיי דורך דער שותפות פון בלוט, שטעהען די ר ח ל ־ ש ב ט י ם. דאָס איז דער גרונט, פאַרוואָס מ'פאַרבינדט אַזוי גערן רחל'ען מיט יעקב'ן. זיי האָבען אַמאָל ביידע זיך געמוזט אויפהאַלטען אין דרום פון לאַנד, אַם נעהנטסטען צו דער באַשיידענער געגענד, וואו יהודה האָט געפּאַשעט זיינע שאָף. אלס א זיכערע זאַך דאַרף דאָס, ווי איך גלויב, אנגענומען ווערען מכוח יוסף'ן, ווייל זיין וואַנדערונג קיין עגיפּטען איז געווען מעגליך נאָר אונטער דעם באַדינג, אז ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דרום. דערצו ווייל ב א ר ־ ש ב ע איז לאַנג נאָכדעם נאָך געווען א הייליגטום פאַר די יוסף־שבטים (עמוס ה 5), און אַלס צוגאָב נאָך שטעהט עס אין דבורה'ס געזאַנג: „אפרים, וואָס זיין וואָרצעל איז אין עמלק“ (שופטים ה 14). אז מ'וויל ניט ענדערען דעם טעקסט, לאָזט זיך דאָס אנדערש ניט דערקלערען ווי נאָר, אז אפרים האָט לכתחילה זיך אויפגעהאַלטען אין נ ג ב. אויך ביי ב נ י מ י ן, פּאַסט זיך אַמוועניגסטען דער נאָמען (בן־ימין — זוהן פון רעכטס) בעסער איז דער דאָזיגער געגענד איידער דאָרטען וואו ער האָט

שפּעטער געוואוינט. פון דעם ממזר־שבט ד ן איז עס אזויפיעל זיכער, אז איידער ער האָט אויסגעוואַנדערט אין וויטען צפון, איז ער געזעסען אין דרום פון לאַנד, ניט גראַד אין נ ג ב אָדער ביי ח ב ר ו ן, אָבער ניט זעהר ווייט אין צפון־מערב זייט פון חברון ביי ת מ נ ה און צ ר ע ה. אויב ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין לאַנד נאָך פאַר משה'ס צייט, האָט ער זיך געמוזט נאָהנט באַריהרען מיט דעם דאָמאָלדיגען יהודה. דאָך דערפון וואָס דן ווערט אָנגעגעבען אַלס א זוהן פון בלהה, רחל'ס שפחה, איז א ראיה, אז אין דער צייט ווען יוסף און בנימין זיינען נאָך געזעסען אין דרום, איז ער שוין געווען זייערער א שכן. אין דעם פאַל האָט אויך דן'ס ברודער נפתלי דאָ געמוזט פריהער זיצען, סיידען אויב ער איז איבערהויפּט אויפגעקומען ערשט שפּעטער, ווען דן האָט שוין געהאַט אַרויסגעוואַנדערט אין צפון.

צווישען די רחל־שבטים שפּילט יוסף א באַזונדערע ראָלע: פאָלגענדיג דעם ביישפּיל פון די סעמיטען פון כנען און פון האַלב־אינזעל סיני, — א ביישפּיל, וועלכער האָט זיך איבערגע'חזר'ט זינט יאָהרהונדערטען, וואַנדערט ער אויס קיין עגיפּטען. דער פאַקט פון זיין וואַנדערונג קאָן ניט באַשטריטען ווערען, כאָטש מיר קענען די אומשטענדען ניט גענויער באַשטימען. אויב מיר זאָלען גלויבען דער לעגענדע, וועלכע איז פאַרקליידט אין דעם געוואַנט פון א פאַמיליען־געשיכטע, איז די אורזאַך דערפון געווען א קריגעריי צווישען די ברודער־שבטים פון כנען, און ער האָט געמוזט אויסוואַנדערען צוליב דער נויט מעהר ווי פון פרייען ווילען. א געוויסע פּערזאָן, א פיהרער, האָט זעלבסטפאַרשטענדליך געמוזט שטעהן בראש פון'ם שבט. אויב אָט די פּערזענליכקייט האָט געטראָגען דעם נאָמען יוסף; אָדער בכלל ווער עס איז געווען דער יוסף פון דער לעגענדע, לאָזט זיך מעהר ניט באַשטימען. די לעגענדע ווייסט נאָר צו דערצעהלען, אז די געשטאַלט, אין וועלכען זי האָט פּערזאָניפיצירט אָט די וואַנדערונג, איז אין עגיפּטען דערהויבען געוואָרען צו א הויכער שטעל און האָט דורכדעם געבראַכט גרויס נוצען צו זיינע קרובים: און אז אַלס רעזולטאַט דערפון און צוליב א שווערען הונגער אין כנען, האָבען יוסף'ס ברידער נאָכגעוואַנדערט צוזאַמען מיט זייער פאָטער יעקב'ן קיין עגיפּטען. אז עס ליגט דערין א היסטאָרישער קערן, איז דורכאויס וואָהר־שיינליך. נאַטירליך, ניט אַלע שבטים צוזאַמען, נאָר א טייל פון די יעקב־ישראל־שבטים האָבען טאַקע באמת געמוזט זיין אמאָל אין עגיפּטען.

די געגענד וואָס ווערט פאַר זיי דאָ אָפּגעגעבען איז די לאַנדשאַפט ג ש ן, — דער מזרח־טייל פון דער דעלטאַ, א פּאַסיגער אָרט פאַר זייער באַשעפטיגונג אַלס פּאַסטוכער. עס זעהט אויס, אז זיי האָבען שוין דאָ אין

עגיפּטענ געפונענע שבטים־קרובים פון דעם גרויסען קרייז פון די עברים, און מיט זיי האבען זיי זיך גע'חבר'ט. אין דעם מוז ליגען דער גרונט פאַר־וואס מ'האט זיי אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען צו באַטראַכטען פאַר לעסטיגע פרעמדע, באַזונדערס נאָך דעם טויט פון יוסף'ן.

ווי פיעל פון די יעקב־ישראל־שבטים עס זיינען געקומען קיין עגיפּטען און וועלכע פון די שבטים דאָס זיינען געווען, לאָזט זיך באַשטימט ניט זאָגען. דער אומשטאַנד וואס די באַוועגונג איז אַרויסגעגאַנגען פון יוסף'ן, דאָס הייסט פון דער רחל־גרופּע, ווייזט, אַז די רחל־שבטים קומען צו־ערשט אין באַטראַכט. אבער ס'איז קיין ספק ניט, אַז אויך דער שבט לוי, משה'ס שבט, איז געווען אין עגיפּטען. מיט לוי געהערט וואהרשיינליך אויך שמעון צוזאַמען. אבער אויך יהודה האָט געמוזט האבען מיטגעוואַנדערט קיין דרום. נאָך אויף אַזאַ'ן אופן לאָזט זיך פאַרשטעהן זיין אַנטייל אין דער שפּעטערדיגער עראָבערונג פון כנען און זיין צוזאַמענוואַקסען מיט געוועזענע אַראַבישע שבטים; בעת פריהער האָט ער געהערט צו די עכטע לאה־שבטים, ווערט ער מיט דער צייט דער ספּעציעלער דרום־שבט און קומט אַלץ מעהר און מעהר אין געגענזאַץ צו די לאה־שבטים. דער געגענזאַץ פון צפון און דרום, איינער פון די טרייבענדע אָדער גיכער פון די פאַרהאַלטענדע כוחות אין דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער נאַציאָן, ווערט דאָ אַריבערגעטראָגען אויף איהם און אויף זיין באַציהונג צו די אַנדערע.

אַ טייל פון אַלטען באַשטאַנד איז, ווי עס ווייזט אויס, געבליבען אויפ'ן אַלטען אָרט. מיט איהם בלייבט דאָרטען דער נאָמען י ש ר א ל. דאָס איז דער „ישראל" וואָס ווערט דערמאָנט פון מערענפּטאַה. פאַר די וואָס האבען זיך שפּעטער צוריקגעקעהרט און אויך פאַר משה'ס איבערלעגונגען און באַשלוסען איז אַט דער פאַקט געווען פון דער העכסטער באַדייטונג.

## 4. ר. קיטעל

# משה און די וואנדערונג דורכ'ן מדבר

### 1.

### איינפיהרונג.

כאטש די געשיכטע פון יציאת מצרים און פון מדבר איז צוזאמענגע־פלאכטען פון פארשידענע איינצעלנע פעדים, וועלכע לאזען זיך פאנאנדער־נעמען, דאך קומט ארויס פון דעם גאנצען געוועב פון אט די פעדים איין אל־געמיין בילד פון יענער עפאכע פון דער אידישער געשיכטע. מיר וועלען דא געבען די הויפט־שטריכען פון דעם דאזיגען בילד.

ישראל, אונטער דער אנפיהרונג פון שבט יוסף, פארלאזט זיין אלטע היים אין דער געגענד פון זיין ברודער־שבט אדום, קומט צו וואנדערען קיין עגיפטען און האלט זיך דארטען אויף א געוויסע צייט אין ג ש ן. ער דער־האלט זיין שפראך, זיינע נאמאדישע מנהגים פון לעבען און זיין רעליגיאן. די עקשנות, מיט וועלכער ישראל האט זיך געהאלטען ביי זיין נאציאנאלער און רעליגיעזער אייגענארטיגקייט; דערצו די מורא מאמער וועט ישראל ווען עס איז מאכען יד אחת מיט די שונאים פון עגיפטען, האט באוואויגען די עגיפ־טער צו אונטערדריקען די פרעמדע, וועלכע זיינען אין אנהויב ניט געשטערט געווארען אין קיין זאך. באזונדערס ווערען זיי גענומען צו געצוואונגענער ארבייט. ישראל האט ניט געקאנט פארטראגען די קנעכטשאפט, צו וועלכער די געבארענע עגיפטער זיינען שוין פון אלטע צייטען געוועהנט געוועזן, אבער וועלכע די פרייע פאסטוכער האבען באטראכט פאר אן אומ'כבוד. דאך האט אויסגעפעהלט די קראפט און די אנטשלאסענקייט ארפצוואוארפען דעם יאך. דא באווייזט זיך משה אלס רעטער פון ישראל. אוים ליבע צו זיין פאלק האט ער געטויטעט אן עגיפטער, און ער איז אנטלאפען צוליב דעם אין מדבר ביים סיני. דארטען ווערט ער דער איידים פון איינעם פון די אראַ־בישע פאסטוך־פירשטען. אין דער געזעלשאפט מיט יענעם, דעם כהן פון זיין שבט, און נאך מעהר אין דער איינזאמקייט פון דער ווילדערניש פון

סיני, וועלכע ברייננט דעם מענשען נעהנטער צו גאט, קריגט משה א נייע געטליכע דערקענונג. יהוה, דער לעבעדיגער גאט, באווייזט זיך דארטען צו איהם. משה דערקענט אין איהם די קראפט צו באפרייען זיין פאלק.

ער קעהרט זיך צוריק קיין עגיפטען און רעדט אין נאמען פונ'ם נייעם גאט, וועלכער איז צו דערזעלביגער צייט אויך דער גאט פון ישראל'ס פאר־טערם. מיט דעם נייעם גלויבען אין ישראל'ס גאט וועקט ער דעם מוט אין די אינערליכע כוחות פון פאלק. ישראל איז גרייט צו פארלאזען עגיפטען און נאכצופאלגען משה'ן אין מדבר. אויסנוצענדיג די פלאגען, מיט וועלכע די עגיפטער ווערען געשטראפט פון גאט, אנטלויפט משה מיט די קינדער פון זיין פאלק. ער וויל זיי די ערשטע זאך ארויספיהרען אין מדבר און זיי בריינגען צו גאט'ס בארג, וועלכער איז פון לאנג אן שוין באקאנט געווען אלס ארט, וואו די גאטהייט האט זיך אויפגעהאלטען, און וועלכער איז פאר איהם גופא געווארען א געהייליגטער ארט. אט דא וויל ער זיין פאלק נעהנ־טער בריינגען צו דער דערקענונג פון זיין גאט.

די עגיפטער יאגען נאך די קינדער פון ישראל און כאפען זיי ביים ברעג פון רויטען ים. נאר וואס אין לעבען געבראכט, איז משה'ס ווערק שוין אין געפאהר אונטערצוגעהן. אבער עפעס פלוצליכעס פאסירט דאן אין דער נאטור, אין וואס ישראל האט אין אלע צייטען דערקענט די רעטענדע האנט פון זיין גאט. ישראל געהט דורך דעם ים אומבאשעדיגט, בעת די פיינד מיט פערד און וואגענס ווערען פארשלונגען פון די כוואליעס.

ביים סיני אנטפלעקט משה צו דעם אויסגעלייזטען פאלק דעם ווילען פון זיין גאט. אין יהוה'ס נאמען גיט ער איהם א געזעץ און שליסט גאט'ס בונד מיט איהם. ישראל איז פון איצט אן געווארען יהוה'ס אייגענטום און פאלק. אלס סימן און באווייז, אז גאט געפינט זיך צווישען זיי, גיט משה צו די קינדער פון ישראל דעם הייליגען „ארון" און דעם הייליגען געצעלט („אהל מועד").

אוועקגעהענדיג פון סיני, וואנדערט ישראל ארום היז און הער דורכ'ן מדבר, פאשענדיג זייגע סטאדעס אין דער ברייטער ווייטקייט פון דער וויסטעניש. אבער ער פארלירט קיינמאל ניט פון דעם פארלאנג צו קריגען די אלטע היים אין צפון פון האלב־אינזעל. אט אזוי קומט אן דאס פאלק אין ק ד ש, א סטאנ־ציע אין מדבר ביים דרום־זוים פון הייליגען לאנד. מ'פראבירט ארייגדרינ־גען ווייטער אין צפון, אבער די פראבע פאלט דורך איבער דער פחדנות פון פאלק. שוואך און נידערגעשלאגען קאן ישראל א לאנגע צייט ניט טראכטען מעהר וועגען געהן ווייטער. צעהנדליגער יאהרען מוז ער זיך אויפהאלטען

ביי און ארום קדש אלס שטראף פאר זיין פחדנות און פאר זיין ניט פאר־לאזען זיך אויף יהוה.

ערשט אין א דור ארום קריגט ישראל דעם כוח און די געלעגענהייט אויסצופיהרען זיין פארלאנג. א צווייג פון די אמורים, די איי־נגעטימער פון גרעסטען טייל פון כנען, האט אונטער זיין קעניג סיחון ארויס־געשטופט די מואבים און די עמונים, ישראל'ס קרובים אין דער משפחה פון די עברים, פון זייערע אלטע ערטער וואו זיי האבען ביז דאמאלסט געוואוינט. עמון ווערט בארויבט פון דער געגענד פונ'ם אויבערסטען יבוק; מואב — פון דער געגענד אין צפון־זייט פון ארנון ביז צום אונטערסטען יבוק. חשבון ווערט די הויפטשטאדט פון אט דער נייער מלוכה פון די אמורים. משה נוצט אויס די געלעגענהייט, מישט זיך אריין אין דעם קריג און נעמט איין סיחון'ס מלוכה. פונ'ם לאנד פון מואב באהאלט ער פאר זיך דעם טייל וואס סיחון האט געהאט עראבערט. דעם טייל וואס איז געבליבען ביי מואב, און וואס איז אהן א ספק אויך געווען אין געפאהר עראבערט צו ווערען פון סיחון'ען, לאזט ער בלק'ן. דאס זעלביגע האט ער, ווייזט אויס, אויך געטאן מיט עמון.*)

די געגענד, וואס משה האט עראבערט, טיילט ער צו צו די שבטים ראובן און גד. דאן שטארבט ער, ניט אריבערגעהענדיג דעם ירדן, און לאזט איבער זיין ווערק צו זיין דינער און נאכפאלגער יהושע.

מיר האבען דא איבערגעגעבען דעם הויפט־פאדים פון דער געשיכטע. אבער די פארשידענע קוועלען פון וואנעט זי איז צוזאמענגעזעצט שטימען לחלוטין ניט אין א סך פונקטען. דערצו נאך זיינען די קוועלען פארפאסט געווארען הונדערטער יאהרען נאך משה'ן. מיר מוזען דערפאר גרינטליכער און ברייטער אונטערזוכען די געשעהענישען, וועלכע ווערען דערצעהלט אין דער געשיכטע וועגען משה'ן.

## 2.

## די היסטארישע סיטואציע.

**עגיפטען און סיריען זינט דער אמארנא־צייט**

אונטער אמענהעטעפ דעם פערטען („עכנאטאן") איז די פאליטישע

---

*) לויט שופטים י"א.

מאכט פון עגיפטען און סיריען און פאלעסטינא וואס ווייטער אלץ שוואכער געווארען. די אינטערעסען פון יענעם פרעה זיינען געלעגען ווייט פון דער ארענא פון פאליטישען לעבען, אויף געביטען, וואס האבען אוועקגע־טראגען זיין גייסט אין א גאנץ אנדער וועלט. אבער דער נאטירליכער רע־זולטאט איז געווען דער צעפאל פונ'ם פאליטישען לעבען פון עגיפטען בכלל און פון דער עגיפטישער הערשאפט אין סיריען בפרט.

שוין אין די טעקסטען פון די אמארנא־בריף געפינען מיר, אז די חתים זיינען ארייגעדרונגען ביז אין דער געגענד פון צ ו ר, בכן ביז צום צפון־גרעניץ פון כנען, און איינצעלנע אפצווייגונגען זייערע זיינען אוועק זאגאר ווייט איבער'ן גרעניץ, ביז אראפ אין דרום פון לאנד. די אמורים האבען נאכגעטאן זייער ביישפיל און האבען אנגעהויבען באאומרוהיגען די קעניגליכע וואסאלען, באזונדערס אין די געגענדען ביים לבנון און אנטי־לבנון. אויך די אמורים האבען זיך שוין צוגעשטופט ביז צ ו ר און צ י ד ו ן. נעבען זיי זעהען מיר די האבירי, א גרופע שבטים אין ווייטסטען זין גלייך צו די ע ב ר י ם און זעהר נאהנט צו ישראל, — זיך ארומטרייבענדיג אין לאנד און געבענדיג אסך שטאף פאר קלאגען און פאר מורא. מ'קען אנ־נעמען, אז די דאזיגע צושטענדען האבען אנגעהאלטען אויך ווייטער נאך דעם טויט פון אמענהעטעפ דעם פערטען, און אז די לאגע וואלט געווארען נאך ערגער פאר עגיפטען, ווען עס וואלט זיך ניט באוויזען א שטארקע געגענ־באוועגונג.

פון דעם אומשטאנד וואס עס שטעהט אין יענע אמארנא־בריף, אז מ ג י ד ו, א ש ק ל ו ן און ג ז ר בעטען ביי פרעה'ן הילף געגען די האבירי, מעג מען ארויסדרינגען, אז די דאזיגע האבירי האבען שוין אין פאר־שידענע שטעלען פון לאנד געשפילט די ראלע פון הארען. אויב מ'האט שוין אפילו פרובירט פרעה'ס אויטאריטעט ווידער אויפצושטעלען, האט דאס העכסטענס געקאנט זיך אויסדריקען אין דעם, וואס מ'האט אריינגעשיקט אן אפיציער מיט א קלייבער אפטיילונג פון מיליטער, וואס האט ניט גע־קאנט ברענגען קיין שום ערפאלג. דער רעזולטאט פון דעם ארומטרייבען זיך פון די ה א ב י ר י איז געווען, וואס מאנכע איינוואוינער פונ'ם לאנד האבען געהאלטען פאר גלייכער צו פארלאזען כנען און צו זוכען א נייע היים אין עגיפטען. א ביישפיל פאר דעם האבען מיר אין דער אויפשריפט פון הארעמהעב, א גענעראל פון אמענהעטעפ דעם פערטען, וועלכע מאכט דעם איינדרוק אזוי ווי גראד דאמאלסט וואלט באזונדערס שטארק געווארען דער פארלאנג צו פארלאזען פאלעסטינא און צו זוכען א באשיצטען ארט אין דער

דעלטא, דערהויפט אין דער לאנדשאפט פון ג ש ן. אינערליכע רייסער־רייען און אן אומגערעטעניש אין כנען האבען, ווי עס ווייזט אויס, אין א גלייכער מאס געווירקט צו וועקען יענעם פערלאנג. מעהר און מעהר הערען אויך אויף די צאהלונגען צו פרעה'ן, און סיריען און פאלעסטינא הערען פאקטיש אויף צו זיין עגיפטישע פראווינצען.

ווען אמענהעטעפ דער פערטער — אהן צווייפעל דער מערקווירדיגסטער מאן וואס איז אמאל געזעסען אויפ'ן טראן פון די פרעה'ס, „דער ערשטער אידעאליסט און די ערשטע פערזענליכקייט פון דער וועלט־געשיכטע" — איז ארום יאהר 1358 געשטארבען. נאך א 17 יעהריגער רעגירונג, איז גארנישט געבליבען פון דעם געוואלטיגען אוצר פון מאכט און אויטאריטעט וואס זיינע פארגענגער האבען אנגעזאמעלט אין סיריען. זיינע נעהנטסטע נאכפאלגער: זיינע צוויי איידימס ס א ג ע ר ע און טוטאנק־אטאן („דאס לעבעדיגע בילד פון אטאן") זיינען ניט געווען ביכולת אויפצוטאן עפעס וויכטיגעס כדי אויפצושטעלען די אלטע הערשאפט. טוטאנקאטאן האט ווידער אריבערגעפיהרט די הויפטשטאדט קיין טעבען; די גלענצענדע אטאן־שטאדט אכעט־אטאן מיט איהר פראכטפולען טעמפעל פארזינקט אין חורבות אונטער דער נקמה פון דער טעבען־פארטיי, און אונטער איהרע חורבות בלייבט באגראבען דער ארכיוו פון על־אמארנא.

מיט דער צייט באקומט נאטירליך אויך דער גאט אמאן זיינע אלטע רעכטען און פארנעמט דעם פלאץ פון אטאן. פרעה גופא ענדערט זיין נאמען אין טוטאנק־אמאן „דאס לעבעדיגע בילד פון אמאן". נאכדעם ווי איינער אדער אייניגע הערשער זיינען נאך א קורצע צייט געזעסען אויפ'ן טראן גאר ווענינ אויפטועדיג, איז פארלאשען געווארען די באריהמטע דינאס־טיע פון טעבען, וועלכע האט צוויי און א האלב הונדערט יאהר באהערשט עגיפטען, פארטריבען די היקסאס און געמאכט פון עגיפטען א וועלט־אימפעריע.

ערשט דער גרינדער פון דער נייער דינאסטיע — דער נייצעהנטער לויט מאנעטהא — האט ווידער באטראטען א נייעם וועג. דאס איז ה א ר ע מ ה ע ב, וועמען מיר האבען שוין באגעגענט אונטער אמענ־העטעפ דעם פערטען, אלס זיין ליבלינג און זיין ערפאלגרייכען גענעראל עס ווייזט אויס, אז נאך אמענהעטעפ דעם פערטען, אונטער זיינע אומבא־דייטענדע נאכפאלגער, איז הארעמהעב געווען די נשמה פון דער רעגירונג, ביז ס'איז פאר איהם געקומען די צייט אליין צו באשטייגען דעם טראן פון די פרעה'ס. דאס איז געווען אין יאהר 1350. מיט איהם האט ווידער א

נייער גייסט ארייננעצויגען אין טעבען. הארעמהעב האט געמוזט זיין א בעדייטענדער ארגאניזאטאר און געזעצגעבער. אם מעהרסטען האט ער געזארגט צו מאכען אן ארדנונג אין דער פארוואלטונג פון לאנד און אפצושאפען די מוטוויליגקייט פון די באאמטע און די רעכטלאזיגקייט פון די ארימע. צום באדויערען האבען זיך די דאזיגע געזעצען, וועלכע ער האט צו דעם צוועק ארויסגעלאזען, ניט אינגאנצען דערהאלטען. פון דעם ביסעל וואס איז אונז געבליבען זעהען מיר א גערעכטען און קלוגען גייסט און גלייכצייטיג זעהען מיר אויך וואס פאר א שלעכטע ווירטשאפט ס'איז אנטשטאנען אין לאנד אונטער אמענהעטעפ'ס גלייכגילטיגקייט צו די ענינים פון דער פראקטישער וועלט. אויף א שטיין פון אומגעפעהר 5 מעטער הויך און איבער 3 מעטער ברייט פאר איינעם פון די גרויסע טויער־טורעמס פון קארנאק, פארעפענטליכט הארעמהעב זיינע געזעצען, וועלכע זיינען אפילו שטרענג, אבער וויזען אויף א ווייטען בליק און זוכען מיט אלע מיטלען אפצושאפען דעם שוחד און די אונטערדריקונג פון די עקאנאמיש שוואכע.

בנוגע רעליגיאן איז הארעמהעב געווארען דער אמת'ער באנייער פון דעם אלטען גאט'ס דינסט. „ער האט ווידער אויפגעשטעלט די טעמפלען און האט פון דאס ניי געלאזט מאכען זייערע געטער־בילדער, נאך רייכער אין צאהל ווי פריהער.“ די אלטע פיעל־געטעריי איז ווידער געווארען די רעליגיאן פון דער מלוכה. אין סיריען אבער האט, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסער פעהיגקייט אלס סאלדאט, זיך קיין זאך ניט געענדערט. עס ווייזט אויס, אז די צושטענדען אין עגיפטען גופא און די נויטיגקייט צו מאכען אן ארדנונג אין זיי האבען צוגענומען ביי איהם אלע זיינע כוחות.

נאך הארעמהעב'ן קומט אלס קעניג רעמסס דער ערשטער, וועלכער איז שוין געוועזן אן אלטער מאן, בשעת ער איז ארויף אויפ'ן טראן, און האט מעהר ניט געפיהלט אין זיך די קראפט צו שאפען עפעס נייעס. נאכדעם ווי זיין זוהן סעטי דער ערשטער, א מאן אין די בעסטע יאהרען, איז א קורצע צייט געוועזן מיט־רעגענט, האט ער אין יאהר 1313 אין גאנצען פארנומען זיין פלאץ. ערשט איצט האט זיך ארויסגעוויזען, ווי וויכטיג ס'איז געוועזן וואס הארעמהעב האט געשאפען אן ארדנונג אין די אינערליכע צושטענדען. ווי נאר סעטי איז געווארען אליין־הערשער, האט ער גלייך אויסגענוצט די פרייהייט פון באוועגונג, וואס ער האט דאדורך באקומען, פאר א פעלד־צוג קיין פאלעסטינא כדי דארטען צו געווינען פאר עגיפטען די אויבערהערשאפט וואס איז שוין געוועזן פארלארען.

די דירעקטע אורזאך פאר דעם איז געוועזן וואס די וואנדער־שבטים

פון דער מזרח־סטעפּע האָבן ווידער זיך אַריינגעריסן אין פּאַלעסטינאַ. מיר דערמאָנען זיך אָן דער אַמאַרנאַ־צייט, ווען מיר לעזן, אַז די בעדואינער פון דער סטעפּע האָבן זיך אַריינגעריסן אין פּאַלעסטינאַ און באַאומרוהיגן די דאָרטיגע באַפעלקערונג. קוקנדיג אויף די האַבירי, האָבן זייערע קרובים פון מדבר, קענטיג, זיי נאָכגעטאָן. די אויפטואונגען פון סעטי'ס מלחמות ווערן פאַרגעשטעלט אין גרויסאַרטיגע בילדער מיט ווייניג ביישריפטן אויף דעם דרויסענדיגן מויער פון דער טעמפּעל־האַלע אין קאַרנאַק. סעטי האָט, ווי עס זעהט אויס, גענומען פאַר זיך טהוטמאָס דעם דריטן אַלס אַ מוסטער. ער אונטערוואַרפט צוערשט די בעדואינער פון דרום־פּאַלעסטינאַ, כדי פון דאָרטן צו עראָבערן און צו באַהערשן דעם מיטעלסטן טייל פון'ם לאַנד מיט דעם פעניקישן ים־ברעג. די שטעדט פון'ם טאַל מגידו האָבן זיך געמוזט איהם אונטערוואַרפן, און אַזוי אויך צור און צידון. ער איז אויך אויף דעמזעלביגן פעלד־צוג אַריבער דעם ירדן און האָט אויפגעשטעלט אין חורן אַ מאָנומענט פון זיין נצחון.

אין אַ יאָהר אַרום מאַרשירט ער ווידער קיין צפון און נעמט מיט שטורם ק ד ש „אין דער מלוכה פון די אמורים“. דאָס איז אָהן אַ ספק דיזעלביגע מלוכה פון די אמורים וועלכע אבד־אשירטאַ און אזירו האָבען געגרינדעט אין דער אַמאַרנאַ־פּעריאָדע און וועלכע האָט זיך קענטיג דערהאַלטען דורך די מהומות פון דער צייט. נאָך דער אַמאַרנאַ־צייט האָבען איהרע הערשער אַלס וואַסאַל־מלכים זיך געוואַקעלט צווישען די חתים און די עגיפּטער, אַמאָל זיך האַלטענדיג טריי צו איינעם, אַמאָל צום אַנדערען. אַזוי ווי די עגיפּטישע מאַכט איז אַלץ שוואַכער געוואָרען, האָבען זיי איצטער, ווייזט אויס, זיך לגמרי געהאַט אָפּגעזאָגט פון איהר. אויב דאָ האַנדעלט זיך, ווי אַסך נעמען אָן, ניט וועגען דער קדש ביים אָראָנטעס, נאָר וועגען דער קדש, וואָס ליגט נאָהענט פון מגידו, האָט די מלוכה פון די אמורים שוין דאַמאָלסט געמוזט דערגרייכען ביז קיין גליל, אָדער זאָגאָר ביז די צפון־רוקענס פון די בערג פון אפרים. פון קדש נעמט זיך סעטי צו די חתים אונטער זייער קעניג מורסיל. עס קומט צו אַ שלאַכט, וועלכע בריינגט ניט קיין רעכטע אנטשיידונג. סעטי פיהרט נאָר אויס, אַז דער עגיפּטישער גרעניץ זאָל זיך דעקען אומגעפעהר מיט'ן גרענעץ פון פּאַלעסטינאַ. אַן אָפּמאַך מיט דעם קעניג פון די חתים מוטאַללו, מורסיל'ס זוהן, מאַכט אַן ענד פון דעם קריג. דעם רעשט פון זיינע טעג האָט סעטי פאַרבראַכט אין אינערליכע ענינים. ער איז געשטאָרבן אַרום 1292.

סעטי'ן האָט גע'ירש'עט אויפ'ן טראָן זיין זוהן רעמסס דער צווייטער. זיין ציל איז געווען פאָרטצוזעצען זיין פאָטערס אויפטואונגען אין אזיען און דערמיט ווידער צו געווינען פאר עגיפּטען די וועלט־מלוכה פון די הערשער פון דער 18. דינאַסטיע. דער אַפּמאַך מיט די חתים, וואָס סעטי האָט געשלאָסען מיט מוטאללו, האָט געשאַפען א שווערע לאַגע. די 20 יאָהר וועלכע מוטאללו האָט פארבראכט אין פרידען האָט ער אויסגענוצט צו באַ־פעסטיגען זיין לאַגע; און עס זעהט אויס, אז פונקט ווי אמאָל אין די צייטען פון טהוטמאָס דעם דריטען, האָבען אויך איצט די חתים זיך געשאַפען אין קדש ביים אָראָנטעס, דעם שליסעל צום אָראָנטעס־טאָל, אזא שטאַרקע פעסטונג, פון וועלכער זיי זיינען אַלעמאָל געווען אימשטאַנד ניט צו לאָזען די עגיפּטער אריינדרינגען ווייטער אין סיריען.

איינע פון די פעלז־אויפשריפטען ביים נאַהר־על־קעלב, דעם הונט־טייך ביי ביירוט, גיט אונז דעם באַוויז, אז אין דעם פערטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט רעמסס דער צווייטער באַזוכט דעם פעניקישען ים־ברעג. אַהין א צווייפעל כדי צו זיין זיכער מיט א פאַרבינדונג מיט סיריען איבער'ן ים. די חתים האָבען געזאַמעלט א געוואַלדיגע ארמיי, אַז וועלכער עס האָבען זיך אַנגעשלאָסען די מלכים פון גאַנץ צפון־סיריען, ארם־נהרים, און די קליינאַזיאַטישע גרעניץ־לענדער. אָבער אויך רעמסס איז ניט געבליבען זיצען מיט פארלעגטע הענט. אויך ער האָט צוזאַמענגעבראַכט א חיל פון ארום 20.000 מאַן. אין 5טען יאָהר פון זיין רעגירונג מאַרשירט רעמסס געגען דער באַפעסטיגטער פיינדליכער הויפּטשטאָדט קדש ביים אָראָנטעס. מיט א סטראַטעגישער חכמה האָט זיך מוטוללי'ן איינגעגעבען אָפּצושניידען רעמסס'ן פון א טייל פון זיין חיל און איהם צו ברענגען אין א כמעט פאַרצווייפעלטער לאַגע. נאָר מיט גרויס אנשטרענגונג זיינען רעמסס און זיינע מקורבים געווען בכוח זיך דורכצוברעכען דורך די רייהען פונ'ם שונא. זיין לאַגער מיט א רייכען רויב פאַלט אריין ביי די חתים אין די הענט. אָבער דאָך גיט זיך איהם איין צום סוף דורך אסך גינסטיגע אומשטענדען און מיט דער הילף פון זיין ווילדער גבורה צוריקצושטויסען די פיינד אין דער שטאָדט און צו באַהויפּטען דאס שלאַכטפעלד.

פון ערשבערען די הויפּטשטאָדט פון די חתים און דערמיט צו ברעכען זייער ווידערשטאַנד האָט אונטער די דאָזיגע אומשטענדען קיין רייד ניט געקאָנט זיין. רעמסס האָט געקאָנט זיין צופרידען וואס ער איז אַנגעקומען בשלום אהיים. די אויטאָריטעט פון עגיפּטען, וועלכע ער האָט געזוכט צו הייבען, איז נאָך געפאַלען נידעריגער. ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואס

נאָך זיין צוריקקומען אַהיים איז אין גאַנץ סיריען אויסגעבראָכען אַן אַל־געמיינער אויפשטאַנד, וועלכער האָט דערגרייכט ביז דרום־פּאַלעסטינא. דורך דעם דאָזיגען אויפשטאַנד איז רעמסס געצוואונגען געווען צו אונטער־נעמען אַ נייעם פעלדצוג קיין צפון, און וועלכען ער האָט געמוזט איבערטאָן די גאַנצע אַרבייט פון דאָס ניי. ער האָט באַלאַגערט און ערָאָבערט אשקלון — אין 6טען אָדער 7טען יאָהר פון זיין רעגירונג — נאָכהער אין 8טען יאָהר — אַ צאָהל שטעדט אין גליל. אויך אין עבר הירדן האָט ער, ווי פאַר איהם סעטי דער ערשטער, אויפגעשטעלט דעם צייכען פון זיין הערשאַפט. דאָס איז דער אַזוי גערופענער איוב־שטיין אין חורן. ערשט איצט קאָן ער ווידער וואַגען צו מאַרשירען אין דער לענג פון דעם אָראָנטעס־טאָל. עס זעהט אויס, אַז ער האָט שטאַרק אָנגעגריפען די חתים און איז צוגעקומען ביז ארם־נהרים: אָבער צו אַן אונטערוואַרפונג פון די דאָזיגע געגענדען איז עס ניט געקומען. ווען מוטאַללו, דער קעניג פון די חתים, איז גע־שטאָרבען אין 21טען יאָהר (1272) פון זיין רעגירונג און זיין ברודער כאַ־טוסיל האָט דעם טראָן באַשטיגען, זיינען ביידע צדדים געווען אויסגעמאַ־טערט פון דעם לאַנגען קריג — ער האָט געדויערט 15 יאָהר — און ס'איז געקומען צו אַן אָפּמאַך. אויף אַ זילבערנעם טאָוועל איז איינגעקריצט און באַשטימט געוואָרען, אַז ביידע צדדים גיבען אויף דעם קאַמף און ווילען זיך גענענזייטיג שיצען געגען אַ פרעמדען אָנפאַל. דער טעקסט איז דערהאַלטען אין צוויי עגיפּטישע עקזעמפּלאַרען אויף די מויערן פון די טעמפּלען אין טעבען. אַ דריטען עקזעמפּלאַר אין באַבילאָנישער קלינען־שריפטען, האָט מען אין די לעצטע יאָהרען אויסגעגראָבען אין דער אַלטער הויפּט־שטאָדט פון די חתים באַנגהאַזקאָי. בכלל ווייזט אויס, אַז רעמסס האָט אויפגע־שטעלט זיין גרעניץ דאָרטען וואו ער איז געווען אונטער סעטי. ער האָט זיין גאַנצען לעבען זיך געהאַלטען פעסט ביים פרידען. דאָס האָט באַדייט, אַז ער האָט ניט געקאָנט וואַגען צו פאָדערען מעהרער ווי זיין פאָטער סעטי האָט דערגרייכט.

אין דער צייט פון אָט די מלחמות האָט די וואַסאַלען־מלוכה פון די אמורים געהאַלטען, ווי עס ווייזט אויס, מיט עגיפּטען, מן הסתם אונטער דעם איינפלוס פון די נצחונות פון סעטי דעם ערשטען. ביי זיין ריקצוג און ביים שלום־אָפּמאַך האָט רעמסס קענטיג מפקיר געווען די מלוכה פון די אמורים. נאָר דאָס וואָס כאַטוסיל, דער קעניג פון די חתים, האָט זיך איינ־געשטעלט פאַר זיין פירסט בענטי־סינא און האָט נאָכהער זיך מחתן געווען מיט איהם האָט איהם דערהאַלטען אויפ'ן טראָן. אלס וואַסאַל פון די חתים

האט איצט באנטי־סיני זיך געקאנט פריי באוועגען און זיין מאכט האט דערגרייכט ביז טיף אין דער סירישער וויסטע אריין ביז צו דער טעריטאריע פון באבילאניען. די לעצטע איז אראפגעזונקען צו דער מדרגה פון א קליי־נער מלוכה, בעת די אמורים האבען פארגעשטעלט א מעכטיגע וואסאלען־הערשאפט, וועלכע האט געקאנט פריי באלעבאטעווען און זיך אויסשפריי־טען צווישען דעם מדבר און דעם ישוב־לאנד.

זינט רעמסס דעם צווייטען איז, צוליב די פיעל באציהונגען צו אזיען, דער מיטעל־פונקט פון דער אימפעריע און די פאקטישע רעזידענץ פון די פרעה'ס אריבערגעטראגען געווארען פון טעבען ווידער קיין צפון. די מזרח־דעלטא האט באקומען א גרעסערע באדייטונג. טאניס (צוען) איז געווארען א גרויסע, בליהענדיגע שטאדט, און אינ'ם וואדי טומילאט, דורך וועלכען עס האט זיך געצויגען דער וועג צום האלב־אינזעל סיני, האט רעמסס געלאזט אויפבויען א שפייכלער־שטאדט פיתום („הויז פון גאט אטום"). ניט ווייט פון דארטען האט ער געלאזט אויפבויען א צווייטע שטאדט, וועלכע ער האט אלס זיין רעזידענץ א נאמען געגעבען פ ע ר ־ ר ע מ ס ס „הויז פון רעמסס". די בנינים אהן א צאהל, וועלכע ער האט כמעט אלע געווידמעט גרויס צו מאכען זיין נאמען, זיינען אן עדות פאר זיין אומגעוועהנליכע בוי־לוסט. ס'איז דערפון פארשטענדליך, אז ער איז געווען גענויטיגט צו פא־דערען הויכע שטייערן און אסך ארבייטסקראפט פון זיינע אונטערטאנען. מ'קאן דערפאר זאגען, אז די טראדיציע פון חומש שמות, לויט וועלכער די דאמאלסדיגע איינוואוינער פון דער דעלטא, זיינען אונטערדריקט געווען פון דעם בויער פון פיתום און רעמסס, האט פאר זיך יעדע היסטארישע וואהר־שיינליכקייט (שמות א 11).

בכלל איז רעמסס ניט געווען קיין פיינד פון די פרעמדע אין זיין לאנד. ניט נאר האט ער געהאט א לייבגווארדיע פון שווער באוואפענטע סארדינישע זעלנער, נאר אומעטום אין לאנד האט מען געזעהן מאסען אויסלענדער. אין מעמפיס האבען די פעניקישע און אנדערע פרעמדע סוחרים געהאט אן אייגענעם קווארטאל מיט א טעמפעל פאר'ן ב ע ל און פאר דער ע ש ת ר ת. סעמיטישע און אזיאטישע שקלאפען האבען זיך געפונען אין א גרויסער צאהל ביים הויף און אין די פריצישע הייזער. סעמיטישע געטער ווערען אויפגענומען צווישען די עגיפטישע, און סעמי־טישע ווערטער ווערען אריינגענומען אין דער עגיפטישער שפראך. דעם קעניג'ס ליבלינגס־טאכטער הייסט „טאכטער פון אנאט", א געטין פון סי־ריען, און איינס פון זיינע טייערע פערד טראגט דעם נאמען „אנאט איז

צופרידען."*) רעמסס גופא קלייבט זיך אויס אלס זיין ליבלינגס־גאט דעם סוטעך, דעם גאט פון די היקסאס. אט אזוי פאסירט עס אויך, אז אויסלענ־דער, בפרט סעמיטען, קומען צו צו הויכע שטעלען אין עגיפטען. אין הויף פון מערענפטאה איז א סיריער מיט'ן נאמען בען־אזען געווען אויבערסטער העראלד (אנזאגער). די באדינגונגען פאר דעם זיינען שוין געווען זינט דער 18. דינאסטיע. פרעמדע גענעראלען אין דער ארמיי זיי־נען געווען ניט ווייניג אונטער רעמסס דעם צווייטען, און א גרויסע צאהל פון זיינע זעלנער זיינען געווען אויסלענדער.

ווען רעמסס דער צווייטער איז נאך א 67 יעהריגער רעגירונג געשטאר־בען אין עלטער פון נייינציג יאהר, זיינען צוועלף פון זיינע זיהן שוין געווען טויט. אלס דרייצענטער זוהן האט איהם גע'ירש'עט אויפ'ן טראן מערענ־פטאה (1215—1225), שוין אליין אין א העכערען עלטער. דער גאנצער גלאנץ פון רעמסס דעם צווייטען און די גרויסע מאסע אויפשריפטען, וועל־כע דערצעהלען פון זיינע נצחונות, קענען ניט אפלייקענען דעם פאקט, אז אויך איהם האט זיך ניט איינגעגעבען, ניט קוקענדיג אויף די גרויסע אנ־ווענדונגען פון אזויפיעל כוחות און אויף זיין פערזענליכער העלדישקייט, אויפצוריכטען פון דאס ניי עגיפטען'ס מאכט אין אזיען. ס'איז דערפאר ניט געווען צו דערווארטען, אז דעם זוהן וועט אפגליקען דאס, וואס זיין פאטער האט ביי דער קראפט פון זיין שטארקער יוגענד מיט 60 יאהר צוריק ניט געקאנט דורכפיהרען. די הויפט־געפאהר פאר עגיפטען איז איצטער געלעגען אין דעם אנפאל פון די ים־פעלקער, וועלכע זיינען געווארען וואס ווייטער אלץ שטארקער. די פעלקער פונ'ם צפון־טייל פון מיטעל־לענדישען ים האבען אנגעהויבען זיך צו באוועגען. גלייכצייטיג מיט זיי אויך די פעלקער פון אינערליכען קליינאזיען און פון אפריקא. אלע צוזאמען האבען געסטראשעט עגיפטען: דא פון דער זייט, דא פון יענער זייט; און אפט האבען זיי געפונען דערמוטיגונג און אונטערשטיצונג ביי די אלטע שונאים פון עגיפטען, באזונדערס ביי די חתים. אין דריטען יאהר פון מע־רענפטאה'ס רעגירונג האט די גאנצע אזיאטישע פראווינץ, אין צוזאמענ־האנג מיט'ן אויפטרעטען פון די ים־פעלקער, זיך אויפגעהויבען געגען מערענפטאה (ארום 1223). נאכדעם ווי ער האט אונטערווארפען די אפרי־קאנישע פעלקער, האט ער מארשירט מיט אן ארמיי קיין צפון, האט בא־שטראפט די בונטאווטשיקעס און האט אין זיין 5. יאהר אונטערווארפען

*) וועגען דער געטין „ענת" זעה אויבען ז. 119.

גאנץ פאלעסטינא, אריינגערעכענט אויך ישראל, וואס ווערט אין מערענ־פטאה'ס אויפשריפטען צום ערשטען מאל דערמאנט אויסער תנ"ך. מיר דארפען זיך לויט דעם פארשטעלען, אז עס האבען שוין אין פאלעסטינא געוואוינט, זינט א קירצערער אדער לענגערער צייט, שבטים און משפחות, וועלכע זיינען געווען צוזאמענגעפאסט אונטער'ן נאמען ישראל.

ווי לעבהאפט דער פארקעהר איז אויך אין יענער צייט געווען מיט אזיען און ווי גוט מ'האט די אזיאטען אויפגענומען אין עגיפטען, ווייזט אונז דער בריף פון א גרעניץ־באאמטען, אונטער מערענפטאה'ס רעגירונג. אין וועלכען עס ווערט באריכטעט וועגען דעם דורכמארש פון א באנדע אדומ'ישע בעדואינער דורך איינע פון די פעסטונגען אויפ'ן גרעניץ. ווי אמאל יעקב'ס קינדער, אזוי האבען אויך זיי געוואלט פאשען זייערע סטא־דעס אין דער געגענד אין פיתום. אן אנדער דאקומענט פון יענער צייט רופט אפילו אן מיט אלע פרטים די נעמען און די כונות פון די וואס געהען אריבער דעם גרעניץ. מ'זעהט פון דעם ווי די רעגירונג האט באקומען גענויע אויסקונפט וועגען אלץ וואס איז פארגעקומען אין לאנד.

מערענפטאה איז געשטארבען ארום דעם יאהר 1215. זיינע נאכפאלגער, צווישען וועלכע מ'דארף נאך דערמאנען סעטי דעם צווייטען, האבען גע־מאכט עגיפטען פאר א שפיל־באל פון די פארטיי־ליידענשאפטען. אויך סעטי האט זיך ניט געקאנט האלטען. נאך זיין מפלה איז איינגעטראטען א פולע אנארכיע, וועלכע איינער פון די פיעל סיריער וואס האבען באקו־מען אין עגיפטען הויכע עמטער, האט אויסגענוצט צו ווערען דער הערשער פון לאנד. דאך האט זיך איינגעגעבען איינעם א מאן פון אן אומבאקאנטער אפשטאמונג מיט'ן נאמען סעטנעכט איינצושטעלען ארדנונג אין לאנד. נאך זיין באלדיגען טויט איז זיין זוהן רעמסס דער דריטער געווארען דער פרעה, מיט וועמען עס האט זיך אנגעהויבען די לאנגע רייה פון רעמסס'עס (20טע דינאסטיע.)

דער אנפאל פון די ים־פעלקער, וועלכער האט זיך אנגעהויבען שוין אונטער מערענפטאה, איז אונטער רעמסס דעם דריטען פארטגעזעצט גע־ווארען. באזונדערס האבען זיך איצט געלאזט באמערקען צווישען די דאזיגע ים־פעלקער צוויי גרופען, די ז ע ק ע ל און די פ ע ל ע ס ע ט. די לעצ־טע זיינען אונז באקאנט פון תנ"ך אונטער'ן נאמען „פלשתים". זיי קומען וואהרשיינליך פון קרעטא; די ערשטע—פילייכט פון סיציליען. מיט זיי קומען צו וואנדערען פארוואנדטע פעלקער. אלע צוזאמען ווערען זיי גע־שטופט פון א גרויסער אינדאגערמאנישער פעלקער־כוואליע. אזוי ווייט ווי

זיי קומען מיט דער יבשה, קומען זיי אהער פון צפון קיין מיטעל־און דרום־סיריען. אט דא קענטיג ווארפען זיי זיך אויף די אמורים און דריקען זיי שטארק צו. פון דאנעט אז האבען זיי, ווייזט אויס, ווייטער מארשירט צו לאנד און צוגלייך אויך אויפ'ן וואסער, און האבען אנגעהויבען אויסראבירען די עגיפטישע דעלטא. רעמסס שטעלט זיך געגען זיי אין א געוואלטיגער שלאכט; זיין אימפעריע בלייבט אבער געשיצט בלויז פאר דעם מאמענט. אלץ נייע און נייע באנדעס רייסען זיך אריין; צו לאנד אויף שווערע צוויי־רעדערדיגע אקסען־וועגלעך און אויפ'ן ים מיט הילף פון זייער שטארקער פלאטע. זיי האבען געמוזט האבען פארפלייצט גאנץ סיריען פון צפון ביז דרום. אויב רעמסס דערצעהלט דעם אמת, דאן האבען זיי געמאכט א סוף צו דער מלוכה פון די אמורים. אויך אסך פון די כנעני'שע שטאדט־מלכים, באזונדערס ביים ים־ברעג האבען זיך ניט געקאנט שטעלען געגען זיי. אט אזוי איז דא אנטשטאנען די מלוכה פון די פלשתים, מיט וועלכע די אידען האבען געהאט ארומצושלאגען זיך פיעל הונדערטער יאהרען.

רעמסס שיקט א פלאטע צו די סירישע האפענס און ער גופא מארשירט שנעל צו לאנד, בראש פון א חיל, קיין סיריען. עס קומט צו א שלאכט, אין וועלכער די עגיפטישע געדונגענע סאלדאטען פון די שערדען (סארדי־ניער) האבען אזוי שטארק זיך געווארפען אויף די פיינד מיט זייערע אקסען־וועגלעך, אז רעמסס איז געבליבען דער זיגער. ניט ווייט פונ'ם פלאץ פון אט די געשעהענישען, אינ'ם לאנד פון דעם אמורי, איז עס געקומען צו א ים־שלאכט, אין וועלכער אויך די עגיפטישע פלאטע האט באקומען די איבערהאנט. פאלעסטינא און דרום־סיריען זיינען דערמיט ווידער געבליבען ביי עגיפטען און זייערע פירשטען זיינען ווידער געווען פרעה'ס וואסאלען.

רעמסס האט נאך אמאל מארשירט קיין צפון, כדי צו זיכערען זיין הערשאפט און האט דא און דארטען אויסגעבויט אין לאנד פעסטונגען און אויך א טעמפעל פאר'ן גאט אמאן, אין וועלכען די פירשטען פון סיריען האבען יעהרליך געמוזט ברייגנען זייער אפצאהל. דאס לאנד איז געבליבען רוהיג. די קראפט פון די חתים איז געווען אויסגעשעפט. די אמורים און די פלשתים און די אנדערע וואס האבען באוואוינט מיטעל־ און דרום־סיריען, ישראל אריינגערעכענט — האבען מן־הסתם געבראכט זייערע אפצאהלונגען אין דעם אמאן־טעמפעל, ווענינסטענס אזוי לאנג ווי רעמסס דער דריטער האט געלעבט. נאך איהם איז די עגיפטישע הערשאפט צעפאלען, און די ווייטערדיגע פרעה'ס זיינען קוים געווען אימשטאנד צו האלטען מיט גע־וואלד די, וואס האבען זיך אין דער שטיל צוריקגעצויגען פון זיי.

## 3.

## יציאת מצרים און די וואנדערונג דורכ'ן מדבר.

זיינען שבטים פון ישראל געווען אין עגיפטען און פון דארטען ארויס־געגאנגען? האבען די עגיפטער זיי נאכגעפאלגט און זיינען אומגעקומען אין רויטען ים? איז משה א היסטארישע פערזאן און וואס איז געווען זיין אויפטו? האט ישראל זיך אויפגעהאלטען אין ק ד ש און ביים ס י נ י או' וואס איז דארטען פארגעקומען? ווי איז ישראל פון דארטען געקומען צום גרעניץ פון כנען? אין וועלכער צייט זיינען אט די געשעהענישען פאר־געקומען?

וועגען דער צייט פון יציאת מצרים און פון די וואנדערונגען דורכ'ן מדבר, ווען משה איז געווען דער פיהרער, האבען מיר אויסער דעם תנ"ך בלויז איין איינציגע ידיעה, און אויך די ניט קיין זיכערע, מכוח העברעאישע שבטים וואס זאלען זיך האבען געפונען אין עגיפטען. אלעם איבעריגע וואס יוסף פלאוויוס און אנדערע שפעטעריגע שריפטשטעלער באריכטען זיינען ענטוועדער זאכען וואס מ'זעהט באשיינפערליך, אז זיי האבען קיין שום ווערט ניט, אדער ערינערונגען וועגען עפעס, וואס האט יא פאסירט, אבער די ערינערונגען זיינען אזוי פארדרעהט, אז מ'קאן גאר ניט דערקענען וואס דאס איז אזוינס. אויך אין יענער ידיעה, וועלכע מיר האבען נאר וואס דער־מאנט, ווערט ניט גערעדט פון ישראל גופא, נאר, אין בעסטען פאל בלויז פון דער גרעסערער גרופע פון שבטים, צו וועלכער אויך די שבטים פון ישראל האבען געהערט.

צו פארענטפערען די אלע פראגען מוזען מיר זיך פארלאזען בעצם אויפ'ן תנ"ך. אלע ידיעות וואס מיר געפינען אין אנדערע לענדער, באזונדערס אין עגיפטען, קאנען נאר דינען צו באלויכטען, צו דערקלערען און בעסער צו באגרינדען דאס, וואס מיר לערנען ארויס פון תנ"ך.

אט דא אבער הענגט אלצדינג אפ פון דער ריכטיגער אפשאצונג פון די העברעאישע טעקסטען. אויב ס'איז ריכטיג, אז מיר פארמאגען א רייה פון עלטערע דאקומענטען וועגען יענע געשעהענישען, וועלכע שטאמען נאך צום טייל פון משה'ס צייט, דאן קענען מיר זיך פארלאזען אויף דאס וואס מיר דרינגען פון זיי ארויס.

אבער עס מוז אפען געזאגט ווערען, אז דוקא וועגען דעם דאזיגען פונ־דאמענטאלען עניין, וועגען דער אפשאצונג פון די טעקסטען פון תנ"ך, האבען מיר נאך דערווייל ניט קיין איינהייטליכע און אומבאשטריטענע מיינונג. אזוי לאנג ווי עס געפינען זיך אזוינע פארשידענע מיינונגען מכוח דעם עלטער פון די וויכטיגסטע דאקומענטען פון תנ"ך, און אזוי לאנג ווי עס זיינען פאראן פארשער, וואס צווייפלען, אויב עס איז אונז גאר אין גאנצען געבליבען עפעס א דאקומענט פון משה'ס צייט, איז קיין חידוש ניט, וואס מ'קומט אלץ ווידער ארויס מיט דער מיינונג, אז ס'איז בכלל ניט זיכער אויב ישראל איז גאר אין גאנצען געווען ווען אין עגיפטען און פון דארטען ארויסגעגאנגען, און דאס זועלביגע אויב משה איז א היסטארישע פערזאן.

אונטער די דאזיגע אומשטענדען קאן דאס וואס ווערט דא ארויס־געזאגט באטראכט ווערען נאר אלס די פערזענליכע, כאטש אפילו גוט אפגעוואויגענע מיינונג פונ'ם פערפאסער. אויך יעדע אנדערע אויסטייט־שונג, פון וועמען זי זאל ניט שטאמען און צו וועלכע רעזולטאטען זי זאל ניט קומען, מעג ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט נאר אונטער דער דאזיגער באשרענקונג. ס'איז ניט איבעריג קלאר צו מאכען פאראויס דעם שטאנדפונקט, ווייל מאנכע גיבען ארויס זייערע מיינונגען מיט א זיכערקייט, וועלכע וועקט אויף איינ'ם לעזער פאלשע פארשטעלונגען. צוליב דער הארב־קייט פון דעם מאטעריאל און דעם מאנגעל אין ראיות פון די אויפשריפ־טען, איז עס דורכאויס נויטיג צו מאכען דערווייל די באשרענקונג. דאס איינציגע וואס מיר ווייסען איצט זיכער איז, אז אונטער מערענפטאה איז א „ישראל" געווען אין כנען.

ווען מיר אונטערזוכען גרינטליך די מעשיות וועגען משה'ן און דעם מדבר, מוזען מיר קומען צום רעזולטאט, אז דער קערן זייערער האט שוין עקסיסטירט אין דער צייט פון די שופטים; און ניט בלויז זיינען עס געווען זעלבשטענדיגע, אפגעריסענע דערצעהלונגען, נאר זיי האבען זיך געפונען אין אזא פארם, אז די איינצעלנע מעשה'לעך זיינען שוין געווען פאר־קניפט אין א גרעסערען צוזאמענהאנג. ווען מיר באטראכטען נאך, אז די אידען האבען זיך ניט געקאנט אויסטראכטען פון קאפ אזא שאנד, ווי קנעכטשאפט אין עגיפטען, קריגט שוין דערמיט די טראדיציע, אז די אידען זיינען געווען אין עגיפטען דעם כאראקטער פון א היסטארישען פאקט. דאס ווערט נאך געשטיצט פון דער געשיכטע וועגען יוסף'ן, וואס האט, ווי מיר האבען אויבען געוויזען, וואהרשיינליך, א היסטארישען קערן, וועלכער בא־

שטעהט אין דעם, וואס מאנכע שבטים אדער משפחות פון ישראל האבען אויסגעוואנדערט קיין עגיפטען.

אלס די צייט פון דער אריינוואנדערונג קיין עגיפטען דארף מען אננעמען די אמארנא־פעריאדע. פאקטיש האט יענע וואנדערונג געמוזט פארקומען אין עטליכע מאל, ווייל אויך די טראדיציע לאזט יוסף'ן געהן פאראויס און ערשט שפעטער לאזט זי קומען יעקב'ן. די רעגירונג פון אמענהעטעפ דעם פערטען גיט דערצו אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט. שוין פאר איהם איז געווען פאר דעם א געלעגענהייט, און נאך איהם האבען נאך אונטער סעטי דעם ערשטען אריינגעוואנדערט שבטים פון דער סטעפע, וועלכע זיינען געווען, ווי מען מיינט, הינטערסטע נאכגעהער פון די האבירי. אויב איינצעלנע פון די שפעטערדיגע ישראל־שבטים האבען שוין אנגעהויבען זינט טהוטמאס דעם דריטען אז זיך צו באזעצען אין כנען, דאן מעג מען אננעמען, אז שוין אין יענער צייט האט מען געפרובירט בעטען איינטריט אין עגיפטען צוליב א הונגער אין כנען, אדער ווען עס האט זיך גלאט געמאכט א גינסטיגע געלעגענהייט. איהר העכסטען פונקט האט די וואנדערונג קיין עגיפטען דערגרייכט אין דער אמארנא־צייט.

דער פאקט פון ישראל'ס אונטערדריקונג אין עגיפטען שטעהט און פאלט בעצם מיט דעם פאקט פון דער אריינוואנדערונג און דער ארויסוואנדערונג. די אונטערדריקונג האט נאך אבער א באשטעטיגונג אויך אין דעם, וואס מ'קאן זיך ניט פארשטעלען ווי אזוי א פאלק מיט אזא'ן אויסגעבילדעטען נאציאנאלען געפיהל ווי ישראל האט געקאנט אויסטראכטען פון קאפ די שאנד פון „א הויז פון קנעכט" אין מצרים. וועגען דעם גרונט פארוואס עס האט זיך געביטען די שטימונג אין מצרים בנוגע ישראל, האבען מיר ניט קיין זיכערע ידיעות. מיר האבען אויבען געזאגט א השערה וועגען דעם*). וואס דער ספר שמות דערצעהלט אונז מכוח דעם, טראגט מעהרסטענס דעם כאראקטער פון לעגענדארישער באפוצונג. דאך די מיטטיילונג, אז די פרעמדע זיינען געצוואונגען געווען צו ארבייטען שווער ביים בויען די שטעדט פיתום און רעמסס מאכט דעם איינדרוק פון א היסטארישען פאקט, די השערה, וועלכע עקסיסטירט שוין פון לאנגע צייטען, אז דער פרעה וואס האט אונטערדריקט די קינדער פון ישראל איז געווען רעמסס דער צווייטער, קריגט דערמיט פאקטיש א באדען; ווארים ניט בלויז ווייסען מיר, אז ער האט יענע שטעדט געלאזט בויען, נאר מיר האבען אויך יעדען גרונט

*) זעה אויבען ז. 151.

אנצונעמען, אז ער האט געפאדערט די ארבייטס־קראפט פון זיינע אונטערטאנען אין אן אומגערעכטער מאס*). אזוי ווי פיתום און רעמסס זיינען געלעגן אין, אדער געווען זעהר נאהנט צו, דער געגענד, וואו די פרעמדע האבען זיך געהאט באזעצט, דעריבער ווייזט אלץ אויף דעם, אז גראד זיי האבען אם מעהרסטען געהאט צו ליידען פון יענער שטארקער בוי־לוסט פון פרעה'ן.

וואס עס האט פאראורזאכט די אידען ארויסצוגעהן דארף מען לויט דעם גאר ניט פרעגען. די געצוואונגענע קנעכטשאפט האט געוויס אראפגעוואויגען די נוצען וואס מ'האט געקאנט האבען פון זיצען אין גשן. דערצו האבען נאך אנדערע פאקטארען געקאנט מיטשפּילען א ראלע, אויב יציאת מצרים איז פארגעקומען אין דער צייט פון מערענפּטאה. ס'איז דאמאלסט אנגעגאנגען א שטארקע באוועגונג צווישען די פעלקער און שבטים ארום און ארום. אין דער צייט פון דער לאנגער און קראפטפולער רעגירונג פון רעמסס דעם צווייטען האט זיך פארט ניט איינגעגעבען, ניט קוקענדיג אויף אלע אנשטרענגונגען, צו קריגען פאר עגיפּטען די מאכט אין אזיען, וועלכע זי האט אמאל געהאט. די פעלקער־כוואליע, וועלכע האט זיך געהאלטען אין באוועגען, האט פון אלע זייטען געסטראשעט די מלוכה פון די פרעה'ס. צוריקצוהאלטען אויף לאנג די דאזיגע כוואליע האבען די פרעה'ס ניט פארמאגט ניט די קראפט, ניט די מאראלישע אויטאריטעט. שוין אין מערענפּטאה'ס דריטען יאהר האט די גאנצע אזיאטישע פּראווינץ זיך אויפגעהויבען געגען איהם — ארייגערעכענט אויך „ישראל" אין פאלעסטינא. גשן איז ניט געלעגען אויסער דעם וועלטפארקעהר. עגיפּטישע סאלדאטען און שלוחים זיינען אפט געגאנגען דורך דעם וואדי טומילאט, וואו די שטאדט פיתום איז געלעגען, און דורך דער עגיפּטישער גרעניץ־באפעסטיגונג. וואס ס'איז פארגעגאנגען אין דרויסען, האט ניט געקאנט בלייבען פארבארגען פאר די פארשקלאפטע שבטים אין גשן. אט אזוי האט די אלגעמיינע באוועגונג געגען עגיפּטען אויך זיי מיטגעריסען און זיי געמאכט פאר געגנער פון דער מלוכה, וועמעס גאסטפריינדשאפט זיי האבען אמאל גענאסען. גלייכצייטיג האבען אויך געקאנט קומען שלוחים פון די ברידער־שבטים אין כנען, וועמען מערענפּטאה דערמאנט, און זיי אויפוועקען זיך צו פאראייניגען און אויסצונוצען די גינסטיגע געלעגענהייט כדי ארויסצוגעהן פון דארטען און זיך צו באזעצען אין כנען. אין חומש ווערט טאקע פארגעשטעלט, אז פרעה

*) זעה אויבען ז. 161.

האט מורא טאמער וועט ישראל אין א קריג מיט עגיפטען'ס פיינד ארויס־געהן פון לאנד (שמות א 10).

מיר זיינען נאך אבער ניט פארטיג מיט דער פראגע וועגען יציאת מצרים. מיר האבען שוין פריהער געזעהן, אז ווי באלד אידישע שבטים זיינען געווען אין עגיפטען, האט אויך געמוזט פארקומען די אויסוואנדע־רונג פון דארטען. אבער א חוץ דעם שטעהט יציאת מצרים אלס פאסירונג אויך פעסט פאר זיך אליין. דאס אלטע טריאומף־ליד, וואס איז פיליכט לכתחילה באשטאנען פון איין קורצער סטראפע, באזינגט דעם פאקט, וואס „יהוה האט גמאל ארייגעווארפען אין ים פערד מיט רייטערס" (שמות ט"ו 2, 21). ווען דאס איז געשעהן און ווער די אומגעקומענע זיינען גע־ווען, זאגט די סטראפע ניט. אבער דער טעקסט וואס באגלייט די סטראפע לאזט קיין צווייפעל ניט וועגען דעם, אז געמיינט דערמיט זיינען די עגיפ־טער און אז דער ים איז דער ים־סוף. אנדערע קעמפער מיט פערד און אן אנדער ים האט אין א אידישען ליד קיין ארט ניט. דאס לידעל, וואס איז אהן א ספק זעהר אלט, באווייזט בכן אין יעדען פאל אזוי פיעל, אז פארצייטען איז אן עגיפטישער חיל אומגעקומען פון א שווערער קאטאס־טראפע אין ים־סוף.

מאנכע פארשער האבען געלייקענט, א אט דיביידע געשעהענישען: דער אונטערגאנג פון די עגיפטער און דער ארויסגאנג פון ישראל, זיינען פון לכתחילה אן געווען פארבונדען צוזאמען אין דער טראדיציע. זיי האבען דעריבער אנגענומען, אז די קאטאסטראפע ביים ים האט גארנישט געהאט צו טאן מיט די אידען, נאר דאס איז פארגעקומען גאר ביי אן אנדער געלע־גענהייט און ביי גאנץ אנדערע געגנער אדער ארויסגעלאפענע. עס האבען די סאלדאטען פון די עגיפטישע גרעניץ־פעסטונגען געווים ניט געפעהלט קיין געלעגענהייטען זיך צוזאמענצושטויסען מיט באנדעס פון בעדואינער. אבער לאמיר אננעמען, אז דא האנדעלט זיך וועגען אן אומגליקס־פאל וואס האט גלאט אזוי געטראפען אן עגיפטישער מיליטערישער אפטיילונג — טא ווי קומען אידען דאס צו באזינגען און דאס צו פייערען אלס יהוה'ס אן אויפ־טו פאר דער טובה פון ישראל? דאס איז נאר מעגליך, אויב עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א צוזאמענשטויס מיט ישראל און וואס איז דורך דעם געווען יהוה'ס א נצחון איבער די עגיפטישע געטער. אז ישראל האט גע־האט א צוזאמענטרעפונג מיט עגיפטען אויף אט דעם שטעל אין אן אנדער צייט ווי משה'ס, האבען מיר אבער ניט קיין שום ידיעה און אנצוהערעניש.

מיר האָבען דאָ בכן נאָך אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם פאַקט פון יציאת מצרים גופא. דערמיט איז אָבער אויך היסטאָריש געזיכערט די טראַדי־ציע פון'ם דורכגאַנג דורכ'ן רויטען ים. דער באַריכט וועגען דער דאָזיגער פּאַסירונג איז ניט איינהייטליך, וואָרים אַז מ'שילדערט אַ געשע־עניש, ווערען די פּרטים איבערגעגעבען אין פאַרשידענע נוסחאות. לויט איין נוסח איז דאָס געשעהן דורך אַ וואונדער. משה האָט אויפגעהויבען זיין שטעקען אָדער זיין האַנט און צעשפּאָלטען דעם ים אין צווייען. לויט אַן עלטערען נוסח אָבער איז דאָ בלויז איינגעטראָטען צו דער רעכטער צייט אַ געוויסער פאַרגאַנג אין דער נאַטור. געטריבען פון אַ ווינט וואָס יהוה האָט געשיקט גראַד אין אָט דעם מאָמענט, ציהט זיך דער ים צוריק, און אַז דער ווינט הערט אויף, קעהרט ער זיך אין דער פריה צוריק צו זיין שטאַר־קייט. „עבע און פלוט", קען מען זיך פאַרשטעלען, האָבען דאָ מיטגעווירקט. אָבער ס'איז לייכט איינצוזעהן, אַז די דאָזיגע פאַרשידענקייט אין דעם אופן פון די איינצעלנע פּרטים פון דער פּאַסירונג, וואָס האָבען זיך שפּעטער אָפּגע־שפּיגעלט אין דעם זכרון פון פאָלק, מאַכט לחלוטין ניט די געשעהעניש גופא וועניגער פאַר אַ פאַקט. עס דאַרף נאָך אָבער באַמערקט ווערען, אַז די עלטסטע ידיעה וואָס מיר האָבען מכוח דעם דורכצוג דורכ'ן רויטען ים, דאָס אויבען דערמאָנט ליד, ווייסט ניט פון דעם, אַז פרעה גופא זאָל זיין אומגעקומען. דאָ האַנדעלט זיך מן־הסתם ניט פאַקטיש וועגען מערענפּטאה גופא און זיין אַרמיי, נאָר וואַהרשיינליך וועגען אַ באַשיידענער אָפּטיילונג פון'ם מיליטער, וואָס האָט געלאַגערט ביים מזרח־גרעניץ פון עגיפּטען.

אונטער וועלכען פרעה די אידען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים קאָן, לויט דעם וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט, מעהר קיין ספק ניט זיין. עס קאָן זיך נאָר האַנדלען וועגען מערענפּטאה, דעם נאָכפאָלגער פון רעמסס דעם צווייטען. דאָס וואָס איז זיין אויפשריפט וועגען זיין נצחון אין פּאַלעסטינא דערמאָנט ער אויך אַ „ישראל", זיצענדיג אין כנען, איז באמת גאָר קיין קשיה ניט. אַ ישראל האָט טאַקי געקאָנט זיין אין כנען אפילו בשעת איינצעלנע משפּחות זיינע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין עגיפּטען. מיר דאַרפען דערפאַר אָננעמען, אַז יציאת מצרים איז פאָרגעקומען בערך אין יאָהר 1220 (פאַר דער קריסטליכער ערא).

איינער פון די פעסטע פּונקטען אין דער טראַדיציע וועגען דער פאַר־צייט פון ישראל איז, אַז ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין קדש. די לאַגע פון קדש איז היינט זיכער פון דער באַשרייבונג וואָס Clay Trumbull

האט געגעבען פון אט דעם ארט*). דאס איז די היינטיגע „אאין קאדיש" איז דער געגענד פון די אזאזימע־בעדואינער, א ווייט פלאכלאנד איינגעשלאסען פון בערגלעך, א טאג גאנג פון מזרח צו מערב; עס איז דערום גרויס גענוג צו דינען אלס לאגער־פלאץ פאר א גרעסערער צאהל מענשען. אין מיטען ציהט זיך א ברייטע און פרוכטבארע וואסער־בעט, וואו מ'קען אויך זעען תבואה. עס איז ארומגעשטעלט מיט בוימער און באלעבט מיט פויגלען, באזונדערס מיט וואכטלען, און „שענע פעלדער פון ווייץ און גערשטען באדעקען א גרויסען טייל דערפון." אין מזרח פונ'ם פלאכלאנד ברעכט וואסער ארויס פון א פעלז אין א שטארקען שטראם. אסך שענע ברונימער נעמען אויף דאס וואסער. אין גאנצען איז עס א מדבר־אינזעל רייך אין וואסער און דערפאר דער פרוכטבארסטער ארט אין דער גאנצער געגענד ווייט ארום.

שוין דער נאמען אליין זאגט אונז, אז דא האט זיך אמאל געפונען אן אוראלטער הייליגער ארט. מ'קאן זעהן, אז דערמיט איז פארבונדען די לעגענדע וועגען דעם, וואס משה האט א קלאפ געטאן דעם פעלז און דאס וואסער איז ארויסגעקומען. א הייליגער קוואל ווערט באטראכט אלס א באזונדערע מתנה פון גאט. אין פארבינדונג מיט יענער לעגענדע באקומט אויך דער קוואל דעם נאמען מ י ־ מ ר י ב ה, שטרייט־וואסער און אויך מ ס ה, דער קוואל פון אויספרובירען. ווען מיר באטראכטען נאך, אז דער ארט האט אויך געהייסען ע י ן מ ש פ ט, דער קוואל פון משפט, דאן לעגט זיך לייכט אויפ'ן שכל, אז די באצייכענונג מ ר י ב ה האט אויך לכתחילה געהאט די באדייטונג פון א וואסער, צו וועלכען מען איז געקומען מיט די שטרייטיגקייטען. דער הייליגער קוואל איז בכן געווען פון דער עלטסטער צייט אן דער געריכטס־פלאץ פאר אלע שבטים, וואס האבען געהאלטען זייערע געצעלטען אין דער ווייטער געגענד ארום. ווער עס האט געזוכט א ריכטי־גען משפט אין דער ווייטער וויסטעניש ארום קדש, דער איז געקומען מיט זיינע געגנער צום הייליגען קוואל, כדי צו באקומען א באשלוס פון דער גאט־הייט. וואס האט זיך דארטען אויפגעהאלטען. דעם „אל" פון מריבת־קדש (פארגלייך בראשית י"ד 7; שמות י"ז 7; י"ח 13).

מ'קאן זיך בכן משער זיין, אז קדש איז פון לאנג שוין געווען דער מיטעלפונקט פון א גאט'ס־דינסט, וועלכער איז געווען פארשפרייט ווייט ארום, א קולט־צענטער פון מדבר פאר א גרעסערען קרייז פון שבטים, עהנליך ווי מעקא איז געווען נאך לאנג פאר מאחמעד'ן. אזא הייליגטום וואס איז

(* Kadesh-Barnea, Clay Trumbull, New York, 1884.

אויך א געריכטס־פלאץ מוז האבען אלס פארבאדינג א צוזאמענהאלטונג פון די שבטים, א פארבינדונג פארזיגעלט דורך באשטימטע רעליגיעזע צערעמאניעס. אין אזעלכענע הייליגטימער פלעגען אויך זיצען באשטימטע משפחות פון כהנים. צו זיי געהערט דער הייליגער קוואל און זיי ווייסען ווי צו געבען דעם געטליכען אראקעל און דעם ריכטיגען משפט. גרויסע ימים־טובים, פארבונדען מיט יארידען, פאראייניגען אין באשטימטע צייטען אלע ברידער פונ׳ם קולט אין דעם הייליגען ארט.

דער הייליגער בארג סיני און די טעריטאריע פון די מדינים זיינען געלעגען אין דער געגענד פון דעם דאזיגען הייליגען קוואל. אויך דער הייליגער „סנה“, דער קוסט וואס מ׳האט זיך פארגעשטעלט, אז די גאטהייט ערשיינט אין איהם אין פייער, האט דארטען געמוזט שטעהן. די משפחות פון די כהנים פון מדין וואס רעואל־יתרו און חובב זיינען געוועזן זייערע הויפטער, האבען בכן געמוזט זיין די אייגענטימער פון יענעם הייליגטום און דער גאט פונ׳ם „סנה“ און פונ׳ם הייליגען בארג האט ניט געקאנט זיין קיין אנדערער ווי דער „אל“ פון קדש. צו זייער קרייז האט אויך געהערט משה פון דער משפחה פון לוי, לויט דער לעגענדע דורך דעם וואס ער האט זיך מתחתן געוועזן מיט די כהנים פון מדין.

ס׳איז קיין ספק ניט, אז מיר געפינען זיך דא אויף א היסטארישען באדען. דער נאמען קדש און די וויכטיגע באדייטונג וואס דער ארט פארנעמט אין דער טראדיציע וועגען דער מדבר־צייט, זיינען א זיכערער באווייז, אז דא איז געלעגען אן אלט הייליגטום מיט א באדייטענדער פריסטערשאפט: און אין דער פארהיסטארישער צייט פון ישראל זיינען דא פארגעקומען וויכטיגע זאכען, וועלכע זיינען געוועזן אנטשיידענד פאר׳ן גאנצען פאלק.

משה, דער לוי, קומט קיין מדין, דאס הייסט: קיין קדש, צו די דארטיגע כהנים, צו וועמען דאס הייליגטום האט געהערט. פון דערהיים האבען ניט משה, ניט דער שבט לוי קיין פארבינדונג מיט קדש ניט געהאט. דער שבט לוי, ווי מיר האבען שוין אויבען געזעהן, איז געוועזן איינער פון די עלטסטע און וויכטיגסטע לאה־שבטים און האט געוואנדערט מיט אדער נאך יוסף׳ן קיין עגיפטען. ס׳איז מעגליך, אז די „בני לוי“ זיינען אט דא אין קדש, אונטער דעם איינפלוס און דער אנרעגונג פון די דארטיגע כהנים אריינגעפיהרט געווארען אין דער כהונה פונ׳ם „אל“ פון קדש און זיינען אויף אזא׳ן אופן געווארען כהנים: ווארים פון דער אורצייט אן זיינען זיי עס ניט געוועזן. אבער אז דער שבט לוי איז געוועזן אין עגיפטען און אז די לעגענדע, אז משה קומט

קיין עגיפטען פון מדין און דעם גאט׳ס־בארג (הר האלהים) מיט נייע לעהרען און מיט א נייער שליחות שטעהט אויף א זיכערען גרונט, דאס קאן ניט באַ־שטריטען ווערען. שוין דער פאקט, וואס אויסער משה און פנחס זיינען אויך חור און אהרן עגיפּטישע נעמען, ווייזט אויף דער ענגער פארבינדונג פון לוי מיט עגיפטען.

עס האבען בכן געמוזט אנגעהאלטען ווערען פארבינדונגען צווישען די כהנים פון קדש און די ישראל־שבטים פון עגיפטען, וועמעס פארמיטלער זיי־נען געווען די „בני לוי". דער יום־טוב, צוליב וועלכען די אידען בעטען פרעה׳ן אז ער זאל זיי לאזען גהען אויף א רייזע פון דריי טעג אין מדבר כדי איהם צו פייערען, איז אהן א ספק געווען איינער פון די ימים־טובים פון קדש. געווים דער יום־טוב פסח, אן אלטער יום־טוב פון פאסטוכער צו באשיצען די סטאדעס פון שווערע פלאגען. אזעלכענע באציהונגען לאזען זיך אבער נאר פארשטעלען, ווען זיי זיינען פארזיגעלט און צוזאמענגעהאלטען דורך הייליגע צערעמאָניעס, בכן אלס א בונד. די שבטים און משפחות וואס קו־מען פון עגיפטען און די וואס געפינען זיך שוין דא פון פריהער — בעצם זייערע קרובים לויט אפשטאמונג — שליסען זיך צוזאמען אין א פאראיי־ניגונג, וועלכע איז ניט בלויז א פאראייניגונג אין שטאם, נאר אויך א פאר־אייניגונג אין קולט.

ס׳איז ניט אויסגעשלאסען, אז די וואנדער־שבטים האבען אט דא אין דער סטעפּע אויך אריבערגענומען דעם מנהג צו פיהרען מיט זיך א טראג־באר הייליגטום, וואס מ׳האט געמוזט האלטען אין א באשיצענדען גע־צעלט. יעדענפאלס איז דער הייליגער ארון פון יהוה נאך זיין גאנצען כא־ראקטער אן עכט וואנדער־הייליגטום, און ער מוז דעריבער לויט זיין עלטס־טער געשטאלט נאך שטאמען פון מדבר.

ווי לאנג ישראל איז געזעסען אין קדש איז אין דער היינטיגער גע־שטאלט פון דער טראדיציע לגמרי פארטונקעלט. ס׳איז אבער קיין ספק ניט, אז דעם גרעסטען טייל צייט, וואס די שבטים האבען ארומגעוואנדערט אין מדבר, האבען זיי לויט דער עלטסטער פארם פון דער לעגענדע פאר־בראכט אין דער געגענד פונ׳ם הייליגען קוואל. דאך געניי צו באשטימען ווי לאנג זיי האבען זיך אויפגעהאלטען אין מדבר, איז אוממעגליך. די לעגענדע האט קוים צוגעטראפען, ווען זי גיט אן פאר דעם א דור. די השערה וועגען א גאנצען דור קומט נאך דערפון, ווייל זי האט זיך געהאלטען פעסט ביי דעם פאקט, אז דער וואס האט די אידען ארויסגעפיהרט פון מצרים און זיי גע־פיהרט דורכ׳ן מדבר, איז געשטארבען איידער ער האט געזעהן דעם ציל

פון דער וואַנדערונג: און אַז אַ אײנגערער פּיהרער פון דעם נעכסטען דור האַט פאַרנומען זײַן פּלאַץ. זי האָט דעריבער געהאַלטען פאַר זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז צוזאַמען מיט דעם פּיהרער האַט אויך געמוזט אָפּשטאַרבען דער גאַנצער דור, און אַז ערשט דער נײַער דור האָט דערלעבט צו זעהן דאַס פאַרשפּראָכענע לאַנד.

לויט דער עלטסטער טראַדיציע איז אין דער אויפהאַלטונג ביי קדש אַרײַנגערעכענט אויך די אויפהאַלטונג ביים באַרג סיני. אַבער דאָס פאַר־העלטעניש צווישען ביידען איז לחלוטין ניט קלאַר. די געגענדען ליגען צו ווייט פון פּאַלעסטינאַ, און דער פאַרקעהר מיט זיי איז שוין אין אַלטערטום געוועזן שווער. די דערצעהלער פון די לעגענדען אין דער צייט פון די שופטים און די מלכים, וועמען מיר האַבען צו פאַרדאַנקען די עלטסטע ידיעות, האַבען דערפאַר זיך ניט געקאַנט מאַכען קיין גענוי בילד פון די לאָקאַלע פאַרהעל־טענישען. קיינער פון זיי איז דאַרטען אודאי קיינמאָל ניט געוועזן. דעריבער איז עס אויך פאַר אונז געבליבען טונקעל. אין דער גאַנצער טראַדיציע וועגען משה'ן איז אַבער דער הייליגער באַרג אַזאַ פעסטער פונקט ווי דער הייליגער קוואַל פון קדש, און מיר קענען זיך ניט פאַרשטעלען דעם ישראל פון מדבר אָהן דעם איינעם אָדער אָהן דעם אַנדערען. דער היסטאָרישער צוזאַמענ־האַנג איז וואַהרשיינליך פאָלגענדער: דאָס מדבר־הייליגטום פון קדש האָט באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג פאַר ישראל דורך די „בני לוי", וועלכע זיינען שוין פריהער אָנגעקומען אַהין. דער הייליגער באַרג סיני איז פאַר זייער פּיה־רער משה'ן געוועזן דער אָרט פון באַזונדערע איבערלעבונגען און דער באַרג איז צוליב דעם פאַר די ישראל־שבטים געוואָרען אַ ציל פון דער וואַנדערונג. דער דינסט פון יהוה, זייער באַזונדערען גאָט, העגגט ענג צוזאַמען מיט דער אויפהאַלטונג ביים סיני.

אויב איז עס ריכטיג, אַז די אַלגעמיינע פעלקער־באַוועגונג אונטער מערענפּטאַה, וועלכע איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַנדערונג פון די ים־פעלקער, האָט אויך באַאיינפלוסט די ב נ י י ש ר א ל ארויס־צוגעהן פון מצרים, דאַן האַבען קדש און דער סיני אוממעגליך געקאָנט זײַן דער לעצטער ציל פון זייער וואַנדערונג. לויט אונזער אויבען אַרויסגעזאָג־טער הנחה, אַז נאָך איידער עס זיינען אָנגעקומען אין כנען די וואַנדערענדיגע שבטים פון מדבר, איז שוין דאָרטען געוועזן אַ ישראל, איז עס העכסט וואַהרשיינליך, אַז די ישראל־שבטים פון מדבר האַבען ניט בלויז געוואָלט געהן ווייטער ווי צו קדש און סיני, נאָר אַז זייער איינציגע שטרעבונג איז געוועזן דאָס לאַנד כ נ ע ן.

ס'איז גאנץ מעגליך, אז דער קערן פון דער געשיכטע וועגן די מרגלים אנטהאלט אן ערינערונג אן א פאקט, אז באלד נאכ'ן אנקומען אין קדש האט מען געהאט אין זינען און פאקטיש אויך פרובירט ארייננצודרינגען אין כנען דירעקט פון דרום. פיליכט איז פון אנהויב אן געווען די כונה, אז נאכ'ן דעם ווי מ'וועט אפהאלטען דעם מדבר־יום־טוב אין ק ד ש און מ'וועט דינען גאט ביי ם ס י נ י זאל מען זיך פאראייניגען מיט די ישראל־שבטים אין כנען און אויף אזא'ן אופן ווערען די באלעבאטים פון לאנד. יעדענפאלס ווייזט עס אויס, אז מ'האט דאס פרובירט טאן, אבער מען איז דורכגעפאלען. דאך כאטש די שבטים פון ישראל זיינען דורכגעפאלען, האט זיך פונדעסט־וועגען איינגעגעבען מאנכע משפחות אין דער געגענד פון קדש פון די מדבר־שבטים, וועלכע זיינען געשטאנען נאהנט צו די שבטים פון ישראל, זיך צו באזעצען אין דרום פון לאנד און צו שאפען דורך דעם א וויכטיגע שטיצע פאר די שבטים פון ישראל, וואס זיינען שפעטער געקומען פון אן אנדער זייט. די וואנדערענדיגע שבטים צוזאמענגענומען האבען דורך דעם וועג ניט געקאנט דורכגעהן. זיי האבען געלערענט פון ערפאהרונג, אז די קריגערישע שבטים אויף די דרום־רוקענס פון די בערג פון יהודה זיינען געגנער, וועלכע מ'קען ניט אוועקמאכען מיט דער האנט.

דורכ'ן מדבר האט זיך דערטראגען צו ישראל א ידיעה, אז אין מזרח־זייט פון ירדן איז אפען א זיכערער וועג, דורך וועלכען מ'קען אנקומען צום ציל. די גרויסע פעלקער־כוואליע, וואס האט זיך געקאטשעט פון צפון אהער, האט געשטופט אלץ ווייטער און ווייטער צו דרום די מלוכה פון די אמורים, וואס האט שוין דא פון א צייט עקסיסטירט.

שוין אין די טעג פון סעטי דעם ערשטען, ארום צוויי דורות פאר דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען איצט, האט דיזעלביגע מלוכה פון די אמורים, וועלכע איז אין דער אמארנא־צייט געגרינדעט געווארען פון אבד־אשירטא און אזירו, פון דאס ניי געמאכט רעדען פון זיך. אזוי ווי די עגיפטישע אימ־פעריע איז נאך דער אמארנא־צייט געגאנגען אויף אראפ, האבען די מלכים פון די אמורים זיך אין גאנצען אפגעריסען פון עגיפטען. שוין דאמאלסט האבען פיליכט די אמורים זיך אוועקגערוקט אזוי ווייט ווי אין גליל און ביז די צפון־רוקענס פון די בערג פון אפרים. די נצחונות פון סעטי דעם ערשטען האבען ,ווי עס ווייזט אויס, געצוואונגען די אמורים אויך אונטער רעמסס דעם צווייטען נאך צו האלטען מיט עגיפטען. זיי האבען אבער ניט באקומען קיין דאנקבארקייט פאר דעם. בשעת רעמסס האט געשלאסען זיין פרידען מיט די חתים וואלט דער מלך פון די אמורים בענעט־סינא שוואכליך גע־

בליבען אויפ'ן טראן. ווען דער מלך פון די חתים וואלט זיך ניט איינגעשטעלט פאר איהם. די אמורים זיינען איצט ווידער, ווי אמאל, געווארען וואסאלען פון די חתים. אבער די פרייהייט פון זייער באוועגונג איז געבליבען ניט באשרענקט. ביז טיף אריין אין דעם סירישען מדבר און ביז צו די גרעני־צען פון באבילאניען, וואס איז איצט קליין געווארען, שטעלען זיי אויף זייער הערשאפט. אלע ארום האבען פאר זיי מורא, און זיי באלעבאטעווען פריי אין די געגענדען צווישען דעם ישוב־לאנד און דער מזרח־סטעפע.

די עלטערע דאקומענטען פון חומש דערצעהלען, אז די מלוכה פון די אמורים האט אונטער איינעם א קעניג סיחון זיך אויסגעשפרייט אין מזרח־זייט פון ירדן ווייט איבער'ן י ב ו ק און האט ארויסגעשטופט מואב פון דארטען. און מיר האבען ניט קיין אורזאך צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון אט דער מיטטיילונג. די לאגע וואס איז דא געשאפען געווארען, האט ארויסגערופען די אויפמערקזאמקייט פון ישראל, אז ער זאל זיך ווענדען צו צפון־מזרח צו, זאל זיך אריינמישען אין די שטרייטיגקייטען, וואס האבען אויסגעבראכען אין מזרח־זייט פון ירדן און אויסמיידענדיג אדום און מואב זאל ער אנפאלען דירעקט אויף די אמורים און צונעמען פון זיי איינינע גע־געגענדען, וואס זיי האבען ניט לאנג איינגענומען. די וואנדערונג דורכ'ן מדבר האט דערמיט דערגרייכט איהר ענד.

## 4.

## משה און „מתן־תורה“.

מיט א כיון איז אין פאריגען קאפיטעל דער נאמען משה לגמרי פאר־מיטען און נאר ביי א געלעגענהייט דערמאנט געווארען. לויט דער טראדי־ציע איז משה דער באפרייער פון ישראל, זיין פיהרער דורכ'ן מדבר און אויך זיין רעליגיעזער לעהרער. די געוואלטיגע און מעכטיגע פערזענליכקייט פון משה'ן איז אין דער טראדיציע דער בויער פון ישראל, דער וואס האט גע־לעגט דעם פונדאמענט פאר דעם אידישען פאלק, און דער נביא וואס האט באגרינדעט זיין רעליגיאן. די ערשטע פראגע וואס שטעלט זיך אונז, איז: צי שטעהען מיר אויך מיט דער דאזיגער טראדיציע אויף א היסטארישען באַ־דען, אדער דאס האט די פאעטישע לעגענדע פון זיך אליין געשאפען די דאזיגע פיגור און זי אוועקגעשטעלט אלס ליכט־זייל ביים טויער פון דער געשיכטע פון דער אידישער נאציאן?

די אונטערזוכונג האט אונז געוויזען, אז די געשיכטע פון יציאת מצרים און פון דער וואנדערונג דורכ'ן מדבר אנטהאלט ווענינסטענס א רייה פון

פאקטען, אז וועלכע מען מוז זיך האלטען פעסט אלס היסטאריש־געזיכערטע. ישראל האט פארלאזען עגיפטען, איז דורכגעגאנגען דורכ'ן רויטען ים און איז געקומען אין ק ד ש און ביים בארג ס י נ י, האט דארטען באַ־קומען די יסודות פון זיין שפּעטערדיגען גאָט'ס־דינסט און פון דער שפּע־טערדיגער ארדנונג פון זיין לעבען און האט דאן ווייטער געוואנדערט צום מזרח־גרעניץ פון כנען. מיר האבען נאך אפילו אייניגע דאקומענטען, וואס מ'האט א רעכט אנצונעמען, אז זיי שטאמען העכסט וואהרשיינליך פון אט דער פעריאדע פון דער ארומוואנדערונג דורכ'ן מדבר. אייניגע פון די גרויסע שריפטליכע נביאים קענען זיך ניט פארשטעלען די דערהייבונג פון דער אלטער צייט סיידען אין דער פארבינדונג מיט משה'ס פערזאן (יהושע י"ב 14: מיכה ו 4: ירמיה ז 25: ישעיה ס"ג 11). שוין צוליב דעם אליין ווערט משה אלס היסטארישע פערזאן פיעל נעהנטער צו אונז. אן אלגעמיינע באטראכטונג אבער מאכט פאר אונז די היסטארישע פערזאן פון משה'ן פאר א געוויסהייט. ווי באלד אז די געשעהענישען פון יענער צייט שטעהען בכלל פעסט, דאן פאדערען זיי, אום זיי זאלען זיך לאַ־זען פארשטעהן, א פערזענליכקייט עהנליך צו משה'ן, ווי ער ווערט פאר־געשטעלט אין חומש. אלצדינג וועיזט, אז ישראל איז אין מצרים נאך ניט געווען קיין נאציאן: דאס האט נאך ערשט באדארפט פון איהם געשאפען ווערען. אין די אונטערדריקטע און פארשקלאפטע מאסען, וואס זיינען געווען אין געפאהר צו פארלירען זייער אייגענעם איך, האט צוערשט געמוזט אריינגעהויכט ווערען דער גייסט פון צוזאמענגעהעריגקייט און זעלבסטאויפ־האלטונג. אזא זאך ווערט ניט דורכגעפיהרט פון זיך אליין. דאס פאסירט נאר ווען הינטער דער מאסע שטעהט אלס טרייבענדע קראפט א פערזענ־ליכקייט, וועלכע שטייגט אלעמען הויך אריבער און צינדט אן מיט א היי־ליגער באגייסטערונג א ברענענדיגען פלאם אין פאלק. ווען ישראל האט פארלאזען מצרים און איז אין ק ד ש אנגעקומען, איז ער דאמאלסט א פאלק געווארען. דאס האט איהם משה פאר א פאלק געמאכט. אהן משה'ן וואלט ישראל געבליבען דאס וואס ער איז געווען.

אלס צוגאב קומען נאך יציאת מצרים גופא און די געשעהענישען ביים ס י נ י, דאס לויפען פון עגיפטען און דאס וואנדערען דורכ'ן מדבר, דער קאמף מיט די עגיפּטער וואס האבען זיי נאכגעיאגט און מיט די עמלקים, וואס האבען זיך געשטעלט זיי אנטקעגען, און אלעס איבעריגע וואס איז פארגע־קומען אין מדבר, דאס זיינען אלץ זאכען, וועלכע פאדערען א פעסטע איינ־הייטליכע פיהרערשאפט. דער ארדנונגסלאזער „אספסוף" פון די שבטים

און די משפחות פון די ע ב ר י ם, וועלכען משה האט געפונען איז מצרים און וועלכער האט זיך איהם אנגעשלאסען, האט דאס פון זיך אליין ניט געקאנט מאכען. עס האט זיך געפאדערט דערצו א פ י ה ר ע ר, וואס זאל זיין בכוח צו באהערשען די מאסע, צוזאמענצוהאלטען די פארשידענע עלעמענטען, אויפצוריכטען די מוטלאזע, אויסצוגלייכען די שטרייטיגקייטען, זיך צו וועהרען געגען פיינד — קורץ א געניאלער פיהרער, קלוג אויפ'ן שלאכטפעלד און אויפ'ן שטוהל פון משפט, א פעסטער, מוטיגער פאטריאט, וואס זאל שטעהן בראש פון דעם ניי־געשאפענעם פאלק.

און ועל כולם — די גרינדונג פון דער אידישער רעליגיאן, וועלכע איז פארבונדען מיט די וואנדערונגען דורכ'ן מדבר. די נייע אנטפלעקונג פון גאט און פון זיין תורה, לאזט זיך, נאך ווענינער ווי די פריהער דערמאנטע געשעהענישען, אפשיידען פון אן איינענארטיגער פערזענליכקייט, פון א נביא פול מיט גאט'ס־גייסט. נייע לעהרען אויף דעם פעלד פון רעליגיאן און מאראל קומען ניט ארויס פון זיך אליין פון דער טיפעניש פון פאלקס־לעבען. זיי דרעמלען דארטען, אבער זיי שטייגען ניט ארויס איז דער ליכטיגער וועלט ביז עס קומט ניט א גייסט, וואס ווערט פון זיי דורכגענומען, ביי וועמען זיי ווערען דער סאמע עצם פון זיין לעבען, און ער זאגט זיי עפענטליך ארויס און ווערט אויף אזא'ן אופן א רעליגיעזער און מאראלישער העלד, א נביא פון זיין פאלק. דער נ א מ ע ן משה איז דא ניט דער עיקר. וואלט דער טרעגער פון אט דעם נאמען געוועזען נאר אויס־געטראכט פון דער לעגענדע, דאן וואלט אן אנדערער געמוזט אויספילען זיין פלאץ.

משה איז בכן א היסטארישע פערזאן; און אם מעהרסטען איז ער עס צוליב זיין רעליגיעז־מאראלישער שאפונג. זי איז דאס גרויסארטיגסטע, פרוכטבארסטע און דויערהאפטסטע וואס משה האט ארויסגעבראכט. די איינהייט פון פאלק, וואס איז אונטערדעסען געשאפען געווארען אונטער דער מאכט פון זיין פערזענליכקייט און אונטער דעם דרוק פון די פאסירונגען, האט זיך דורך אט דער רעליגיעז־מאראלישער שאפונג שטארק צעוואקסען און איז געווארען דויערהאפט און האלטבאר. אויף איהר האט זיך דאן אויפ־געבויט דאס מלוכה־לעבען פון פאלק ישראל. און ווען דאס מלוכה־לעבען איז שפעטער ווידער צעשטערט געווארען, האט זיך אבער די רעליגיעז־מאראלישע שאפונג דערהאלטען, און זי האט אויך דערהאלטען דאס אידישע פאלק ביז היינטיגען טאג, ניט קוקענדיג אויף די שווערע קלעפּ, וואס דער שיקזאל האט איהם געבראכט אין זיין לאנגער געשיכטע.

ווי דערקלערט זיך אט דאס רעטעניש פון דער געשיכטע? גאנץ געוויס ניט דורך משה'ס שטרעבונג צו גרינדען א וועלט־רעליגיאן. אבער אויך ניט דורך די באזונדערס גינסטיגע שיקזאלען און פארהעלטעגישען, אין וועלכע זיין פאלק האט געלעבט. ווארים די אויסערליכע פארהעלטענישען זיינען געוועזן פיעל גינסטיגער ביי אנדערע פעלקער, וואס האבען פארמאגט א גרעסערע מאכט און א גרעסערען איינפלוס, און וואלטען דערפאר זיך בע־סער געפאסט אויסצושפרייטען און צו פאראייביגען זייער רעליגיאן. פאר־וואס־זשע פארט האט דער גלויבען פון עגיפטען, פון באבילאניען, די רעלי־גיאנס־סיסטעמען פון די אמורים, פלשתים און די ים־דרייזענדע כנענים ניט באקומען דיזעלביגע באדייטונג? פון אנהויב אן האט געמוזט ליגען אין משה'ס רעליגיאן עפעס אזוינס, וואס האט זי פעהיג געמאכט פאר אן אייגענארטיגער אנטוויקלונג. עס האט געמוזט אין איהר לעבען די קראפט, וואס זאל גובר זיין אלע אומגינסטיגע פארהעלטענישען: די שוואכקייט און דעם צוזאמענבדוך פון דער נאציאן און אלע אנדערע שטערונגען, און זיך דאך אנטוויקלען צו דער מאכט און פראכט, צו דער ריינקייט און הויכ־קייט, וועלכע מיר זעהען אין איהר שפעטער. דאס הייסט: שוין משה גופא האט געמוזט געבען זיין פאלק עפעס אזוינס, וואס האט זיין גלויבען ארויס־געהויבען העכער איבער אלע פעלקער און האט עס געמאכט ריינער, פרוכט־בארער, פעהיגער זיך צו אנטוויקלען. וואס איז דאס געווען אזוינס? דאס איז די פראגע.

מ'האט אין דער נייעסטער צייט זיך זעהר פיעל באמיהט צו באַ־ווייזען, אז דער אזויגערופענער עטישער מאנאטעאיזם פון די אידען, וועלכער ווערט וואס ווייטער אלץ קלערער אויסגעדריקט פון די נביאים זינט עמוס און הושע, איז ניט געווען די רעליגיאן פון משה'ס צייט, נאר א פראדוקט פון יענער פעריאדע, אין וועלכער עס האבען געלעבט די גרויסע שריפטליכע נביאים. לויט אט די פארשער האט פון דעם אלטען פאלקסגלויבען פון ישראל אין דער צייט פאר די נביאים זיך מיט נויטווענדיגקייט אנטוויקעלט, אונטער דעם איינפלוס פון די גרויסע וועלט־געשעהענישען, דער ריינער גלויבען פון די נביאים.

עס איז קוים מעגליך צו לייקענען, אז דער גלויבען פון דער אלטער צייט, און אויך משה'ס גלויבען, איז אין מאנכע ריכטונגען געווען פון אן אנ־דער זארט און איז געווען פיעל ווענינער אנטוויקעלט איידער דער גלויבען פון יענער נביאים־תקופה. דער באגריף מכוח דער וועלט און דער וועלט־מלוכה, צו וועלכען יענע נביאים זיינען דערגאנגען אויף אזא ריהרענדען אופן

דורך די שווערע קלעפּ פונ'ם שיקזאַל, איז נאָך פּיליכט פּרעמד געווען משה'ן און זיין פאָלק. וואָס עס איז אַ וועלט־מלוכה און אַ וועלט־הערשאַפט האָט מען נאַטירליך ניט באַדאַרפט ערשט אָנהויבן צו לערנען פון אשור. עגיפּ־טען האָט שוין לאַנג געהאַט באַגריפן דעם געדאַנק. אין גרונט האָבן עס שוין געטאָן אויך די אַלט־באַבילאָנישע הערשער. אָבער מען מוז זיך דערמיט רעכענען, אַז ביי די אידען האָבן ערשט די נביאים אדער זייערע געהנטסטע פאַרגענגער אוועקגעשטעלט איבער דעם גרויסען ערדישען מלך דעם איבערערדישען „מלך פון אַלע מלכים", יהוה, דעם וועלט־באַהערשער, און איבער דער וועלט־מלוכה די געטליכע מלוכה. און וויבאַלד אַז ס'איז נאָך געווען ווייט ביי משה'ן דער געדאַנק פון וועלט און וועלט־מלוכה, געהערט צו איהם אויך ניט דער געדאַנק פון אַ געטליכער, מאָראַלישער וועלט־אָרד־נונג, וואָס באַוועגט אַלעס אין דער וועלט. ערשט אינ'ם שטרייט צווישען אי־דעאַל און ווירקליכקייט, אין דער בייזער נויט פון דער צייט, זוכענדיג אויסצו־גלייכען די פּאָר אידען האַרטע, טרייסטלאָזע ווירקליכקייט מיט דעם געדאַנק וועגען זייער גאָט, האָבען די נביאים אָט די ערפאַהרונג געמאַכט. זיי ערפינדען ניט יענעם באַגריף פון דער געטליכער מלוכה און פון דער מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג; אָבער זיי אַנטדעקען איהם, אַזוי גיך ווי זיי בינדען צוזאַמען די פעדים פון משה'ס גלויבען, וועלכע זיי האָבען אַריבערגענומען בירושה, און וועבען אין דעם אַריין דאָס בילד פון זייער פאַרענדערטער צייט.

אָבער עס איז פון דער אַנדערער זייט אויך ניט רעכט אויסצוטייטשען אָט דעם פאָרטשריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען שפּעטער דורך די נביאים אין דער אַנטוויקלונג פון משה'ס געדאַנקען אויף אַזאַ'ן אופן, אַזוי ווי די עלטערע צייט, און אויך די צייט פון משה'ן, וואָלט כלומר'שט געווען אַ פּעריאָדע פון בלויז אַ נאַטור־רעליגיאָן: און אַזוי ווי משה גופא וואָלט קיין אַנדער זאַך ניט אויפגעטאָן ווי נאָר אַריבערצוטראָגען דעם נאָמען יהוה אויף דעם סעמיטישען געצענדינסט, וועלכען ער האָט אָנגענומען בעצם אָהן ענדערונגען. אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, אויב משה'ס רעליגיאָן וואָלט געווען נאָר אַ געצענדינסט פון די מדינים אין נאָמען פון יהוה, דאַן וואָלט מען ניט געקאָנט דערקלערען ניט די ווירקונג פון דער רעליגיאָן אין דער אידישער אַלטער צייט גופא, ניט איהר אויבען אַרומגערעדטע מעכטיגע אַנטוויקלונג. עס וואָלט זיך דאַן ניט געלאָזט פאַרשטעהן: פאַר־וואָס כ מ ו ש אדער מ ל כ ם אדער ב ע ל אדער אויך אַמאָן־רע זיינען ניט געווען אימשטאַנד צו שפּילען די ראָלע פון יהוה?

די וואָס מיינען אַזוי פאַרזעהען צוויי וויכטיגע אומשטענדען. ערש־

טענס אז יענע גרויסע נביאים, ווי וואויל זיי האבן געוואוסט, אז זיי פאסן צו דעם אלטן אידישן גלויבן צו די נייע פארהעלטענישן, האבן פארט ניט געוואלט זיין ניט מעהר ווי די פארטיידיגער און באנייער פון א פריהער־דיגן גלויבן, וואס מ'האט אין זייער צייט פארגעסן און פארלאזן, אבער נ י ט די גרינדער פון א נייעם גלויבן. זיי ווייסן אז די וויכטיג־סטע אמת'ן, וואס זיי זאגן ארויס, זיינען אין איינקלאנג מיט יהוה'ס תורה, וועלכע איז דעם פאלק פון לאנג אן שוין באקאנט (עמוס ב 4 : הושע ד 6 : ח 12). אויך איז ניט ריכטיג, ווען מען באטראכט די גאנצע צייט פאר די גרויסע נביאים אלס איינהייטליכע תקופה און מען שטעלט זי אנט־קעגן דער „תקופה פון די נביאים." כאטש עס איז קיין ספק ניט, אז אין די צייטן פון די שופטים און פון די ערשטע מלכים האבן די אידן געהאט אריבערגענומען אין אסך פרטים עלעמענטן פון דער כנעני'שער נאטור־רעליגיאן, דארף מען אבער ניט פארגעסן, אז יענע צייטן באדייטן א ירידה נגענו משה'ס צייט. מ'פארגעסט לגמרי, אז משה'ס צייט איז געווען א גרויסע צייט פון שאפונג, פול מיט א לעבעדיגער, אריגינעלער קראפט און באגייסטערונג.

משה'ס צייט און משה'ס אויפטו מוזן פארשטאנען ווערן פון זיך גופא און פון די כוחות, וואס האבן אין זיי געלעבט. די קוועלן פון די געשיכטען פון משה'ס צייט קענען אונז דערציו געבן דעם שליסעל. אין ק ד ש און ביי די כהנים פון די „בני קיני" פון מ ד י ן האט משה זיך באקאנט מיט דעם גאט פון קדש, מיט דעם אופן ווי איהם צו דינען און מיט די סודות פון זיין אראקעל, פיליייכט אויך מיט דעם הייליגען ארון פונ'ם גאט. וואס משה האט געמאכט פון יענעם „אל" פון קדש, אדער בעסער וואס דער דאזיגער „אל" איז פאר איהם געווארן ביים בארג סיני, דאס קאנען מיר היינט ניט וויסען. מען מוז עס ענטוועדער דערקלערען אלס טונקעלען סוד, אדער עס אויסטייטשן פון די דאקומענטען וואס זיינען אונז געבליבען ווענגן זיינע אויפטואונגען. פאר אונזער פראגע זיינען די „עשרת הדברות" די וויכטיגסטע. פון זיי מוז מען קענען ארויסנעמען די אריגי־נאליטעט פון משה'ס רעליגיעזער שאפונג.

די „עשרת הדברות", ווי מיר האבן זיי היינט, האבן אין זיך אסך הוספות און צוגעשטעלטע באורים. די צעהן געבאטען, ווי זיי זיינען גע־שטאנען אויף די שטיינערנע טאוולען, האבן, ווי מ'קען אננעמען, געהאט פאלגענדען נוסח :

## 1.

א. איך בין יהוה דיין גאט: דו זאלסט ניט האבען קיין אנדערע געטער נעבען מיר.

ב. דו זאלסט זיך ניט מאכען קיין געטער־בילד.

ג. דו זאלסט ניט טראגען אין מויל דעם נאמען פון דיין גאט פאר נישטיג.

ד. געדענק דעם טאג פון שבת איהם צו הייליגען.

ה׳ גיט אב כבוד דיין פאטער און דיין מוטער.

## 2.

ו. דו זאלסט ניט מארדען.

ז. דו זאלסט ניט מזנה זיין.

ח. דו זאלסט ניט גנב׳ענען.

ט. דו זאלסט ניט זאגען קיין פאלשע עדות געגען אן אנדערען.

י. דו זאלסט ניט געלוסטען דאס הויז פון אן אנדערען.

דער אופן ווי אזוי משה טרעט צו נאהנט צו גאט, פאר זיך און פאר זיין פאלק, ווערט באטראכט אלס בונד. דאס הייסט: די שייכות צווישעןביידען ווערט דורכגעפיהרט אין דיזעלביגע פארמען, מיט וועלכע עס ווערט צווישען מענשען אפגעשלאסען אן אפמאך. ווי יעדער אפמאך, אנטהאלט אויך דער — התחייבות׳ן פארביידע צדדים: גאט נעהמט די התחייבות צו באשיצען און צו העלפען דעם פאלק און עס פאר זיין פאלק צו מאכען; און דאס פאלק איז זיין מתחייב צו דינען גאט און צו טאן זיין ווילען. ווי יעדער אנדער אפמאך, האט אויך די באציהונג געמוזט טראגען אין א געוויסער מאס א מאראלישען כאראקטער; דער עיקר איז דא אבער דער אינהאלט פון גאט׳ס ווילען. ביי דער שליסונג פון אזא׳ן אפמאך, מוזען זיך אלעמאל געפינען געזעצען פון א געוויסען זארט, אן אויסדרוק פון גאט׳ס ווילען. אויך משה׳ס תורה איז אויף אזא׳ן אופן קיין אנדער זאך ניט ווי דער סך־הכל פון יענע געזעצען און תקנות, וועלכע מ׳האט באטראכט אלס דעם עצם פון גאט׳ס ווילען.

אין וואסערע פארמען ס׳איז געשלאסען געווארען דער בונד (ברית) ביים בארג סיני, לאזט זיך ניט באשטימען, ווייל די ידיעות וואס מיר הא־

בען וועגען דעם אין חומש זיינען זיך סותר איינע די אנדערע. מיר קענען אויך ניט זיין זיכער וואס פאר א ראלע די תורה האט געשפילט ביי דער אפשליסונג פון בונד. פיליכט האט דאס פאלק זיך בלויז מתחייב געווען צו דינען יהוה און צו טאן זיין ווילען. נאכהער האט מען די תקנות פונ'ם נייעם צושטאנד צוזאמענגענומען אין עטליכע עיקרים און זיי אויסגעקריצט אויף צוויי שטיינערנע טאוולען. אבער זיי האבען ניט געקאנט אנטהאלטען אלצ־דינג. זיי גיבען בלויז די עיקרים און די אלגעמיינע כללים פונ'ם רעלי־גיעזען און בירגערליכען לעבען. געגויערע, אויספיהרליכע געזעצען האבען געמוזט צוקומען. אויך דאס האט משה געמוזט באזארגען. וואס ער גופא האט אין אט דעם פרט געטאן פאר דאס לעבען אין מדבר און אויך קוקענדיג פאראויס אויף דער צוקונפט אינ'ם לאנד, דאס איז מעהר ניט געבליבען. דער „ספר הברית" („בוך פון בונד", סדרה משפטים. זעה שמות כ"ד 7) איז דאס, וואס די כהנים נאך משה'ס צייט האבען צוזאמענגעשטעלט פאר די באדערפעגישען פון פאלק אין כנען.

דער פראגראם פון דער נייער רעליגיאן ליגט אין דעם זאץ, וואס איז דער אריינפיהר צו די עשרת הדברות: „איך בין יהוה דיין גאט". אורטיי־לענדיג פון דעם אריינפיהר צו די עשרת הדברות, און אויך פון די מעהרסטע נוסחאות אין די מעשיות פון חומש און ביי די נביאים, איז שווער צו גלויבען, אז דער נאמען יהוה האט עקסיסטירט אין ישראל פאר משה'ן (שמות ג 13, 14 ; ו 3 ; י"ב 10 ; י"ג 4).

די באדייטונג פונ'ם נאמען י ה ו ה קען מען ניט זיכער באשטימען. אם גרינגסטען איז די אויסטייטשונג פונ'ם נאמען אין דער ביבעל גופא. זי דערקלערט איהם אלס דעם „וואס איז", אבער ניט אין דעם זין פון דעם וואס איז און רוהט אויף אן ארט, נאר פון דעם וואס באוועגט זיך, פון דעם וועמעס מעשים ווייזען זיך ארוים, פון דעם וואס אנטפלעקט זיך (שמות ג 14). אזוי האבען אידען געטראכט וועגען יהוה אין דער צייט פון די מלכים און פון די נביאים, בשעת זיי האבען געלויבט יהוה'ס נאמען און געשווארען „אזוי וואהר ווי יהוה לעבט" („חי יהוה"). פאר זיי איז שוין געווען יהוה דער אינהאלט פון דער לעבעדיגער הילף און דער העלפענדער זארג פאר זיין פאלק. א גאנץ אנדער פראגע איז: וואס דער נאמען האט באדייט אין משה'ס זין. דא בלייבען מיר בלויז ביי השערות.

דאך אזויפיעל קען מען זאגען: וואלט דער נאמען ניט כולל געווען אין זיך דעם נייעם אופן פון דינען גאט, וואס איז געווען אזוי אנדערש ווי דער פריהערדיגער, דאן וואלט משה איהם ניט אויסגעקליבען. ס'איז

וואהרשיינליך, אז משה האט געשפּירט די גאטהייט, וועלכע האט זיך איהם אנטפּלעקטביים סיני אין איהר מערקווירדיגער מאכט איבער דער נאטור, אלס די הערשעריז איבער די הימעלשע מעכטען. דער גאט, וועלכען ער האט פון זיינע פאטערס געקענט, דער איבערגעוואלטיגער „אל שדי" און דער הימעלשער „אל עליון", דער איינגענטימער פון הימעל און ערד, דער „אל" פון קדש, אויך דער גאט פון משפט, איז צו איהם נאהנט צוגעטראטען אלס דער לעבעדיגער גאט, וואס אנטפּלעקט זיך אין די וואונדערליכע כוחות פון דער נאטור, און וואס איז דער האר איבער שטורם און וועטער און איבער אלע הימעלשע מעכטען. דער שטיל־הערשענדער, רוהענדיגער גאט־באשאפער פון די פאטערס איז געווארען דער טעטיגער יהוה. די נויט פון דער צייט, וואס האט איהם געפאדערט, און די וועטערן פון סיני, וואס האבען אנגעזאגט זיין גרויסקייט האבען דאס אלץ פון איהם געמאכט. עס איז פונדעסטוועגען ניט געזאגט, אז אין'ם נאמען יהוה, וואס ער זאל ניט האבען באדייט, איז געוועזן כולל דער גאנצער תוך פון משה'ס נייעם רע־ליגיעזען אויפטו.

יעדענפאלס זוכט דער פארבאט ניט צו דינען קיין אנדערע געטער נעבען יהוה באוואוסטזיניג אוועקצושטעלען דעם אידישען גלויבען אין גאט העכער איבער דעם גלויבען פון אנדערע פעלקער. צי משה אליין האט געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון אנדערע געטער נעבען יהוה, ווייסען מיר ניט. אין דער צייט נאך משה'ן האבען די אידען יא געגלויבט אין דעם. ס'איז דערפאר שווער אנצונעמען, אז משה זאל האבען פארבונדען מיט דעם דאזיגען געבאט דעם אבסאלוטען מאנאטעאיזם, די אחדות פון גאט אין שטרענגען זין, ניט דעם רעלאטיווען מאנאטעאיזם, בלויז די איינציגארטיג־קייט פון גאט. ניט קוקענדיג אויף דעם, שטעהט משה דאך מיט זיין רעלאטיווען מאנאטעאיזם ווייט איבער דער מאסע פון די רעליגי־אנען ארום איהם. מען אויך ביי זיי אן איינצעלנער גאט שפּילען די ראלע פון א הויפּט־גאט געגען די אנדערע: אומעטום אבער דולדעט דער הויפּט־גאט אנדערע נעבען זיך. יעדערער פון די איבעריגע געטער האט צום טייל א וויבליכען פּרינציפּ, וועלכער אנטשפּרעכט זיין מענליכען פּרינציפּ, צום טייל האט ער אונטער־געטער, איינצעלנע זיהן נעבען זיך. יהוה אבער שליסט אויס, ווי פריהער דער עגיפּטישער אטאן — און דאך ווידער גאנץ אנדערש פון איהם — יעדען אנדערען גאט נעבען זיך. פון דאנעט אויס דערקלערט זיך אויך די שטארקע נייגונג, וואס ליגט פון אנהויב אן אין דער יהוה־רע־ליגיאן, אויסצושליסען און ניט צו דולדען קיין אנדערע געטער. יענער

שטרענגער. כמעט הארטער שטריך פון דער יהוה־רעליגיאן, איז אונטער־שייד פון דער מילדער „אל“־רעליגיאן פון די פאטערס. די פיעלגע־טעריי און די נאטור־רעליגיאן, מיט וועלכער זי פארט זיך אומעטום, ווערען דורך דעם פון לכתחילה צוריקגעוויזען.

ישראל איז יהוה'ס פאלק. ער באקומט פון איהם הילף אין קריג און אין די מתנות פון דער נאטור. דאך די הילף קען אוועק, אויב ישראל דערצארענט יהוה. ישראל באקומט אויך פון יהוה זיין תורה, אין וועל־כער זיין ווילען ווערט אויסגעדריקט. אין יהוה'ס נאמען משפט משה און ער גיט ארויס געזעצען. דאס האט זיך אייגענטליך געפונען אויך ביי אנדערע פעלקער. ניט בלויז שענקען די געטער זיי לעבען און ברכה, נאר זיי קענען אויך זיין די היטערס פון משפט און אויפזעהער אויף דער אויפפיהרונג און נעמען נקמה פאר מענשליכער שולד. די אשורים האבען שוין אין א פיעל פריהעריגער צייט געזונגען ריהרענדע תהלים־לידער, אין וועלכע מענשען זיינען זיך מתודה פאר גאט אויף זייערע זינד. אבער דער עיקר איז דא דער א י נ ה א ל ט פון די געזעצען און פון דעם משפט. אכנעטאן'ס מאנא־טעאיזם קען לחלוטין ניט די מאראלישע זייט פון דער גאטהייט. אטאן איז ניט קיין גאט פון גערעכטיגקייט. די תורה אבער, וואס משה האט אנטפלעקט, דריקט אויס דאס גוטע ריינער, גאנצער, פרימער און שטעלט עס אויף אלס א געזעץ, נאך וועלכען איין מענש זאל זיך אויפפיהרען לגבי דעם אנדערען. און ווי גענוי עס זאל ניט זייט די עהנליכקייט צו דעם עגיפטישען „בוך פון די טויטע“, אטעמט אבער דערין אן אנדער גייסט, דער גייסט פון א ריינערער פרומקייט, און אויך פון אן איידעלער חשיבות, פרייהייט און מענשען־אכטונג.

עס געהט אן א שטרייט וועגען דעם, צי דער באגריף וועגען יהוה'ס מאראלישער היילינקייט איז באקאנט געווען משה'ן: ווייל אין שפעטער־דיגע צייטען האט מען פארשטאנען יהוה'ס היילינקייט אלס פיזישע אייגענ־שאפט, אלס א מאכט, וואס ס'איז א סכנה זיך צו איהר צו דערנעהנטערען. דאך כאטש דער באגריף גופא האט נאך געמענגט פעהלען, מוז מען אבער אננעמען פון דעם עצם פון דער זאך גופא, אז א גרינדונג פון א רעליגיאן האט ניט געקאנט בלייבען דערוויטערט פון יענער זארט גאט־היילינקייט, וואו גאט איז ניט בלויז דער פאראורזאכער און היטער פון דאס, וואס עס דוכט זיך פאר גוט, נאר טאקע פון דאס, וואס איז באמת גוט און מאראליש־ריין ד. ה. פון דער היילינקייט אין שפעטערדיגען זין. אויב עס איז אפילו אמת, אז משה'ן איז ניט באקאנט געווען דער זין פון א מאראלישער

וועלט־אָרדנונג, קאָן מען אויך ניט אַפּלייקענען, אַז ער האָט געוואוסט פון אַ מאָראַלישער פאָלקס־אָרדנונג. ווי שטאַרק דער מאָראַלישער עלעמענט איז פאַרטראָטען אין דער גרינדונג פון משה׳ס רעליגיאָן, באַווייזט אַם קלערס־טען דער אומשטאַנד, וואָס דורך די „עשרת הדברות" האָט ער אַוועקגע־שטעלט בראש פון זיין שאַפונג ניט דעם קולט, ניט דעם „בין אדם למקום", נאָר די עטיק, דעם „בין אדם לחברו". וויל מען קורץ אויסדריקען משה׳ס השגה פון גאָט, דאַרף מען אַם בעסטען זי באַצייכענען אַלס אַן ע ט י־ש ע ן ה ע נ אָ ט עָ אי ז ם, ד. ה. אַ גלויבען אין אַן עטישען פאָלקס־גאָט, וועלכער איז אָנערקענט אַלס דער איינציגער גאָט פון זיין פאָלק, און וואָס אין דער פּראַקטיקע איז ער ניט אַן איינאיינציגער גאָט, נאָר אַן איין איינציגער גאָט.

און וויבאַלד מיר האָבען אויגעפונען, אַז משה׳ס גאָט יהוה איז אין פיעל פּרטים העכער ווי די געוועהנליכע פאָלקס־געטער פון די שכנים־פעלקער, איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דער פאַרבאָט איהם פאַרצושטעלען אין בילדער, שטאַמט שוין פון משה׳ן. גראָדע אָט די שטיק פון די „עשרת הדברות" האָט מען אַם מעהרסטען באַצווייפעלט. מ׳האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך משה׳ן האָט מען געדינט יהוה אין בילדער, און דאָס איז מעהר אָדער ווייניגער רעכט געווען ביי אַלעמען. אָבער דערמיט וואָס מען מעקט אויס פון די „עשרת הדברות" דעם פאַרבאָט צו מאַכען בילדער, ווערט ניט פאַרענטפערט די קשיה וואָס קומט אַרויס פון דעם. דאָס הויפּט־הייליגטום, אַזוי ווי מיר קענען עס אין שלמה׳ס, דוד׳ס און עלי׳ס צייט, האָט אָהן שום ספק ניט אַנטהאַלטען קיין בילד פון יהוה. אין יענע צייטען האָט מען שוין בכן געמוזט קענען דעם פאַרבאָט פון ביל־דער. און פונדעסטוועגען ניט קוקענדיג אויף דעם פאַרבאָט, געפינען מיר אין דער צייט פון די שופטים און די מלכים די נייגונג צום בילדער־דינסט. די דאָזיגע נייגונג שאַפט זיך ענדליך איהר שטענדיגען אָרט אין דער צפון־מלוכה זינט ירבעם בן נבט, און דער בילדער־דינסט ווערט דאָרטען אַזוי איינגעפונדעוועט, אַז אפילו אליהו און אלישע מוזען אין זייער קאַמף געגען דעם פרעמדען קולט נאָך דולדען אָט דעם אומגעזעצליכען יהוה־קולט. לכל הפחות הערען מיר פון זיי ניט קיין פּראָטעסט געגען דעם. דאָס באַווייזט קלאָר, אַז דערפון וואָס מ׳האָט אין דער פּראַקטיקע געדינט צו בילדער, קאָן מען לחלוטין ניט דרינגען, אַז דער פאַרבאָט פון בילדער האָט ניט עקסיס־טירט. דאָסזעלביגע מיט דעם פאַרבאָט פון דינען צו פרעמדע געטער. אין דער פּראַקטיקע האָט מען געדינט צו פרעמדע געטער. אויך דאָס האָט אפילו שלמה גופא געטאָן, כאָטש דער פאַרבאָט האָט פון אַלעמאָל עקסיס־

טירט. זוכט מען אבער אין דער געשיכטע א פונקט, ביי וועלכען דער פאר־באט פון מאכען בילדער האט געקאנט אויפקומען, אזוי מוז מען געהן צוריק ביז משה'ס צייט. דאס האט בכן געמוזט זיין א שטיק פון זיין געזעצ־געבונג: משה וויל דערמיט שטעלען דעם דינסט פון יהוה אין א באשטימ־טען היפוך צו דעם דינסט פון אנדערע געטער — ער האט דא באזונדערס געקאנט דענקען פון עגיפטען — וועלכע מ'האט געוועהנליך פארגעשטעלט אין א פארקערפערונג. די דערהייבונג פון זיין רעליגיאן איבער דעם גשמיות'דיגען נאטור־דינסט פון אסך געטער דערגרייכט דערמיט צו איהר העכסטען פונקט.

אט די מיינונג אונזערע ווערט נאך פארשטארקט דורך די נייע אויס־גראבונגען, אויף ווי ווייט זיי האבען געבראכט דעם איבערצייגענדען באַ־ווייז, אז אויך אינ'ם אוראלטען כנען איז דאס דינען צו גאט אין א בילד ניט געווען דער כלל, אם וועניגסטען ניט אין עפענטליכען קולט. פונקט אזוי האבען די נייערע פארשונגען אויף אנדערע געביטען שטארק פאר־מעהרט די צאהל פון ביישפילען וואו מ'האט געדינט צו גאט אהן א בילד.

מ'דארף נאטירליך ניט פארגעסען, אז ניט יעדער קולט אהן ביל־דער איז א באווייז פון א הויכער השגה וועגען גאט. עס איז דא א נאאיווער אופן פון אן אנאיקאנישען קולט, וואו קיין בילדער ווערען ניט באנוצט. עס האט זיי פשוט געפעהלט די פעהיגקייט פארצושטעלען גאט אין א בילד. אבער מיט אט דעם פ ר י מ י ט י ו ו ־ אנאיקאנישען אופן האט ניט די כנעני'שע רעליגיאן — ווי עס ווייזט די הויכע קולטור פון כנען — און אויך ניט די רעליגיאן פון קרעטא אויף דער שטופע, אויף וועלכער מיר קאנען זי באאבאכטען, גאר קיין שייכות ניט. דא האנדעלט זיך גיכער וועגען א באוואוסטזיניגער געגנערשאפט געגען דאס פארשטעלען גאט אין א בילד. דאסזעלביגע מעג געזאגט ווערען אויך וועגען משה'ס רעליגיאן. די כמעט אלגעמיינע אנערקענטע גייסטיגע און מאראלישע טענדענץ פון משה'ס רעליגיאן האט געמוזט פיהרען באוואוסטזיניג צו פארווארפען די פארשטע־לונג פון גאט אין בילדער.

דער קורצער סך־הכל פון דעם איז, אז דער באזונדערער שטריך וואס האט געשטעלט משה'ס רעליגיאן איבער די געצענדינערישע רעליגיאנען, וואס האט איהר געזיכערט די צוקונפט און זי געמאכט פאר'ן אוצר פון אידישען פאלק און פון דער גאנצער מענשהייט — איז געלעגען דעריז, וואס זי באטראכט איהר גאט ניט בלויז אלס דעם מעכטיגען, נאר אויך אלס דעם ה ע ל פ ע נ ד ע ן, און וועמען עס ליגט שוין פארבארגען דער גע־

דאנק פון ליבע. גאט איז ביי איהר איינציג אין זיין אופן. שליסט אויס נעבען זיך אלע אנדערע געטער און באקומט שוין דורך דעם אליין זיין איינ־הייט: זי קען איהם אלס דעם ריכטער און שפירט אין דער הויכקייט פון זיינע געבאטען און זיינע משפטים זיין היילינקייט און זיין גוטסקייט: זי אנערקענט איהם אלס דעם גייסטיגען מהות, פריי פון גשמיות און איז דער־מיט שוין א פראטעסט געגען די הערשענדע אופנים פון גלויבען.

מען מוז נאך איין ווארט זאגען וועגען דער פראגע: פון וואנעט האט משה גענומען דעם גלויבען?

צום טייל איז די פראגע שוין פארענטפערט דורך אלץ וואס מיר האבען פריהער געזאגט. וויבאלד עס איז שוין באוויזען, אז דער נאמען יהוה שטאמט ניט פון קיין אנדער שפראך אויסער דער העברעאישער, איז שוין דערמיט אויך צוריקגעוויזען דער געדאנק, אז דער גלויבען אין יהוה איז געבארגט געווארען פון אויסלאנד. אין זינען האט מען דערביי געקאנט האבען נאר עגיפטען. די מיינונג, וואס איז אמאל געווען באליבט, אז משה זאל כלומר'שט האבען געשעפט דעם געדאנק וועגען יהוה פון דער עגיפ־טישער געהיימלעהרע, פארשפארט מען שוין היינט אפצושלאגען. מ'קאן אבער יא ערנסט נאכקלערען, אויב אין דער גרויסער שעה ביים בארג סיני אין דער נאהענטקייט פון גאט, האט משה אויפגענומען דעם „אל" פון קדש און פון ברענענדיגען „סנה" אלס דעמזעלביגען, וועמען ער האט ארומ־געטראגען אין הארצען דורך איינפלוסען פון עגיפטען און כנען. דאס וואס ס'איז פארגעגאנגען שוין אנדערטהאלב טויזענד יאהר אין לאנד פונ'ם נילוס, האט געוויס באאיינפלוסט די וואס האבען געזוכט א גלויבען. און דאס וואס עס האט באוועגט אין כנען די הויכע גייסטער, צווישען זיי אויך די פא־טערס פון ישראל, האט בשום אופן ניט געקאנט אין גאנצען פארשווינדען. אין משה'ס נשמה האט זיך צוזאמענגעשמאלצען דער וועטער־, בליץ־ און פייער־גאט פון סיני מיט דעם „אל עליון" און „אל שדי" פון די פאטערס אין כנען אין איין איינהייט. האט ארומגענומען אין זיך אלץ וואס פאר איהם האט באדייט גאט און האט דאס אלץ באצייכענט מיט'ן נאמען יהוה.

דערמיט לאזט זיך דערקלערען, וואס, אויב ניט ביי משה'ן גופא, האבען יעדענפאלס ביי די מענשען פון זיין צייט און ביי די דורות נאך איהם, זיך דורכגעמישט אין דעם באגריף פון יהוה אויך נאטור־שטריכען מיט מאראלישע, נאציאנאלע מיט איבערנאציאנאלע, אזוי ווי זיי וואלטען פיעל מאל האלטען איינע געגען די אנדערע די וואג־שאל. צוליב דעם רייכען אינהאלט פון משה'ס השגה פון גאט פארלירט יעדע באדיי־

טונג די פראגע, אויב משה האט ניט אריבערגענומען דעם נאמען יהוה ביי דעם ווייטען קרייז פון די עברים־שבטים. מ'האט איז אט דעם פרט זיך באצויגען אויף דעם, וואס משה האט דאס ערשטע מאל געזעהן גאט בשעת ער האט זיך אויפגעהאלטען ביי דעם כהן פון מדין. און דערפאר האט ער אויך נאכהער זיך געלאזט פון איהם באאיינפלוסען; ענדליך וואס דער בארג סיני גופא איז געלעגען אין דער געגענד פון יענעם מדבר־שבט פון די מדינים־קינים. מיר האבען אבער קיין שום ידיעה ניט, אז יהוה איז כלומר'שט לכתחילה געווען דער גאט פון די קינים, אדער אז דער „אל" פון קדש זאל ווען עס איז האבען געטראגען דעם נאמען יהוה. און דאס איז נאך מעהר חידוש, ווייל אין דער קאנסטיטוציע פון ישראל לאזט זיך נאך מערקען אין דער טראדיציע דער איינפלוס פון די קינים (שמות י"ח).

דער שלום, צו וועלכען מיר מוזען קומען, איז, אז יהוה, דער לעבעדיגער, אליין הערשענדער גאט, וועמען מ'קאן ניט דערבליקען, איז ניט געווען באקאנט אין ישראל פון פריהער; אז משה האט איהם אויך ניט באקומען פון אנדערשוואו — און אויב אפילו יא, איז נאר דעם נאמען. אבער בשום אופן ניט דעם אינהאלט פונ'ם באגריף. — עס בלייבט דער־פאר קיין אנדער וועג ניט איבעריג ווי נאר אנצונעמען, אז דער גלויבען אין יהוה, ווי משה האט איהם געלערענט, איז אנטשטאנען אין דער אינערליכער נשמה פון איהם גופא. אונטער דער השפעה פון דרויסען, באפרוכטעט מיט איינצעלנע געדאנקען פון דעם עגיפטישען גאט־גלויבען, אבער צו דער־זעלביגער צייט אפגעשטויסען דורך דער פיעלקייט, דורך דער גשמיות און אומ־ווירדיגקייט פונ'ם עגיפטישען און אויך פונ'ם סעמיטישען געטער־סיסטעם, האט משה אין דער איינזאמקייט פון מדבר געזוכט און געפונען דעם אמת'ן מהות פון גאט. דורך זיין נשמה האט געמוזט דורכבליצען א געדאנק, אז דאס גרעסטע וואס ער קאן געבען זיין פאלק, ווענען ער האט זיך בא־שלאסען צו ראטעווען, איז די דערקענונג פון גאט. אומבאוואוסט, אבער אפשר שוין האבענדיג א פאר־געדאנק פון דער גרויסקייט פון זיין שטרעבונג, האט ער פאר זיין פאלק און פאר דער גאנצער מענשהייט אויפגעהויבען א קאמף, וואס, אזוי לאנג ווי די וועלט שטעהט, איז א גרעסערער ניט געקעמפט געווארען אויפ'ן פעלד פון דעם גייסט.

נאר דער וואס ווייסט ווי פארבלאנדזשעט, דערנידעריגט און פארשקלאפט דאס עגיפטישע לעבען — בלי ספק דורך זיין אויפפאסונג פון גאט — האט געהאלטען דאס פאלק אינ'ם גילום־לאנד; נאר דער וואס באטראכט דעם קולט פון די פאדעראזיאטישע סעמיטען, וועלכער באליידיגט אם

טיפסטען דעם מאראלישען געפיהל און צעטרעט אין שטויב יעדע מענש־ליכע חשיבות, און פארגלייכט דערמיט דעם גייסט פון משה'ס רעליגיאן. נאר דער קאן אפּמעסטען די באדייטונג פון יענעם קאמף פאר א העכערער פארשטעלונג פון גאט. די נאטור־רעליגיאן מיט איהר טענדענץ צו פאר־שקלאפען די מענשען און צו פאראכטען זייער נאטירליכע פרייהייט און זייער מאראלישע ווערדע האט אליץ מעהר און מעהר געמוזט באראבעווען די פעלקער פון זייערע גוטע מידות און פון זייער מענשליכקייט. משה האט מיט דער רעליגיאן, וועלכע ער האט געגרינדעט, אויסגעקעמפט פאר זיין פאלק און פאר דער וועלט דעם וועג צו פרייהייט און מענשליכער חשיבות און צו א רייניגערער מענשליכקייט.

ווי אזוי יענע נייע און הויכע דערקענטעניש איז אריינגעקומען אין משה'ס נשמה — דאס בלייבט א סוד פון זיין גרויסען גייסט. יעדער זשעני אויף דער ערד איז א רעטעניש פאר דער היסטאריע. דאס גרעסטע רעטע־ניש איז אבער אלעמאל דער רעליגיעזער זשעני. ווארים יעדע געניאלע נייע שאפונג לאזט זיך דערקלערען דורך דער געשיכטע פון דער צייט נאר צום טייל, און א רעשט בלייבט אליץ ניט דערקלערט. די רעליגיעזע שאפונג אבער לאזט ניט דערקלערט דעם גרעסטען טייל, ווייל זי לאזט זיך אם טיפס־טען אריין אין די פארבארגענע געהיימענישען פון לעבען.

## 5. ר. קיטעל.

# דאָס אריינדרינגען אין כנען

אַלע באריכטען פון חומש האָבען א שותּפות׳ע טראַדיציע, אז משה איז געשטאָרבען איידער דאָס פאָלק האָט באַטראָטען דאָס לאַנד אין מערב־זייט פון ירדן. ערשט נאָך זיין טויט נעמען די אידישע שבטים ערּאָבערען דעם הויפּט־טייל פון׳ם פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

די געשיכטע פון דער ערּאָבערונג ווערט דערצעהלט אין א צוזאַמענהאַנג אין ספר יהושע. אבער פון די עלטסטע, אורשפּרינגליכע ידיעות פון דעם דאָזיגען בוך האָבען פאַרהעלטענישמעסיג וועניג זיך דערהאַלטען. די שפּעטערדיגע, לענגערע באריכטען, „אין וועלכע אַט די עטליכע שטיקער זיינען אריינגעוועבט געוואָרען, גיבען אונז אבער ווינציג אדער גאָר קיין מאַטעריאַל ניט צו פאַרשטעהן דעם גאַנג פון די געשעהענישען. זיי באַארבייטען די עלטערע טראַדיציעס אונטער זייער אייגענאַרטיגען רעליגיעזען שטאַנדפּונקט. דער עיקר אָבער: דער געדאַנק וואָס באהערשט דעם היינטיגען ספר יהושע, אז די אידען אונטער יהושע׳ן האָבען כּלומר׳שט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד פון ברעג צו ברעג, האָט פּאַקטיש קיין שום יסוד ניט. די אמת׳ע היסטאָרישע פאַרהעלטענישען זיינען צוליב דעם אין אונזער ספר יהושע זעהר שטאַרק מטושטש און פאַרטונקעלט געוואָרען. אונזערע ידיעות וועגען דער ערּאָבערונג מוזען זיך דעריבער באַשרענקען אויף קלענערע אבער זעהר ווערטפולע מיטטיילונגען.

צום גליק פאַר אונזער קענטעניש פון יענער צייט איז אונז אויך אין ספר שופטים געבליבען א באריכט וועגען דער ערּאָבערונג, מיט אסך וויכטיגע נאָטיצען. מיר מוזען זיך דערפאַר צוערשט אָפּגעבען מיט אַט דעם באריכט און איינעגע שטיקער, וועלכע שטעהען נאָהנט צו איהם.

## 1

## איבערבליק איבער דער עראָבערונג

### אין שופטים קאפּ. א און קאפּ. ב 1—5 און אנדערע פאַרוואַנדטע שטיקער.

### דער טעקסט.

דאָס שטיק דערצעהלונג פון שופטים קאפּ. א, כאָטש עס שטעהט אין ספר שופטים, געהערט באמת לויט זיין אינהאלט, ווי מ'האָט שוין פון לאנג איינגעזעהן, צו דעם ספר יהושע. לכתחילה האָט דאָס דאָזיגע שטיק אויך ניט געדינט אלס אריינפיהר צום ספר שופטים, ווי אין דעם איצטיגען צו־זאמענהאנג. לכל הפּחות איז דערין ניט געווען קיין באריכט מכוח געשעה־ענישען פון דער צייט נאָך יהושע'ן. נעמען מיר אוועק די איבערשריפט „און ס'איז געווען נאָך דעם טויט פון יהושע“, וואָס איז צוגעשריבען גע־וואָרען פון'ם שפּעטערדיגען צוזאמענשטעלער, קאָן דאָן קיין ספק ניט זיין, אז מיר האָבען דאָ נאָך אַמאָל צו טאָן מיט א דערצעהלונג וועגען דער עראָ־בערונג, און אז מיר האַלטען דאָ ווידער ביים אָנהויב פון אונזער ספר יהושע. שטרענג גענומען איז דאָס שטיק גיכער אן איבערבליק איידער אן אמת'ע דערצעהלונג. מ'מעג דעריבער אויפהייבען די פראגע: אויב דאָ ווערט ניט באמת איבערגעגעבען בלויז א „קיצור הענין“ פון אן אויספיהרליכען, דער־צעהלענדען ספר, א פּאַראַלעל צו אונזער היינטיגען ספר יהושע?

אלס צוגאָב קומט נאָך צו דער פאַקט, אז מיר האָבען אין ספר יהושע גופא פּאַראַלעלען צו איינצעלנע פּסוקים פון אָט דעם שטיק, וועלכער שטי־מען צום טייל וואָרט אין וואָרט. לויט מאַנכע פאַרשער זיינען די פּאַראַ־לעלע נאָטיצען אין יהושע פּשוט ארויסגענומען פון'ם טעקסט אין שופטים. מאַנכע אָבער האָבען באַוויזען אז די פּאַראַלעלע פּסוקים אין יהושע שטאַ־מען פון אן עלטערען טעקסט איידער דאָס שטיק אין שופטים. דאָס מאַכט נאָך וואהרשיינליכער די הנחה, אז אין שופטים קאפּ. א, איז בלויז איבערגעגעבען דער סאַמע קיצור פון אן אויספיהרליכער דערצעהלונג וועגען דער עראָבערונג פון'ם לאַנד כנען. אין יענע פּאַראַלעלע פּסוקים פון ספר

יהושע האָבען זיך עס דערהאַלטען מאַנכע איבערבלייבעכצען פון יענער אַל־טער דערצעהלונג, וועלכע שטעהען נעהנטער צו זייער ערשטען מקור.

מיר ווע̇לען דאָ דערפאַר איבערגעבען וואָרט ביי וואָרט דעם איבערבליק איבער דער עראָבערונג אין שופטים קאַפּ. א אין זיין עלטסטען נוסח, ווי ווייט ער לאָזט זיך פעסטשטעלען. לויט דעם וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט, קאָן דאָס נאָר געשעהן ווען מיר נעמען צו הילף די פּאַראַלעלע טעקסטען אין יהושע און אויך איינינע אנדערע שטיקער, וועלכע געהערען צוזאמען מיט דעם קאַפּיטל א פון יהושע'ס בוך.

א. די ערשטע פּרואווען צו עראָבערען דאָס לאַנד זיינען לויט דער טראַדיציע שוין געמאכט געוואָרען אין משה'ס צייט. משה'ן גופא ווערט שוין צוגעשריבען די כונה אריינצודרינגען אין לאַנד פון דרום־זייט. ער שיקט מרגלים, וועלכע, מיט דער אויסנאַם פון יהושע און כלב, מאַלען א בילד פון דעם לאַנד און זיינע איינוואוינער וואָס נעמט אוועק ביים פאַלק דעם גאַנצען מוט. עס קומט דאַן יהוה'ס שטראָף איבער די דאָזיגע שוואַך־מוטיגע. ניט קוקענדיג אויף משה'ס פאַרבאָט וויל דאָס פאָלק, וואָס האָט אונטער־דעסען חרטה געהאַט, זיך נעמען צו דער אַטאַקע אויף כנען. דער רעזולטאַט איז געווען א שווערע נידערלאַגע, אין וועלכער די אידען זיינען צעשלאָגען און צעשפּרייט געוואָרען ביז ח ר מ ה (במדבר י"ג, י"ד).

ב. אין אן אומבאַשטימטער צייט נאָך דעם דאָזיגען אומגליקליכען פּרואוו אריינצודרינגען אין לאַנד — קענטיג אבער ניט ביים סוף פון דער וואַנדערונג דורכ'ן מדבר — קומט עס צו א נייעם צוזאַמענשטויס מיט די כנענים. דער דאָקומענט דערצעהלט וועגען דעם אויף אזא'ן אופן, וואָס מאַכט דעם איינדרוק אזוי ווי דער באַריכט וואָלט זיך דירעקט אַנשליסען אַן דער נאָר וואָס דערמאָנטער פּאַסירונג. אין במדבר (כ"א 1—3) לעזען מיר:

„און דער כנעני (דער מלך פון ערד), וועלכער האָט געוואוינט אין נגב, האָט געהערט, אז ישראל איז געקומען אויפ'ן וועג פון א ת ר י ם. און איז ארויס מלחמה האַלטען מיט ישראל און האָט איינינע פון זיי געפאַנגען גענומען. און ישראל האָט זיך א נדר געטאָן צו יהוה: אויב דו גיסט דאָס דאָזיגע פאָלק אין מיין האַנט, וועל איך זייערע שטעדט פאַר־וויסטען. און יהוה האָט געהערט די שטים פון ישראל און ער האָט געגעבען דעם כנעני אין זיין האַנט, און ער האָט פאַרוויסט זיי און זייערע שטעדט. דעריבער רופט מען דעם אָרט ח ר מ ה..."

דער המשך דערפון, ווי עס ווייזט אויס, קומט אין ספר שופטים:

ג. „און די קינדער פון ישראל האבען געפרעגט יהוה: ווער פון אונז זאל דער ערשטער געהן מלחמה האלטען מיט דעם כנעני? און יהוה האט געזאגט: יהודה זאל געהן, אט איך האב געגעבען דאס לאנד אין זיין האנט. און יהודה האט געזאגט צו זיין ברודער שמעון: קום מיט מיר אין מיין גורל און מיר וועלען מלחמה האלטען מיט דעם כנעני, וועל איך אויך געהן מיט דיר אין דיין גורל. און שמעון איז געגאנגען מיט איהם. און זיי האבען גע־פונען אדוני־בזק ביי בזק און זיי האבען מלחמה געהאלטען מיט איהם און זיי האבען געשלאגען דעם כנעני און דעם פרזי. און אדוני־בזק איז אנטלאפען און זיי האבען איהם נאכגעיאגט און איהם גע־כאפט און האבען אפגעהאקט די גראבע פינגער פון זיינע הענט און זיינע פיס. און אדוני־בזק האט געזאגט: זיבעציג מלכים, די גראבע פינגער פון זייערע הענט און זייערע פיס אפגעהאקט, האבען געקליבען אונטער מיין טיש: ווי איך האב געטאן, אזוי האט מיר גאט פארגאלטען. און זיי*) האבען איהם געבראכט קיין ירושלים און ער איז דארטען געשטארבען (שופטים א 1-3, 5-7). און יהוה איז געווען מיט יהודה און ער האט ערובערט דעם בארג. אבער די איינוואוינער פון טאל האט ער ניט געקאנט פארטרייבען, ווארים זיי האבען געהאט אייזערנע רייטוועגען. אויך דעם יבוס פון ירושלים האבען די קינדער פון יהודה**) ניט געקאנט פארטרייבען און דער יבוס איז געבליבען זיצען צווישען די קינדער פון יהודה אין ירושלים ביז אויף היינ־טיגען טאג" (שופטים א 19—21; יהושע ט"ו 63).

ד. „און צו כלב דעם זוהן פון קנז האט ער (יהושע) געגעבען א חלק צווישען די קינדער פון יהודה: חברון, ווי משה האט באפוילען. און כלב***) איז געגאנגען געגען דעם כנעני וואס האט געוואוינט אין חברון, און דער נאמען פון חברון איז פאר צייטען געווען קרית ארבע. און כלב האט פון דארטען פארטריבען די דריי קינדער פונ'ם ריז: ששי, אחימן און תלמי. און ער איז ארויפגעשטיגען פון דארטען געגען די איינוואוינער פון דביר, און דער נאמען פון דביר איז פארצייטען

---

*) עס הייסט די זיניגע, ניט די בני יהודה.

**) אזוי איז דער נוסח אין יהושע ט"ו 63.

***) כלב בן יפונה האט ניט געקאנט זיין דער אורשפרינגליכער נוסח אין יהושע ט"ו 13. — „ווי משה האט באפוילען", איז לויט שופטים א 20. — אין שופטים א 10 דארף לויט דעם צוזאמענהאנג שטעהן כלב אנשטאט יהודה.

געווען ק ר י ת ־ ס פ ר. און כלב האָט געזאָגט: ווער עס שלאָגט קרית־ספר און נעמט זי איין, דעם וועל איך געבען מיין טאָכטער עכסה פאר א פרוי. און עס האָט זי איינגענומען עתניאל, דער זוהן פון קנז, דער אינגערער ברודער פון כלב. און ער האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער עכסה פאר א פרוי. און ס'איז געווען, אז זי איז געקומען, האָט זי איהם (עתניאל'ן) איינגערעדט צו בעטען פון איהר פאָטער א פעלד*) און זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון אייזעל. און כלב האָט צו איהר געזאָגט: וואס איז דיר? און זי האָט צו איהם געזאָגט: גיב מיר א געשאַנק, ווארים דו האסט מיר געגעבען א טרוקען לאַנד, טאָ גיב מיר ברונימער מיט וואסער! און ער האָט איהר געגעבען די ברונימער אין דער הויך און אין דער נידערונג. (יהושע ט"ו 13, 14־שופטים א 10, 20; שופטים א 11—15־יהושע ט"ו 15—19).

ה. „און די קינדער פון דעם קיני, משה'ס שוועהר, זיינען ארויפגעשטיגען פון דער פאַלמען־שטאָדט מיט די קינדער פון יהודה אין מדבר יהודה וואָס איז אין נ ג ב פון ע ר ד, און ער איז געגאַנגען און זיך באזעצט ביי עמלק**). און יהודה איז געגאַנגען מיט זיין ברודער שמעון און זיי האָבען געשלאָגען דעם כנעני וואָס האָט געוואוינט אין צפת און זיי האָבען זי פארוויסט. און ער האָט גערופען דעם נאָמען פון דעם אָרט ח ר מ ה. און דער גרעניץ פון די אדומים***) ציהט זיך פון דעם ארויפשטייג פון די עקרישען קיין סלע און ווייטער ארויף" (שופטים א 16, 17, 36).

ו. „און דאָס הויז פון יוסף איז אויך ארויפגעשטיגען געגען בית־אל און יהושע איז געווען מיט זיי****). און דאָס הויז פון יוסף האָט געלאָזט אויסקוקען בית־אל, און דער נאָמען פון דער שטאָדט איז פאַרצייטען געווען ל ו ז. און די וועכטער האָבען געזעהן א מאַן ארויסגעהענדיג פון שטאָדט, און זיי האָבען צו איהם געזאָגט: וויז אונז דעם אריינגאַנג אין

---

*) עס הייסט א באַוואַסערט לאַנד, אין היפוך צו דער סטעפּע.

**) דער נאָמען ח ו ב ב איז דאָ בלי ספק ארויסגעפאַלען. — די פאַלמען־שטאָדט איז וואָהרשיינליך יריחו. — אנשטאָט „את העם" דאַרף מען לעזען „את העמלקי".

***) „אדומי" אנשטאָט „אמורי". „סלע" איז געווען די הויפּט־שטאָדט פון אדום (מלכים ב, י"ד 7).

****) „יהושע" אנשטאָט „יהוה".

שטאָדט און מיר וועלען טאָן מיט דיר גנאָד. און ער האָט זיי געוויזען דעם אריינגאנג אין שטאָדט, און זיי האָבען געשלאָגען די שטאָדט מיט דעם שארף פון שווערד און דעם מאן און זיין גאנצע משפחה האָבען זיי געלאָזט געהן. און דער מאן איז געגאנגען אין דאָס לאַנד פון די חתים און ער האָט גע־בויט א שטאָדט און ער האָט גערופען איהר נאָמען לוז, דאָס איז איהר נאָמען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג" (שופטים א 22—26).

ז. „און די קינדער פון יוסף האָבען גערעדט מיט יהושע'ן: ווארום האָסטו מיר געגעבען אלס נחלה נאָר איין גורל און איין טייל, און איך ביז אסך פאלק, ווייל יהוה האָט מיך ביז איצט געבענטשט? און יהושע האָט צו זיי געזאָגט: אויב דו ביזט אסך פאָלק, טאָ שטייג ארויף אין דאָס וואלד־לאנד*) און ראָט דיר דאָרטען אוים (אינ'ם לאַנד פון דעם פרזי און פון די רפאים**), אויב דער בארג אפרים איז דיר צו ענג. און די קינדער פון יוסף האָבען געזאָגט: דער בארג קלעקט ניט פאַר אונז, עס האָבען אבער אייזערנע רייטוועגען אלע כנענים, וועלכע זיצען אינ'ם טיפלאַנד, אין בית־שאָן און איהרע טעכטער־שטעדט און אין דעם טאָל יזרעאל. און יהושע האָט געזאָגט צום הויז פון יוסף (צו אפרים און צו מנשה**): דו ביזט אסך פאלק און דו האָסט אסך כוח, דו זאָלסט ניט האָבען נאָר איין גורל. דיר זאָל געהערען דער בארג, ווארים ער איז א וואלד, וועסטו איהם אויסראָטען, וועלען דיר געהערען זיינע אויסגענג, ווארים דו וועסט פארטרייבען דעם כנעני, כאָטש ער האָט אייזערנע רייטוועגען און איז שטארק" (יהושע י"ז 14—18).

ח. „און די קינדער פון ישראל האָבען ניט פארטריבען דעם ג ש ו ר י און דעם מ ע כ ת י, און ג ש ו ר און מ ע כ ת זיינען געבליבען וואוינען אין ישראל ביז אויף היינטיגען טאָג. און מנשה האָט ניט געקאָנט עראָבערען ב י ת ־ ש א ן און איהרע טעכטער־שטעדט; און ת ע נ ך און איהרע טעכטער־שטעדט; און די איינוואוינער פון ד ו ר און איהרע טעכטער־שטעדט; און די איינוואוינער פון י ב ל ע ם און איהרע טעכ־

*) לויט מאַנכע איז דערמיט געמיינט גלעד. גלייכער אָבער איז עס זיך צו האַלטען ביי דער מערב־זייט פון ירדן. ס'איז די געגענד אין צפון־זייט פון שכם און אין דרום־זייט פון כרמל.

**) די דאָזיגע ווערטער שטעהען ניט אין תרגום השבעים און ווערען דערי־בער אָנגענומען אלס שפּעטעריגע באַמערקונג.

טער־שטעדט: און די איינוואוינער פון מ ג י ד ו און איהרע טעכטער־שטעדט: און דער כנעני איז געבליבען וואוינען אין דער דאָזיגער געגענד. און ס'איז געוועזן אז ישראל איז שטארק געוואָרען, האָט ער דעם כנעני געמאכט צינזבאר, אָבער פארטרייבען האָט ער איהם ניט געקאָנט (שופטים א 27, 28: יהושע י"ז 11—13). און אפרים האָט ניט געקאָנט פארטרייבען דעם כנעני וואָס האָט געוואוינט אין ג ז ר: און דער כנעני איז געבליבען וואוינען ביי איהם אין מיטען ביז אויף היינטיגען טאָג, אבער ער איז געוואָרען צינזבאר*). זבולן האָט ניט געקאָנט פארטרייבען די איינוואוינער פון ק ט ר ו ן און די איינוואוינער פון נ ה ל ל, און דער כנעני איז געבליבען וואוינען ביי איהם אין מיטען און איז געוואָרען צינזבאר. אשר האָט ניט געקאָנט פארטרייבען די איינוואוינער פון ע כ ו און די איינוואוינער פון צ י ד ו ן און א ח ל ב און א כ ז י ב און ח ל ב ה און א פ י ק און ר ח ב. און אשר האָט געוואוינט צווישען די כנענים, די איינוואוינער פון יענער געגענד, ווייל ער האָט זיי ניט געקאָנט פארטרייבען. נפתלי האָט ניט געקאָנט פארטרייבען די איינוואוינער פון בית־שמש און די איינוואוינער פון ב י ת ־ ע נ ת, און ער האָט געוואוינט צווישען די כנענים, די איינוואוינער פון יענער געגענד, און די איינוואוינער פון בית־שמש און בית־ענת זיינען געוואָרען צינזבאר צו זיי (שופטים א 29 — יהושע ט"ז 10: שופטים א 30—33).

„און די אמורים האָבען געדריקט די קינדער פון דן אויפ'ן בארג און האָבען זיי**) ניט געלאָזט אראָפּשטייגען אין טאָל, און זיי האָבען זיי ענג געמאכט דעם גרעניץ פון זייער נחלה***): און די קינדער פון דן זיינען ארויפגעשטיגען און האָבען מלחמה געהאלטען געגען ל ש ם און האָבען זי עראבערט און האָבען זי געשלאָגען מיט'ן שארף פון שווערד און האָבען זי אפגע'ירש'עט און האָבען זיך אין איהר באזעצט און האָבען א נאָמען געגעבען ל ש ם ד ן נאָך דעם נאָמען פון זייער פאטער דן. און דער אמורי איז געבליבען וואוינען אין ה ר ־ ח ר ס, א י ל ו ן און ש ע ל ב י ם: און

*) לויט יהושע ט"ז 10.

**) „ולא נתנום" אנשטאָט „ולא נתנו".

***) די אומפארשטענדליכע ווערטער אין יהושע י"ט 47 „ויצא גבול בני דן מהם", ווערען אויסגעבעסערט אין „ויציקו מהם גבול נחלתם", דרינגענדיג פון תרגום השבעים.

אז יוסף'ס האנט איז שווער געווען, זיינען זיי געוואָרען צינזבאַר" (שופטים א 34; יהושע י"ט 47; שופטים א 35).

„און דער מלאך פון יהוה איז ארויפגעגאַנגען פון גלגל קיין בית־אל צום הויז פון ישראל*). און זיי האָבען דאָרטען געאָפּפערט צו יהוה" (שופטים ב 1—5).

ווען מ'גיט א בליק אויף דעם דאָזיגען באַריכט, וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען, אַז דער פאָדים אין איהם ציהט זיך ניט כסדר אומאונטערבראָכען. ער איז אסך מאָל אָפּגעריסען און מוז דאָן עטוואָס קינסטליך צוזאַמענגעבונדען ווערען. דאָך קאָן מען דייטליך זעהן, אַז די איצט פאַנאַנדערגעריסענע גלידער זיינען אמאָל געווען חלקים פון א גאַנצער, גוט געאָרדנעטער זאַך. ניט בלויז שטימען אַט די פאַנאַנדערגעריסענע טיילען אין געוויסע פאָרמעלע סימנים, נאָר זיי זיינען אויך באַהערשט פון אַן איינהייטליכען געדאַנק און ווייזען דערמיט אויף א באַשטימטער פאָרשטעלונג וועגען דער אַריינדרינגונג אין כנען, וועלכע איז זעהר פריה אויפגענומען געוואָרען אין דער אידישער טראַדיציע. ס'איז אויך גרינג איינצוזעהן, אַז די דערצעהלונג איז ניט פולשטענדיג. דער אומשטאַנד אליין וואָס עס ווערט בלויז געזאָגט וועגען יהודה מיט שמעון און וועגען יוסף וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן, בעת פון די אַנדערע שבטים ווערט געזאָגט נאָר דאָס וואָס זיי זיינען ניט געווען בכוח צו טאָן — דאָס באַווייזט שוין גענוג, אַז דאָ ליגט פאַר אונז א קורצער פראַגמענט. ס'איז געווען פאַראַן צו זאָגען עפּעס פּאָזיטיוועס אויך וועגען די איבעריגע שבטים. מ'מעג אננעמען, אַז אין דעמזעלביגען באַריכט איז לכתחילה אויך דערצעהלט געווען וועגען דער עראָבערונג פון י ר י ח ו, ע י און פון דער געגענד פון שכם.

## די ערשטע אטאַקעס אין דרום.

ווען מ'לייענט איבער די איינצעלנע שטיקער, וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען דאָס פאַרהעלטעניש פונ'ם שטיק דערצעהלענדיג אונטער ב. צו דעם שטיק אונטער ה. אין ביידען האַנדעלט עס זיך וועגען דער עראָבערונג פון דערזעלביגער געגענד. דאָס זיינען געגענדען פון דעם שפּעטערען אידישען נגב, דאָס הייסט: פון דעם דרום פון יהודה, וועלכע ווערען באַצייכענט דורך די נעמען ח ר מ ה, ע ר ד און צ פ ת. לויט דער ערשטער נאָטיץ

*) אויסגעבעסערט צום טייל לויט'ן תרגום השבעים.

ווערען זיי ערָאבערט פון ישראל בכלל; לויט דער צווייטער אבער — צוערשט פון די קינים און נאָכהער ווייטער פון יהודה און שמעון. דערצו האָט מען זיי איינגענומען לויט במדבר כ"א שוין אין משה'ס צייט, וואנדערענדיג דורכ'ן מדבר; לויט שופטים קאפּ. א ערשט אין דער צייט פון יהושע'ן.

ס'איז קיין שום ספק ניט, אז דאָ ליגען אלס יסוד היסטאָרישע עריי־נערונגען. פונקט אזוי איז געוויס, אז די דאָזיגע ערינערונגען זיינען זיך סותר איינע די אנדערע, און אז דאָס גענויע היסטאָרישע פאַרהעלטעניש מוז ערשט פעסטגעשטעלט ווערען.

ווילען מיר ווי עס איז אויסגלייכען די דאָזיגע סתירות און ארויסקריי־גען די היסטאָרישע פאקטען, מוזען מיר דאָן אננעמען אלס אונטערסטע שורה, אז שוין אין משה'ס צייט איז פאָרגעקומען א דאָפּעלטע אטאַקע פון דרום. די אידען זיינען געשלאָגען געוואָרען און זיינען געצוואונגען געווען צו פארבלייבען נאָך א לענגערע צייט אין מדבר. דאָך האָט די אטאַקע גע־האט עפּעס אן ערפאָלג דערמיט וואס דער שבט קיני (אונטער חובב?) האָט פארנומען א טייל פונ'ם בערגלאנד אין דרום־יהודה. דאָס איז געווען א וויכ־טיגע הילף פאר שפּעטער.

א צווייטע פראגע, וועלכע מוז אונז דאָ באשעפטיגען, איז די שייכות פון דעם כלב פון אונזער באריכט צום כלב פון דער מרגלים־געשיכטע.

כלב ווערט אנגערופען דער זוהן פון ק נ ז. עס הייסט: אז ער גע־הערט צו דער משפחה*) פון קנז. צו דערזעלביגער משפחה געהערט אויך זיין איידים עתניאל. אז כלב געהערט ניט לכתחילה צו יהודה, קאן מען שוין זעהן פון דער באמערקונג, אז ער האָט באקומען זיין חלק צווישען די קינדער פון יהודה (יהושע ט"ו 13). אין בראשית ל"ו (11, 15, 42) הייסט אז אדומי'שע משפחה קנז. פון דעם קיני (חובב?) האָבען מיר נאָר וואס גע־הערט, אז ער האָט אין משה'ס צייט זיך באזעצט אין דרום פונ'ם שפּעטערי־גען יהודה, נאָהנט צו די עמלקים. אויב קנז איז אן אדומי'שע משפחה, דאן פאסט זי אויסגעצייכענט אין דער דאָזיגער געגענד און איהר אריינדרינ־גען אהין פאסט מיט דער אריינדרינגונג פון די קינים. דערמיט וועט אויך שטימען וואס אין דער געשיכטע פון די מרגלים שפּילט כלב א באזונדערע ראָלע און וואס פון אלע מרגלים ווערט בלויז צוגעזאָגט כלב'ן און יהושע'ן, אז זיי וועלען באטרעטען דאָס לאנד. אויב כלב שטעהט אין אָט דעם פּרט נעבען יהושע'ן, האָט ער אבער נעבען איהם אלס ניט קיין פולער אנגעהערי־

*) משפחה, קלאן, אונטער־אפּטיילונג פון א שבט. ח. ש.

גער פון ישראל, א גאנץ אנדערע באדייטונג. מ'מעג פיליייכט אויך דערפון ארויסלערנען, אז ער איז אריינגעדרונגען אין דעם נגב גלייכצייטיג מיט די קינים. באזונדערס איז א ראיה דערצו דאס וואס אין אונזער באריכט ווע־רען ווידער דערמאנט די ריזען־קינדער, וועלכע זיינען אונז באקאנט פון דער מרגלים־געשיכטע (שופטים א 10; במדבר י"ג 28, 33).

אין וועלכער צייט אבער שפילט זיך אפ די געשיכטע פון שופטים א 10—15? עס ליגט נאהנט ביי דער האנט צו באטראכטען די גאנצע זאך פאר א לעגענדע, וועלכע איז ארויסגערופען געווארען מיט דעם צוועק צו בא־גרינדען דאס אויפנעמען פון דער אדומי'שער משפחה כלב אינ'ם שבט יהודה. און היות ווי מען איז איצט גענייגט צוצושרייבען כלב'ס און אויך עתניאל'ס אריינטריט אין יהודה ערשט צו דוד'ס צייט, נעמען דערפאר אסך פארשער אן אלס פועל יוצא דערפון, אז די לעגענדע איז בכלל ערשט גע־שאפען געווארען אין דער צייט נאך דוד'ן. פאקטיש אבער ווייסען מיר לחלוטין ניט מכוח דער צייט ווען די משפחות פון קנז: כלב און עתניאל זיינען אויפגענומען געווארען אין ישראל. פון שמואל א (כ"ז 10; ל 29), אויף וואס די דערמאנטע פארשער שטיצען זיך, קאן מען גאר, דוכט זיך, ברייננגען א ראיה דוקא אויף פארקעהרט. דערצו איז זיכער, אז חברון און דביר זיינען געוועז אידישע שטעדט לאנג שוין פאר דוד'ן (א'ניט וואלט דוד ניט אויסגעקליבען חברון פאר זיין הויפטשטאדט). עס לעגט זיך דערי־בער אויפ'ן שכל, אז כלב און עתניאל האבען ערָאבערט די דאזיגע צוויי שטעדט נאכדעם ווי זיי זיינען אויפגענומען געווארען צווישען די אידישע שבטים; אדער זיי זיינען אויפגענומען געווארען צוליב אט דער ערא־בערונג זייערער.

די אונטערסטע שורה דערפון איז ווי פאלגט: כלב, אן אראביש־אדומי'שע משפחה, האט זיך אנגעשלאסען אן די אידישע שבטים שוין אין דער מדבר־צייט. צוגלייך מיט די קינים אונטערנעמט כלב א געוואגטע אטאקע, אין וועלכער ער גיט זיך א רוק ווייטער אין נגב און באזעצט זיך דארטען. בעת יהושע מיט די אידישע שבטים דרינגען אריין אין כנען, געפינען די קינדער פון יהודה, ווען ס'איז אנגעוויזען געווארען דורך א פארשטענדי־גונג דאס שפעטערע בערגלאנד פון יהודה, א שטארקע אונטערשטיצונג אין כלב, וועלכער איז שוין דא געוועז באזעצט א גאנצען אדער א האלבען דור. באזונדערס צייכענט זיך אויס עתניאל, א פיהרער פון קנז: ער זאל זיין געווארען כלב'ס אן איידים. פון דאן אן געהערען די קינדער פון כלב צום שבט יהודה, כאטש זיי געדענקען נאך לאנג זייער באזונדערע אפשטאמונג.

## יהודה און שמעון.

די דריטע פראגע, וועלכע באשעפטיגט אונז, איז בנוגע דעם שבט יהודה און זיין פארהעלטעניש צו שמעון (דאָס שטיק דערצעהלונג ג).

מיר האָבען שוין געהערט*). אז אין דער אלטער צייט האָבען שמעון מיט לוי געמאכט צוזאמען אן אטאַקע אויף שכם און האָבען דערביי געליטען א גרויסע נידערלאגע. וואָס האָט באשלאָסען זייער שיקזאל פאר דער צוקונפט. דאָ איז אונזער באריכט ווידער ווערט דערצעהלט פון א מלחמה געגען א קעניג מיט'ן נאָמען אדוני־בזק ביי ב ז ק. אין דער דאָזיגער מלחמה איז אדוני־בזק געפאנגען און פארקריפּעלט געוואָרען. אזוי אז ער איז פון זיינע לייט געבראכט געוואָרען קיין ירושלים וואו ער איז געשטאָרבען. אן אָרט ב ז ק קענען מיר ביז איצט נאָר אויף דעם בארג אפרים**). ווי קומען אבער יהודה און שמעון פּלוצלונג אויפ'ן בארג אפרים? ארויסגעהענדיג פון דער הנחה, אז יענע אונטערנעמונג פון שמעון און לוי געגען שכם געהערט צו אונזער צייט, האָבען דעריבער איינינע נייערע פארשער באנוצט דעם נאָמען בזק אויפצושטעלען די השערה, אז אונזער באריכט און די עפּיזאָדע וועגען שכם און דינה (אין בראשית ל"ד) שטעהען אין דעם נעהנטסטען צוזאמענהאנג. עס האנדעלט זיך דאָ, לויט דעם, וועגען אַן אנפאל אויף דעם בארג אפרים: און שמעון און יהודה, פונקט אזוי ווי לוי, האָבען לכתחילה דאָ געוואוינט. עס קומט אוים לויט דעם, אז אין שופטים קאפּ. א האָבען מיר א טונקעלען, כמעט לגמרי פארגעסענעם נאָכקלאנג פון דעם פאקט, אז אמאָל האָבען יהודה, שמעון און לוי צוזאמען אונטערנומען אן אַנפאל אויף דאָס בערגלאנד פון אפרים.

געגען דעם זיינען אבער פאראַן אסך שווערע קשיות. דער עיקר דערקלערט די דאָזיגע השערה ניט ווי אזוי יהודה און שמעון קומען נאָכהער אין דרום פונ'ם לאנד. אויב יהודה און שמעון (צוזאמען מיט לוי) זיינען געזעסען אמאָל אויפ'ן בארג אפרים, ווי עס קאָן זיך דוכטען פון בראשית ל"ד און ל"ח, מוז מען דאן אָננעמען, אז עס זיינען פארגעקומען צוויי פארשידענע אטאַקעס פון די דאָזיגע שבטים אין פארשידענע צייטען אויף דאָס לאנד כנען, איינע

*) זעה אויבען ז. 148.

**) די היינטיגע א י ב ז י ק, אין צפון־מזרח זייט פון נאבלוס צו בית־שאן צו.

פאר, איינע נאך יציאת מצרים. ווארים אויב דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען איין אנפאל, אדער וועגען צוויי אנפאלען אומגעפעהר אין דערזעלבי־גער צייט, וואלט דאן געווען ניט צו דערקלערען פארוואס לוי ווערט ניט דערמאנט אין שופטים קאפ. א.

וואו אבער איז דען פארגעקומען יענער שפעטערער אנפאל? אויב דער שווער־פארוואונדעטער אדוני־בזק ווערט נאך דער שלאכט געבראכט קיין ירושלים אום דארטען צו שטארבען, מוז מען דאך אננעמען, אז ירושלים איז דאמאלסט געווען זיין רעזידענץ. מ׳קאן על־כל־פנים דערפון זעהן, אז די שלאכט איז פארגעקומען ניט ווייט פון ירושלים. דער נאמען בזק איז דא קיין מניעה ניט. עס קאן גריילעך זיין, אז אן איבערשרייבער האט צו־געשטעלט אן אייגענע הוספה „בבזק“, דרינגענדיג פון דעם נאמען אדוני־בזק (האר פון בזק*). עס האנדעלט זיך דא יעדענפאלס וועגען דער ערא־בערונג פונ׳ם בערגלאנד פון יהודה, און אדוני־בזק איז דער פיהרענדער קע־ניג פון די פאראייניגטע כנענים פון דרום. מיט דעם ארט בזק אין אפרים ווערט דאס גאר ניט האבען צו טאן.

כדי צו האבען אן איבערבליק, ווערען מיר אויך דא אוועקשטעלען די אונטערסטע שורה. ד ע ר ד ר י ט ע ר א נ פ א ל אויף דאס בערג־לאנד פון דרום־פאלעסטינא איז פארגעקומען אין יהושע׳ס צייט. דער פיה־רענדער פירשט פון די כנענים פון דער דאזיגער געגענד שטעלט זיך אנט־קעגען די אריינדרינגענדע, ווערט אבער באזיגט ניט ווייט פון ירושלים. אויף דער אידישער זייט ווערט דער אנפאל געפיהרט פון י ה ו ד ה, גע־שטיצט אויף כלב און עתניאל (קיז און קנז), וועלכע וואוינען שוין דארטען פון לאנג. שמעון, לויט קרובה׳שאפט פון בלוט און שיקזאל אנגעוויזען אויף דעם שטארקערען יהודה, באקומט זיין נחלה נעבען יהודה אין דרום. באלד האט אויך ירחמיאל זיך אנגעשלאסען אן יהודה.

## די חלוקה פון לאנד און יהושע.

אויב די אָרדנונג וואס מיר האבען אנגעגעבען אין די שטיקער פון באַ־ריכט איז ריכטיג, טרעט דאן ארויס פון דער גאנצער דערצעהלונג דער גרונט־

---

*) לויט דעם פארגליייך פון אנדערע אזוינע עתנליכע נעמען (אהוני—יה, אדוני—רם, אהוני—צדק) האנדעלט זיך דא גיכער וועגען דעם נאמען פון א גאט.

געדאַנק, אז דאָס לאַנד איז צעטיילט געוואָרען צווישען די איינצעלנע שבטים נאָך איידער מ'האָט זיך גענומען צו דער עראָבערונג. לויט דעם זין פון דעם גאַנצען באריכט ווייזט עס אויס, אז די שבטים האָבען ניט באַקומען יעדער איינער זיין טייל פון לאַנד לויט א צופאַל. פאַרקעהרט, עס ווייזט אויס, אז מ'האָט זיך פריהער צונויפגערעדט און צוגעטיילט איטליכען שבט א געוויסע געגענד אלס זיין גורל. א פאַרבאַדינג פאַר אַזאַ סדר איז די איינטיילונג פונ'ם פאָלק אין שבטים. ווען די דאָזיגע איינטיילונג איז דורכגעפיהרט געוואָרען, ווערט ניט דערצעהלט. זי ווערט באַטראַכט איז עיקר אלס א פאַרטיגע זאַך. די איינצעלנע משפחות זיינען שוין אַזוי ווייט צוזאַמענגעשלאָסען צווישען זיך אין שבטים, אז כאָטש זיי פיהלען זיך אלס גלידער פון א גאַנצען כלל, דאָך שטעהען זיי אין גאַנצען גענומען פאַר זיך און פאַרנעמען זייערע געגענדען זעלבשטענדיג. אַט די לעצטע פאַרשטעלונג קוקט זיך דייטליך דורך: די שבטים געהען, אַזוי ווייט ווי דאָ ווערט דער־צעהלט, יעדערער פאַר זיך. קומט פאַר אן אויסנאַם אין דעם פּרט, ווערט דאָס אויסדריקליך דערמאָנט: יהודה שליסט זיך אָן שמעון'ען אָן, דאָס הויז פון יוסף געהט צוזאַמען. כמעט פון אַלע שבטים וואָס ווערען דאָ דער־מאָנט ווערט ביי יעדען איינצעלנעם געזאָגט וואָס ער האָט ניט געקאָנט ער־אָבערען. שוין דערפון אליין איז צו דרינגען, אז דער דערצעהלער באַטראַכט די עראָבערונג ניט אלס די אויפגאַבע פון גאַנץ ישראל, נאָר אלס די אויפגאַ־בע פון יעדען שבט באַזונדער. און אָהן א ספק האָט ער אַמאָל אויך דער־צעהלט מיט וועלכע מיטלען די שבטים האָבען איינגענומען זייערע געגענ־דען.

דאָ שטעלט זיך די פראַגע: צי אַזאַ חלוקה פאַראויס און די עראָבע־רונג פון די איינצעלנע געגענדען נאָכהער זיינען ניט קיין צוויי פאַרשטע־לונגען, וועלכע זיינען זיך געגענזייטיג סותר און וואָס האָבען גאָר ניט גע־קאָנט דערצעהלט ווערען פון איינעם און דעמזעלביגען שריפטשטעלער. מ'וועט גענייגט זיין צו זאָגען: גראַד דער פאַקט פון דער עראָבערונג פון די איינצעלנע שבטים, וועלכע לייכט דורך אלס זיכערע היסטאָרישע ערינע־רונג, שליסט אויס דעם אַנדערען פאַקט פון דער חלוקה, וועלכע זאָל זיין פאָרגעקומען פאַר דער עראָבערונג. וואָרים אויב די שבטים האָבען זיך אַזוי־פיעל געהאַלטען צוזאַמען, אז זיי האָבען פאַראויס צוגעטיילט יעדען שבט א גע־גענד, טאָ האָבען זיי דאָך באַדאַרפט האָבען גענוג קלוגקייט און פליכט אויך צו עראָבערען דאָס לאַנד דורך א שותפות'ער האַנדלונג, אנשטאַט עס איבער־צולאָזען צו יעדען שבט פאַר זיך. די חלוקה פאַראויס פאַר דער עראָבערונג איז

דערפאר איז חשד, אז זי האט אין זיך עפּעס א קינסטליכע שיטה: פאר־קעהרט, די אנדערע פארשטעלונג האט די מעלה פאר זיך, וואס זי שטימט מיט די נאטירליכע פארהעלטענישען. דער אמת'ער גאנג פון די גע־שעהענישען איז לויט דעם געווען, אז אין פארלויף פון א לאנגער צייט איז איין שבט נאך דעם אנדערען אריבער דעם ירדן און יעדער איינער האט איינגענומען די געגענד, וועלכע איז איהם אם בעסטען געפעלען, אדער וועלכע ער האט אונטער די אומשטענדען אם גרינגסטען געקאנט פארנעמען, אזוי אז אין א לענגערער צייט ארום האבען ביסלעכווייז אלע שבטים זיך געהאט פעסט באזעצט אין בערגלאנד אויף דער מערב־זייט פון ירדן. דערצו האט מען קיין חלוקה ניט באדארפט. די דאזיגע צעטיילונג איז אומנאטירליך, זי האט אויך ניט קיין „מה מצינו" אין דער היסטאריע און קלינגט דעריבער ווי אז ערפינדונג פון די שפּעטערדיגע צייטען.

פון אלצדינג וואס מיר האבען ביז אהער געזאגט איז אבער איין זאך קלאר: אויב ס'איז ריכטיג די הנחה, וואס מיר האבען ביז איצט אנגענו־מען, אז איין טייל פון די ישראל־שבטים האבען איבערהויפּט ניט פאר־לאזען דאס לאנד כנען; און אז יציאת מצרים און די וואנדערונג דורכ'ן מדבר קומען לויט דעם אין באטראכט נאר ביי איין טייל פון די שבטים, דאן האט אויך די אנווייזונג פון „גורלות" צו עראבערען זיך געקאנט דירעקט בא־ציהען נאר אויף די איצט אריינדרינגענדע שבטים; אויף די אנדערע אדער אויף איינעגע פון זיי העכסטענס נאר אינדירעקט. פאר יענער ערשטער גרופּע שבטים האט דאס אפריידען פאראויס וועגען די געגענדען, וואס מ'זאל איינגעמען, גאר קיין שווערקייט ניט: פאר די אנדערע רעקאמענדירט עס זיך אין מעהרערע פאלען עס אנצונעמען. אויב דער גאנג פון די געשעהענישען האט זיך אפּגעשפּילט אזוי, אדער אויף אן עהנליכען אופן ווי ס'איז אויבען אנ־גענומען, דאן איז עס גאנץ נאטירליך, אז די שבטים, וועלכע האבען זיך באוואר־פענט אריינצודרינגען אין לאנד, זאלען געהאט האבען א פארשטענדיגונג מיט זייערע ברידער, וואס זיינען שוין דארטען פון פריהער געזעסען. דער מרחק איז ניט געווען אזוי גרויס, די פארהעלטנישען ניט אזוי שווער, אז עס זאל־לען ניט האבען געקאנט געהן שלוחים הין און הער און זאלען, למשל, ניט האבען אויפגעפאדערט שמעון און כלב, אדער אויך אשר און יששכר, זיך צו דערמאנען אן זייער צוזאמענגעהעריגקייט און העלפען די אריינדרינ־גענדע.

צוויי אומשטענדען שיינען אבער צו באזייטיגען דעם חשד וואס ליגט אויף דער צעטיילונג: די שפּורען פון א פאקטישער צוזאמענהאנדלונג פון

די שבטים — יעדענפאלס פאר, אָדער אין א געוויסען זין אויך נאָך דער
צעטיילונג — און די אָנפיהרונג פון גאנץ ישראל דורך יהושע לכל הפחות
ביז צו א געוויסען פונקט. פון שופטים א אָן צעפאלט יעדענפאלס ישראל
אין צוויי הויפּט־גרופּעס: יהודה און שמעון שטעהען פאר זיך, דערביי
שטעהט דאָס הויז יוסף און די איבעריגע איהם נאָהנטע שבטים, דאָס הייסט:
די צפון־שבטים. צו וועלען זעהן אין דער דאָזיגער צוויי־טיילונג בלויז די אָפּ־
שפּיגלונג פון די פארהעלטענישען פון נאָך שלמה'ס צייט, האָט מען לחלוטין
קיין רעכט ניט. אדרבה, די פארשידענקייט פון די יוסף־שבטים און פונ'ם
הויז פון יהודה איז אזוי אלט ווי דאָס אידישע פאלק גופא. זי זעהט זיך
דורך דער גאנצער געשיכטע, און די טיילונג אונטער ירבעם'ען איז ניט איהר
אורזאך, נאָר איינע פון איהרע ווירקונגען. אבער אויך אינעווייניג פון דער
דאָזיגער שיידונג זעהט זיך אָ געוויסע שותפות'קייט. ניט בלויז געהט יהודה
מיט שמעון'ען צוזאמען, נאָר אויך דאָס הויז פון יוסף געהט צוערשט צו־
זאמען, און ערשט אין וויטערדיגען פארלויף צעשיידען זיך די שבטים, ווי
ס'איז צו זעהן פון דעם איבערבליק איבער די ניט עראָבערטע געגענדען.
דערביי דארף מען ניט פארגעסען, אז דער קאפּיטעל א פון שופטים איז ניט
מעהר ווי א פראגמענט. דאָס הויז יוסף האָט בכן געוויס אויסגעפיהרט
אויך נאָך אנדערע אונטערנעהמונגען בשותפות, אויסער דער עראָבערונג פון
בית־אל.

דערצו קומט נאָך דער פארגלייך פון משה'ס צייט. אויך דעמאָלט האָ־
בען מיר פאקטיש א צוזאמענהאנדלונג פון די שבטים פון ישראל: און
כאָטש יעדער איינצעלנער שבט האָט געהאט א געוויסע פרייהייט פון באַ־
וועגונג, זיינען דאָך די איינצעלנע שבטים ניט געווען גלייכגילטיג צום
גאנצען כלל. אויף אזא'ן אופן דארף מען זיך אויך אָט דאָ פארשטעלען די
פארהעלטענישען. די אידען האָבען נאָך לאנג ניט קיין געשלאָסענעם מלוכה־
לעבען, און דערפאר אויך ניט קיין אחריות פון איינעם פאר אלעמען: איט־
ליכער שבט מעג בעצם געהן זיין אייגענעם וועג און זוכען זיין אייגען גליק.
אבער עס באשטעהט פאָרט א געפיהל ניט בלויז פון קרובה'שאפט פון בלוט,
נאָר אויך פון א געוויסער שותפות'ער פארגאנגענהייט, און דערמיט אויך
פון א צוזאמענגעהעריגקייט. מ'וועט אפשר זאגען, אז עס ליגט דערין אן אי־
נערליכע סתירה. מ'מוז אבער זוכען די סתירה אין די פארהעלטענישען גופא.
די פארהעלטענישען זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעשלאָסען. זיי האָבען נאָך
געהאלטען אין ווערען: דאָס באוואוסטזיין פון אחדות איז נאָך געווען יונג
און האָט ערשט געמוזט זיך דורכקעמפען. מ'דארף זיך דערפאר ניט

חידוש'ען, וואס דאס באוואוסטזיין, כאטש עס איז שוין פאראן, דריקט זיך אבער נאך ניט איינגאנצען אויס.

דאס זעלבשטענדיגע האנדלען פון די שבטים האט לויט דעם ניט געקאנט זיין דאס איינציגע, וואס די טראדיציע האט געוואוסט וועגען דער עראבער־רונג פון כנען: נעבען יהודה'ס האנדלונג אין בונד מיט שמעון'ען האט זי אויך געמוזט וויסען פון א שותפות'ען אויפטריט פון די יוסף־שבטים, דאס הייסט: פונ'ם הויפט־טייל פון ישראל. די אנצוהערענישען פון דער טראַ־דיציע פון ביידע זייטען פאראייניגען זיך אזוי, אז דער בונד פון די צפון־שבטים האט געהאנדעלט בשותפות ביז צו א געוויסען ציל, פון דאנעט אן אבער און ווייטער — נאכדעם ווי די הויפט־ארבייט איז שוין געווען אפגע־טאן — האט יעדער שבט געהאנדעלט פאר זיך באזונדער.

אויב דאס איז די ריכטיגע פארשטעלונג וועגען דעם גאנג פון די גע־שעהענישען לויט אט דעם עלטערען באריכט, דאן האבען מיר שוין דערמיט די באדינגונג פאר דער פאראויסגעהענדער חלוקה. דאס וואס די שבטים האנד־לען באזונדער איז שוין מעהר קיין קשיא ניט. ווארים אט די אפגעזונדערט־קייט איז גאר ניט געווען אזוי שטארק ווי עס דוכט זיך אויס. און דאס איז אונטער קיין אומשטענדען ניט געווען דאס איינציגע וואס די טראדיציע האט געוואוסט. די הנחה, אז אזוי איז באמת געווען דאס פארהעלטעניש ווערט נאך שטארק אונטערשטיצט דורך דעם פאקט וואס לאזט זיך גאנץ לייכט דורכזעהן דורך די קוועלען, אז גאנץ ישראל איז אנגעפיהרט געווארען פון יהושע'ן.

אין דער נייער צייט האבען אסך פארשער ניט געוואלט אננעמען יהושע'ן אלס א היסטארישע פערזאן. ער איז זיי פארגעקומען נאר ווי א לעגענדארישער אפשיין פון דער גרויסער געשטאלט פון משה'ן. אנשטאט דעם אמת'ען גאנג פון די געשעהענישען, הייסט עס לויט אט דער טעאריע, האט די לעגענדע פריי געשאפען אן אומנאטירליכע פאראייניגונג פון די שבטים פונקט ווי אין משה'ס צייט. דערצו איז אבער נויטיג געווען א פיהרער, וועלכער זאל זיין ערפילט פון משה'ס גייסט, און אויף זיין אופן אלס זיין נאכ־פאלגער ברייגנען צו א סוף דאס אנגעהויבענע ווערק. די דאזיגע באזיי־טיגונג פון יהושע'ן, האט זיך געדוכט, קאן נאך באשטעטיגט ווערען דערמיט וואס אין אונזער עלטערען באריכט ווערט ער לגמרי ניט דערמאנט.

דאך דאס וואס יהושע פעהלט אויס אין אונזער עלטערען באריכט אין זיין היינטיגען נוסח איז א קנאפע ראיה. אזוי ווי דער צוזאמענשטעלער האט אריינגעשטעלט דעם דאזיגען קאפיטעל אין ספר שופטים און האט אוועק־

געשטעלט אויבען אז איבערשריפט „און ס׳איז געווען נאָך דעם טויט פון יהושע׳ן“, האָט ער דעריבער געמוזט על־פּי הכרח באזייטיגען יהושע׳ס נאָמען פון באריכט. פון דער אנדערער זייט ווידער זעהט מען דייטליך פון דער פראגע אין אנהויב קאפּיטעל „ווער פון אונז זאל דער ערשטער געהן מלחמה האלטען מיט דעם כנעני?“ און פון דער באצייכענונג פון דער געגענד אלס „גורל“, אז ס׳איז שוין געווען פון פריהער עפּעס א שותפות׳ער אפּמאַך, און דערצו איז נויטיג אלס פארבאדינג אז איינהייטליכע פיהרערשאפט. שופטים קאפּ. א קאן בשום אופן ניט זיין דער אנהויב פון א זעלבשטענדיגען צוזאמענהאנג, נאָר עפּעס וואס מוז שטעהן פריהער. מיר האָבען געפונען עפּעס אן איבערבלייבעניץ פון דעם אין ספר יהושע וואס הענגט צוזאמען מיט דער פערזאָן פון יהושע. אזוי גיך ווי מיר געהען נאָך נאָך דעם פאַדים פונ׳ם באריכט ווייטער ארויס פון שופטים, וואו יהושע האָט געמוזט אויסגעשטריכען ווערען, טרעט דאן יהושע ווי פון זיך אליין אין דער שפּיץ — א גוטער סימן, אז דער עלטערער באריכט האָט לכתחילה איהם גאַנץ גוט געקענט.

## דער סדר־הכל.

דערמיט זיינען שוין ממילא אנגעגעבען די הויפּט־פּונקטען, פון וועלכע עס שטעלט זיך צוזאמען דער גאַנג פון דער עראבערונג לויט אונזער באַריכט.

די בני ישראל האָבען נאָך אונטער משה׳ס פיהרערשאפט איינגענומען די מזרח־זייט פון ירדן, לכל הפּחות די דרום׳דיגע העלפט. די שבטים ראובן און גד באזעצען זיך דאָ און ווערען דערפאַר ניט דערמאַנט אין באריכט. שוין פריהער האָבען איינצעלנע משפּחות, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהנט צו די אידען, אריינדרינגענדיג דירעקט פון דרום, זיך באזעצט אויף דעם שפּעטערען בערגלאַנד פון יהודה און זיינע דרום׳דיגע אפּצווייגונגען. די הויפּטמאסע פון די טיילען פון פאָלק, וועלכע קומען פון מצרים און פון מדבר, געהען אריבער דעם ירדן אין דער געגענד פון ים־המלח ביי גלגל. דאָס קומט פאָר אונטער דער אנפיהרערשאפט פון יהושע פון שבט אפרים*). וועלכער האָט איבערגענומען די פיהרערשאפט איבער ישראל נאָך משה׳ס טויט. פון גלגל אויס ווערט אונטערנומען די אטאַקע אויף דער מערב־זייט

*) יהושע י״ז 14, 16, 17: שופטים א 22. פארגלייך אויבען ז. 195.

פון ירדן, אזוי אז דער פעסטער לאגער פון פאלק בלייבט דויערענד דא. דא בלייבט דער „מלאך פון יהוה" און דער „ארון פון בונד" (ארון הברית), ביז נאך דער עראבערונג פון בית־אל ווען זיי געהען אריבער אהין. אין אט דער קווארטיר קעהרען זיי זיך פארלויפיג אום צוריק נאך די איינצעלנע אויפ־טואונגען. יעדענפאלס ביז צו דער עראבערונג פון יריחו האנדלען די שבטים אין א געשלאסענער איינהייט.

איצט אבער, נאכדעם ווי זיי האבען זיך שוין איינגעפונדעוועט אין מערב־לאנד, שיידען זיי זיך לויט דער קרובה'שאפט אין דער אפשטאמונג אין צוויי אפטיילונגען: יהודה און יוסף. יעדע אפטיילונג האט די שבטים און משפחות וואס האבען זיך צו איהר אנגעשלאסען. פריהער אבער ווערט אונ־טער יהושע'ס אנפיהרערשאפט צוגעטיילט צו די שבטים א באשטימטע גע־גענד אינ'ם לאנד וואס מ'האט זיך גענומען עראבערען.

אויף יהוה'ס באפעהל געהט דער ערשטער ארויס יהודה צוזאמען מיט דעם שבט שמעון. וועלכער איז לויט דער געגענד געווען אנגעוויזען אויף זיין הילף. ער באזיגט א כנעני'שען קעניג אדוני־בזק און באזעצט זיך אויף די בערג פון יהודה. זיין מיטעלפונקט האט ער צוערשט אין בית־לחם, דעם אמת'ן קערן־לאנד פונ'ם שבט יהודה. כלב, א פארשטעהער פון אן אונטער־שבט, וועלכער איז לכתחילה ניט געווען קיין טייל פון יהודה, נאר האט געשטאמט פון דער משפחה קנז, וואס האט שותפות געמאכט מיט יהודה, האט זיך פון פריהער שוין דא געהאט איינגעפונדעוועט און איז איצט א וויכטיגער שטיצ־פונקט פאר יהודה. פאר זיינע אויפטואונגען אין דער וואנדערונג דורכ'ן מדבר באקומט ער צוגעטיילט די אוראלטע פעסטונג ק ר י ת ־ א ר ב ע. ער באצווינגט די ריזען־משפחה וואס האט דארטען געוואוינט, און גיט דער שטאדט א נאמען ח ב ר ו ן. אן אנדער פירשט פון יהודה־קנז, עתניאל, באצייכענט אלס כלב'ס אינגערער ברודער, עראבערט ד ב י ר אין דרום־יהודה און ווערט כלב'ס איידים. אז יהודה שליסט זיך אויך אן דער בע־דואינער־שבט פון די קינים וואס איז געקומען פון מדבר און מיט וועמען ישראל איז דורך משה'ן געווען ענג פארבונדען. ער האט נאכ'ן ארויסגעהן פון מצרים זיך אנגעשלאסען אז ישראל און האט פון קדש אויס געמאכט א געלונגענעם אנפאל אויף דעם דרום'דיגען שיפוע פון דעם בערגלאנד פון יהודה און האט איצט פונ'ם נגב אויס זיך באהעפט מיט יהודה. ער פיהרט ווייטער, ווי עס ווייזט אויס, זיין נאמאדען־לעבען, צוערשט אין מדבר־יהודה, שפעטער האבען טיילען פון איהם געמוזט אוועקציהען ווייטער אין צפון. וואו־רים יעל, די פרוי פון חבר הקיני, וואוינט אין א געצעלט אין דער געגענד

וואו דבורה׳ס שלאכט איז פארגעקומען. פונקט אזוי באזעצט זיך שמעון מיט יהודה׳ס הילף אין דרום־זייט, באגרעניצט פון די קיני׳שע און עמלקי׳שע בעדואינער־שבטים, אין א גרויסער מאָס אויך וואוינענדיג צווישען זיי. אלס דרום־גרעניץ פונ׳ם אידישען לאנד צו אדום צו ווערט באטראכט דער פאס סאפא, וועלכער ווערט אנגערופען „ארויפשטייג פון די עקדישען" (מעלה העקרבים).

יהודה פארקירעוועט זיך פון יריחו אוים צו דרום, די יוסף־שבטים צו צפון. אַז זיי שליסט זיך אַן דער פיהרער פון אפרים יהושע. צו מאכען צוליב דעם יהושע׳ן בלויז פאר א העלד פון אפרים איז יעדענפאלס ניט נאך דעם זין פון אונזערע קוועלען. דער אויבען ציטירטער פראגמענט, אין וועלכען יהושע טיילט צו לאנד*) האָט אהן א ספק דעם זין, אז דער פיהרער טיילט אוים אויף דעמזעלביגען אופן ווי צו דעם הויז יוסף זיין גורל אויך פאר די אנדערע שבטים די געגענדען וואו זיי זאלען זיך באזעצען.

אין ערגעץ געפינען מיר אויך ניט קיין אנצוהערעניש, אז דאָס וואס יהודה האָט זיך אפּגעשיידט און זיך אנטזאגט פון יהושע׳ס פיהרערשאפט האָט עפּעס געהאט צו טאָן מיט קנאה־שנאה פון די שבטים. אדרבה, דאָס פאר־העלטעניש איז אזא, אז עס האָט גאר אנדערש ניט געקאָנט זיין. אויב די שבטים זיינען געקומען פון יענער זייט ירדן, דאַן האבען ביי יריחו זיך גע־מוזט שיידען זייערע וועגען. נאָכדעם ווי דער צוגאנג פון צפון איז פאר דעם פיינד געווען פארשפארט דורך יהושע׳ן און זיין גרופּע שבטים, האָט איצט יהודה, זיך שטיצענדיג אויף שמעון און זיינע געווים נ ט אומבאַדייטענדע שפּעטעריגע אונטער־שבטים ק י ז און ק נ ז, געקאָנט נעמען זעלב־שטענדיג אויף זיך דעם קאמף מיט די כנענים פון דרום. דערמיט איז שוין אויך געזאָגט, אז די הנחה, אז יהודה איז אריינגעדרונגען אין לאנד דירעקט פון דרום, האָט לכל הפּחות אין אָט דער טראַדיציע קיין יסוד ניט. די שיי־דונג ביי יריחו ווייזט דוקא, אז זיי זיינען אלע צוזאמען אריבערגעגאנגען פריהער דעם ירדן.

אלס שותפות׳ע האנדלונג פון די יוסף־שבטים אונטער דער אנפיהרער־שאפט פון יהושע׳ן מוז אנגעזעהן ווערען די עראבערונג פון בית־אל, וואָס איז באַגינסטיגט געווען דורך דער בגידה פון א בירגער פון שטאָדט.

אָט דא ברעכט אָפּ אונזער באריכט. דעם רעדאקטאָר׳ס עובדא איז גע־

*) יהושע י״ז 14—18.

ווען צו מאכען דעם ספר שופטים א המשך פון ספר יהושע. ער האט דערפאר קיין אינטערעס ניט געהאט צו דערצעהלען נאך מעהר וואס די אידען האבען עראָבערט. ער דערצעהלט איצטער בלויז וואס זיי האבען ניט געקאנט עראָבערען, מחמת דאס דערקלערט די צושטענדען אין דער צייט פון די שופטים. לכתחילה אבער, איידער אונזער באריכט איז צוגעפאסט געווארען צום ספר שופטים, האט ער געוויס דערצעהלט איוסער דער עראָבערונג פון בית־אל אויך נאך אנדערע אויפטואונגען יהושע'ס אין דער שפיץ פון די פאראייניגטע שבטים און אויך וואס די איינצעלנע שבטים האבען אויפגעטאן איטליכער פאר זיך.

מיר וועלען איצט זוכען אנדערשוואו עלטערע שטיקער, וועלכע זיינען ממלא דאס וואס עס פעהלט אוים אין שופטים קאפ. א.

## 2.

## די עראָבערונג פון כנען לויט דעם ספר יהושע ביז צום בונד מיט גבעון.

(פריי לויט ר. קיטעל פון ת. שוים.)

אסך שטיקער אין ספר יהושע שפינען ווייטער דעם פאדים וואס מיר געפינען אינ'ם איבערבליק פון שופטים קאפ. א און פילען אוים דעם חלל וואס בלייבט דארטען אפען. מיר מוזען דעריבער זוכען אנצושליסען די דאָזיגע שטיקער אן דעם אונז שוין באקאנטען איבערבליק.

1. יהושע בראש פונ'ם שבטים־בונד. — שופטים קאפ. א לאזט אננעמען, אז יהושע, נאכדעם ווי ער איז אריבער דעם ירדן בראש פון דער גאנצער שבטים־פאראייניגונג, האט פון גלגל אוים מארשירט אויף יריחו און דעם בארג אפרים. די דאזיגע הנחה ווערט זיכער דורך די ערשטע קאפיטלען פון יהושע. מיר געפינען דארטען באריכטען, וואס שטעהען צום טייל אין אן ענגען צוזאמענהאנג מיט שופטים קאפ. א, און זיינען צום טייל אומאפהענגיג פון יענעם איבערבליק. דער שפעטערדיגער באארבייטער האט די דאזיגע עלטערע באריכטען פארברייטערט און אפטמאל אויך געענדערט, אבער זייער אורשפרינגליכען כאראקטער האט ער ניט אין גאנצען אפגעווישט.

אַלס ערשטע הויפּט־פּאַסירונג קומט דער אריבערגאַנג איבער'ן ירדן. דאָס געשעהט דורך א וואונדער, וואס גאָט באווייזט. די כהנים מיט'ן הייליגען ארון געהען פאראויס, און ווי נאָר זייערע פיס ריהרען אָן דאָס וואַסער פון ירדן, שפּאַלט ער זיך, ווי אמאָל דער ים־סוף אונטער משה'ן, און די אידען געהען דורך אין דער טריקעניש. די אידען מאכען דאן זייער לאַגער אין ג ל ג ל. און יהושע לאָזט דאָרטען מל זיין אַלע זכרים, וואס זיינען געבאָרען געוואָרען אין מדבר.

נאָכ'ן אריבערגעהן די ירדן האָט געמוזט קומען די אַטאַקע אויף די כנענים. זיינען די אידען אריבערגעגאַנגען דעם ירדן ביי גלגל אַדער יע־רענפאַלס נאָהנט ביים מויל פון ירדן. דאָן שטעהט זיי יריחו אין וועג און לאָזט זיי ניט געהן ווייטער. ס'איז דער שליסעל פונ'ם לאַנד. די נעכסטע פּאַסי־רונג איז דערפאַר די עראָבערונג פון יריחו, וועלכע קומט אויך פאַר דורך א וואונדער. זעקס טעג געהען די אידען אויף יהוה'ס באפעהל צו איין מאָל ארום דעם מויער פון שטאָדט, די כהנים מיט'ן הייליגען ארון פאראויס. דעם זיבעטען טאָג געהען זיי זיבען מאָל, און ביים זיבעטען מאל בלאָזען די כהנים מיט די שופרות, דאָס פאלק שאַלט, דער מויער זינקט איין און די שטאָדט ווערט איינגענומען. קיינער טאָר אבער ניט געניסען פונ'ם רויב, נאָר אַלץ ווערט פארוויסט („חרם").

צוויי הויפּטפּאַסירונגען, וועלכע דער איבערבליק אין שופטים קאַפּ. א דערצעהלט ניט, נאָר נעמט זיי אָן אלס א פאקט, ווערען אָט אָ דאָ מיטגע־טיילט: דער אריבערגאַנג איבער'ן ירדן און די עראבערונג פון יריחו. ביי יריחו שיידען זיך די וועגען. איינער פיהרט קיין צפון־מערב צו דעם בארג אפרים צו ע י און ב י ת ־ א ל צו, דער אנדערער פיהרט קיין דרום־מערב צו ירושלים און די בערג פון יהודה. ביז איצט איז יהושע געווען דער פיהרער פון אַלע שבטים וואָס זיינען אריבערגעגאַנגען דעם ירדן. איצט אבער, ווייזט אויס, קומט די צעשיידונג. די טראַדיציע לאָזט נאָך אבער אונטער יהושע'ס פיהרערשאַפט אַפּמאכען וועגען די געגענדען, וואס די איינצעלנע שבטים האָבען געזאָלט פארנעמען יעדערער פאר זיך.

אָט אזוי פארבינדען זיך לייכט די נייע ידיעות וואס מיר קריגען דאָ צו מיט די פריהערדיגע. דער אריבערגאַנג איבער'ן ירדן און די עראָבערונג פון יריחו זיינען דער פארבאַדינג פון דער חלוקה פונ'ם לאַנד, וואס שטעהט ביים אָנהויב פון אונזער איבערבליק אין שופטים קאַפּ. א. ווי לאַנג די אידען האָבען זיך נאָך אויפגעהאַלטען נאָכדעם אין גלגל, איז ניט באַשטימט. עס ווייזט אבער אויס, אז עס איז געווען ניט קיין קורצע צייט. צוערשט פאַר־

לאזט דאן יהודה די שותפות'ע הויפטקוואַרטיר: דאן ציהען אַרויס די קינ־דער פון יוסף געגען דאָס בערגלאַנד פון אפרים. דערמיט איז אויך די פראַגע פאַרענטפערט: וואָס ווערט לויט דער טראַדיציע פון די אַנדערע שבטים? דער ענטפער איז, ווי מ'קען זעהן, אַז זיי שליסען זיך פאַרלויפיג אַן אַן דעם הויז פון יוסף און אַן יהושע'ן...

דאַ האָבען מיר ווידער די פאַרבינדונג מיט דעם ספר יהושע. אלם המשך פון זיין דערצעהלונג דאַרף מען באַטראַכטען די שילדערונג פון יהושע'ס ערפאָלג בראש פונ'ם הויז יוסף און פון די שבטים וואָס האָבען זיך פאַר־לויפיג אַנגעשלאָסען אַן איהם. דער שיקזאַל פון יהודה ווערט איצט געלאָזען אַן אַ זייט.

2. יהושע בראש פונ'ם הויז יוסף. — דער וועג צום קאַם פונ'ם בערגלאַנד ווערט פאַרשטעלט דורך דער כנעני'שער שטאָדט ע י. די עראָבערונג פון ע י איז דערפאַר יהושע'ס נעכסטער ציל. ביי דער ערשטער אַטאַקע ווערען די אידען געשלאָגען: די צווייטע אַטאַקע מאַכט יהושע לויט אַ קלוגען מלחמה־פּלאַן. ער שטעלט אַוועק איין טייל פון זיין חיל צו לויערען הינטער דער שטאָדט, און מיט דעם אַנדערען טייל שטעלט ער זיך אַוועק ביי דער שטאָדט פון פאָרענט, אין מזרח־זייט. דער מלך פון עי מאַכט אַן אויספאַל. יהושע מאַכט אַן אָנשטעל אַזוי ווי ער וואָלט ווידער זיין געשלאָגען און אַנטלויפט מיט זיין חיל. די איינוואוינער פון עי יאָגען זיי נאָך, די שטאָדט בלייבט לעדיג און אָפען, און יהושע גיט דאַן אַ צייכען צו דער לויערנדיגער מחנה. זיי קומען אַריין פון הינטען אין דער לעדיגער שטאָדט און צינדען זי אונטער. די איינוואוינער פון עי קומען דאַן אום צווישען פייער און שווערד.

אין דער עראָבערונג פון עי שליסט זיך אַן די געשיכטע פונ'ם בונד מיט גבעון. עס קומט אויס לויט דעם, אַז יהושע מיט דעם אידישען לאַגער קעהרען זיך צוריק אום קיין גלגל נאָך דער עראָבערונג פון ע י. דאָרטען, אין גלגל, קומען צו זיי שלוחים מיט אָפּגעטראָגענע קליידער, צעריסענע זעק און פאַר־שימעלטע ברויט און זאָגען, אַז זיי קומען פון אַ וויטען לאַנד און ווילען מיט זיי אַ בונד שליסען. די אידען שליסען מיט זיי אַ בונד און אין דריי טעג אַרום געפינען זיי אויס, אַז די דאָזיגע שלוחים האָבען זיי אָפּגענאַרט, אַז זיי זיינען ניט פון קיין וויטען לאַנד, נאָר פון גבעון און איהרע טעכטער־שטעדט: כפירה, בארות און קרית־יערים. יהושע אָבער לאָזט ניט ריהרען אָט די שטעדט, נאָר ער מאַכט זייערע איינוואוינער פאַר קנעכט אין גאָט'ס הויז.

## 3.

## דער היסטארישער כאראקטער פון דער דערצעהלונג.

מיר מוזען איצט מאכען אויף א ווײלע א הפסקה, כדי זיך קלאר צו מאכען דעם היסטארישען כאראקטער פון די מאטעריאלען וואס מיר האבען ביז אהער באקומען פון דער טראדיציע. מיר מוזען זוכען אין די צעברעקעלטע שיכטען און אויך אין די שפעטערדיגע געשיכטען א פעסטען היסטארישען באדען, אויף וועלכען עס לאזט זיך שטעלען א פוס. מיר האבען דערמיט א האפענונג, אז מיר וועלען נאך זיין ביכולת צו דערקענען לכל הפחות די גרויסע הויפט־שטריכען פון דעם גאנג פון די געשעהענישען.

### אלגעמיינע געזיכטספונקטען.

ביי דער פעסטקייט פון די כנעני'שע שטעדט און דער אנטוויקעלטער קריגס־קונסט פון זייערע איינוואוינער האבען די אידישע שבטים, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין לאנד, נאר דאן געקאנט האבען אן ערפאלג, אויב די באפעלקערונג פון כנען האט ניט פארגעשטעלט מיט זיך קיין געשלאסענע איינהייט, און קודם כל, אויב די עגיפטישע אויבער־הערשאפט איבער'ן לאנד האט לגמרי אויפגעהערט אדער מ'האט זי מעהר ניט געפיהלט. ווי די פארהעלטענישען זיינען געוועזן אין אט דעם פרט, איז שוין פריהער ארומגערעדט געווארען באריכות. מיר האבען דארטען אנגענומען די צייט פון מערענפטאה אלס די צייט פון יציאת מצרים, און מיר האבען אויך געזעהן, אז די צייט פון דער וואנדערונג דורכ'ן מדבר איז לפי־ערך געוועזן א קורצע. אלס די צייט פונ'ם אריינדרינגען אין כנען קאן דערפאר אין באטראכט קומען דער סוף פון מערענפטאה'ס רעגירונג אדער פון זיין אומפעהיגען נאכפאלגער (ארום און נאך 1215). אז אין דער דאזיגער צייט האט מעהר קיין רייך ניט געקאנט זיין פון דער עגיפטישער ממשלה איבער סיריען, האט געוויזען אונזערע פריהעריגע אונטערזוכונג. אדרבה, אויב עפעס וואס האט געקאנט זיין לטובה פונ'ם אריינדרינגען פון די אידישע שבטים אין כנען, זיינען עס געוועזן די פאליטישע פארהעלטענישען פון יענער צייט: נעבען דער שוואכקייט פון דער עגיפטישער הערשאפט, קומט באזונדערס דער אנפאל פון די ים־פעלקער. דער דאזיגער אנפאל איז געוועזן פשוט אן איינלאדונג צו די

אידישע שבטים, וועלכע זיינען לויט אפשטאמונג און פארגאנגענהייט גע־שטאנען פיעל נעהנטער צו דעם לאנד איידער יענע ים־פעלקער*) נאכצו־טאן דאסזעלביגע.

מכוח די צושטענדען פון די איינוואוינער פון לאנד וועלען מיר זיך אפשטעלען
מוזען ווענדען צו די אמארנא־טאוולען. דאס וואס מיר געפינען אין ספר יהושע און אויך נאך אין ספר שופטים וועגען די מלכים פונ׳ם לאנד שטימט אזוי מיט דעם בילד וואס מיר האבען באקומען פון יענע בריף, אז מיר מעגען זא־גען, אז אין דעם פרט האט זיך פאר דער צייט ווינציג וואס געענדערט. דער בולט׳סטער שטריך איז דאס וואס עס פעהלט לחלוטין א פעסטע, צענט־ראלע ממשלה. א גרויסע צאהל פון איינצעלנע הערשער און קעניגלעך, וועל־כע שטעהען יעדערער פאר זיך און האלטען זיך אין געוועהנליכע צייטען כסדר אין ארומרייסען, און נאר אין צייטען פון העכסטער געפאהר פארבינדען זיי זיך ווי עס איז מיט גרוים מאטערניש. דאס איז געווען דאס בילד פון די מאכטהאבער אין כנען דאמאלסט אין דער אמארנא־צייט; און דאס איז אויך פארבליבען איצט. פאר די אידען איז דערמיט געשאפען געווען איינע פון די הויפט־באדינגונגען צו קאנען פארנעמען דאס לאנד; אויך דערקלערט דאס אונז פארוואס די דאזיגע פארנעמונג פונ׳ם לאנד איז אזוי שטארק צעפי־צעלט געווארען.

אזוי ווייט דערגרייכען אונזערע ידיעות וועגען די פארהעלטענישען, וועלכע די אידען האבען געקאנט אויסנוצען. מיר האבען אבער א רעכט נאך א טריט ווייטער צו געהן. ס׳איז שוין פריהער וועגען דעם גערעדט געווארען, אז דער „ישראל" פון מערענפטאה׳ס אויפשריפט איז דאמאלסט געווען אין לאנד, קענטיג אויף דעם שפעטער אנגערופענעם בארג אפרים; אויך אז אין דרום האט יהודה שוין געהאט קרובים אינ׳ם לאנד. ביידע טיילען, יהודה און יוסף, האבען דערמיט שוין פאקטיש געהאט פעסטע פונקטען אויף וואס זיך צו שטיצען אין די געגענדען, צו וועלכע זיי האבען געשטרעבט. ווי נאר זיי האט זיך איינגעגעבען צו קומען אין באריהרונג מיט זייערע ברידער, איז א האלבע ארבייט שוין געווען אפגעטאן. וועגען דער עראבערונג פון אזא וויכ־טיגען פונקט ווי ש כ ם, און בכלל וועגען דעם מיטעלסטען טייל פונ׳ם בערגלאנד אין צפון־זייט פון בית־אל, ווערט אין אונזערע טעקסטען ניט דער־צעהלט. דאס איז מערקווירדיג, ווייל דא האנדעלט זיך גראד וועגען יענער געגענד, וואס קומט באזונדערס אין באטראכט אלס דאס לאנד פון יענעם

---

*) זעה וועגען די דאזיגע פארהעלטענישען אויבען ז. 162.

„ישראל". ס'איז גאַנץ מעגליך, אז דאָ זיינען פאָרגעקומען זאַכען, וועלכע די שפּעטערע היסטאָריקער האָבען בעסער געוואָלט אויסלאָזען. צו אז אמת'ער ע ר אָ ב ע ר ו נ ג פון באַרג אפרים איז עס, מעגליך, גאָר ניט געקומען. דאָס וואָס ווערט אונז דערצעהלט וועגען גבעון, האָט זיך דאַרטען געמעגט אָפּשפּי־לען זעהר אָפט. די מעשה פון גבעון וואָלט אויך ניט געבליבען אין תנ"ך, ווען זי וואָלט ניט איבערגעגעבען געוואָרען אין א מטושטש'ער פאָרם. אין שכם און אויף דעם בערגלאַנד פון אפרים זיינען די איינגעזעסענע אידען שוין געווען אזוי שטאַרק פאַרבונדען מיט די כנענים, אז זיי האָבען געקאָנט אונטערנעמען דורכצופיהרען א פרידליכע איינינונג צווישען זייערע ברידער וואָס שטעהען אין דרויסען און די איינוואוינער פון לאַנד, כדי צו פאַרשפּאָרען ביידע צדדים ערנסטע מלחמות. אסך זאַכען פון דער שופטים־צייט ווערען אונז פאַרשטענדליך דורך דער דאָזיגער הנחה.

## דער אופן פון אריינדרינגען.

אז יהושע'ס היסטאָרישע פּערזענליכקייט קאָן ניט באַזייטיגט ווערען דערמיט וואָס מ'נעמט איהם אויסשליסליך אלס גבור פון שבט אפרים, אדער גאָר אלס נאָמען פון א משפחה פון שבט אפרים, וועלכע איז געזעסען ארום תמנת־סרח (יהושע כ"ד 30), איז שוין אויבען דערקלערט געוואָרען אין צו־זאַמענהאַנג מיט דעם איבערבליק פון שופטים קאַפּ. א. וואָרים דאָס וואָס מ'האָט נאָך שפּעטער געוויזען זיין קבר אויף'ן באַרג אפרים איז א קנאַפּע ראיה. דערצו האַלט ניט אויס פון א קריטישען שטאַנדפּונקט דער יסוד גופא פון דער דאָזיגער הנחה, וואָס מיינט, אז אזוי ווי אין דעם עלטערען באַריכט פון שופטים קאַפּ. א שפּילט יהושע קיין שום ראָלע ניט איז זיין נאָמען דער־ריבער ערשט אויסגעטראַכט געוואָרען פון דעם אינגערען באַריכט פון ספר יהושע, וועלכער שטאַמט פון אפרים. דערמיט פאַלט אויך אוועק די מיינונג, אז דער גאַנצער ספר יהושע איז כלומר'שט געשאַפען געוואָרען פון דעם שפּע־טעריגען היסטאָריקער פון אפרים צוליב דעם אויסגעטראַכטען העלד פון זיין שבט. און וויבאַלד אז עס פאַלען אוועק די טענות, און מיר האָבען א צופרי־דענשטעלענדע דערקלערונג פאַרוואָס יהושע ווערט ניט דערמאָנט אין שופטים קאַפּ. א*). דאָן איז קיין גרונט ניטאָ ניט צו וועלען אנערקענען יהושע'ן אלס היסטאָרישע געשטאַלט. אדרבה, די אויפגאַבע וואָס איז פאַרגעשטאַנען

---

*) זעה וועגען דעם אויבען ז. 206, 207.

פאַר די אידען פאַרערט נאָך משה'ס טויט אַ נאָכפאָלגער פון דעם ערשטען פיהרער, וואָס זאָל אויף זיין אופן און אין זיין גייסט אַריינברייגען די אידען אין דאָס לאַנד וואו זיי האָבען געשטרעבט זיך צו באַזעצען.

יהושע איז פון שבט אפרים. ער שטעהט דעריבער אין אַ נאָהנטער שייכות צו זיין שבט. דאָך צו דרינגען דערפון, אַז יהושע, הגם אַ היסטאָרישע פּערזאָן, איז געווען ניט מעהר ווי אַ פירשט פון שבט אפרים, און ניט גלייכצייטיג דער פיהרער פון אַלע שבטים, האָט מען קיין רעכט ניט.

עס מעג דאָ נאָך אויפגעהויבען ווערען די פראַגע, פאַרוואָס יהודה האָט מיטגעוואַנדערט מיט משה'ן און יהושע'ן דורכ'ן עבר־הירדן און איז בעסער ניט אַריינגעדרונגען אין זייער געגענד דירעקט פון דרום. די דאָזיגע פראַגע פאָדערט דורכאויס אַן ענטפער, מחמת דאָס רוב געלעהרטע זיינען היינט גענייגט צו דער מיינונג, אַז יהודה איז טאַקע אַריינגעדרונגען דירעקט פון דרום.

וואָס עס באַשטימט מיך זיך צו האַלטען פעסט ביי דער אַנדערער מיינונג, איז די איינשטימיגע טראַדיציע, אַז ער איז געקומען אַהער פון צפון. דערזעלביגער גרונט וואָס פאַראורזאַכט משה'ן אויסצוקלייבען דעם וועג פון מזרח, האָט געמוזט אויך ווירקען ביי יהודה. די שווערקייט אַריינצודרינגען פון דרום און די מהומות וואָס זיינען אויסגעבראָכען אין מזרח האָבען קענטיק אָראָפּגעוואויגען די וואָגשאָל. אַלס צוגאָב נאָך האָט יהודה, כאָטש באַוואוסטזיניג פון זיין זעלבשטענדיגקייט, פאָרט געהערט צו דעם גרעסערן שבטים־בונד פון סיני. אונטער דער באַשיצונג פונ'ם גאַנצען כלל געהט ער דערפאַר אַריבער דעם ירדן און קומט צו ביז יריחו. פון דאַנעט אַן געהט ער זיין אייגענעם וועג און קעמפט פאַר זיך אַליין. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די דאַמאָלסטדיגע פאַרהעלטענישען פון כנען, לויט וועלכע אויך דער שונא איז באַשטאַנען דאָס רוב פון איינצעלנע פאַר זיך שטעהענדיגע שטעדט, אָדער פון פאַראייניגטע געגענדען.

איז אָבער יהושע דער פיהרער פון אַלע אידישע שבטים, וועלכע קומען פון מזרח־זייט פון ירדן, אַזוי לאַנג ווי זיי געהען צוזאַמען, דאַן האָט אויך ניט קיין אַנדערער ווי ער אָנגעפיהרט דעם אַריבערגאַנג איבער'ן ירדן און די עראָבערונג פון יריחו, אויך דעם אָפּמאַך וואָס די פאַרשידענע שבטים האָבען געשלאָסען פאַראויס וועגען די עראָבערונגען פון די פאַרשידענע געגענדען פון לאַנד, איידער יהודה האָט זיך אָפּגעשיידט.

מאַנכע פאַרשער האָבען געצווייפעלט ניט נאָר אין דער פּערזענליכקייט

פון יהושע. נאר בכלל אין דעם גאנצען אופן ווי אזוי עס ווערט פארגע־שטעלט אין אונזערע קוועלען פון תנ"ך דאס אריינדרינגען פון די אידען אין כנען. ניט אלס עראָבערער, מיינען אָט די פאָרשער, נאר פרידליך זיינען די אידען אריינגעקומען אין כנען. א לאנגע צייט פריהער האבען זיי זיך אויפגעהאלטען אין מזרח־זייט פון ירדן אלס נאמאדען. מיט דער צייט זיינען זיי אריבערגעגאנגען צו ערד־ארבייט, און זיי האבען געמוזט זוכען אן אפפלוס אין מערב־זייט פון ירדן. דורך קויף אדער אן אפמאך האבען איינצעלנע משפחות באקומען לאנד פון די עלטערע איינוואוינער. אויב זיי וואלטען אנגעהויבען מיט מלחמות, וואלטען זיי פון די העכער אנטוויקעלטע כנענים גאנץ לייכט צוריקגעשלאגען געווארען. מיט דער צייט האט איין משפחה נאך דער אנדערער אריבערגעוואנדערט. וואוינענדיג צווישען די כנענים האָ־בען זיך די אידען צום טייל פארשמאלצען מיט זיי און האבען אריבערגע־נומען זייער קולטור און זייערע הייליגע ערטער. נאר די רעליגיאָן איז געווען די אידישע, און דעריבער איז דאס מיש־פאלק סוף כל סוף געווען א אידישער טיפּ. די שטעדט האבען לענגער געקאנט ווידערשטעהן געגען דער דאזיגער פרידליכער עראָבערונג. אויך זיי ווערען נאר צום טייל איינגענומען מיט גע־וואלד. ערשט אין דער צייט פון דער מלוכה הייבט זיך אן א געגענזייטיגע שנאה צווישען די ביידע טיילען פון דער באפעלקערונג, און ערשט דאן קומט עס סוף כל סוף צו דער אונטעריאכונג פון דער עלטערער באפעלקערונג.

מ'מוז צוגעבען, אז אין דער דאזיגער שילדערונג ווערט ריכטיג באַ־טאָנט פון איין זייט דער פאקט, אז די אידען זיינען ניט מיט געוואלד א ל י י ן געווארען די באלעבאטים פון זייער לאנד. דאס פרידליכע לעבען פון די אידען און די כנענים, איינע נעבען די אנדערע, ווי מיר זעהען עס אין דער שופטים־צייט, איז א קלארער באווייז פאר דעם. א צווייטער באווייז איז דער פאקט, וואס הגם די אידען האבען ניט עראָבערט זייער גאנץ לאנד אונ־טער יהושע'ן, דאך האבען זיי שפעטער געפיהרט גאנץ ווייניג מלחמות מיט די כנענים. דערצו נאך קאן מען פון גאנץ אנדערע באטראכטונגען קומען צו דער השערה, אז די אידען זיינען אריינגעדרונגען אין מאנכע געגענדען אויף א פרידליכען וועג. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם איז א גרויסע פראגע, אויב דאס אריינדרינגען פון די אידען אין מערב־זייט פון ירדן איז אין אנהויב פארגעקומען דורך א פרידליכען אפמאך און ערשט שפעטער, און נאר אין פאראיינצעלטע פאלען — דורך געוואלד. די טראדיציע וועגען דעם, ווי מיר געפינען זי אין די פשוט'ע מיטטיילונגען אין שופטים קאפ. א. און אויך אין ספר יהושע, טראגט פארט אויף זיך צופיעל דעם שטעמפעל פון ידיעות

וואס זיינען געשעפט פון דער ווירקליכקייט, אז מיר זאלען זיי קאנען באזיי־טיגען אהן שטארקע ראיות.

מ'טאר אויך ניט מגזם זיין דעם פרידען וואס האט געהערשט צווי־שען ביידע באפעלקערונגען. די אומפעהיגקייט ארויסצושטופען די באפעל־קערונג פון לאנד האט געצוואונגען די אידען זיך מיט זיי צו פארטראגען. אויף אזוי ווייט זעהען מיר אפט צווישען זיי קיין שטארקע שנאה ניט. ווען מיר ווייסען אבער, אז אזוי גיך ווי די אידען זיינען נאר געווען בכוח, האבען זיי אומעטום אונטעריאכט די עלטערע באפעלקערונג (שופטים א 27—35). זעהען מיר דערפון קלאר, אז דאס לעבען בשלום איז געווען וועניגער א פרינ־ציפ ווי א צייטווייליגע נויט. דאס וואס די אונטעריאכונג איז דורך שלמה'ן פולשטענדיג דורכגעפיהרט געווארען (מלכים א, ט 21), באווייזט נאך לחלוטין ניט, אז דאס האט זיך ניט אנגעהויבען שוין א צייט פריהער. אדרבה, דער אומשטאנד וואס שוין שאול נעמט אן שטרענגע מיטלען געגען די גבעונים וואס זיינען אין אונטערשייד פון אנדערע פון זייער גלייכען געשיצט דורך אן אפמאך, גיט אונז א קלארע אנדייטונג, אז ער האט דערמיט נאכגעגעבען א שטרעמונג, וואס איז לאנג שוין באשטאנען צווישען די נאציאנאל־געזונענע עלעמענטען (שמואל ב, כ"א 2).

דער איינציגער גרונט וואס קאן געמאכט ווערען פאר דער אויסשליסליך פרידליכער באזעצונג איז דאס וואס די כנענים זיינען לפי ערך געווען שטאר־קער פאר די אידען, ווי מ'געפינט עס אויסגעדריקט אין מאנכע שטעלען. דאס אבער קאן אונז ניט שטעהן אין וועג, ווען מיר האלטען אין זינען, אז די אידען האבען טאקע ניט געקאנט איינגעמען די שטעדט און די טאלען. דורך דעם איז שוין טאקע פון זיך אליין געווארען נויטיג דאס שפעטערדיגע וואוינען איינע ביי די אנדערע פרידליך דורך אן אפמאך. אזוי ווי די אידען זיינען אין א געוויסער מאס געווען פאראייניגט, האבען זיי געמוזט פארשטעלען א באדייטענדע מאכט געגען די צעפיצעלטע און צע־ריסענע כנענים. דערצו נאך זיינען די כנענים שוין געווען אפגעשוואכט דורך דער מאראלישער הפקרות פון אן אלטען ציוויליזירטען לעבען*). זיי האבען אריבערגעוואויגען די אידען ניט מיט זייער נאטירליכער קראפט, נאר מיט א העכערער קריגס־קונסט, בעת די אידען האבען פארגעשטעלט מיט זיך א נאך ניט פארדארבען פאלק אין זיין פרישער יוגענד־קראפט וואס איז איינגעוועהנט צו א הארטען קאמף און צו שווערער דחקות. דארטען וואו זיי

*) זעה אויבען ז. 99 און 141.

האָבען געקעמפּפט מיט גלייכע כלי־זין, האָבען די אידען ניט באַדאַרפט מורא האָבען זיך צו שטעלען אנטקעגען די כנענים.

## די איינצעלנע געשעהעגישען.

עס איז איצט מעהר ניט שווער צו אורטיילען וועגען דעם היסטאָרישען אינהאַלט פון דער וויטערדיגער דערצעהלונג. די באַריכטען מכוח דעם אריבערגאַנג איבער'ן ירדן און דער עראָבערונג פון יריחו אנטהאַלטען אפילו אין זיך מאַנכע סתירות, אָבער אין די הויפּט־שטריכען גיבען זיי אונז דאָך א קלאָר בילד פון די געשעהענישען. די אידען זיינען לויט דעם אריבערגעגאַנגען דעם ירדן ביי ג ל ג ל, קענטיג ניט ווייט פון דעמזעלביגען אָרט, וואו מ'געהט איהם נאָך היינט אריבער, און האָבען איינגענומען י ר י ח ו. אויף וואָס פאַר אַ אופן און אין וואָס פאַר אַ סדר די פּרטים פון אָט דיביידע געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען, לאָזט זיך היינט ניט מעהר פעסטשטעלען. דער אומשטאַנד וואָס די דאָזיגע פּאַסירונגען זיינען פאַרבונדען מיט גאָט'ס וואונדער, ווייזט אונז בלויז, אז די אידען האָבען געטראָגען אין זיך דאָס באַוואוסטזיין, אז גאָט'ס וואונדערליכע הילף איז אין אַ באַזונדערער גרויסער מאָס זיי ביי געשטאַנען ביי דער דאָזיגער וויכטיגער התחלה פון זייער אריינדרינגען אין כנען. דאָך גיט דאָס אונז קיין רעכט ניט צו דערקלערען דעם עצם פון דער זאַך אלס דיכטונג*).

וואָס יריחו האָט פאַר יענער צייט באַדייט, האָבען אונז ערשט געוויזען די נייעסטע אויסגראָבונגען. דער דאָפּעלטער מויער־גאַרטעל וואָס האָט ארומגערינגעלט די שטאָדט און די מעכטיגע טויערן האָבען געמאַכט די שטאָדט, וועלכע מ'האָט געקאָנט זעהן פון ווייט ארום, פאַר איינע פון די

*) מאַנכע פאָרשער געפינען אין דעם אריבערגאַנג איבער'ן ירדן בלויז די אָפּשפּיגלונג פונ'ם דורכגאַנג דורכ'ן ים־סוף. לאָגישער וואָלט אָבער זיין אומגעקעהרט, אז דער דורכגאַנג דורכ'ן ים־סוף זאָל זיין גענומען פון דעם אריבערגאַנג איבער'ן ירדן. וואָרים אויב עפּעס וואָס איז זיכער אין אָט דעם פּרט, איז עס דער פאַקט, אז די אידען זיינען אמאָל געקומען פון יענער זייט ירדן. ריכטיג איז אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, אַז מ'האָט זיך שפּעטער ניט געקאָנט אנדערש פאָרשטעלען די זאַך ווי נאָר נאָך דער אויסמאָלונג פונ'ם דורכגאַנג דורכ'ן ים־סוף, וואָס שטאַמט פון אַ שפּעטערדיגער צייט.

פעסטונגען, וואס מ'האט לויט דעם באגריף פון יענער צייט בשום אופן ניט געקאנט איינגעהמען. און דאס וואס זי איז פארט אריינגעפאלען איז די אידישע הענט, האט געמוזט געשעהן ענטוועדער דורך אן ערפאלגרייכען פלוצליכען איבערפאל, אדער דורך גינסטיגע אומשטענדען פון א באזונדערער זארט, פיליכט אן ערד־ציטערניש. אין ביידע פאלען איז עס קיין חידוש ניט וואס מ'האט דערין געזעהן יהוה'ס מעכטיגע האנט, וועלכע האט געמאכט פאלען די אומבאצווינגליכע מויערן פון יריחו.

דער דירעקטער המשך פון דעם אריבערגאנג איבער'ן ירדן איז די דערצעהלונג פון דער באשניידונג. אויך אין דעם וועט מען מוזען זעהן א היסטארישע ערינערונג איבערגעגעבען אין א גאנץ פרייער פארם. מ'קאן קוים אננעמען, אז גראד דער אויגענבליק, ווען מען איז געשטאנען ביי די טויערן פון דער פעסטונג פון יריחו, איז דערצו אויסגענוצט געווארען צו שטעלען אין געפאהר אויף עטליכע טעג די העלדישקייט פון די אידען. די טראדיציע שטעהט דא ניט אויפ'ן ריכטיגען ארט. עס מעג אבער זיין ריכטיג, אז די באשניידונג איז ערשט איצט געווארען אלגעמיין ביי אידען; און אויך אז גלגל איז געווען איינע פון די הייליגע ערטער וואו עס פלעגט פארקומען די צערעמאניע מיט די אידישע אינגלעך*). דאס וואס מאנכע קוועלען פון חומש שרייבען צו דעם מנהג פון ברית־מילה שוין צו אברהם'ס און משה'ס צייט (בראשית י"ז; שמות ד 25), לאזט זיך דערקלערען על־פי השערה, אז אונטער'ן עגיפטישען איינפלוס האבען מאנכע איינצעלנע אידישע משפחות און איינצעלנע כנענים אנגענומען דעם מנהג; אבער ערשט נאך דעם איינגעמען פון יריחו איז ער אלגעמיין דורכגעפיהרט געווארען. אז די באשניידונג איז ניט ערשט ניי אויפגעקומען אין משה'ס אדער נאך משה'ס צייט, נאר איז שוין דעם פאלק באקאנט געווען פון פריהער, ווערט באשטעטיגט פון דעם פאקט, וואס דאס ווערט ניט באפוילען אין דער געזעצגעבונג, נאר עס ווערט אנגענומען אלס א מנהג פון לאנגע צייטען. דערמיט שטימט אויך דער אומשטאנד וואס אין דער צייט פון נאך משה'ן איז שוין די באשניידונג געווען אן אלגעמיינער מנהג ביי די כנענים און זיי ווערען דעריבער קיינמאל ניט אנגערופען „ערלים" ווי אשטייגער די פלשתים (שמואל א, ל"א 4; שמואל ב, א 20). אויב די אידישע שבטים האבען שוין פריהער

*) „דאס בערגיל פון די פארהויטען" („גבעת הערלות") האט פיליכט שוין פון פריהער געהאט זיין נאמען, און די אידען האבען דא נאר איבערגענומען דעם כנעני'שען הייליגען מנהג פון יענעם ארט.

געהאט באציהונגען צו כנען, דאן האבען זיי שוין דאמאָלסט אנגענומען דאָרטען יענעם מנהג*).

מיט דער עראָבערונג פון יריחו האָט, לויט דעם עלטערען באריכט, זיך געענדיגט יהושע'ס פיהרערשאפט איבער אלע אריינדרינגענדע שבטים. יהודה שיידט זיך פון איצטער אָן פון די איבעריגע שבטים און עראָבערט מיט שמעון'ס הילף זיין געגענד. דער אופן ווי עס ווערט באשריבען יהודה'ס מלחמה געגען אדוני־בזק; די שילדערונג ווי כלב האָט איינגענומען חברון און עתניאל דביר; די אָפענע דערקלערונג, אז יהודה איז געווען צו שוואַך געגען די איינוואוינער פון טאָל און געגען די פעסטע מויערן פון יבוס; די באשרייבונג פון די העלדען כלב און עתניאל; די אריינפלעכטונג פון דער עכסה־געשיכטע, וועלכע פארהערליכט ריטערליכקייט און פרויען־שענקייט — דאָס אלצדינג טראָגט אויף זיך אזוי שטאַרק די פאַרב פון לעבען, אז מ'האָט קיין רעכט ניט צו צווייפלען אין דער היסטאָרישער ווירקליכקייט פון דער גאַנצער זאַך. נאַטירליך איז דאָ ניט יעדער איינצעלנער שטריך היסטאָריש. אבער די פאַקטען גופא וואס ליגען דא צו גרונט: יהודה'ס אריינדרינגען אויפ'ן בארג פון צפון אהער, און די העלפענדע האנט פון כלב און עתניאל און אויך שמעון זיינען היסטאָרישע פאַקטען.

יהושע — פון איצט אָן נאָר נאָך דער פיהרער פונ'ם הויז יוסף און פון די שבטים, וואס האָבען זיך פאַרלויפיג אנגעשלאָסען אָן יוסף'ן, ווענדט זיך געגען דעם בערגלאַנד פון אפרים און עראָבערט ע י און ב י ת ־ א ל. די באריכטען וועגען דעם האָבען דערהאַלטען די ערינערונג, אז פאַר דער עראָבערונג פון ע י האָבען די אידען געליטען א נידערלאַגע און די שטאָדט איז דאן גענומען געוואָרען דורך א קלוגען איינפאַל; אויך אז בית־אל איז געפאַלען אין די הענט פון די עראָבערער דורך דער מיטווירקונג פון אן איינוואוינער פון שטאָדט. ווי ווייט מ'קאָן טרויען אזעלכע עפּיזאָדען ווי די צו לעצט דערמאַנטע דערצעהלונגען, איז אן אנדער פראַגע. אבער דער פאַקט פון דער עראָבערונג פון די שטעדט הענגט פון זיי ניט אָפּ.

נאָכדעם ווי יהושע האָט פאַרנומען, וואהרשיינליך דורך אָפּמאַכונגען מיט די אנדערע איינוואוינער, אונטער'ן איינפלוס פון די שוין דאָרטען באזעצטע

*) אוראַלט איז דער מנהג פון מילה ביי די עגיפּטער, און דאָס איז דער פשט פון „היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם“ (יהושע ה 9). עס הייסט: איהר וועט שוין מעהר ניט זיין צו שאַנד ביי די עגיפּטער דערמיט וואָס איהר זייט אומבאַשניטען.
ת. ש.

ישראל־לייט. דאס בערגלאנד פון אפרים ביז געגנט שכם — שכם גופא קענטיג אריינגערעכענט — האט ער זיך הפנים נאך אמאל צוריקגעקעהרט מיט די זייניגע קיין גלגל. אט דא זאלען עס די שלוחים פון גבעון און איהרע טעכטער־שטעדט האבען אפגענארט די אידען. עס איז ניט גאנץ לייכט אריינצופאסען די דאזיגע דערצעהלונג אינ'ם צוזאמענהאנג פון די געשעהע־נישען פון יהושע'ס צייט. אבער פארשער נעמען דעריבער אן, אז דער בונד מיט גבעון איז פארגעקומען ערשט אין דער שפעטערדיגער שופטים־צייט, אדער גאר ערשט קורץ פאר שאול'ן.

א הויפט־גרונט פארוואס דער בונד מיט גבעון זאל האבען פארגעקומען אין א שפעטעריגער צייט, איז דאס וואס זיי ווערען געמאכט פאר קנעכט פונ'ם הייליגטום: פאר האלץ־העקער און וואסער־שעפער אין גאט'ס הויז. דאס, מיינען מאנכע פארשער, האט ניט געקאנט פארקומען פאר שלמה'ס צייט, ווארים ערשט ער האט אונטעריאכט די איבערגעבליבענע פון די על־טערע איינוואוינער, בעת אונטער דוד'ן האבען די גבעונים נאך געהאט זייער פולע פרייהייט. דער דאזיגער ארגומענט אבער האט א יסוד נאר ווען מ'נעמט אן, אז דער מזבח אין ירושלים איז עס געווען דאס הייליגטום וואו די גבעונים זיינען געווען קנעכט פון אנהויב אן. די גבעונים האבען, נא־טירליך, געקאנט ווערען קנעכט אין ירושלים נאר נאכדעם ווי די כנענים זיינען פון שלמה'ן איבער געוואלד אונטעריאכט געווארען. אבער איידער דער בית המקדש איז געבויט געווארען אין ירושלים איז א לאנגע צייט פריהער שוין געשטאנען א באריהמטע „במה" אין גבעון. גראד די געשיכטע פון שלמה'ן ווייזט אונז וואס פאר א באדייטונג אט דאס הייליגטום האט געהאט ביז אויף זיין צייט (מלכים א, ג 4). עס לעגט זיך דערפאר בעסער אויפ'ן שכל, אז די גבעונים זיינען אט דא גופא, אויף זייער אייגענעם ארט, געווארען יהוה'ס קנעכט. נאכדעם ווי דער בית המקדש אין ירושלים האט פארנומען דעם ארט פון דעם הייליגטום אין גבעון, זיינען דאן די גבעונים דורך שלמה'ן אריבערגענומען געווארען אין ירושלים.

אויב דאס איז דער פאל, דאן האט דער בונד שוין געהאט אין שאול'ס צייט הינטער זיך א לאנגע פארגאנגענהייט. די גרויסע במה פון גבעון ווערט דאס אייגענטום פון ישראל און פון יהוה. די איינוואוינער פונ'ם ארט ווערען, אלס „יוצא מן הכלל", געשאנעוועט און מעגען בלייבען אין זייערע אלטע היימישע פארבאנדען, דערפאר אבער ווערען זיי געשאנקען יהוה אלס קנעכט. אזא זאך קאנען מיר זיך גאנץ גוט פארשטעלען אין יהושע'ס צייט. מיט דעם שטימט אויך דאס וואס די דערקלערונגען וועגען

די דאָזיגע באַציהונגען, אין וועלכע גבעון איז שפּעטער געשטאַנען צו די אידען, מאַכט בשום אופן ניט דעם איינדרוק, אַז יענער בונד איז ערשט אונטער שאול'ן אָדער קורץ פאַר איהם געשלאָסען געוואָרען. גיכער ווערט דער בונד באַטראַכט אַלס עפּעס אַזוינס וואָס עקסיסטירט שוין פון אַלטע צייטען אָן, אַלס אַ בונד וואָס די קינדער פון ישראל האָבען אַמאָל געשלאָסען, און איז איצט, נאָכדעם ווי ער איז שוין באַשטאַנען אַ פּאָר הונדערט יאָהר, פון שאול'ן מוטוויליג געבראָכען געוואָרען (שמואל ב, כ"א 2).

אַז יהושע זאָל האָבען צוגעשטימט צו אַן אָפּמאַך מיט גבעון, איז זעהר וואַהרשיינליך, נאָך דעם וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט על־פּי השערה וועגען יהושע'ס האַלטונג געגענאיבער דער געגענט פון שכם*). ווייבאַלד די כוחות האָבען ניט געקלעקט צו נעמען אַלץ מיט געוועהר אין די הענט, האָט יהושע געמוזט זוכען פרידליכע אָפּמאַכונגען דאָ און דאָרטען. עס לעגט זיך דעריבער ניט אויף'ן שכל, אַז די גבעונים זאָלען האָבען מיט פאַלשקייט אָפּגענאַרט יהושע'ן און די אידען. די רמאות פון גבעון מעג געהערען צו אַ שפּעטערדיגער לעגענדע, וועלכע האָט געזוכט צו אַנטשולדיגען דעם בונד. דער בונד גופא אָבער איז אַלט און קאָן באַוויזען ווערען דורך אַן אינערליכער וואַהרשיינליכקייט.

צו אַלעדינג קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס אין יהושע'ס צייט איז ביי גבעון פאָרגעקומען אַ באַדייטענדע שלאַכט, וועלכע די טראַדיציע ברייננגט אין אַ דירעקטען צוזאַמענהאַנג מיט דעם בונד וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען ישראל און גבעון. אויב יענע מלחמה זאָל זיך אַרויסווייזען אַלס היסטאָריש, דאַן האָבען מיר לחלוטין ניט מעהר וואָס צו צווייפלען אין דעם בונד. מיר וועלען דערפאַר איצט אונטערזוכען די שלאַכט ביי גבעון.

## 4.

## די פּאַסירונגען נאָך דעם בונד מיט גבעון.

### די שלאַכט ביי גבעון.

אין דער דערצעהלונג, וועלכע שטעהט אין ספר יהושע גלייך נאָך דעם בונד מיט גבעון, איז אַריינגעוועבט אַ פראַגמענט פון אַן אַלטען ליד באַגלייט פון אַ קורצען טעקסט.

---

*) זעה אויבען ז. 214, 215.

„דאמאָלסט האָט יהושע גערעדט צו יהוה, אין דעם טאָג ווען יהוה האָט אי־בערגעגעבען דעם אמורי פאר די קינדער פון ישראל, און ער האָט געזאָגט פאר די אויגען פון ישראל:

„זון, שטעה שטיל אין גבעון,
און לבנה אין טאָל אילון".
און די זון איז שטיל געשטאַנען,
און די לבנה איז שטעהן געבליבען,

ביז דאָס פאָלק האָט נקמה גענומען פון זיינע פיינד. דאָס שטעהט גע־שריבען אין „ספר הישר". און די זון איז געשטאַנען אין האַלבען הימעל און זיך ניט געאיילט אונטערצוגעהן א גאַנצען טאָג. און ס'איז ניט געווען אזא טאָג ווי יענער ניט פאר איהם און ניט נאָך איהם, אַז יהוה זאָל צוהערען די שטים פון אַ מענשען; ווארים יהוה האָט מלחמה געהאַלטען מיט ישראל" (יהושע י 12-14).

מיר מוזען קודם כל ארונטערנעמען די הוספה אין פראזא, וועלכע איז צו־געשטעלט געווארען נאָכ'ן ליד שפעטער. עס בלייבט אונז דאן א שטיק פון אן אלטען גרעסערען ליד. דער אנהויב „דאמאלסט" לאָזט קיין ספק ניט צו, אז דאָס ליד איז דאָ פארבונדען מיט פאראויסגעהענדע געשעהענישען. דאָס וואס מיר האבען פאר אונז, זעצט זיך בכן צוזאמען פון צוויי שטיקער: יהושע'ס שפרוך גופא און דער טייל פונ'ם דערצעהלענדען ליד, אין וועלכען דער שפרוך איז אויפגענומען געווארען. לויט דעם כאראקטער פונ'ם ליד און לויט דעם בוך, פון וועלכען עס ווערט ציטירט*), דארפען מיר דרינגען אויף אן אלטען נצחון־געזאנג עהנליך צו דבורה'ס ליד און צו אנדערע עהנ־ליכע שלאכט־געזאנגען פון דער צייט פון די אידישע העלדען־מלחמות.

וואס זאגט דאָס ליד? עס דערצעהלט, אז אין א מאמענט פון א שלאכט ביי גבעון האט יהושע זיך געווענדט מיט א שפרוך צום הימעל, מיט וועלכען ער האט אפגעשטעלט די זון און די לבנה. אט די לעצ־טע זיינען שטעהן געבליבען ביז די פארפאלגונג פון די פיינד האט גענומען א סוף.

*) דאָס ליד ווערט ציטירט פון „ספר הישר", דאָסזעלביגע בוך, פון וועלכען עס ווערט אויך ציטירט דוד'ס קלאג־ליד אויף שאול און יהונתן (שמואל ב, א 18). דאָס איז געווען אן אלטע זאַמלונג פון לידער. א צווייטע זאַמלונג פון לידער, אן עהנליכע צום „ספר הישר", ווערט ציטירט אין חומש במדבר (כ"א 14) אונ־טער'ן נאָמען „ספר מלחמות יהוה".

ת. ש.

אזוינע זאַרטע לעגענדע זיינען פאַראַן אסך. אַפּשפּרעכונגען און באַשווערונגען פון די שטערן קומען פאַר אומעטום, וואו מענשען שטעלען זיך פאָר, אַז די שטערן האָבען א נשמה און עס האַלטען זיך אויף אין זיי גייסטיגע מהות'ן. וואָס עס איז באמת פאָרגעגאַנגען אין דער נאַטור, אָדער וואָס עס האָט געקאָנט פאַראורזאַכען אזא לעגענדע, דאָס קאָנען מיר ניט וויסען. אָבער ווען ניט לאַנג נאָכהער ביי דבורה'ן פאַרלאָזען די שטערן זייערע שטעגען כדי אנטייל צו נעמען אין דער שלאַכט געגען סיסרא'ן און זייער אנטייל דריקט זיך אויס אין א שרעקליכען שטורם און א וואָלקענברוך, דאַן באַקומען מיר פאַר אונז אָנגעוויזען א וועג. אָט דאָ דערצעהלט דער באַריכט פון א געוואַלדיגען האָגעל, וואָס האָט פאַרטיליגט די פיינד. אויסער־געוועהנליכע געשעהענישען אין דער נאַטור קומען בכן אויך דאָ פאָר און אין זיי זעהט מען זיכער ווי די הימלישע כוחות קעמפען מיט לטובה פון ישראל.

מאַנכע פאָרשער נעמען אָן, אַז דאָס ליד גיט בלויז א פּאָעטיש בילד, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט דער וואונש, אַז דער אָווענד זאָל אזוי גיך ניט קומען, כדי מ'זאָל ניט דאַרפען אָפּהאַלטען אין מיטען די פאַר־פאָלגונגען פונ'ם פיינד. אָבער וויפיעל מ'זאָל ניט אנערקענען דעם פּאָע־טישען כאַראַקטער פונ'ם ליד, קאָן מען אָבער פאָרט ניט צווייפלען, אַז עס רעדט זיך אין איהם פון אַן אמת'ער פּאַסירונג. דערצו נאָך לאָזט זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען עפּעס אַן ערשיינונג אין דער נאַטור אין פאַרבינדונג מיט דעם האָגעל, פון וועלכען עס ווערט דאָרטען דערצעהלט.

מיט דער משונה'דיגער ערשיינונג אין הימעל איז אָבער פאַרבונדען די נאָכריכט וועגען א שלאַכט וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער געגענד ביי גבעון און אילון. די שפּעטערדיגע טראַדיציע, לויט ווי דער דערצעהלער גיט זי איבער, האָט יעדענפאַלס ריכטיג דערהאַלטען די סיבה פון דער דאָזיגער שלאַכט. לויט דעם האָט דער אָפּמאַך פון גבעון מיט ישראל ארויסגערופען די אומצופרידענקייט פון די איבעריגע כנענים און האָט זיי פאַראורזאַכט זיך צו פאַרבינדען כדי נקמה צו נעמען פון גבעון. די אידען אונטער יהושע'ן קומען גבעון צו הילף און צעשלאָגען די פאַרבינדעטע. די פאַרפאָלגונג פון די אנטלויפענדע פיינד ווערט באַזונדערס באַגינסטיגט דורך א שרעקלי־כען וועטער וואָס האָט אונטערדעסען אויסגעבראָכען.

בזז אהער לאָזען די איבערגעגעבענע פאַקטען זיך ארויסנעמען פונ'ם ליד אָהן ערנסטע שוועריקייטען. די שוועריקייט, דוכט מיר, הייבט זיך ערשט אָן, ווען מיר פרעגען מכוח די נעמען פון די פאַרבינדעטע און פון וואַנעט זיי שטאַמען. עס האַנדעלט זיך נאָך דער דערצעהלונג וועגען א פאַראייניגונג

פון כנעני׳שע פירשטען, וואס אין זייער שפּיץ שטעהט דער קעניג אדוני־צדק פון ירושלים. צו איהם שליסען זיך אן חברון, ירמות, לכיש און עגלון. גבעון רופט צו הילף יהושע׳ן, וועלכער קומט באלד פון גלגל. ער איבערראשט די פיינד, צעשלאגט זיי ביי גבעון און פארפאלגט זיי צו בית־חורן צו. בשעת זיי ווילען אנטלויפען דורך דעם שיפּוע פון אויבערכטען צום אונטערסטען בית־חורן, טרעפט זיי יהוה׳ס האגעל און טויטעט זעהר פיעל פון זיי. די פארפאלגונגען וואס האט זיך נאך לענגער געצויגען און די וויטערע הילף וואס יהוה האט געשיקט באשרייבט דאן דאס ליד*).

אין די פּרטים פון דער דערצעהלונג איז פאראן א הארבע קשיה. חברון, ווי מיר ווייסען, איז שוין לאנג ערֿאבערט געווארען פון יהודה**). דער מלך פון חברון האט בכן ניט געקאנט נעמען קיין אנטייל אינ׳ם בונד. עס ווערט דערמיט צוגעגעבען, אז די שלאכט ביי גבעון, ווייל זי איז געווען אזא גלענצענדער און פיעל באזונגענער נצחון, האט שוין אין דער עלטערער צייט געפיהרט צו א געוויסער פארברייטערונג אין דער טראדיציע פון די אורשפּרינגליכע פאקטען. פון דער אנדערער זייט אבער האט מען קיין רעכט ניט צו דערקלערען צוליב חברון די גאנצע דערצעהלונג פון דעם בונד פון די מלכים געגען יהושע׳ן אלס היסטאריש ניט ריכטיג. איינמאל האבען די מלכים פון כנען אין א מאמענט פון געפאהר פארט גענוזט פרואווען פארגעסען די אלטע קריגערייען, כדי זיך אפּצואוועהרען פון די נייע אריינדרינגענדע אידען. פונקט ווי דאס איז געמאכט געווארען אונטער סיסרא׳ן מיט א צייט שפּעטער. פאקטיש צו שפּעט, אזוי האט דאס אויך איצט געקאנט אונטערנומען ווערען. דאס וואס די לעגענדע האט פארגרעסערט דעם אידישען נצחון דערמיט וואס זי האט צוגעצויגען נאך אנדערע געגנער, קאן דעם פאקט גופא ניט שטעלען אין א צווייפעל.

ווי גרויס ס׳איז געווען דער ערפאלג פון דער שלאכט ביי גבעון, קאנען מיר אבער ניט באשטימען. וועגען איינגעמען דעם דרום און זיינע באפעסטיגטע שטעדט ווערט אינ׳ם עלטערען נוסח פון ספר יהושע ניט גע־

*) אנהויבענדיג פון דאס ניי און נאכפאלגענדיג אן אנדער קוועלע דערצעהלט דאן דערזעלביגער קאפּיטעל באריכות וועגען הער פארטזעצונג פון דער פארפאלגונג ביז צו מקדה און וועגען דער הינריכטונג פון די פינף פארבינדעטע מלכים אין א היהל נעבען מקדה (יהושע י 16—28).

**) פונקט אזוי אויך דביר, וואס איהר ערֿאבערונג ווערט אויך אין זעלביגען קאפּיטעל צוגעשריבען צו יהושע׳ן (י 38, 39).

זאָגט*). די עראבערונג פונ'ם דרום איז געווען די עובדא פון יהודה און שמעון. חברון און דביר זיינען פון זיי איינגענומען געווארען. די איבעריגע שטעדט אבער שווערליך איצט.

## די איבעריגע ידיעות.

נאָך איין לעצטער מיליטערישער אויפטו ווערט מיטגעטיילט פון דער טראדיציע. ביים אנדערען ענד פון כנען, ווייט אין צפון, פארבינדט זיך יבין דער קעניג פון חצור מיט א צאָהל צפון־כנעני'שע מלכים צום קאמף געגען יהושע'ן. זיי לאגערען ביי די וואסערען פון מרום. אויף יהוה'ם באפעהל איבערפאלט דאָ יהושע פלוצלונג די פיינד און פארטיליגט זיי (יהושע י"א).

א היסטארישער יסוד דארף אויך פאר אט דעם באריכט אנגענומען ווערען, כאָטש געגוי וואס דארטען איז פארגעקומען לאָזט זיך מעהר ניט פעסטשטעלען. עס איז גאנץ מעגליך, אז אויך נאָך דער עראָבערונג פונ'ם צענטראלען טייל פון לאנד — פיליכט א רעכטע צייט נאכדעם — האָט נאָך יהושע געהאט א געלעגענהייט צו פיהרען איינצעלנע מלחמות מיט די כנענים פון צפון.

דאָ פארלאָזט אונז די געשיכטע פון דער עראָבערונג. דאָס וואס עס ווערט נאָך ווייטער דערצעהלט שטאמט שוין פון שפּעטערדיגע באארבייטער, וועלכע געהען ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז יהושע האָט איינגענומען און אונטעריאכט דאָס גאנצע לאנד פון ברעג צו ברעג. ווען מיר ווילען וויסען דעם רעזולטאט פון יהושע'ס עראָבערונגען, מוזען מיר זיך גיכער ווענדען צו אונזער עלטערען באריכט וואָס מיר האָבען אויבען באהאנדעלט. יהושע'ס לעבענסווערק ווערט דערמיט שטארק פארלארען אין דער טונקעלקייט פון דער לעגענדע. ווי וואהרשיינליך עס זאל ניט זיין, אז ער גופא געהערט צו דער געשיכטע, לאָזט אבער די אומזיכערקייט פון מאנכע טיילען פון דער טראדיציע וועגען איהם קיין גאנצען בילד פון זיינע אויפטואונגען ניט. דאך לאָזט זיך פון איהם זאגען, אז ער האָט אפגעטאָן די אר־

---

*) וואו דאָס ווערט יאָ אָנגעגעבען, איז עס אַ טעות פון אַ שפּעטערדיגען באַארבייטער (י 28—40). צווישען די שטעדט וואָס זייער עראָבערונג ווערט דאָרטען צוגעשריבען יהושע'ן, שטעהען ניט בלויז חברון און דביר, נאָר אויך גזר, אַ כנעני'שע שטאָדט, וועלכע איז ערשט עראָבערט געוואָרען דורך פרעה'ן אין שלמה'ס צייט (מלכים ב, ט 16).

בייט וואס משה האט איהם איבערגעלאזען, דערמיט וואס ער האט אויף אזוי־פיעל עראבערט און באזעצט דאס לאנד, אז די צוקונפט פון די אידען איז דארטען געווען פארזיכערט.

דער לעצטער קאפיטעל פון ספר יהושע דערצעהלט ווי יהושע האט פאר זיין טויט פארזאמעלט ארום זיך אין שכם אלע שבטים, כדי צו באנייען דעם בונד מיט יהודה און זיי מתרה צו זיין, אז זיי זאלען זיך ניט אפקעהרען פון איהם צו פרעמדע געטער. אויב ס׳איז ריכטיג וואס מיר האבען אויבען געזאגט על־פי השערה, אז די אידען זיינען אריינגעקומען אין שכם און אין דער געגענד ארום דורך א פרידליכען אפמאך, וואס יהושע האט געשלאסען, דאן קאן עס געמאלט זיין, אז דא ליגט א געוויסער פאקט אלס יסוד. אויף׳ן זעלביגען אופן ווי די אידען זיינען געוועהנט געווען פון קדש און דעם בארג סיני, האט איצט יהושע באנייט דעם בונד מיט יהוה אין סאמע הארץ פונ׳ם ניי געוואונענעם לאנד, אין אן ארט וואו עהנליכע מנהגים האבען שוין עקסיסטירט פון אלטע צייטען אן. עס קאן אויך זיין, אז מיר האבען שוין דא דעם שורש פונ׳ם מנהג וואס מיר געפינען אין שפעטערע צייטען אין שכם פארצולייענען געוויסע געזעצען און פארשילטען דערביי די וואס וועלען זיי ניט פאלגען (יהושע כ״ד; דברים כ״ז).

מיר טארען אבער דא ביים סוף ניט פארגעסען, אז גראד אין דער צייט ווען די אידען באזעצען זיך און הייבען אן זיך איינצולעבען אין זייער לאנד, רעדט רעמסס דער דריטער ווי פון א זעלבסטפארשטענדליכער זאך, אז די איינוואוינער פון סיריען שיקען זייער טריבוט קיין עגיפטען און אז די עגיפטישע טעמפלען האבען אט א דא זייער אייגענטום און שטעדט וואס געהערען צו זיי*).

מ׳קאן זיך פון דעם משער זיין, אז די פארהעלטענישען זיינען ניט געווען אזוי פשוט ווי עס דוכט זיך פון די ביבלישע דאקומענטען. פארוואס ס׳איז ניט פארגעקומען קיין צוזאמענשטויס מיט עגיפטען, האבען מיר שוין אויבען פאנאנדערגעלעגט**). אבער אויב ס׳איז דערצו אפילו ניט געקומען, מוז מען פארט אננעמען, אז ביי די אריינדרינגענדע אידישע שבטים ווי אויך ביי זייערע כנעני׳שע געגנער האט געהערשט דאס באוואוסטזיין, אז דאס לאנד שטעהט באמת אונטער דער עגיפטישער אויבער־הערשאפט און אז ס׳איז די גלייכסטע זאך זיך ניט איינצורייסען מיט די עגיפטישע הער־

---

*) זעה אויבען ז. 164.

**) זעה אויבען ז. 163.

שער. דאָס וואָס די אידישע טראַדיציע שווייגט לגמרי וועגען די דאָזיגע פאַרהעלטעגישען, איז, קאָן זיין, אביסעל צוליב נאַציאָנאַלע צוועקען דער הויפּט־גרונט ליגט אבער קענטיג דעריז. וואָס די וויכטיגסטע טיילען פון דעם ספר יהושע שטאַמען פון אזא שפּעטערדיגער צייט, ווען די שייכות צו עגיפּטען, וואָס איז וואָס ווייטער אלץ לויזער און שוואַכער געוואָרען, איז שוין דאַמאָלסט אין גאַנצען געווען פאַרגעסען. נאַטירליך מעג מען דרינגען פון דעם פאַקט וואָס זי האָט געקאָנט פאַרגעסען ווערען, אז זי איז באמת אין יענער צייט ניט געווען קיין וויכטיגער פאַקטאָר וואָס זאָל זיך איינקריצען אויף לאַנג אין זכרון.

# די פאר־קעניגליכע צייט

ערשטע אפטיילונג.

ר. קיטעל

# די געשיכטע פון דער פאר-קעניגליכער צייט

## 1.

### די לאגע אין אלגעמיין. ישראל'ס אויפגאבע.

איז דער צייט, וועלכע מיר רופען געוועהנליך די תקופה פון די שופטים, דאס הייסט נאך יהושע'ס טויט און נאכדעם ווי א דור איז פארגאנגען זינט עס האבען זיך אנגעהויבען די ערא̈בערונגס־מלחמות, האט נאך פאלעסטינא וועניג וואס געהערט צום אידישען פאלק. דאס זעהט מען באשיינפערליך פון דער געשיכטע פון די שופטים, וועלכע קומט נאכהער, און אויך פון דעם וואס מיר וויסען ווי די ערא̈בערונגען זיינען צוגעגאנגען. פאקטיש האט מען מעהר ניט געהאט ווי א פארשפרעכענדען אנהויב פון דער ערא̈בערונג און באהערשונג פון'ם לאנד. אין פארשידענע פונקטען האט מען זיך געהאט פעסט באזעצט און מען איז אהן א ספק געווען אנטשלאסען זיך ניט צו לאזען ארויסשטופען פון די געוואונענע פאזיציעס. דאס איבעריגע אבער איז איבערגעלאזען געווארען פאר דער צוקונפט.

לויט דער דאמאלסטדיגער לאגע איז עס געווען אן ארבייט אויף א לאנגער צייט, אויף יאהרהונדערטער, וועלכע דאס אידישע פאלק האט געהאט דורכצופיהרען, אבער מיט א גוטער האפענונג אויף אן ערפאלגרייכען סוף. דאס זעהען מיר ווען מיר ווארפען נאר א בליק אויף דער לאגע אין פאלעס־טינא ווי זי ווערט געשילדערט אין ספר שופטים, און וועלכע איז א פארבא־דינג פאר דער געשיכטע פון דער מלוכה. אסך קאן אונז דא העלפען די געשיכטע פון די שכנים־פעלקער, און בפרט די אמארנא־טאוולען. די פאר־העלטענישען אין פאלעסטינא, ווי זיי ווערען געשילדערט אין יענע טאוולען.

באציהען זיך אפילו אויף א פיעל פריהעריגער צייט, אויף דער צייט פונ׳ם סוף פון 15. יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא). אבער אין אסך וויכטיגע פונקטען לאזען זיך יענע שילדערונגען אנווענדען אויך אויף דער צייט, ביי וועלכער מיר שטעהען איצט. מ׳דארף אבער ניט פארגעסען, אז די עגיפּ־טישע איבער־הערשאפט, אונטער וועלכער גאנץ סיריען איז דאמאלסט אומ־באשטריטען געשטאנען, האט איצט, מיט דער אויפוואכונג פון דער מלוכה פון די פרעה׳ס, אויפגעהערט צו האבען עפּעס א באטרעף. אין דער גאנצער צייט פון די אידישע עראבערונגס־מלחמות באמערקען מיר ניט אין אונזערע דאקומענטען קיין סימן פון עגיפּטישער הערשאפט איבער פּאלעסטינא. ס׳איז קענטיג אפילו קיין ערינערונג ניט געבליבען פון איהר.

די כ נ ע נ י ם בילדען פון די אלטע צייטען אן א רייה פון קליינע מלוכה׳לעך. עס ווייזט אויס, אז אין דעם דאזיגען צווייג פון דער סעמיטי־שער ראסע איז עפּעס ווי געלעגען אין בלוט א געוויסע נייגונג צו אפּזונ־דערונג. אין געוועהנליכע צייטען האבען זיי קענטיג ניט געהאט קיין בונד פון מלוכות און שטעדט, נאר האבען געלעבט אין שטאדט־מלוכות אדער שטאדט־רעפּובליקען, וועלכע זיינען געווען אפּגעזונדערט איינע פון די אנ־דערע און האבען כסדר זיך ארומגעריסען צווישען זיך. נאר אין באזונדערע פאלען פאראייניגען זיי זיך, און דארטען וואו דאס גיט זיך זיי איין, ווערען זיי א סכנה פאר די אידען.

די כנענים זיינען שוין לאנג אריבערגעגאנגען צו ערד־ארבייט און אין א גרויסער מאס צו א שטאדטישען לעבען. די ערד באארבייטען זיי אין די פרוכטבארע טאלען און אויף די פעלדער פון די נידערונגען; דורך זייערע שטעדט ציהען זיך די וויכטיגסטע האנדעלס־וועגען. זיי האבען שוין אויך דערגרייכט א פאַרהעלטענישמעסיג הויכע ציוויליזאציע; אבער אין זייערע שטעדט הערשט שוין אויך א שפע און מיט איהר צוזאמען אויך צעלאזענ־קייט*).

אין מלחמה־פיהרונג זיינען זיי העכער אנטוויקעלט איידער די, ביז דע־מאלט נאמאדישע, אידען. זייערע אייזערנע רייטוועגען („רכב ברזל") ווערען פון די אידען דערמאנט מיט א גרויל. אויך זייערע שטעדט מיט פעסטע מויערן, וועלכע ווערען דערמאנט אין תנ"ך,**) זיינען א ראיה, אז זיי האַ־

*) פארגלייך די שילדערונגען אין בראשית י"ח.

**) במדבר י"ג 28; יהושע י. באזונדערס האבען די אויסגראבונגען אין גזר, תענך און מגידו עס גיי באלויכטען.

בען גוט פארשטאנען די קונסט פון בויען פעסטונגען. די אויסגראבונגען אין פאלעסטינא פון די לעצטע יאהרען באשטעטיגען דאס. ישראל האט געהאט צו שטעלען אנטקעגען זיינע געגנער וועניג מלחמה־קונסט, דער־פאר אבער דעם אומגעבראכענעם כוח פון א יונגען נאטור־פאלק און די הארטנעקיגקייט פון דעם פרישען, פאר'עקשנ'טען זוהן פון מדבר.

וואס די אידען האבען ביז איצט געהאט דערגרייכט, לאזט זיך באשטי־מען מעהר נעגאטיוו איידער פאזיטיוו. מיר האבען א פולע ליסט פון די גע־גענדען, וועלכע האבען אין דער ערשטער צייט צו זיי נ י ט געהערט (שופטים א אויך שופטים ג). אויפ'ן ערשטען פלאץ קומען די באפעס־טיגטע שטעדט פון די פלשתים און פון די פעניקיער ביים ברעג ים. אויף די פעניקישע שטעדט האבען די אידען, ווי ווייט ס'איז אונז באקאנט, בכלל קיינמאל ניט געוואגט צו מאכען אן אטאקע; די שטעדט פון די פלשתים, כאטש די אידען האבען אטאקירט איינצעלנע פון זיי, זיינען אויף יעדען פאל ניט עראבערט געווארען. דערזעלביגער שיקזאל טרעפט די אידען אויך בנוגע צו די באפעסטיגטע שטעדט אין אינערליכען לאנד. אויב די שטעדט ביים ברעג ים דינען פעסט־צו־האלטען דעם ברעג פון מיטעללענדישען ים אין די הענט פון די ביז איצטיגע באלעבאטים פון לאנד, האבען די שטעדט פון דער אינערליכער פאלעסטינא די אויפגאבע צו זיכערען פאר זיי דעם וויכ־טיגסטען האנדעלס־מארשרוט און דעם טאל פון אינערליכען לאנד, וואס איז דער רייכסטער אין תבואה, דעם טאל פון ק י ש ו ן. יענער מארשרוט ציהט זיך דורך אט דעם טאל, און אין איהם ליגט א צאהל פון פארלויפיג ניט איינגענומענע פעסטונגען, וועלכע נעמען ארום דעם טאל ווי מיט אן איי־זערנעם גארטעל; דאס זיינען: תענך, מגידו, בית־שאן (שופטים א 27). דערצו נאך האט דער ווייטער טאל געגעבען די כנענים די פולע מעגליכקייט זיך צוצושפרייטען מיט זייערע רייטוועגען, אזוי אז די כנענים זיינען פאר־לויפיג געבליבען די אומבאשטריטענע הארען פון דעם גאנצען עמק יזרעאל.

די אידישע לאגע איז נאך מעהר אין געפאהר דורך דעם וואס דער טאל שיידט אפ די בערג פון אפרים און די הויפט־שבטים פון דעם מיטעלען לאנד פון די שבטים אשר, נפתלי, זבולון, יששכר, וועלכע האבען זיך באזעצט ווייטער אין צפון. אויך אט די צפון־שבטים זיינען נאך ניט די פולע באלע־באטים פון יענע צפונ'דיגע געגענדען ביים שיפוע פון לבנון און פון חרמון. זיי זיינען דארטען שותפים מיט די פעניקיער, מיט די איבעריגע כנענים און מיט די חתים (שופטים א 30—ג 3).

פונקט ווי די הויפט־שבטים פון צענטראלען טייל פון לאנד זיינען אפ־

געשניטענע פון זייערע ברודער־שבטים אויף דער צפון־זייט, אזוי זיינען זיי עם אויך, אין נאך א גרעסערער מאס, אויף דער דרום־זייט. אויך דא איז די כנעני'שע געגענד טיף אריינגעשניטען אין דער אידישער. די שטעדט שעלבים, אילון, גזר, הר־חרס, יבום, צו וועלכע עס געהערט נאך, לויט יהושע ט, גבעון מיט דער געגענד ארום, באצייכענען די ליניע (שופטים א 35, יהושע י"ט 41). די פעסטונג יבוס, וועלכע מ'האט געהאלטען פאר אוממעגליך איינצונעמען, איז פיליכט געווען דער מיטעלפונקט פון אט דער גרופע פון שטעדט. יהודה און שמעון זיינען דורך דעם כמעט לגמרי אפגעשניטען פון די איבעריגע שבטים. זיי פיהרען א באזונדער לעבען; און מחמת ביי זיי איז, ווי עס ווייזט אויס, גאר ניט פאראן קיין נייגונג זיך צו באטייליגען אינ'ם לעבען פון די איבעריגע שבטים, זיינען זיי דעריבער אזוי גוט ווי פארלארען פאר דער גאנצער צייט פון דער אידישער געשיכטע.

מ'זעהט: כאטש עפעס וואס איז געטאן געווארען אין אנהויב פון דער שופטים־צייט ארייצוקריגען דאס לאנד אין אידישע הענט, איז אבער נאך אסך איבערגעלאזען געווארען פאר די קומענדיגע דורות. אין אידישע הענט איז, אויסער די צווערשט ערָאבערטע געגענדען אין מזרח־זייט פון ירדן, דער דרום־טייל פון דעם ירדן־טאל און די וואלדיגע בערג־לאנדשאפטען פון צענטראלען טייל פון לאנד ביז צום זוים פונ'ם פלאכלאנד ביים ברעג ים אין מערב; דערצו געהערט נאך צו די אידען אין צפון־ און אין דרום־זייט פון יענע צוויי כנעני'שע שטעדט־גורטען ביים קישון און ביי יבוס צו שמאלע פאסען לאנד — דארטען ביז אין די געגענדען פון מי־מרום, דא ביז אין מדבר אריין. אלס וויכטיגע פונקטען פון די אידען ווערען אנגערופען די שטעדט יריחו,עי, בית־אל, חברון — ווייניג גענוג פאר די אויפגאבען פון דער גאנצער צוקונפט.

די אויפפיהרונג און די האלטונג פון די אידען אין די געגענדען, וואו עס האט זיך זיי איינגעגעבען צו ווערען די באלעבאטים, איז גאנצען אדער צום טייל, איז לויט דער נאטור פון דער זאך געווען א פארשידענארטיגע. ניט זעלטען איז, ווי עס ווייזט אויס, די עלטערע באפעלקערונג לגמרי אויסגעראט געווארען*). די רעליגיאן איז דאמאלסט ניט געווען קיין שטערונג דערצו, נאר האט נאך, אדרבה, באפוילען אזוי צו האנדלען. ווי אפשטויסענד די

---

*) דאס העברעאישע ווארט פאר דעם איז „חרם". זעה, למשל, שופטים א, 17, 25; יהושע י"ט 47; שופטים י"ח 27, 28.

ווילדע אכזריות פון אזא פארניכטונגס־קריג זאל ניט ווירקען אויף אונזער געפיהל, שטעהט אבער אזא קריג מיט זיין רעליגיעז־באגרינדעטער שטרענג־קייט און מיט זיין אפזאגען זיך פון יעדען געווינס און נוצען פיעל העכער איידער א מלחמה צוליב רויב. ניט אומעטום אבער ווערט די אויסראטונג גרינטליך דורכגעפיהרט. אפט ווערען די באזיגטע בלויז פארשקלאפט, און מען מאכט אפילו אויך א פרידליכע פאראייניגונג און מען איז זיך זאגאר מתחתן איינע מיט די אנדערע. דאס פארהעלטעניש איז מן הסתם געווען אזא, אז וואו די מיטלען און די כוחות האבען געקלעקט, זיינען די באצוואונ־גענע פיינד אויסגעראט געווארען „מיט'ן שארף פון שווערד". ווער עס וויל זיך ראטעווען, דער מוז אנטלויפען. ניט זעלטען אבער איז די אונטערסטע שורה, אז קיינער פון דיביידע צדדים האט ניט געהאט די אויבער־האנט. נאר זיי האבען ביידע געהאלטען גלייך די וואגשאל. אין אזעלכענע פאלען האט מען געמוזט זעהן זיך צו פארטראגען. ביידע צדדים האבען געוואוינט איינער נעבען דעם אנדערען, ביז איין צד האט מיט דער צייט באקומען די אויבער־האנט, און באלד ווי ער האט אין זיך געפיהלט דעם כוח דערצו, האט ער דעם אנדערען צד ארויסגעשטופט אדער אונטעריאכט. אט דער פראצעס ווערט געשילדערט אין תנ"ך מיט די ווערטער: „און ס'איז געווען אז ישראל איז שטארק געווארען האט ער דעם כנעני געמאכט צינזבאר" (שופטים א 28). דאסזעלביגע האבען אבער אויך אין מאנכע געגענדען די כנענים געקאנט טאן צו די אידען. אזוי ווי מ'האט אפט שוין געזעהן אין אנהויב, אז ס'איז ניטא קיין אויסוועג, האט מען דערפאר שוין גאנץ פריה געשלאסען א פרידליכען אפמאך. אויך די כנענים, קאן זיין, האבען איינגעזעהן, אז דער בעסטער אופן ווי אזוי פטור צו ווערען פון דער סכנה פון די אומגעבעטענע געסט איז זיי אפצוטרעטען א שטיק לאנד, באזונדערס אין די בערג. אבער אויך אין די טאלען און אין די שטעדט האבען אידישע ישובים זיך געקאנט גרינדען נעבען די אלט־איינגעזעסענע. באראקטעריסטיש פאר דעם זיינען די פארהעלטע־נישען איז שכם פון יענער צייט*). דער פועל יוצא פון פרידליכען צוזאמ־לעבען איז געווען, אז מ'האט זיך איינע מיט די אנדערע מתחתן געווען און זיך ביסלעכווייז פארמישט**). די שפעטערדיגע היסטאריקער פון תנ"ך פארדאמען דערפאר גראד אט די אויפפיהרונג; ווארים פאר דער אידישער רעליגיאן ווי פאר דער אידישער אומה איז דעריין געלעגען א גרויסע סכנה.

---

*) שופטים ט. פארגלייך בראשית ל"ד.

**) שופטים ג 6. פארגלייך בראשית ל"ד, 9, 21.

אויסער אין שכם און אויך אין יבוס, האָט אזא פארהעלטעניש זיך אויסגע־בילדעט, ווי עס ווייזט אויס, באזונדערס ביי די צפון־שבטים, וועלכע האָבען געוואוינט אינ'ם הינטערלאנד פון די פעניקישע הויפטשטעדט. אט דאָ האָבען אהן א ספק זיך באלד אנטוויקעלט לעבהאפטע באציהונגען אין האנדעל און דורך דעם האנדעל — א פרידליך צוזאמענלעבען.

די גאנצע עפּאָכע צווישען יהושע'ס טויט און דעם אויפקומען פון דער מלוכה אונטער שאול'ן באצייכענען מיר מיט א סקארבאָוועו באגריף אלס „די צייט פון די שופטים". צו אונזערע דאָקומענטען! אין תנ"ך אין זייער ערשטען נוסח האָבען שוין באנוצט דעם נאָמען פאר די פיהרער פון דער דאָזיגער אידישער העלדען־צייט, דאָס בלייבט א פראגע*). אויף יעדען פאל אבער איז קלאָר, אז ערשט שפּעטערע איבערשרייבער פון „נביאים ראשונים" פארבינדען מיט די „שופטים" דעם געדאנק וועגען מענער, וועלכע האָבען אלס כלל געהערשט איבער גאנץ ישראל א לענגערע צייט. די דאָזיגע פארשטעלונג וועגען די שופטים, אזוי ווי זיי וואלטען — אלס פארגענגער פון די מלכים — געוועזען הערשער איבער גאנץ ישראל ווי לאנג זיי האָבען גע־לעבט, איז לגמרי פרעמד דער עלטערער טראדיציע פון תנ"ך: פונקט ווי ס'איז איהר פרעמד די אנדערע פארשטעלונג, וועלכע איז פארבונדען מיט דער ערשטער, אז די שופטים זיינען כלומר'שט געגאנגען אין א רייה איינער נאָך דעם אנדערען, זיך אנהייבענדיג מיט עתניאל און אהוד און זיך ענדי־גענדיג מיט עלי און שמואל, אזוי אז דער שופט וואס שטעהט פריהער אין דער רייה האָט איבערגעגעבען זיין נאָכפאָלגער די ממשלה איבער ישראל.— באמת אבער זיינען די געשטאַלטען פון דער שופטים־צייט גבורים, וועלכע שטעלען זיך בראש פון זייער שבט באלד דאָ, באלד דאָרטען, וואו די נויט רופט זיי ארויס און וואו די געפאהר מאכט זיי פאר העלדען. דער שבט און די משפחה געהען מעהרסטענס פאר זיך אליין זייער אייגענעם וועג, זייענדיג צופרידען זיך אליין אפּצואוועהרען פון די פיינד: און יענע שופטים זיינען געוועהנליך ניט אנדערש ווי פירשטען פון געוויסע געגענדען, הויפּטער פון שבטים — מעהרסטענס פון אדעליגער אפּשטאַמונג — וועלכע רופען צוזאַ־מען אלע מלחמה־לייט פונ'ם שבט און מיט זיי שטעלען זיי זיך אנטקעגען דעם פיינד, וואס האָט זיך ארייננגעריסען אין לאנד צו פיהרען קריגערייען און צו

*) פּיליכט האָט אין „קצין" (שופטים י"א 6) זיך נאָך דערהאלטען א ביי־שפּיל פון דער עלטערער באצייכענונג. אויך „ראש" קומט איינמאָל פאר (שופטים ח 11).

רויבען. נאר זעלטענער, א שטייגער ווען די נויט איז גאנץ גרויס, אדער ווען דער פיהרער דערוועקט דעם געפיהל פון צוזאמענגעהעריגקייט אין זיין איי־גענער געגענד און ביי די שכנות'ע שבטים, פאלגען אויך אנדערע שבטים דעם רוף פון דעם איינעם, און דאס פאלק נעמט זיך צום שותפות'ען קאמף. אבער דאס קומט נאר פאר אלס אן אויסנאם און צייטווייליג, ניט אבער אלס א דויערענדער צושטאנד. אם שענסטען איז דאס פארגעקומען אונטער דבורה'ן.

וואס פאר אן אויפגאבע עס האט געוואָרט אויף די אידישע שבטים אין דער נעכסטער צייט, לאזט זיך לייכט באשטימען פון דעם וואס מיר האבען דא געזאגט. די ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאבע איז געווען צו פארבליי־בען אויף שטענדיג אין די געגענדען, אין וועלכע די אידען האבען זיך פעסט באזעצט. דאס אליין איז אפט געווען ניט קיין לייכטע שטיק ארבייט צוליב די פיעל פיינד, וואס האבען זיך כסדר געשטופט פון פארשידענע זייטען און האבען פאקטיש דא און דארטען צעדריקט די אידען. די צווייטע אויפ־גאבע איז געווען צו שטיצען די שוין געוואונענע פאזיציעס דערמיט וואס מ'האט געשטרעבט ארייצודרינגען דארטען, וואו עס האט זיך די אידען נאך ניט איינגעגעבען זיך צו באזעצען. די דאזיגע שטרעבונג האט גלייכצייטיג זיך צוזאמענגעטראפען מיט דעם באדערפעניש זיך ווייטער אויסצושפרייטען אין לאנד. אזוי ווי צו די פעניקישע, און שפעטער צו די פלשתי'שע, שטעדט פון ים־ברעג איז געווען אין גאנצען אדער צום טייל ניט מעגליך צו דער־גרייכען, האט דער ציל פון אידישען וואונש געמוזט מיט דער צייט ווערען דאס גאנצע אינערליכע לאנד פון דעם שיפוע פון לבנון ביז צו יהודה אין דרום. די באפעסטיגטע כנעני'שע שטעדט אין מיטען פון דער אידישער טערריטאריע האבען געמוזט זיין פאר די אידען ווי א טשוואק אין זייט. די פרוכטבארע טאלען, וועלכע זיינען ביי פרעמדע אין די הענט, זיינען פאר זיי געווען געגליכען צו א דארן אין אויג. די ווענט וואס האבען פאנאנדער־געריסען די שבטים און שבטים־גרופעס איינע פון די אנדערע האבען געמוזט דורכגעבראכען ווערען און די שבטים האבען געמוזט שטרעבען צו באקומען א מעגליכקייט זיך צו פאראייניגען, לכל הפחות פאר באשטימטע צוועקען. אבער נאך א וויכטיגערע אויפגאבע האבען די אידען געהאט, אז אין די קריגערישע און פרידליכע פארהעלטענישען מיט די עלטערע איינ־וואוינער זאל דאס פאלק ישראל און זיין רעליגיעזע אייגענארטיגקייט ניט געשעדיגט ווערען. אט די אויפגאבע איז געווען אהן אן ערך שווערער צו דערפילען איידער דאס לאנגזאמע איינלעבען זיך אין לאנד.

די אידען האבען געהאט אסך מניעות אויף זייער וועג צו די דאזיגע איפגאבען. ס'איז דעריבער גאנץ פארשטענדליך פארוואס ס'איז פארלויפיג געבליבען בלויז ביי די פראבעס די אויפגאבען צו לייזען, און וואס אין פאר־לויף פון א לענגערער צייט האט זיך די אידען איינגעגעבען זיי צו לייזען בלויז צום טייל. צוויי מעכטיגע און געפעהרליכע פיינד פון יעדער נארמא־לער אנטוויקלונג פון א קיבוץ זיינען אויך די אידען געשטאנען אין וועג ביי יעדען טריט: אינערליכע צעריסענקייט און אטאקעס פון דרויסען.ביידע געהען, ווי אומעטום אויך דא, האנט אין האנט. די אינערליכע רייסערייען צווישען די שבטים און די שטרעבונג זיך צו צעשפליטערען אין באזונדערע אינטערעסען זיינען א גוטע אורזאך און שטיצע פאר פיינדליכע אטאקעס. די אידען ווייזען זיך ארויס אויך דעריין אלס קרובים פון די כנענים. דעריבער האט סוף כל סוף געקאנט בלייבען פאר די אידישע שבטים נאר איין מי־טעל ווי צו ווערען אומבאגרעניצט אינ'ם לאנד און אין דער אנטוויקלונג פון זייער נאציאנאלער אייגענארטיגקייט. איינצעלנע גבורים, וועלכע טרעטען אויף דא און דארטען, האבען מעהר ניט גע־קאנט צופרידענשטעלען. זיי האבען געקאנט ברייגנען צייט־ווייליגע הילף, אבער זיי האבען ניט געקאנט האלטען דאס געוואו־נענע. עס האט געמוזט קומען צו א פאראייניגונג פון די שבטים דורך א שטארקען צענטראלען כוח. דערמיט ערשט האט געקאנט דערגרייכט ווע־רען משה'ס צואה צו זיין פאלק, די פאליטישע, אזוי גוט ווי די רעליגיעזע. ווארים נאר ערשט האט געקאנט דערפילט ווערען דער געדאנק, וועלכען ער האט אריינגעלעגט אין די שבטים פון ישראל, וועגען א נאציאנאלער אייגענ־ארטיגקייט און א זעלבשטענדיגער פאלקס־אינדיווידואליטעט. און נאר ערשט האט צו דער איינהייט פון פאלק געקאנט צוקומען איהר דערגענצונג און איהר אונטערשטיצונג: די איינהייט פון גאט. ווארים די נשמה פון אן אייגענארטיגער נאציאן, און נאך מעהר פון דער אידישער נאציאן, איז איהר רעליגיאן, איהר גאט.

אט אזוי האט אין מיטען פון דער צעריסענקייט און פון דער קנאה־שנאה אלעס דאך געשטרעבט נאך איינהייט. און ווער ס'איז בכלל אין דער דאזיגער צייט געשטאנען נאהענט צו דער אידישער פאלקס־נשמה, האט גע־מוזט שפירען אט דעם הייסען פארלאנג. פאקטיש איז דאס וואס מיר רופען די צייט פון די שופטים — א פעריאדע פון סתירות, פון עלעמענטען וואס קעמפפען איינע נעגען די אנדערע. אויך די ווענינע שטיקלעך ידיעות, וואס זיינען אונז געבליבען, לאזען קלאר דערקענען, אז מיר שטעהען אין א צייט

פון א קאמף פאר גרויסע אויפגאבען. די דאזיגע אויפגאבען האבען נאר איינ־צעלנע געפיהלט, און אויך זיי זיינען ניט געווען גרויס גענוג פאר דעם. אבער פארלויפיג איז גענוג געווען דער געפיהל פאר אזוינע אויפגאבען. נאך א רייה פון ניט געלונגענע אנהויבען, נאך אסך בלאנדזשענישען אויפ'ן פאליטי־שען און רעליגיעזען געביט האט א פאלק מיט אזא'ן אריגינעלער קראפט און אזא הויכער באשטימונג זיך סוף־כל־סוף געמוזט דורכשלאגען צו זיין גרויסען ציל.

## 2.

## די שבטים פון ישראל.

### מערענפטאה'ס אויפשריפט. דבורה'ס ליד. יעקב'ס ברכה.

כדי צו באקומען א ריכטיגען אורטייל וועגען די פארהעלטענישען פון די אידישע שבטים אין יענער צייט, מוזען מיר אויף א ווייל געהן צוריק צו דער עלטסטער ידיעה וועגען ישראל וואס מיר האבען אויסער דעם תנ"ך. דאס איז די זינט 1896 באקאנט געווארענע אויפשריפט פון מערענטפטאה — רעמסס דעם צווייטען'ס זוהן. זי שטאמט פון דער צייט ארום 1230 און מיר דערוויסען זיך פון איהר, אז שוין דאמאלסט איז ישראל געווען אין כנען. וועגען דעם ווי לאנג זיי זיינען שוין דא געזעסען, איז ניט דא דער ארט זיך ארייננצולאזען באריכות. זיי ווערען דערמאנט נעבען די כנענים, די חורים און די איינוואוינער פונ'ם פלאכלאנד ביים ברעג ים אלס עגיפטישע אונטער־טאנען פון דרום־סיריען. זיי ערשיינען דא אלס א פאלק אדער א שבט פון לפי ערד א קליינער באדייטונג. פון דעם אומשטאנד וואס זיי ווערען דאר־טען באצייכענט אלס שבט,*) ווילען מאנכע דרינגען, אז זיי האבען נאך ניט געהאט דערגרייכט די מדרגה פון פולער באזעסענקייט: זיי זיינען נאך, הייסט עס, באשטאנען, ניט פון פויערים, נאר פון וואנדערענדיגע פאסטוכער. לויט דעם אויסטייטש האבען זיי דעמאלט נאר וואס געהאלטען אין אריבערגעהן צו א באזעסענעם לעבען. לויט דער דאזיגער באשרייבונג וואלט מען זיך בא־

---

*) דאס שליסט לחלוטין ניט אויס, אז נאהנט צו דעם דאזיגען שבט זיינען געשטאנען נאך אנדערע ברודער־שבטים, וועלכע ווערען אין דער אויפשריפט ניט דערמאנט.

דארפט פארשטעלען, אז זיי זיינען געזעסען אין מזרח־זייט פון דעם ים־ברעג און אין דרום־זייט פון לבנון. אט דאס אלץ שטימט אין די הויפט־שטריכען מיט דעם בילד וואס דער ערשטער קאפיטעל פון שופטים שילדערט אונז וועגען די פארהעלטענישען אין דער ערשטער צייט. דאס לאנד, באַזונדערס די שטעדט, זיינען נאך דאס רוב אין די הענט פון די אלטע הארען: נאר דא און דארטען האט זיך ישראל איינגעפונדעוועט אויף די בערג.

אין מערענפטאה'ס אויפשריפט — אין פאל אויב די אויסטייטשונג איז ריכטיג — ווערט ישראל בכן נאך דערמאנט נאר אלס א שבט. נאר וועניגע דורות נאך מערענפטאה האבען מיר אבער שוין דבורה'ס ליד („ותשר דבורה"), וואס טראגט אויף זיך אלע סימנים פון א זיכערען דאקומענט. אין דעם דאזיגען ליד טרעט אויף ישראל נאר אלס אידעאלע איינהייט. ער איז שוין פאנאנדערגעטיילט אין א גרעסערער צאהל פון איינהייטען, וועלכע בלויז די נויט פון דעם מאמענט האט געקאנט צוזאמענצווינגען אויף א ווילע צו א שותפות'ער האנדלונג. אויב די אויפצעהלונג אין דבורה'ס ליד איז א פולשטענדיגע — און וואס ס'איז ניטא קיין גרונט צו צווייפלען — זיינען דאמאלסט געווען צעהן אידישע שבטים.

לאמיר אננעמען, אז דבורה'ס ליד שטאמט פון בערך 1150: דאן פיהרט אונז א צווייטער וויכטיגער דאקומענט, וועלכער געהערט בעיקר צום סוף פון דערזעלביגער פעריאדע, ווידער אריין עטליכע דורות טיפער. דאס איז יעקב'ס ברכה אין בראשית מ"ט. דאס ליד איז איצט אן איינהייטליכע זאך און עס האט פיליכט דורכגעמאכט א לייכטע רעדאקציע אום צו ווערען איין שטיק. לכתחילה אבער איז עס באשטאנען פון שפרוכען, וועלכע זיינען געשאפען געווארען ביי איינצעלנע שבטים און האבען געשילדערט זייער איינארטיגקייט, זייערע האפענונגען און וואונשען. דער שפרוך וועגען יהודה שטאמט, ווי מ'קאן באשיינפערליך זעהן, פון דוד'ס צייט, ווען דוד איז נאר וואס געווארען קעניג, און יהודה'ס אויפטריט אין א הערשענדער שטעלונג איז נאך געוועזן ניי און האט נאך ארויסגערופען אלעמענס אויפמערקזאמקייט: עס קאן אויך גרייליך זיין, אז אט דער שפרוך איז געשאפען געווארען נאך איידער דוד טרעט אויף אלס קעניג און ער האט געהערט צו יענע גאט'ס־שפרוכען, וועלכע ווערען דערמאנט פיעלמאל אין דער צייט פון דעם שטרייט צווישען שאול און דוד*) און וועלכע זיינען קענטיג געווען באַשטימט צוצוגרייטען דעם וועג צום טראן פאר דעם ליבלינג פון פאלק. אין דעם

*) למשל, שמואל א, כ"ה 30; שמואל ב, ה 2.

פאל וואלטען מיר דארפען אננעמען, אז דער שפרוך שטאמט נאך פון שאול'ס צייט.

דורך די איבעריגע שפרוכען, אויף ווי ווייט מיר קענען פעסטשטעלען די צייט פון ווען זיי שטאמען, ווערען מיר צום טייל אריינגעפיהרט אין נאך א העכערען אלטערטום. פון בנימין'ען ווערט קיין אנדער זאך ניט געזאגט אחוץ אז ער איז א פארצוקענדער וואלף, און דאך ווערט ער אלס פארצוקענדער וואלף אפילו ניט געטאדעלט אדער געשראקען מיט א שטראף פון גאט, נאר, אדרבה, ער ווערט נאך דערפאר געלויבט. דאס איז א ראיה, אז דער דיכטער ווייסט ניט פון שאול'ס מלוכה און ניט פון איהר אונטערגאנג. דער שפרוך שטאמט אלזא נאך פון פאר שאול'ס צייט. לוי, פארקעהרט, ווערט געטאדעלט, ניט דערמאנענדיג קיין ווארט וועגען זיין גייסטליכען אמט אלס פריסטער-שבט. דער אומשטאנד קאן נאר אזוי אויסגעטייטשט ווערען. אז לוי איז נאך דאמאלסט ניט געווען קיין פריסטערליכער שבט. און דאך געפינען מיר שוין כהנים פון שבט לוי אין דער געשיכטע פון „פסל מיכה" (שופטים י"ז), וועלכע איז געשריבען געווארען נאך אונטער דוד'ן, אויף קיין פאל ניט לאנג נאך איהם. דער שפרוך געהערט בכן צו דער צייט פון שאול'ן אדער פון די שופטים און ער שפיגעלט אפ דעם צושטאנד פון לוי פאר דער אנטשטעהונג פון דער דערצעהלונג וועגען „פסל מיכה", דאס הייסט: פאר דוד'ס און קענטיג אויך פאר שאול'ס צייט. — אויפ'ן זעלביגען אופן וועט מען מוזען געבען אן עהנליכע דערקלערונג אויך פאר יוסף'ן, גאנץ גלייך צי דער שפרוך וועגען יוסף'ן (אין יעקב'ס ברכה) איז לכתחילה געווען גאנץ ווי איצט, אדער מ'האט שפעטער צוגעשטעלט צו איהם הוספות לויט משה'ס ברכה (דברים ל"ג). מאנכע פארשער נעמען אן, אז אט די כלומר'שט צוגעשטעלטע הוספות שטאמען פון דער צייט פון ירבעם פון יואש. אין דעם פאל איז כאראקטעריסטיש די באטאנונג פון די „פיילען-שיסער" (בעלי חצים). נאטירליך זיינען געווען אזוינע אין אלע צייטען, אבער צו זאגען, אז דאס שטאמט פון דער צייט פון ירבעם בן יואש שיקט זיך לחלוטין ניט. בפרט נאך אויב אונטער די „פיילען-שיסער" זיינען געמיינט די אראמעער, דאן וואלטען באדארפט דערמאנט ווערען אויף דער זייט פון יוסף'ס פיינד נאך אנדערע מינים כלי-זין. אבער אויב אונזער אויסטייטשונג איז ריכטיג, דאן רעדט דער שפרוך ניט וועגען די מלחמות פון ירבעם בן יואש, נאר וועגען די מלחמות פון אפרים און מנשה אין דער פארקעניגליכער צייט, באזונדערס אונטער גדעון'ען.

מיר האבען בכן א רעכט צו געברויכען די ביידע דאקומענטע, וועלכע

מיר האבען דא בקיצור באשריבען: דבורה׳ס ליד און יעקב׳ס ברכה, אלס ראיות פאר די פארהעלטעגישען פון די אידישע שבטים אין משך פון אונזער פעריאדע. א וויכטיגע הילף קאן אונז נאך אויסערדעם געבען די צווייטע העלפט פון שופטים א.

## יוסף, אפרים, מנשה, מכיר.

אין מיטעלפונקט פון אידישען לעבען שטעהען, לויט אלע ביבלישע קוועלען, און וואהרשיינליך אין איינקלאנג מיט מערענפטאה׳ס אויפשריפט, די בערג פון אפרים. קיין שבט ישראל געפינען מיר דארטען ניט מעהר נאך דעם יאהר 1230, אויך ניט קיין שפור פון א שבט יעקב. מיר טרעפען אבער דארטען אויף זייער פלאץ דעם שבט יוסף, ועמען די געשיכטע פון די אבות באטראכט אלס דעם זוהן פון יעקב־ישראל. אנשטאט יוסף׳ן און בעצם גלייכבאדייטענד מיט איהם, ווערט דאן גערעדט פון יוסף׳ס זיהן אפרים און מנשה. מיר וועלען בכן מוזען ביידע באצייכענונגען נעמען צוזאמען. ס׳איז אבער כדאי צו באמערקען דערביי, אז דבורה׳ס ליד ווייסט ניט פון קיין יוסף׳ן, דערפאר אבער ווייסען יא פון איהם יעקב׳ס ברכה און שופטים א (אין משה׳ס ברכה, דברים ל״ג, ווערען ביידע דערמאנט, אי יוסף און אי אפרים און מנשה). מ׳וואלט פיל־ייכט פון דעם נעקאנט קומען צו דעם געדאנק, אז יוסף איז ערשט א שפעטערדיגע צוזאמענפאסונג פון אפרים און מנשה (מכיר). דער בעסטער באוויז אנטקעגען דעם איז אבער דער אומשטאנד וואס אפרים איז לכתחילה נאר ניט קיין נאמען פון א פערזאן אדער פון א משפחה, נאר א נאמען פון א לאנדשאפט (אפרת). עס וועט מילא בכן מוזען בלייבען דערביי, אז „דאס הויז פון יוסף" („בית יוסף"), ווי עס ווערט געזאגט אין תנ״ך, איז דער עלטערער נאמען פון שבט, און אז דער איין שבט האט זיך שוין פריה צעשפאלטען אין צוויי אדער אין מעהר זעלבשטענדיגע אונטער־שבטים.

אין דער צייט פון דבורה׳ס ליד איז שוין דורכגעפיהרט די צעשפאלטונג פון יוסף אין אפרים און מכיר. מכיר׳ס שטעל פארנעמט שפעטער מנשה*). מיר מוזען זיך פארשטעלען, אז ביידע טיילען פון יוסף וואוינען

*) מכיר איז קענטיג געווען א הויפטליגג פון יוסף, וועלכער האט געגרינדעט א שבט וואס איז מיט דער צייט אויפגעגאנגען אין מנשה, פונקט אזוי אין מנשה גופא — ביידע זיינען פערזאָנען־נעמען — געווען א הויפטלינג פון מכיר

דאָן אויף די בערג פון אפרים. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט שופטים א, וואו עס הייסט, אז „דאָס הויז פון יוסף" האָט איינגענומען די געגענד פון בית־אל (פסוק 22) און האָט שפּעטער זיך באַזעצט אין ב י ת ־ ש מ ש*) און א י ל ו ן: און ווייטער אז מנשה האָט ניט געקאָנט איינגעמען די פעס־טונגען פון עמק־יזרעאל ביז בית־שאן פון איין זייט און די ביים ברעג ים אין דרום ־ זייט פון כרמל; און אז אפרים האָט ניט געקאָנט איינגעמען ג ז ר ביים ראַנד פונ׳ם דרום־טייל פון ים־ברעג ביי יפו (שופטים א 27 און ווייטער). אָט די אַלע געגענדען האָט מען געמוזט עראָבערען, אדער — וואו זייער עראָבערונג האָט זיך אין אָנהויב ניט איינגעגעבען — זיי כסדר אַטאַקירען. דערצו נאָך האָט מען געמוזט צוריקשטויסען אָנפאַלען פון דרויסען ווי אונטער דבורה׳ן און גדעון׳ען. און מ׳האָט געמוזט דורכקעמפען אַזוינע שטרייטען ווי פון אבימלך געגען ש כ ם און ת ב ץ. אָט דאָס אַלץ איז געווען גענוג צו שאַפען וועגען יוסף׳ן דעם שפּרוך:

„און שטאַרק איז געשטאַנען זיין בויגען,
און פלינק די אָרעמס פון זיינע הענט,
דורך דער הילף פונ׳ם שטאַרקען פון יעקב,
דורך דעם נאָמען פון ישראל׳ס פאַסטוך."
(בראשית מ"ט 24).

## ב נ י מ י ן.

אַז יוסף׳ן, באַזונדערס אַז אפרים׳ן, שליסט זיך אָן אין דרום־זייט ב נ י מ י ן — יוסף׳ס אינגערער ברודער. ביי דבורה׳ן ערשיינט ער נאָר האַלב אַלס זעלבשטענדיגער שבט, האַלב אַלס צוגעהעריג צו אפרים (שופטים ה 14). ער ווערט דעריבער אין שופטים א לגמרי ניט דערמאָנט. אין יעקב׳ס ברכה אבער ווערט ער געלויבט אַלס „א פאַרצוקענדער וואָלף, וועלכער קעהרט זיך צוריק אַהיים באַלאַדען מיט רויב" (בראשית מ"ט 27). אריינגע־

---

וועלכער האָט אָפּגעשפּאַלטען אַ משפחה פון איהם. די דאָזיגע משפחה איז אָבער דאָן געוואָרען מעכטיגער איידער איהר מוטער־שבט און האָט איהם אויפגעזויגען אין זיך. אָט אַזוי טרעט דאָן אויף מנשה ביי דער זייט פון אפרים. זיכער איז מנשה צום ערשטען מאָל באַוויזען אונטער גדעון׳ען.

*) שופטים א, 35. „הר־חרס", זון־באַרג, איז „בית־שמש".

דריקט צווישען יהודה און אפרים, ארומגערינגעלט אין א גרויסער מאס פון כנענים און, לויט דער געשיכטע פון אהוד, צעשפרייט ביז יריחו און גלגל, האט בנימין געהאט גענוג געלעגענהייטען צו מאכען אומזיכער די וויכטיגע וועגען וואס ציהען זיך דורך זיין טעריטאריע און צו באפאלען און צו באַרויבען די יבוסים ביי ירושלים, די כנענים ביי גבעון און גזר און די פלשתים אין טאל.

## ד ז.

בנימין'ס נעהנטסטער שכן האט אמאל געמוזט זיין ד ז. לויט שופטים א 34 מוז מען אננעהמען, אז דן האט אמאל געהאט א חלק אין דער לאנדשאפט ביים דרום־שיפוע פון די בערג אפרים און ביים מערב־שיפוע צום טאל צו פון די פלשתים, וואס איז שפעטער צוגערעכענט געווארען א טייל צו אפרים און א טייל צו בנימין. אויך די אלטע דערצעהלונג פון שופטים י"ז, י"ח איז געבויט אויף דעם פאקט. דאס שפיגעלט זיך אויך אפ אין די מעשיות פון שמשון הגבור*). לויט שופטים א האבען די אמורים פארוועהרט די „קינדער פון דן" אראפצושטייגען אין טאל צום ים־ברעג און האבען זיי געדריקט אויפ'ן בארג. זיי האבען זיי אפילו ניט פארגונען די ערטער אויפ'ן מערב־שיפוע ווי: בית־שמש, אילון און שעלבים, וועלכע האבען שפעטער געהערט צו דעם הויז פון יוסף און נאכהער צו יהודה.

דאס ווייזט אונז, אז דן איז געווען א שוואכער און בעצם ווייניג קריגערישער שבט. אויך די מעשיות וועגען שמשון'ען קאנען דאס ניט ענדערען. לויט שופטים י"ח האט דן איבער 600 באוואפענטע לייט. אזוי ווי ער קאן זיך אויף זיין אלטען פלאץ ניט האלטען, וואנדערט ער אוים אין צפון און עראבערט זיך דארטען א געגנער. אט דא, אין נייעם ארט, געפינען מיר איהם אין דבורה'ס ליד און קענטיג אויך אין יעקב'ס ברכה. די לעצטע ביידע דאקומענטען שטעלען ארוים דעם שבט אין א גאנץ פארקעהרטער באלייכטונג. דבורה טאדעלט איהם שטארק ווארום „ער האלט זיך אויף אין דער פרעמד ביי די שיפען" (שופטים ה 17). די נאהנטקייט צום פעניקישען ים־ברעג פארשאפט די קינדער פון דן א לייכטען פארדינסט אלס לאסט־טרעגער און מאטראזען, און זיי פארגעסען דעריבער דעם נאציאנאלען חוב אין א שווע־

---

*) ביי שמשון און אין שופטים י"ח 2, 11 איז עס די געגענד פון צרעה, ניט ווייט פון קרית־יערים, וואס ווייזט אויף דערזעלביגער סביבה.

רער צייט. דאס שטימט מיט דער באמערקונג וואס מיר האבען אויבען דער־מאנט, אז עס האט אט דעם שבט געפעהלט די לוסט פון קריג.

גאנץ אנדערש אבער ווערט ער כאראקטעריזירט אין יעקב׳ס ברכה. הגם א קליינער שבט, דאך שאפט ער א משפט. דאס הייסט: ער קעמפט העל־דיש ווי יעדער אנדערער: „ווי א שלאנג אויפ׳ן וועג בייסט ער דאס פערד אין טריט, אז דער רייטער פאלט הינטערוויילעכס"*) (בראשית מ"ט 16, 17. פארגלייך דברים ל"ג 22). דאס הייסט, אז כאטש שוואך אין צאהל, ווייסט ער אבער ווי זיך אפצואוועהרען פון זיינע שונאים מיט גבורה, מוט און רמאות. נאטירליך האט דן אין פארשידענע צייטען און אין פארשידענע סיטואציעס געקאנט טאן פארשידענע מעשים.

## זבולן, אשר, נפתלי.

נעבען דן ווערען אנגערופען, כמעט אומעטום איינער נאכ׳ן אנדערען: זבולן, אשר, נפתלי אלס די אמת׳ע צפון־שבטים, די אייגענ־טימער פונ׳ם בערגלאנד פון גליל. זבולן וואוינט, לויט יעקב׳ס ברכה, ביים ברעג פון ים. אזוי ווי דער ים־ברעג גופא האט אין קיין צייט ניט געהערט צו די אידען, און דערצו איז אשר געלעגען נעהנטער צום ים איידער זבולן, איז עס דעריבער שווערליך צו נעמען דעם אויסדרוק ווערטליך**). דער שפרוך באציהט זיך נאר אויף דעם געווינס וואס זבולן האט געהאט פון זיין נאהנט־קייט צום פעניקישען ברעג. סוחרים פון דעם דאזיגען שבט האבען, ווייזט אויס, גענומען פריה אן אנטייל אין די האנדעלס־נסיעות פון די פעניקיער (דברים ל"ג 18). אייניגע שטעדט האט אויך דער שבט זבולן געמוזט איבערלאזען ביי די כנענים (שופטים א 30) — לכל הפחות ביז צו דער שלאכט אין דבורה׳ס צייט, אין וועלכער זבולן נעמט א בכבוד׳יגען אנטייל. עס ווייזט אויס, אז זבולן האט נעבען נפתלי זיך אויסגעצייכענט מיט א באזונדערען העלדען־מוט:

„זבולן איז א פאלק וואס גיט דעם טויט זיך איבער,
און נפתלי אויף די הויכען פונ׳ם פעלד."
(שופטים ה 18).

---

*) אז מ׳מיינט דא דעם דן פון צפון, דאס הייסט: דן נאך זיין וואנדערונג, קאן מען זעהן פון דעם, וואס ער ווערט אוועקגעשטעלט אלס לעצטער צווישען די צפון־שבטים. אויך שופטים א האט די ארדנונג: זבולן, אשר, נפתלי, דן.

**) בראשית מ"ט 13: פארגלייך אבער יהושע י"ט, פון פסוק 10 אן וואו דאס ווערט גענויער אנגעגעבען.

אויך אין אנדערע שטעלען ווערט נ פ ת ל י אנגערופען אין א נאהנ־טען צוזאמענהאנג מיט זבולן. איהם, נפתלי׳ן, נעהערט גליל אין מערב־זייט פון ים־כנרת. לויט שופטים א (פסוק 33) מוז ער איבערלאזען די כנענים צוויי הייליגטימער פון גליל: ב י ת ־ ש מ ש און ב י ת ־ ע נ ת: פי־לייכט האט ער זיי באקומען אלס פרייז פאר זיין גבורה אונטער דבורה׳ן. וואס פאר א לויב עם ווערט איהם געגעבען אין יעקב׳ס ברכה, איז שווער צו זאגען, מחמת דער טעקסט איז דארטען ניט זיכער.

דער דריטער פון די גליל־שבטים איז א ש ר. עם ווייזט אבער אוים, אז ער האט זיך אויסגעשפרייט ביז טיף אריין אין דעם אונטערסטען קישון־טאל, און ביי געלעגענהייטען, ווענינסטענס צום צוועק פון פיש־פאנג, האט ער זיך צוגעשטופט אזש צו דעם ים־אויסגום פון עכו. דבורה קלאגט איהם אז, אז ער ליגט רוהיג ביים ברעג פון ים און ביי זיינע אויסגוסען. ער איז פיליכט געווען איינגעשראקען דורך סיסרא׳ן, וועמעס הויפטשטאדט איז. בדרך השערה, געלעגען אין זיין טעריטאריע. אויך די געגענד פון כרמל און דאס גאנצע הינטערלאנד פון פעניקישען ברעג ווערט, ווייזט אוים, צוגערע־כענט צו אשר׳ן. אז ער מוז איבערלאזען ביי די כנענים די האפען־שטעדט גופא, באזונדערס עכו, צידון און אכזיב, וועלכע ליגען צווישען ביידען, און אויך אפיק אין דרום־זייט פון כרמל, דאס זאגט אונז אויסדריקליך שופטים א (פסוק 31). אבער אהן דער געוועהנליכער באמערקונג, אז דאס דאזיגע פארהעלטעניש איז געווען בלויז צייטווייליג. אשר איז דערמיט דער נעהנטס־טער שכן פון די פעניקיער. דורך זיין טעריטאריע געהט דער האנדעל פון און נאך די פעניקישע שטעדט און האפענס.

מ׳קאן לייכט זעהן, אז אשר האט געלעבט אין שפע און רייכקייט, מחמת זיין באדען אין גליל איז געווען זעהר פרוכטבאר, באזונדערס אין דעם טאל פון קישון, און דורך זיין טעריטאריע האבען זיך געצויגען די וויכטיגע האנ־דעלס־מארשרוטען פון אינערליכען לאנד צו די פעניקישע האפענס און שטעדט. ער איז אויך רייך געווען אין לאנדווירטשאפט, אין עקספארט פון אויל און תבואה ווי אויך אין פיש־פאנג און אין האנדעל. שוין יעקב׳ס ברכה זאגט דעריבער, אז ער לעבט אין עשירות און אז ער שטעלט צו קעניגליכע שפייזען (פאר די הויפען פון די פעניקישע שטאדט־מלכים און אויך פאר די כנעני׳שע מלכים פון די שכנות׳ע שטעדט). לויט משה׳ס ברכה „טונקט אשר זיין פוס אין אויל“ (בראשית מ״ט 20; דברים ל״ג 24).

## י ש ש כ ר.

אם ווענינגסטען ווייס מען י ש ש כ ר דערגרייכט אין דעם אמת'ן גליל. זיין געגענד נעמט ארום די מזרח־טיילען פון דעם טאל יזרעאל און אויך דעם דרום־מזרח פון גליל, וואס שליסט זיך אן דעם אן: דאס איז די געגענד פון עין־דור, שונם און ווייטער ביז צו דעם תבור און צו בית־שאן (יהושע י"ט 17). צום באדויערען ווערט ער ניט דערמאנט אין שופטים א און מיר קאנען דערפאר ניט וויסען גענוי, וואס עס האט געהערט צו איהם אין יענער צייט. אין דער צייט, פון וועלכער משה'ס ברכה שטאמט, איז ער געווען איבערגעגעבען צום האנדעל און האט מיט זיין רוהיגער באזעסענקייט גע־האלפען זבולון'ען אין זיינע האנדעלס־נסיעות (דברים ל"ג 18); ער האט בכן גענומען, ווי עס ווייזט אויס, א פולען חלק אין זבולון'ס ריוחים פון מסחר. פון יעקב'ס ברכה ערפאהרען מיר, אז יששכר איז גאנץ פריה געווארען אן אונטערוואַרפענער קנעכט:

„און ער האט געזעהן, אז רוה איז גוט,
און אז דאס לאנד איז ליב,
האט ער געבויגען זיין רוקען פאר לאסטען,
און איז געווארען א צינז־קנעכט".
(בראשית מ"ט 14, 15).

יששכר, וועלכער ווערט דא דערקלערט אין א ווארט־שפיל אלס „מאן פון לוין" (איש שכר), אלס קנעכט, איז אריינגעדרונגען אין'ם פרוכטבארען טאל פון צפון'דיגען הינטערלאנד. דא אבער, הגם „א שטארק ביינערדיגער אייזעל", האט ער ניט געוואגט אויפצונעמען דעם קאמף געגען די שטארקערע כנעני'שע שטעדט, נאר איז בעסער געבליבען אונטערוואַרפען אונטער זיי.

א גאנץ אנדער בילד ווייזט אונז אבער דבורה'ס ליד. דא ווערט יששכר דערמאנט מיט באזונדערער אויסצייכענונג אלס דער שבט, וואס זיינע פירש־טען האבען „מיט דבורה'ן" מארשירט צו דער שלאכט (שופטים ה 15). דא־דורך ווערט אונז מיט איינמאל די גאנצע סיטואציע קלאר, און מיר קריגען א נייע ראיה, אז איינצעלנע שפרוכען פון יעקב'ס ברכה זיינען זעהר אלט. וואס עס האט זיך איינגעגעבען די כנענים מיט יששכר'ן, האבען זיי געזוכט צו מאכען אלס כלל: גאנץ ישראל זאל צו זיי אונטערטעניג ווערען. אונטער

דבורה'ן טרעט דאן אריין א רעאקציע, דער פארקנעכטעטער שבט יששכר וואכט אויף און נעמט א ווארימען אנטייל אין קאמף.

## ר א ו ב ן.

לאמיר זיך איצט ווענדען צום עבר הירדן. מיר געפינען דא דערמאנט דריי שבטים: ראובן, גלעד, גד. פון ר א ו ב ן ' ע ן ווייסען מיר, אז ער איז געזעסען אין דרום פון עבר־הירדן און האט זיך דא אפגעגעבען מיט האדעווען בהמות. אין דבורה'ס ליד זעהט זיך נאך קיין שפור ניט דערפון, אז אט דער שבט, וואס איז צוליב זיין מעכטיגער שטעלונג באטראכט געווארען אין דער אלטער צייט אלס דער בכור, זאל האלטען ביים אונטערגעהן. דבורה קלאגט איהם נאר אן פארוואס ער נעמט ניט קיין אנטייל אין אלגעמיינעם קאמף און לעבט מיט זיינע אפגעזונדערטע אינטערעסען:

„ראובן, וואס ביזטו געזעסען צווישען די שטאלען,
צו הערען דאס שמוצערען פון די סטאדעס?
אין ראובן'ס טיילען האט מען פיעל זיך איבערלעגט."
(שופטים ה 15).

מ'האט דא דעם איינדרוק, אז עס האט געקאנט קומען פון איהם וויכטיגע הילף. ער האט אבער שוין געמוזט גאנץ פריה שטארק ליידען פון די אדומים און מואבים, וועלכע האבען איהם געדריקט פון אלע זייטען. צוליב זיין איזאלירטער לאגע האט מען איהם אין אנדערע שבטים פיליכט מוחל געווען זיין האלטונג אונטער דבורה'ן. יעקב'ס ברכה, וועלכע איז אין דעם פרט איינגער איידער דבורה'ס ליד, קען שוין ראובן'ען אין דעם צושטאנד פון אונטערגאנג און באגרינדעט זיין שיקזאל מיט אן אלטער זינד, וואס איהר קללה ליגט אויף איהם (בראשית מ"ט 3, 4). אין דער צייט פון משה'ס ברכה איז ער שוין כמעט ווי פארניכטעט, און מישע מלך מואב אויף זיין שטיין דערמאנט איהם לחלוטין ניט מעהר.

## ג ד, ג ל ע ד.

זיין שכן אין צפון איז ג ד. דבורה דערמאנט איהם ניט; עס ווייזט אויס, אז ער איז נאך דאמאלסט געווען נכלל אין ג ל ע ד. ס'איז דריי־

בער זעהר מעגליך, אז ער האט ערשט נאכהער, ביים סוף פון דער שופטים־צייט, זיך זעלבשטענדיג געמאכט. יעקב'ס ברכה רעכענט איהם שוין יע־דענפאלס צו די זעלבשטענדיגע שבטים. זי ריהמט איהם פאר זיין אנט־שלאסענקייט און גבורה, מיט וועלכער ער דערנעמט זיינע פיינד, די רויבע־רישע שכנים פון מואב, עמון און ארם.

ווי שוין פריהער געזאגט, דערמאנט דבורה'ס ליד אנשטאט גד ג ל ע ד. אויך איהם, ווי ראובן'ען, ווערט פארגעווארפען, אז ער וויל ניט פארלאזען זיין זיכערע שטעלונג אין עבר־הירדן צוליב דער אלגעמיינער געפאהר (שופטים ה 17). אזוי ווי ער ווערט דערמאנט צווישען די אידישע שבטים, האט ער דערפאר געמוזט פארנעמען אין יענער צייט, ארום 1150, דעם ראנג פון א זעלבשטענדיגען שבט נעבען ראובן'ען. אבער זינט גד האט באקומען א זעלב־שטענדיגע באדייטונג איז גלעד, ווי עס ווייזט אויס, אלץ מעהר און מעהר געווארען א געאגראפישער באגריף. דער אורשפרונג פונ'ם נאמען גלעד איז יעדנפאלס טונקעל.

נאטירליך האט די געגענד פון גלעד געמוזט דאס רוב קאלאניזירט ווערען פון אידישע משפחות, וואס האבען זיך דארטען באזעצט אויף זייער וואנדערונג פון מזרח און דרום און האבען ניט געוואלט וואנדערען ווייטער צו דער מערב־זייט פון ירדן. אבער דערביי האבען שוין אויך אין דער עלטסטער צייט גע־מוזט פארקומען צוריקוואנדערונגען פון מערב אהער. אידישע משפחות, וועלכע קאנען זיך ניט באזעצען פעסט אין מערב־זייט פון ירדן, וואנדערען ווייטער אוים, ווי די משפחה פון דן: נאר אנשטאט צו צפון, וואנדערען זיי צו מזרח צו. זיי ווערען שפעטער צוגערעכענט צו מנשה; און אט אזוי קומט אויף די לעגענדע, אז שוין אונטער משה'ן איז דער האלבער שבט מנשה דא געבליבען זיצען. אבער די לעגענדע איז א ראיה פאר דעם, אז די וואנדע־רונג איז פארגעקומען גאנץ פריה, פילייכט שוין אין דער שופטים־צייט (במדבר ל"ב 39). די דאזיגע הנחה קאן פילייכט באשטעטיגט ווערען פון דעם שפריכ־ווארט אין דער געשיכטע וועגען יפתח, מיט וועלכען מ'פלעגט קענטיג ריי־צען די גלעדים: „אנטלאפענע פון אפרים זייט איהר!“ (שופטים י"ב 4).

## י א י ר.

מ'קאן זיך אויך משער זיין, אז אין דערזעלביגער צייט האבען זיך נעגרינדעט אידישע ישובים אויך אינ'ם צפון פון עבר־הירדן, אין צפון־זייט פון גלעד, אהין צום חורן צו. דאס זיינען די „געצעלט־דערפער פון יאיר“

אין דער געגענד פון יארמוק. זייער לעגענדארישער גרינדער הייסט יאיר הגלעדי (פארגלייך במדבר ל"ב 41; שופטים י 3, 4). שוין אונטער דוד'ן איז פאראן א מאן פון דארטען, א כהן: עירא היארי (שמואל ב, כ 26). די גרינדונג פון די דאזיגע דערפער קאן בכן געהערן שפעטסטענס צו שאול'ס אדער עלי'ס צייט. דאס וואס יאיר ווערט אריינגערעכנט צווישען די שופטים איז א ראיה, אז דאס געהערט צו דער שופטים־צייט. אויך אט דא האנדעלט זיך וועגען א וואנדערונג פון מערב קיין מזרח פון משפחות, וועלכע האבען שוין דאמאלסט אדער שפעטער זיך צוגערעכענט צו מנשה (במדבר ל"ב 41).

## יהודה.

ווי עס ווייזט אויס איז דאס פאלק ישראל באשטאנען ארום יאהר 1150 פון צעהן הויפט־שבטים: אפרים, זבולן, אשר, נפתלי, דן, בנימין, מכיר, יששכר, ראובן, גלעד. ס'איז ניט קיין צופאל וואס מ'זאגט נאך אין א שפעטערער צייט, אז „ישראל" האט צעהן חלקים אין דעם גאנצען פאלק (שמואל ב, י"ט 44; מלכים א, י"א 35). וואו אבער בלייבט די דרום־גרופע: יהודה, שמעון, לוי? דאס וואס דבורה דערמאנט לחלוטין ניט יהודה און שמעון דארף מען אהן א ספק אזוי אויסטייטשען, אז זי האט אויף זייער הילף ניט גערעכענט. אז זיי האבען נאך צום פאלק לגמרי ניט געהערט, קאן מען דערפון ניט דרינגען; ס'איז אבער יא א ראיה, אז זיי זיינען נאך דעמאלט געשטאנען אן א זייט. יענע אלע צעהן זיינען צווישען זיך פאר־בונדען*); יהודה אבער איז פון זיי אפגעשיידט, ווארים די שפעטערדיגע אידישע ערטער ניט ווייט פון ירושלים, ווי ק ר י ת ־ י ע ר י ם און ב י ת ־ש מ ש געהערען צו די כנענים. דער שווערפונקט פון יהודה ליגט ביי בית־לחם און אין דער לאנדשאפט צווישען בית־לחם און חברון. אבער דינענדיג דעמזעלביגען גאט יהוה ווי די שבטים פון ישראל און האבענדיג השותפות מיט זיי מאנכע טראדיציעס, האבען זיי זיך פארט געמוזט פיהלען פארבונדען מיט די שבטים פון ישראל דורך אן אידעאלען באנד. דאס וואס דבורה אפעלירט ניט צו זייער צוגעהעריגקייט צום פאלק און ניט זי ריהמט,

*) אפרים און מנשה גרייכען אין צפון ביז צום עמק יזרעאל און די צפון־שבטים קומען ארונטער ביז אין טאל, באטש צום. טייל אלס צוגעהעריגע צו די כנענים און אלס סוחרים.

ניט זי טאדעלט זיי, דערקלערט זיך אם בעסטען דערמיט, וואס יהודה איז דאמאלסט געווען שטארק פארנומען מיט אייגענע עסקים און מ׳האט פון איהם קיין שום הילף ניט געקאנט דערווארטען.

וואסערע עסקים דאס זיינען געווען, מיט וועלכע יהודה איז געווען פארנומען, זעהען מיר קלאר פון יעקב׳ס ברכה. דער שפרוך דארטען וועגען יהודה, ווי שוין אויבען דערמאנט, געהערט צו דעם אנהויב פון דער נעכס־טער צייט. אבער דאס וואס ווערט דארטען וועגען איהם געזאגט האט נא־טירליך שוין איצט זיין שורש. דאס וואס די איבעריגע זיהן פונ׳ם שותפות׳ען פאטער, די שבטים פון ישראל, ריהמען זיין גבורה און לויבען איהם שפעטער, איז שוין איצט צוגעגרייט געווארען דערמיט, וואס ער כאפט „זיינע פיינד ביים נאקען“.

„יהודה איז א יונגער לייב:
פון רויב ביזטו, מיין זוהן, אויפגעשטאנען.
ער האט געלעגט זיך, האט געהויערט ווי א לייב
און ווי א לייבין — ווער וועט איהם אויפהייבען ?“
(בראשית מ״ט 8).

יהודה האט געמוזט האבען אפצוטאן א שווערע ארבייט, ביז ער האט זיך געפיהלט זיכער אלס איינענטימער פון זיין בערגלאנד. ער האט געמוזט ארויסשטופען פון איין זייט די כנענים, פון דער אנדערער זייט די אדומים, וועלכע זיינען געווען אריינגעדרונגען צו וויט אין דרום. אין דוד׳ס צייט איז שוין די ארבייט אפגעשלאסען; אבער אויך אין שאול׳ס צייט הערען מיר ווינציג וואס וועגען דער דאזיגער ארבייט. בעיקר געהערט זי צו דער צייט פון דבורה׳ס מלחמות און עס דערקלערט זיך דערמיט ווארום דבורה׳ס ליד שווייגט מכוח דעם. ס׳איז דער המשך פון די מלחמות, וואס פון זייער אנ־הויב ווערט דערצעהלט אין שופטים א.

דאס לאנד ארום בית־לחם און חברון איז דורכאויס מסוגל פאר ערד־ארבייט. זינט יהודה האט עס באקומען איז ער אויך קענטיג אריבערגע־גאנגען צו ערד־ארבייט. די געגענדען אין דרום־זייט פון חברון געהען אלץ מעהר און מעהר אריבער אין דער סטעפע. דארטען פאשען זיך די סטא־דעס פונ׳ם רייכען נבל הכרמלי (שמואל א, כ״ה 2). און וואס מעהר יהודה איז געבליבען אין דער סטעפע און האט דארטען געהאלטען סטאדעס און גע־האדעוועט בהמות, אלץ מעהר האט ער אנגעהאלטען אין די דאזיגע געגענדען

דאס לעבען און די מנהגים פונ׳ם נאמאד, אדער פונ׳ם האלב־נאמאדישען פאסטוך. אין נאך א גרעסערער מאס איז עס ריכטיג בנוגע צו די שבטים פונ׳ם נגב, פון דרום־לאנד, וועלכע זיינען לכתחילה געווען פרעמד צו יהודה, אבער האבען בישלעכוויז זיך צו איהם אנגעשלאסען.

## כלב, ירחמאל, קין, קנז.

דאסגלייכען געהערט שוין צו דער שופטים־צייט די באהעפטונג פון כ ל ב, י ר ח מ א ל און ק י ן אדער די קינים מיט יהודה. אויך ק נ ז אדער די קנזים געהערען אהער. קין איז לויט שמואל א (ט״ו 6) געשטאנען נאהנט צו די עמלקים, האט זיך אבער אפגעזאגט פון זיי; עס ווייזט אבער אויס, אז אט די פארבינדונג גופא פון די קינים מיט די עמלקים איז ערשט פארגעקומען אין דער היסטארישער צייט.*) די קינים זיינען געאגראפיש באצייכענט דורך דעם נאמען נגב ערד אין מדבר יהודה. אויף די קינים באציהט זיך אויך די געשיכטע פון קין און הבל: קין איז דאס אור־בילד פונ׳ם ווילדען בעדואין. אויף ווענען עס ליגט, לויט דער מיינונג פונ׳ם פויער און פונ׳ם האלבען נאמאד, א קללה; הבל איז דער פרידליכער, פונ׳ם בעדואין אפט אונטערדריקטער און באאומרוהיגטער פאסטוך פון סטאדעס, ווי א שטייגער נבל אין שמואל א, כ״ה. די קינים זיינען בכן נאמאדען, און אפילו ווייט אוועק פון זייערע אלטע ערטער אינ׳ם נגב טרעפען מיר נאך אין דבורה׳ס ליד חבר הקיני וואוינענדיג אין א געצעלט אין עמק יזרעאל (שופטים ה 24). דער ספר דברי הימים האט אונז דערהאלטען די ידיעה, וועלכע לעגט זיך זעהר גוט אויפ׳ן שכל, אז אויך די ר כ ב י ם, וועלכע זיינען שפעטער באריהמט געווארען דורך זייער שטרענג נאמאדישען לעבען, זיינען געווען א צווייג פון די קינים (דברי הימים א, ב 55. פארגלייך אויך ירמיה ל״ה).

אז כלב האט געהערט צו דער געגענד פון חברון און באזונדערס אינ׳ם כרמל וואס ליגט אביסעל אין דרום־זייט פון חברון (צווישען חברון און ערד), דאס ווייסען מיר פון שופטים א און פון דער געשיכטע פון נבל הכרמלי. כלב האט בכן זיך שטארק באריהרט מיט די קינים. דאסגלייכען איז מיט ירחמאל, וועלכער איז בעצם נאר א צווייג פון שבט כלב. אלע דריי שבטים פון

---

*) שופטים א 16. מ׳דארף לעזען דעם פסוק: „ובני חובב הקיני חותן משה עלו מעיר התמרים את בני יהודה מדבר יהודה אשר בנגב ערד וילכו וישבו את העמלקי״.

נגב: קין, כלב און ירחמאל ווערען דערמאנט אין דער געשיכטע פון דוד'ן (שמואל א, כ"ז 10: ל 26, 31). אבער דער צוזאמענהאנג, אין וועלכען זיי שטעהען דארטען, מאכט אוממעגליך די געוועהנליכע אויפפאסונג, אז די דאזיגע שבטים פון נגב האבען זיך ערשט אנגעשלאסען אן יהודה אונטער און דורך דוד'ן אלס קעניג פון חברון. דוד גיט אן, אז ער האט זיך אריינגעבראכען אין דעם נגב פון יהודה, פון ירחמאל און פון קין: דערמיט קריגט ער חן אין די אויגען פון עכיש מלך גת, ווייל ער האט זיך דאדורך פארהאסט געמאכט ביי זיין פאלק ישראל (שמואל א, כ"ז 10, 12). דאס האט אבער נאר געקאנט געשעהן, אויב די קינים און די ירחמאלים האבען שוין געהערט צו יהודה און ישראל. ווען זיי ווערען דערביי אונטערשידען פון יהודה, איז עס אן אונטערשיידונג בלויז אין נאמען, אבער ניט אין עצם*). געהערען בכן די דאזיגע שבטים שוין אונטער שאול'ן צו יהודה, טא האבען זיי זיך אודאי אנגעשלאסען אן איהם שוין אין דער שופטים־צייט. פילייכט אונטער דעם דרוק פון די פלשתים, וועלכע האבען זיך געשטופט ווייטער צו דרום: גיכער אבער דורך דעם וואס יהודה איז שטארק געווארען.

## שמעון, לוי.

אויך שמעון און לוי ווערען ניט דערמאנט אין דבורה'ס ליד. פארוואס, דאס ווערט אונז קלאר פון יעקב'ס ברכה. פילייכט אין צוזאמענהאנג מיט יהודה'ס מלחמות און נויטען איז מיט זיי א גרויס אומגליק געשעהן. אין שאול'ס און דוד'ס צייט איז דער אומגליקליכער צושטאנד פון שמעון און לוי שוין געווען א פארטיגע, אפגעשלאסענע זאך. אזוי אז מ'האט שוין געקאנט זעהן פון נאהנטען זייער „צעשטרייאונג אין ישראל". עס הייסט: זייער ענדגילטיגע אויפלעזונג. מיר ווייסען אבער פון שופטים א, אז שמעון האט בשותפות מיט יהודה זיך גענומען צו דער ערעבערונג. די דאזיגע ידיעה מוז לכל הפחות אויף אזויפיעל האבען א היסטארישען יסוד, אז שמעון איז פאקטיש אמאל געזעסען נעבען יהודה, אין מערב־זייט פון איהם. מ'קאן זיך משער זיין, אז ער האט שפעטער געמוזט אפטרעטען זיין ארט צו די פלשתים און די כנענים, און יהודה, מיט זיך גופא באשעפטיגט, האט איהם ווינציג

*) באזונדערס זעהט זיך דאס ארויס אין שמואל א, ל 26. דוד, הייסט עס דארטען, שיקט רויב צו די זקנים פון יהודה, וועלכע זיינען כולל די פון די ירחמאלים, פון די קינים און פון חברון.

וואס געקאנט העלפען. זיין פארניכטונג האט געמוזט פארקומען אין דבורה'ס צייט.

יעקב'ס ברכה זוכט א דערקלערונג פאר דעם און געפינט זי פאר שמעון און לוי צוזאמען אין א זינד, וואס זיי האבען אמאל בשותפות אפגעטאן. זיי האבען א שטייגער „אין זייער צארן געמארדעט מענשען און אין זייער מוטוויליגקייט פארקריפעלט אקסען." מיט רעכט פארבינדט מען דאס מיט דער געשיכטע פון שכם און דינה (בראשית ל"ד). ס'איז אבער א טעות ווען מ'טראגט אריבער די דאזיגע געשיכטע אין דער צייט פון די שופטים און מ'מאכט זי פאר דער אמת'ער סיבה פון דער אויפלעזונג פון שמעון און לוי. אננעמענדיג, אז זיי האבען כלומר'שט אין יענער צייט אונטערנומען בשותפות אן עקספעדיציע געגען שכם און האבען דארטען געליטען א גרויסע נידערלאגע. וואס האבען זיי, באזונדערס נאך שמעון, איצטער דארטען געהאט צו זוכען? גיכער איז געבליבען א טראדיציע וועגען א מארד, וועלכער האט געווירקט ווי א קללה, פון איינעם פון די אור־אבות געגען די דאזיגע ביידע זיהן, וועלכע זיינען באטראכט געווארען אלס ברידער אין א באזונדערען זין, אלס זיהן פון איין מוטער: און יעקב'ס ברכה זעהט די ווירקונג פון דער קללה אין דעם וואס עס איז געשעהן מיט שמעון און לוי אין דער שופטים־צייט און ארויף ביז שאול און דוד.

דערמיט איז צוגלייך אויך אנגעגעבען וואס מיר ווייסען מכוח לוי אלס א שבט אין דער שופטים־צייט. דאס וואס משה האט צו איהם געהערט, האט אהן א ספק איהם צוגעגעבען א הויכען ראנג צווישען די שבטים און משפחות אין משה'ס צייט. מעהר ווי אין אלץ האט ער דערהאלטען זיין חשיבות אין גייסטליכע ענינים. אבער יעקב'ס ברכה, דער איינציגער דאקומענט וועגען דעם שבט אלס אזעלכען אין דער שופטים־צייט, ווייזט אונז מיט פולער קלארקייט, אז ניט האט לוי גופא זיך באשרענקט אויף יענעם גייסטליכען פריוויר לעגיום, ניט האט מען אין ישראל געזעהען אין דעם די עצם באדייטונג פון לוי. גיכער לעבט ער נאך אין דער צייט פון דוד אדער שאול, לכל הפחות אין זכרון, אלס א שבט ווי אלע אנדערע, אז ניט וואלט ער ניט דערמאנט געווארען צווישען די צוועלף שבטים*) און וואלט ניט ווי זיי פארוויקעלט געוועזען אין וועלטליכע ענינים. אין די דאזיגע וועלטליכע ענינים האט ער געמוזט אזוי ווי שמעון און צוזאמען מיט איהם ליידען אזעלכע מפלות, אז ער

*) בראשית מ"ט (יעקב'ס ברכה) און אויך כ"ט און ל"ה. פארגלייך אויבען ז. 138 אין דער באמערקונג.

איז גאר אין גיכען לגמרי פארשוואונדען אלס וועלטליכער שבט. אבער די שופטים־צייט האט איהם נאך געקענט אלס וועלטליכען שבט, אם ווע־ניגסטען האט זי נאך געהאט די פרישע ערינערונג דערפון. על כל פנים איז זיין אויפלעזונג שוין געווען ווייטער אנגעגאנגען איידער שמעון׳ס, אז ניט וואלטען מיר געהערט וועגען איהם אין שופטים א אדער עפעס אנדערשוואו. עס קאן גריילעך זיין, אז אין די עראבערונגס־מלחמות האט ער זיך שוין באַ־טייליגט בלויז מיט וועניג משפחות, וועלכע האבען זיך מעגליך אנגעשלאסען אן יהודה און שמעון. עס מוז דא נאך באמערקט ווערען, אז דער איינציגער לוי, וועמען מיר באגעגענען אין ספר שופטים, קומט פון בית־לחם אין יהודה (שופטים י״ז 7). מיר מוזען דעריבער זוכען לוי׳ן אין דער סביבה פון יהודה. דארטען זיינען אויך פארגעקומען די מלחמות און שטרייטיגקיי־טען, אין וועלכע לוי האט געליטען זיין ביטערע נידערלאגע.

3.

## ווייטעריגע עראבערונגס־מלחמות.

פונקט ווי די איבעריגע געשעהענישען פון אונזער שופטים־צייט, אזוי קענען מיר אויך די עראבערונגס־מלחמות זיך ניט פארשטעלען אין א צוזאַ־מענהאנג. שולדיג אין דעם איז דאס וואס די געבליבענע טראדיציעס זיינען זעהר מאגער און אפגעבראכען, און עס פעהלט אונז אויך א צייטרעכענונג לויט א סדר און א המשך. אונזער איצטיגער ספר שופטים איז אפילו איינ־געפאסט אין א פולען און רונדען כראנאלאגישען ראהם. אין דער איצטיגער געשטאלט געהערט דאס אבער צו די שפעטסטע טיילען פונ׳ם בוך, וואס איז אסך מאל איבערגעשריבען און רעדאקטירט געווארען. אין גאנצען אויסגע־זייגען פון פינגער איז דער דאזיגער כראנאלאגישער ראהם ניט. אין מאנכע פונקטען האט ער אלס יסוד עלטערע צייטבאשטימונגען, וועלכע האבען לכתחילה געהערט צו די דאקומענטען גופא. באזונדערס די צאהלען פון די אזויגערופענע קליינע שופטים (פון וועלכע עס ווערען ניט דערצעהלט קיין העלדישע מעשים ; זעה א שטייגער שופטים י 1—5, 8—15), אויך די דער־צעהלונגען וועגען יפתח און וועגען די צייטען פון דער אונטערדריקונג זיי־נען, ווי עס ווייזט אויס, באגרינדעט אויף אן אלטער טראדיציע. אבער כאטש די דאזיגע צאהלען האבען א ווערט אין מאנכע פרטים, זיינען זיי אבער פארט ניט גענוג אונז צו געבען א כראנאלאגיע אין א המשך. ס׳איז דערפאר ניטא

קיין אנדער ברירה ווי נאָר ארויסצודרינגען דעם סדר פון דער צייט פון איינ־ווענינסטע סימנים. די אָרדנונג פון אונזערע שופטים־געשיכטען וועט אונז דערביי קאָנען עפּעס ארויסהעלפען.

מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, אַז די עראָבערונגס־מלחמות זיינען פאַרטגעזעצט געוואָרען אויך נאָכדעם ווי די אידישע שבטים האָבען זיך גע־האַט פעסט באַזעצט אין לאַנד, און אַז איינצעלנע שבטים האָבען דאָ און דאָרטען געמוזט קעמפען מיט געוועהר אין די הענט אויסצובּרייטערען זייער גרעניץ. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער דאַמאַלסדיגער לאַגע. ווי ווינציג עס האָט זיך וועגען דעם דערהאַלטען אין תנ״ך, איז עס אַלץ גענוג צו לאָזען דערקענען פון איינינע כאַראַקטעריסטישע פאַלען ווי אַזוי יענע מלחמות זיינען אומגעפעהר צוגעגאַנגען. מאַנכע אַזוינע מלחמות זיינען אָהן אַ ספק אויסגעקעמפט געוואָרען, פון וועלכע עס איז אונז ניט געבליבען קיין שום ידיעה.

## שמעון און לוי.

אַלס דער עלטסטער פאַל פון אַט דעם זאָרט ווערט איצט פון די מעהרס־טע אנגענומען בדרך השערה דער אַנפאַל פון שמעון און לוי אויף ש כ ם. אין אַ צייט ווען אין שכם האָט זיך שוין געפונען אַ אידישער ישוב, כאָטש אַ גאַנץ קליינער.*) פּרובּירען, לויט דער דאָזיגער השערה, די שבטים שמעון און לוי איינצונעמען יענע וויכטיגע שטאָדט מיט דעם כוח פון געוועהר. אָהן ספק כדי זיך צו באַזעצען אין דער געגענד אַרום. לוי, משה'ס שבט, ווערט אין די פריהעריגע עראָבערונגס־מלחמות ניט דערמאָנט, ער האָט בכן נאָך ניט גע־האַט קיין נחלה; שמעון האָט הפנים, עהנליך צו דן, זיך ניט געקאָנט האַלטען אין זיין געגענד אין דרום, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט יהודה.

דער איבערפאַל פון די ביידע שבטים — געהט ווייטער די השערה — ווערט באַטראַכט פון דער אידישער מינאָריטעט אין שכם אַלס אַ מיאוס'ע בגידה. ער שטערט דעם פריידליכען אָפּמאַך צווישען די אידען און די כנענים און רייצט אויף די כנענים אין אַנדערע ערטער זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. אַט אַזוי ווערען שמעון און לוי שטאַרק געדריקט פון די כנענים, און פון די

*) שכם בן חמור האָט געהאַט אַ פאַרהעלטעניש מיט דינה בת יעקב. דאָס ווערט אויסגעטייטשט, אַז אַ צווייג פון ישראל האָט זיך באַזעצט אין שכם.

אידען ניט אונטערשטיצט. דער סוף איז, אז זיי ווערען אין גאנצען צעריבען.*) שמעון פארשווינדט פון דעמאלט אן פון דער געשיכטע. העכסטענס אין דרום, וואי ער האט זיך פריהער אויפגעהאלטען, זיינען געבליבען פון איהם עפעס שיריים. לוי ווערט צעשפרייט צווישען די פארשידענע שבטים, אזוי אז באלד דא, באלד דארטען געפינט זיך פון איצטער אן אין פארשידענע געגענדען וועלכע עס איז משפחה פון לוי, וואס פארגעסט ניט איהר אפשטאמונג. אלס משה'ס שבט האט זיך לוי פון איצט אן אלץ מעהר איבערגעגעבען צו דער כהונה, פיליכט אויס אן אלטער געוואוינהייט, פיליכט אויס דער נויט פון דער צייט.

וויפיעל ס'איז דא אמת און וויפיעל ס'איז צווייפעלהאפט אדער איינגאיצען פאלש אין דער דאזיגער אויפפאסונג, ביי וועלכער איך גופא האב זיך אמאל געהאלטען, קאן מען זעהן פון די אויספיהרונגען אויבען. ווי ווייט עס האנדעלט זיך וועגען מלחמות, וועלכע זיינען אין דער שופטים־צייט אנגעפיהרט געווארען מיט דעם צוועק צו פארנעמען מעהר לאנד, געהערען אהער אויך די מלחמות פון שמעון און לוי, על־כל־פנים ניט אין שכם און אין צענטראלען טייל פונ'ם לאנד, נאר אין דעם דרום. אט דא זיינען נאך אהן א ספק אויך אין דער שופטים־צייט פארגעקומען בלוטיגע מלחמות צווישען יהודה און די כנעני'שע און אנדערע שבטים, וועלכע זיינען דארטען פון פריהער געזעסען. אזעלכענע מלחמות האבען אויך ניט אויסגעפעהלט אויף די בערג פון אפרים און אין עבר־הירדן, באזונדערס אין דער געגענד פון ראובן און גד**).

## דער שבט דן.

א באזונדערס אינטערעסאנטער ביישפיל פון אזוינע עראבערונגס־מלחמות איז אונז געבליבען אין דער געשיכטע פון שבט ד ן. דן איז לכתחילה געזעסען אויפ'ן מערב'דיגען שיפוע פון די בערג פון אפרים. ער ווערט אבער באלד ווידער צוריקגעשטויסען קיין מזרח דורך די אמורים פון יענע געגענדען (שופטים א 34). דערצו נאך האבען אונטערדעסען אויך די פלשתים אריינגעוואנדערט און האבען נאך ווייטער ארויסגעשטופט דעם שבט.

*) די דאזיגע פארשטעלונג איז ארויסגענומען פון בראשית ל"ד, צו וואס מ'מוז פארגלייכען בראשית מ"ט 5—7.

**) זעה אויבען ז. 250, 251.

ער איז סוף כל סוף געווארען אזוי אפגעשוואכט, אז ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי נאר צו פארלאזען יענע געגענד און זיך אויסצוזוכען א נייע שטיק לאנד. וועגען דעם אופן ווי אזוי דער שבט האט פארנומען דאס שטיק לאנד איז אונז געבליבען א געשיכטע אין שופטים (קאפ. י"ז און י"ח), וועלכע איז סאי היסטאריש, כאי קולטור־היסטאריש זעהר וויכטיג. לויט דער דאזיגער געשיכטע האבען די „בני דן" אויסגעשיקט מרגלים און אז זיי האבען באקומען פון זיי גוטע ידיעות, זיינען זיי אלע, 600 מענער פעהיג צו טראגען געוועהר צוזאמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, ארויסגעצויגען פון זייער לאגער אין קרית־יערים (מחנה דן) און זיינען געגאנגען קיין צפון. דא טרעפען זיי אין דער געגענד פונ'ם ירדן־קוואל א שטאדט מיט'ן נאמען ל י ש, וועלכע איז באוואוינט געווען פון א פרידליכער באפעלקערונג. זיי לעבען אהן זארג, זיינען ווייט פון די פעניקיער, צו וועמען זיי געהערען, און האבען אויך ניט קיין פארבינדונגען מיט די אראמעער*). זיי זיינען בכן אומבאשיצט, אבער אויך ניט געשטערט פון קיינעם. אויף דער דאזיגער שטאדט זיינען די „בני דן" אנגעפאלען, נאכדעם ווי זיי האבען אונטערוועגנס אוועקגערויבט אויף דעם בארג פון אפרים א בילד פון גאט צוזאמען מיט'ן כהן. די שטאדט ווערט פארברענט און איהרע איינוואוינער — אהן רחמנות אויסגע'הרג'עט. אויף איהר פלאץ בויען אויס די „בני דן" א נייע שטאדט מיט זייער אייגענעם נאמען — די שפעטער וואוילבאקאנטע שטאדט דן („מדן ועד באר־שבע"). אויפ'ן יסוד פון אט דעם געוואגטען אויפטו האט דער שבט דן זיך אויף א לאנגער צייט געשאפען א זעלבשטענדיג און חשוב לעבען ביים צפון־גרעניץ פון ישראל (בראשית מ"ט 16, 17 : דברים ל"ג 22). נאך אין דוד'ס צייט איז דן געווען אנזעהעוודיג אלס צענטער פון אידישען לעבען און פון אלטע אידישע מנהגים**).

עס לעגט זיך נאטירליך ניט שטארק אויפ'ן שכל, אז דא האנדעלט זיך וועגען דעם גאנצען שבט דן. פון דער געשיכטע וועגען שמשון'ען זעהט עס אויס, אז א טייל פונ'ם אלטען שבט איז געווען בכוח, פיליכט געשטיצט אויף דעם „לאגער פון דן" („מחנה דן"), זיך צו האלטען אין דער אלטער היים.

*) אין שופטים י"ח 7, 28 דארף מען לעזען לויט דעם תרגום השבעים „ודבר אין להם עם ארם."

**) שמואל ב, כ 18, 19. דער טעקסט ווערט דארטען אויסגעבעסערט פון אסך מאדערנע מבארים ווי פאלגט: „שאל ישאלו באבל ובדן התמו אשר שמו אמוני ישראל?" ח. ש.

אויך אונזער דערצעהלונג גופא גיט אונז קענטיג אז אנצוהערעניש אויף דעם*)׃ על־כל־פנים קאן מען פון איהר ניט דרינגען אויף פארקעהרט.

## ב ר ק און ד ב ו ר ה.

דער לעצטער אנטשיידענדער קאמף מיט די ביז־איצטיגע איינוואוינער פון׳ם לאנד האט נאך אבער ערשט באדארפט פארקומען. דער דאזיגער קאמף שאפט די גרויסארטיגע פאראייניגונג פון די שבטים פון ישראל אונטער ב ר ק און ד ב ו ר ה, כדי זיך אפצואוועהרען פון די כנענים אונטער סיסרא׳ן.

וועגען דער דאזיגער פאסירונג האבען מיר צוויי באריכטען אין ספר שופטים׃ איינעם א פאעטישען און דעם אנדערען אין פראזא**). אבער, אזוי וויט ווי זיי שטימען ניט ביידע, מוזען מיר דעם ערשטען געבען דעם פאר־ צוג. דאס איז דבורה׳ם ליד, וואס איז שווער אנצונעמען, אז עס איז געשריבען פון דער העלדין גופא, אבער אין יעדען פאל איז עס געשריבען פון איינעם וואס האט מיטגעלעבט די געשעהענישען. עס איז א ברילאנט אין דער אלט־העברעאישער ליטעראטור און צוגלייך אויך א פערל אין דער פאעזיע פון אלע צייטען. דאס ליד איז אן עכטער העלדען־געזאנג, און וועלכען פאעזיע איז ניט בלויז ווארט, נאר טאט און קראפט, א פייער אנגעצונדען אן דעם הייליגען פלאם פון באגייסטערונג פאר׳ן אידישען פאלק און פון דער ריינס־ טער, גליהענדסטער ליבע צו יהוה און ישראל.

סיסרא, דער קעניג פון די כנענים אין צפון („חרשת“ ליגט אביסעל אין צפון־זייט פון עמק יזרעאל), האט שטארק געדריקט די אידישע שבטים פון צענטראלען און פון צפון־טייל פון׳ם לאנד. אין בונד מיט די נאך כנעני׳ש געבליבענע שטעדט פון קישון־טאל איז איהם ניט געווען שווער צו בא־

*) שופטים י״ח 11; 600 מאן פון דער משפחת פון דן. זעה אויך אויבען ז. 246.

**) אינ׳ם ליד איז סיסרא גופא דער פיינדליכער קעניג, בעת די דערצעהלונג (אין איהר היינטיגער געשטאלט) מאכט איהם דורך א מיספארשטענדניש בלויז פאר׳ן הויפט־גענעראל פון יבין מלך הצור (פארגלייך יהושע י״א). לויט׳ן ליד געהערט אויך דבורה קענטיג צום שבט יששכר, ניט צו אפרים ווי אין דער דער־ צעהלונג.

צווינגען און צו האלטען איז צאם יעדען איינצעלנעם פון די אידישע שבטים אדער אפילו פארווייז אין צפון־ און אין דרום־זייט פון יענעם טאל. אזוי לאנג ווי זיי האבען זיך ניט געהאלטען פעסט צוזאמענגעשלאסען. דאס וואס עם האט זיך די כנענים ניט איינגעגעבען אמאל אונטער יהושע׳ן, האט איצט געזאלט געפיהרט ווערען צו א גליקליכערען סוף: פאראייניגט און מיט דער הילף פון א העבער אנטוויקעלטער קריגס־קונסט און פון פעסטע פלעצער ווי תענך, מגידו און נאך אנדערע, האבען די כנענים געהאפט דאך אמאל צו באהערשען די אריינגעדרונגענע אידען.

עס האט אויסגעזעהן, אז די הויפטארבייט פון די כנענים איז שוין אפגעטאן. דער שווערער דרוק וואס האט זיך געצויגען א לאנגע צייט האט שוין באוויזען אוועקצונעמען ביים אידישען פויער דעם כוח זיך צו שטעלען אנטקעגען. פארלירענדיג דעם מוט האט ער ארויסגעלאזען די געוועהר פון זיין האנט. „קיין פאנצער ניט געווען צו זעהן, קיין שילד ביי פערציג טויזענד אין ישראל“. און אויב דער אידישער מוט האט אמאל געהאלטען ביים אויפלעבען, איז ער באלד ווידער געזונקען פון די איבערפאלען, וואס די כנענים האבען אונטערנומען באלד דא, באלד דארטען. האנדעל און וואנדעל איז געווען אין סכנה, וועג און שטעג — ניט מעהר זיכער. דער ציל פון די כנענים איז שוין מעהר ניט געווען ווייט: די אידישע שבטים, אויסגעמאטערט און אפהענטיג, זאלען ענטוועדער ארויסציהען פון לאנד אדער זיך אונטערווארפען און ווערען צינזבאר צו די כנענים.

„אין די טעג פון שמגר בן
(אין די טעג פון יעל)
האבען אויפגעהערט קאראוואנען,
און די וואנדערער אויף וועגען
זייבען אויף זייט־שטעגלעך געגאנגען.
די דערפער האבען גערוהט,
אין ישראל האבען זיי גערוהט,
ביז דו ביזט אויפגעשטאנען, דבורה,
ביזט אויפגעשטאנען, א מוטער אין ישראל!“

(שופטים ה 6, 7)

דבורה איז אויפגעטראטען און מיט איהר איז געקומען די הילף. א

זעהעריז, א שטייגער ווי שפעטער שמואל, איז זי ניט צופרידען געווען צו געבען פאר באצאהלונג אן ענטפער און א משפט צו די לייט וואס קומען פרע־גען ביי איהר; נאר זי האט געטראגען אין הארצען דעם גלויבען אין יהוה און אין זיין הילף. די נויט פון׳ם פאלק ריהרט זי זעהר שטארק; ווארים די דאזיגע נויט איז גלייכצייטיג אויך די שאנד פון יהוה. דעריבער מוז גלייך גע־שאפען ווערען הילף. עס ווירקט אין איהר דער געדאנק, אז די שבטים גע־הערען אלע צוזאמען, אז זיי זיינען יהוה׳ס שבטים און זיי האבען געזאלט זיין יהוה׳ס פאלק. דער דאזיגער געדאנק, וועלכער איז שוין געווען אפגע־שטארבען ביי די מוטלאזע און מיד געווארענע מאסען, האט אבער נאך גע־ווים געלעבט דא און דארטען ביי יחידים. אט זיי אלע פארזאמלען זיך ארום דער גאט־באגייסטערטער פרוי. די לאזונג: ישראל און יהוה געהערען צוזא־מען; די לאזונג: די שבטים פון ישראל זיינען יהוה׳ס שבטים, זיינען איין פאלק און איין איינהייט, באגייסטערט זיי צו שותפות׳ע מעשים. „מיין הארץ געהערט צו די פיהרער פון ישראל, וועלכע ווייזען זיך פרייוויליג אין פאלק — לויבט יהוה!״ די פיהרער פון די שבטים פאלגען דעם רוף. מיטרייסענדיג מיט זיך די שבטים נופא. א באגייסטערונג צעפלאמט זיך צווישען די מאסען. און דער נצחון געהערט צו זיי.

אפרים, בנימין, מכיר־מנשה, זבולן, נפתלי, יששכר שיקען ארויס זייערע מחנות מיט די פירשטען פון די שבטים אין דער שפיץ. דעם גאנצען אידי־שען חיל קאמאנדירט ברק בן אבינעם. נאר ווייניג שבטים בלייבען אין דער־היים. מיט א גרימצארנדיגען שפאט ווערט באלוינט ראובן׳ס וואקעלדיגע אומאנטשלאסענקייט, גלעד׳ס פוילע גלייכגילטיגקייט און דן׳ס און אשר׳ס געמיינע זשעדנעקייט, און ווילדע קללות באלוינען די פחדנות׳דיגע זעלבסט־זיכטיגקייט פון דער נאהנטער שטאדט מרוז. ביים קישון, אינ׳ם טאל וואו די רייטוועגען קאנען זיך פריי באוועגען און די שטערד קאנען געבען א זיכערע באשיצונג, האט סיסרא פארזאמעלט זיין ארמיי.

„מלכים זיינען געקומען, האבען מלחמה געהאלטען.
דאמאלסט האבען מלחמה געהאלטען די מלכים פון כנען
אין תענך, ביי די וואסערן פון מגידו;
רויב אין זילבער האבען זיי ניט באקומען.
פון הימעל האבען געקעמפט די שטערן,
פון זייערע שטעגען האבען זיי מיט סיסרא׳ן געקעמפט

דער טייך קישון האָט זיי אַוועקגעשלעפּט,
דער טייך פון שלאכטען, דער טייך קישון."*)

די דראמע ענדיגט זיך נאָך ווילדער און ליידענשאַפטליכער ווי זי האָט זיך אנגעהויבען. די פיינד צעפליהען ווי שטויב פאַר דעם אידישען חיל. סיסרא אנטלויפט. די האַנט פון א פרוי ברייינגט דעם טויט צו דעם מלך. וואס האָט שרעק ארויסגערופען.

„געלויבט פון פרויען זאָל יעל זיין,
די פרוי פון חבר הקיני;
זי זאָל געלויבט זיין פון אַלע פרויען אין געצעלטען!
וואסער האָט ער געבעטען, מילך האָט זי געגעבען,
אין אַ פּראכט־קרוג האָט זי זויערמילך דערלאַנגט.
איהר האַנט האָט זי צום פּלעקל אויסגעשטרעקט
און איהר רעכטע האַנט צום שווערען האמער;
און האָט דורכגעהאמערט סיסרא'ן,
דורכגעהאַקט זיין קאָפּ,
דורכגעשלאָגען, דורכגעבויערט איהם זיין שלייף.
צו איהרע פיס האָט ער געקניהט,
אַ פאל געטאָן, געלעגען,
צו איהרע פיס האָט ער געקניהט און געפאלען,
דאָרטען וואו ער האָט געקניהט,
איז ער טויט געפאלען."

(שופטים ה 24—27).

עס איז ניט מעגליך אפּצושאצען צו הויך דבורה'ס אויפטו. אין דער צייט פון דער ערגסטער אידישער צעריסענקייט, אין דעם מאָמענט ווען דער נאַ־ציאָנאַלער געדאנק איז געשטאַנען אין דער גרעסטער סכנה האָט אָט די פרוי אויפגעוועקט אין דער נשמה פון די אידישע מאסען דאָס באוואוסטזיין פון דער אידישער אחדות אלס יהוה'ס פאלק. דער פונק וואס האָט שוין געהאַל־

---

*) דער טעקסט ווערט אויסגעבעסערט פון אַסך מאָדערנע מבארים אין „נחל קרבות, נחל קישון", שופטים ה 21.
ח. ש.

טען ביים אויסלעשען האט ווידער העל אויפגעפלאקערט אין א טרויעריגער, טונקעלער צייט. עס האט זיך געדוכט, אז משה'ס גייסט האט ווידער אויפגעלעבט. און כאטש נאך דבורה'ן קומט ווידער א טונקעלע צייט, האט אבער דאס פייער וואס זי האט אנגעצונדען געמוזט ווארפען זיין שיין ווייט ארום אין דעם זכרון פון די שבטים. אפילו ביי יענע שבטים וואס זיינען צו זייער שאנד אין דערהיים געבליבען, האבען דבורה'ס ליד און איהר אויפטו געמוזט מאכען אויפציטערען דאס הארץ און דערוועקען דאס געוויסען.

דערצו נאך איז פון איצט אן ביי די כנענים שנעלער אנגעגאנגען דער פראצעס פון זיך אנשליסען אן די אידען, וועלכע זיינען איצט שטארק געווארען. סיסרא'ס מלחמה איז הפנים געווען די לעצטע פראבע פון די אמאליגע באלעבאטים פונ'ם לאנד צו ארבייטען צוזאמען געגען די אידען. דער דורכפאל פון אט דער פראבע, א דאנק דער אידישער קראפט און אחדות, האט געמוזט האבען א ווירקונג אויף ווייטע קרייזען. די שטארקייט פון כנען איז ענדגילטיג געווען געבראכען. איין שטיק נאך דעם אנדערען ברעקעלט זיך איצט אפ און ווערט אויפגעזויגען פון ישראל. אויך די פעסטע פונקטען פון עמק יזרעאל האלטען זיך ניט מעהר. ווארים שפעטער, ווען די פלשתים קריגען די ממשלה איבער'ן לאנד, זיינען אפילו די כנענים נאך ניט פארשוואונדען, יבוס, גבעון, גזר געהערען נאך צו זיי: אבער זיי האבען שוין מעהר קיין כוח און קיין האלט ניט צו ארבייטען יד אחת מיט די פלשתים. איצט האבען די כנענים גאר ווינציג וואס באדארפט כדי אין בונד מיט די פלשתים צו מאכען א כליה פון די אידען: דאס ווינציגע אבער האט זיי אויך געפעהלט. זיי זיינען פאקטיש געווען אויף דעם וועג אסימילירט צו ווערען דורך די אידען.

## די קליינע שופטים.

נאך די טעג פון ברק און דבורה האבען געקאנט פארקומען נאר איינצעלנע שטרייטיגקייטען מיט די פריהעריגע באלעבאטים פון לאנד. דער עיקר איז, וואס איצט האבען איינצעלנע משפחות, דורך דעם גליקליכען ערפאלג פון די אידישע כלי־זין, באקומען דעם מוט אריינצודרינגען ווייטער אין אזוינע געגענדען וואו זיי האבען ביז אהער קיין צוטריט ניט געהאט. ס'איז דערפאר גאנץ פארשטענדליך וואס אונזער ספר שופטים זעצט נאך צו אין דעם ווייטערדיגען המשך פון זיין דערצעהלונג אלס הוספה איניגע נעמען פון

גבורים, וועלכע האָבען, ווי עס זעהט אויס, געהאט אַ חלק אין די עראָבערונגס־מלחמות. דאָס זיינען די אַזויגערופענע „קליינע שופטים*). די מעהרסטע פאָרשער באטראכטען זיי אלס אומהיסטאָריש, בלויז אלס נעמען־העלדען (עפּאָנימי) פון משפחות. אבער דער פאקט וואס מיר האָבען פון זיי בלויז דעם נאָמען און איניגע מאגערע נאָטיצען איז נאָך קיין גרונט ניט ארויסצוגעבען אזא'ן אורטייל: און דער אומשטאַנד וואס אויך יפתח איז אמאָל געשטאַנען אין זייער רייה, און וואס די דאטומס, וועלכע ווערען אָנגעגעבען וועגען זיי זיינען עלטער איידער די איבעריגע כראָנאָלאָגיע פון ספר שופטים**). איז גיכער א ראיה פאר דעם, אז דאָס זיינען היסטאָרישע העלדען פון שבטים, וועלכע האָבען זיך געמאכט א נאָמען אין די עראָבערונגס־מלחמות אין פארשידענע צייטען, פיליכט אויך מעהרערע גלייכצייטיג מיט אמאָל. נאָר אילון הזבולני און תולע פון פועה קאָנען זיין בלויז לעגענדארישע געשטאַלטען, מחמת אילון איז דער נאָמען־העלד פון אן אָרט (שופטים י"ב 12) און תולע איז גלייכצייטיג דער נאָמען פון א משפחה פון שבט יששכר (שופטים י 1: בראשית מ"ו 13). אבער אָנצונעמען דאסזעלביגע אויך וועגען יאיר, אבצן און עבדון האָבען מיר קיין גרונט ניט.

וועגען איינעם פון אָט די קליינע שופטים, יאיר, האָבען מיר אויך אַנדערע ידיעות, וועלכע ווייזען לויט זייער צוזאמענהאנג אויף דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען. עס ווערט דערצעהלט, אז ער איז אריבערגעגאנגען דעם ירדן צוזאמען מיט די משפחות פון מנשה, מכיר און נבח, און צוגענומען טיילען פון גלעד פון די אמורים, וועלכע זיינען געזעסען אין עבר־הירדן (במדבר ל"ב 39-42***). אַזוי ווי די דאָזיגע אונטערנעמונג איז ארויסגעגאַנגען פון דער מערב־זייט פון ירדן, האָט עס דעריבער געקאָנט פארקומען נאָר אין דער צייט נאָך יהושע'ס טויט. יאיר ווערט דער גרינדער פון די „חות יאיר" — די געצעלט־דערפער פון יאיר — א באצייכענונג, וועלכע גיט קיין אורזאך ניט צו שטעמפּלען דעם נאָמען־געבער אלס א ניט־היסטאָרישען נאָמען־העלד (עפּאָנימאָס).

---

*) זעה אויבען ז. 257.

**) ביי די „קליינע שופטים" זיינען די צאָהלען געטויע, בעת ביי די גרויסע שופטים זיינען זיי אומעטום רונדע: פערציג, אכציג אָדער צוואנציג יאָהר, לויט דעם כראָנאָלאָגישען פלאן פון דעם שפּעטערען איבערשרייבער. ת. ש.

***) זעה אויבען ז. 251, 252.

## 4.

## אַנפאלען פון דרויסען. דאָס שבט־קעניגטום פון עפרה.

די נאַטירליכע רעאקציע פון די כנענים געגען די אידישע שבטים, וועלכע האָבען פון זיי אוועקגענומען זייער לאַנד וואס זיי האָבען געהאט בירושה. איז מיט דבורה׳ס נצחון געקומען צו א שטילשטאַנד. פאר די אידען איז אבער דערמיט נאָך ניט געקומען די צייט צו געניסען רוהיג און אומגעשטערט דאָס לעבען אין לאַנד, וואס זיי האָבען באקומען. ס׳איז דער אַלטער מנהג פון די אומבאַשטענדיגע, וואנדערענדיגע בעדואינער־שבטים פון מדבר א קוק צו טאָן פון צייט צו צייט מיט קנאה אויף דאָס באקוועמע לעבען פון די באַזעסענע שכנים אויף יענער זייט גרעניץ פונ׳ם ישוב־לאַנד. די שטאַלצקייט פונ׳ם נאמאד איז זיין פרייע, ניט געשטערטע ארומוואנדערונג אין דער אומבאַגרעניצטער ווייטקייט. מיט מיטלייד און פאראכטונג קוקט ער אויף דעם פויער, וועלכער איז צוגעבונדען צו זיין שטיק ערד. אבער אָפטמאָל דערוועקט זיך אויך ביי איהם, אויף להכעיס זיין אַלטער ליבע צו פרייהייט, א חשק צו דעם זיכערען און אויך רייכערען לעבען אויפ׳ן ישוב־לאַנד. יאהרהונדערטער לאַנג האָט עגיפּטען עס געהאט אריבערצוטראָגען: די סעמיטישע נאמאדען פון צפון זוכען ווידער און ווידער זיך דאָרטען צו באַזעצען, אמאָל מיט גוטען, אמאָל מיט געוואלד. די אידישע שבטים גופא האָבען געפיהלט דעמזעלביגען חשק בשעת זיי זיינען געווען נאמאדען. אבער ווי נאָר די אידען האָבען זיך אביסעל אָפּגערוהט פון דעם שטארקען ווידערשטאַנד פון די כנענים, האָבען גלייך זיך אָנגעהויבען צו באווייזען פון אלע זייטען די נאָך אלץ נאמאדישע שכנים און האָבען אָנגעהויבען זיך רייסען מיט זיי איבער דער נחלה וואָס זיי האָבען נאָר וואס באקומען. צום טייל זיינען עס געווען שבטים, וואס זיינען געשטאַנען נאָהנט צו די אידען דורך קרובה׳שאפט פון בלוט. זיי האָבען געהאַלטען, אז זיי האָבען א רעכט נאָכצוטאָן דאָס וואס עס האָט זיך איינגעגעבען די אידען. דערצו נאָך זיינען געקומען אַלערליי סכנות פון פארשידענע זאַרטען פון נאָהנט און פון וויים.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס שוין נאָך פאר דעם לעצטען אנטשיידונגס־קאַמף מיט די כנענים. עס יוערט דערצעהלט אין ספר שופטים, אז עתניאל, א זוהן פון קנז און א שבט־ברודער פון כלב, ווען מיר קענען שוין פון דער עראָבערונגס־געשיכטע — דאָרטען איז ער כלב׳ס אן איידים — בכן א גבור

פון קנז־יהודה פון יהושע'ס צייט, האט שוין אין יענע טעג אפגעהאלטען א נצחון געגען פרעמדע, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין לאנד. וויפיעל דאס איז היסטאריש, איז שווער מיט זיכערקייט צו באשטימען. מאנכע ווילען זעהן אין עתניאל'ן בלויז אן ערפונדענע לעגענדארישע געשטאלט און זיינע מלחמות געהערען לויט זייער מיינונג צו דעם געביט פון טענדענץ־דיכטונג*). אנדערע ווילען לכל הפחות דערקענען אין זיין געשיכטע א נאכקלאנג פון געוויסע היסטארישע געשעהענישען (שופטים ג 7—10).

## א ה ו ד.

פיעל דייטליכער שטעהט אינ'ם ליכט פון דער היסטאריע, כאטש אויך צום טייל באגרינדעט אויף שפעטערע ידיעות, דער העלדישער אויפטו פון א ה ו ד בן־גרא פון שבט בנימין. מיט רמאות, ניט דערוועקענדיג געגען זיך קיין חשד, טויט ער עגלון'ען, דעם קעניג פון מואב, וועלכער האט זיך אריינגעריסען אין דער אידישער געגענד, פיליכט אין פאראייניגונג מיט עמון און עמלק, האט ער־אבערט יריחו און האט צוועלף יאהר נאכאנאנד געהאלטען אונטער שווערע צינזען די שבטים, וואס זיינען געוועזען נאהנטע שכנים פון מואב, באזונדערס בנימין און דעם דרום־מזרח־שיפוע פון בארג אפרים. אהוד רופט צוזאמען דעם אידישען חיל פון בארג אפרים און באפרייט מיט דעם א טייל פון די אידישע שבטים פון א שענדליכער קנעכטשאפט. ס'איז היסטאריש דורכאויס וואהרשיינליך, אז נאכדעם ווי מואב איז צו זיך געקומען פון די קלעפ וואס זי האט באקומען אין משה'ס צייט, האט זי איצטער געזוכט צוריק איינצונעמען דאס וואס איז אמאל געוועזען איהרס. די אפשוואכונג פון

---

*) ערפונדען האט מען די געשטאלט פון עתניאל'ן, לויט הי דאזיגע פארשער, צוליב דעם וואס אין שפעטערע צייטען איז פאר זיי געוועזען א גרויסער חידוש פאר וואס יהודה איז ניט פארטראטען צווישען די שופטים. ס'איז אויך ניט צו פארשטעהען ווי אזוי קנז, אין דרום, קומט צו קעמפען מיט א מלך כושן רשעתים פון ארם. מאנכע אבער בעסערען אויס „ארם" אין „אדום"; די דאזיגע צוויי נעמען זיינען אסך מאל פארביטען געווארען אין תנ"ך. עתניאל האט לויט דעם געפיהרט מלחמות מיט אדום, די שכנים פון קנז און כלב. איז אבער א קשיא ווי קומט דא דאס ווארט „נהרים" נאך ארם? סיידען צו זאגען, אז אן איבערשרייבער, וועלכער האט שוין געפונען דעם גרייז „ארם" האט צוגעשטעלט „נהרים" פון זיין איינגעבען שכל.

ח. ש.

ראובן'ען, וועלכער האט אונטער משה'ן פארנומען דאס שטיק לאנד וואס האט לכתחילה געהערט צו מואב*), איז איצט פאר איהר געווען ווי צוגעפאסט. ס'איז וויכטיג וואס עגלון האט געקאנט מאכען זיין שטיצפונקט אין יריחו, אויף דער מערב־זייט פון ירדן, ביים מזרח־שיפוע פון'ם אידישען בערגלאנד צום ירדן צו, אינ'ם הויפטארט, וועלכען די אידען האבען ניט לאנג ערובערט און צעשטערט.

## ד י   מ ד י נ י ם.

א באזונדערע סכנה איז אבער פארגעשטאנען דעם צענטראלען טייל פונ'ם לאנד אין מזרח־ און אין מערב־זייט פון ירדן מצד דעם מדבר־שבט פון די מ ד י נ י ם, וועלכע זיינען געווען זעהר רייך אין צאהל. אין משה'ס צייט זיינען די מדינים געזעסען אין גאנצען אדער צום טייל אויפ'ן האלב־אינזעל סיני און זיינען געווען נאהנט צו די קינים. איצט אבער, אהן א ספק אונטער דעם איינפלוס פון דער אידישער וואנדערונג, האבען די מדינים, הפנים גלייכצייטיג מיט די אידען אדער באלד נאכדעם, זיך א קעהר געטאן קיין צפון. מ'האט פיליכט געוואלט אפפרישען די אלטע פריינדשאפט פון דעם מדבר כדי צו קריגען נעבען די אידען א חלק אינ'ם פרוכטבארען באדען פון גלעד. דאך איז די דאזיגע השערה לגמרי ניט נויטיג: די בעדואינער־שבטים טרייבען זיך ארום אויף א ווייטען געביט, און אויף אנצופאלען רויבען דאס פרוכטבארע, באזעצטע לאנד איז דער אראבער קיינמאל ניט קורץ אין תירוצים. עס ווערט דערצעהלט אין ספר שופטים (ו 1—6), אז די מדינים האבען צוזאמען מיט אנדערע קינדער פון מזרח באדעקט פלוצלונג דאס לאנד. יאהר איין יאהר אויס, קורץ פאר דעם תבואה־שניט, פלעגען זיי קומען מיט זייערע אומצאהליגע קעמלען, פארניכטען די תבואה און אוועקנעמען די סטאדעס.

וויפיעל צייט ס'איז געלעגען צווישען אט די געשעהענישען און די טעג פון ברק און דבורה איז אוממעגליך צו זאגען. צו ווינציג דארף מען אבער ניט שאצען די צווישען־צייט: ווארים פון דער שטארקער ערוואכונג און דער נאציאנאלער פאראייניגונג, וואס האט ארומגענומען די שבטים אין דבורה'ס צייט, איז מעהר ניט געווען פיעל צו שפירען. וואס פאר א נאכווירקונג יענע ערוואכונג האט געמעגט האבען אויף א וויילע — און אזוי לאנג ווי יענע

*) זעה אויבען ז. 154, 176.

נאכווירקונג האט אנגעהאלטען, זיינען די אידען געווים ניט געווען אין קיין סכנה פון אנפאלען — אבער אין דער רוהיגקייט אויף דער אייגענער נחלה און אין דער זארג פאר די אינטערעסען פון שבט געהען פארלארען די גרויסע געדאנקען פון א שענער צייט. די לויזע פארבינדונג צווישען די שבטים, און דערצו נאך דער דוחק אין אנפיהרענדע פערזאנען ברייגנען ארוים דעם געפיהל פון שוואכקייט און אפגעלאזענקייט. מנשה און אפרים מיט די שכנות'דיגע שבטים געפינען ניט דעם מוט זיך צו שטעלען אנטקעגען די מחנות בעדואי־נער. קיין בעסערע זאך צו טאן ווייסט מען ניט ווי איבערצולאזען דאס פרייע לאנד פאר די רויבער און אליין אנטרונען צו ווערען אין די בערג. אהין האבען די מחנות רייטער ניט געקאנט ארייגדרינגען, און אין ערגסטען פאל האט מען זיך געקאנט באשיצען אין די פעסטונגען פון די פעלזען און אין די פארמאכטע הייהלען פון די בערג.

## ירבעל־גדעון.

א שעיך פון דער משפחה אביעזר פון דעם שבט מנשה, וועלכער טראגט צוויי נעמען: ירבעל און אויך גדעון*). וואגט סוף כל סוף זיך צו שטעלען אנט־

*) די געשיכטע פון גדעון'ען געפינט זיך אין שופטים אין צוויי באזונדערע באריכטען, וועלכע זיינען שפעטער פון אן איבערשרייבער צונויפגעפלאכטען געווארען. לויט איין באריכט הייסט דער העלד גדעון, לויט דעם אנדערען ירבעל. לויט איין באריכט הייסען די מלכים פון מדין עורב און זאב (ז 25), לויט דעם אנדערען הייסען זיי גאר זבח און צלמנע (ח, 10). לויט איין באריכט ווערען די מדינים צעשלאגען שוין אין מערב־זייט פון ירדן, אין עמק יזרעאל, פון דער פאמיליע אביעזר, און די בני אפרים לאזען זיי דאן ניט אריבערגעהן דעם ירדן; לויט דעם אנדערען באריכט קומט פאר די גאנצע מלחמה אין עבר־הירדן. אט די לעצטע סתירה האט דער צוזאמענשרייבער פון די צוויי באריכטען געזוכט אויסצוגלייכען מיט די ווערטער: „כל הנותרים מכל מחנה בני קדם", וועלכע ער האט אריינגעשטעלט (ח 10). אם בעסטען זעהט זיך די דאפעלטקייט פון דער דערצעהלונג אין ח 4, וואו א נייער באריכט הייבט זיך אן אהן וועלכער שייכות צו דאס פריהעריגע. לויט מאנכע פארשער זיינען דאס צוויי באריכטען וועגען צוויי באזונדערע פערזאנען: ירבעל און גדעון. לויט אנדערע פארשער זיינען דאס צוויי טיילען פון צוויי דער־צעהלונגען וועגען דערזעלביגער פאסירונג, און דער נאמען פונ'ם העלד איז לכתחילה געווען ירבעל (אין יענער צייט האבען אסך אידען געטראגען נעמען פארבונדען

קענען די מוטוויליגע רויבער. ארויסגערופען דעם צאָרן האָט א נייער אנפאַל פון די מדינים, וועלכע האבען רויבענדיג און מאָרדענדיג זיך אריינגעריסען אין גליל אזש ביז צום בארג תבור (שופטים ח 18). צווישען די דערמאָרדעטע געפינען זיך אויך גדעון׳ס ברידער. דער הייליגער חוב פון בלוט־נקמה פארבינדט זיך ביי איהם מיט דעם צאָרן פונ׳ם פאטריאָט. גדעון רופט צוזאמען די מלחמה־פעהיגע מענער פון זיין משפחה אביעזר, דריי הונדערט באוואפענטע אין צאָהל. צוריקגעקעהרט פון תבור, לאַגערען די פיינדליכע מחנות אין עמק יזרעאל, גדעון מיט זיינע לייט ניט וויט ביים קוואַל ח ר ד. גדעון האָט זיך פארלאָזען, אז יהוה וועט איהם העלפען. דערצו נאָך האָט ער זיך אריינגע׳גנב׳עט ביי נאכט אין פיינדליכען לאַגער און האָט דאָרטען אונטערגעהערט ווי איינער דערצעהלט דעם אנדערען א שלעכטען חלום און קריגט א באשייד, אז דאָס ווייזט, אז דער לאַגער פון די מדינים וועט צעשלאָגען ווערען פון גדעון׳ען. דאָס האָט אריינגעגעבען מוט דעם קליינעם אידישען חיל. א געוואגטע אטאַקע, וואס איז גלייך אונטערנומען געוואָרען אין דער טונקעלקייט פון דער נאכט, גיט זיך איין. די פיינדליכע מחנה, דערשראָקען פון בלישצענדיגע פאקלען און פון ווילדע מלחמה־געשרייען, ווערט פארטומעלט און צעלויפט אָהן אן ארדנונג. לויפענדיג קיין מזרח מוזען די פיינד אריבער דעם ירדן. די וואפענפעהיגע מענער פון אפרים, וועלכע האבען זיך אונטערדעסען מאָביליזירט, פארכאפען אבער די אריבערגענג פון ירדן און צוויי שעיד׳ם פון די מדינים, עורב און זאב, פאַלען דאָרטען אריין אין זייערע הענט. גלייכצייטיג פארלויפען דעם פיינד דעם וועג ווייטער אין צפון אויך די שבטים נפתלי, אשר און מנשה.

איין טייל פון די אנטרונענע מדינים האָט באוויזען זיך אריבערצוכאפען דעם ירדן איידער אפרים איז נאָך געקומען אנטייל צו נעמען אין דער מלחמה. אָט דעם טייל יאָגט גדעון נאָך מיט זיין קליינעם חיל. די שטעדט סכות און פנואל אין עבר־הירדן ביים יבוק, איינגעשראָקען דורך די פיעלע איבערפאַלען פון די מדינים און אפגעוועהנט פון צוזאמענהאנג מיט די אידען אנטזאגען זיך צו געבען ברויט צו זיין אויסגעמאטערטען חיל. גדעון סטראַשעט זיי, אז ער וועט זיך מיט זיי שפּעטער אפרעכענען, און לויפט שנעל ווייטער

מיט „בעל“), נאָר שפּעטער האָט מען איהם צוגעלעגט אַן עהרען־נאָמען גדעון, דער „צעהאקער“, דער וואָס צעשלאָגט זיינע פיינד (פון „גדע“). אָט די לעצטע מיינונג פארטרעט אויך רודאלף קיטטעל, דער פארפאַסער פון די קאַפּיטלען וועגען דער שופטים־צייט אין אונזער בוך. ח. ש.

צו דרום און צו מזרח ביז צום קאראוואנען־וועג, דעם היינטיגען וועג פאר די עולי־רגל'ניקעס ביים זוים פון דער סטעפּע. ער דערגרייכט דארטען דעם פיינד און נעמט געפאנגען זיינע צוויי מלכים זבח און צלמנע*).

די שטאלצע זיהן פון מדבר גיבען אליין צו, אז זיי האבען דערמארדעט גדעון'ס ברידער. אפילו אין קייטען זיינען זיי נאך שטאלץ און פריי, און ווילען ניט שטארבען דורך דער האנט פון א אינגעל. ניט קיין אנדערער ווי דער גבור גופא זאל זיי טויטען, ווארים „ווי דער מאן, אזוי זיין קראפט". געהענדיג צוריק אהיים נעמט גדעון נקמה פון סכות און פנואל. די דאזיגע צוויי שטעדט ווערען הארט באשטראפט פאר דער פחדנות און דער בייזוויליגקייט וואס זיי האבען ארויסגעוויזען געגען די קינדער פון זייער אייגען פאלק. א אינגעל פון סכות, וועמען גדעון האט געכאפט אונטערוועגענס, מוז איהם אויפשרייבען די נעמען פון 77 פון די אנגעזעהענסטע לייט פון שטאדט: און גדעון, ערפילענדיג זיין סטראשונאק, דרעשט זייער פלייש מיט די דערנער פון מדבר.

געקרוינט מיט נצחון און מיט א רייכען רויב קעהרט זיך גדעון צוריק אהיים קיין עפרה בראש פון זיינע העלדישע מיטקעמפער. כאטש מיט א קליינעם חיל, דאך איז גדעון אריין אין דער מלחמה ניט פאר זיך און פאר זיין משפחה אליין. דאס וואס ער האט אויפגעטאן איז געווען נוגע אויך אסך אנדערע שבטים: און איז געווים אויך לכתחילה אונטערנומען געווארען פון זייער טובה וועגען. דער פרידליכער אידישער פויער איז איצט געווען געשיצט געגען דעם רויבערישען בעדואין, ישראל איז ווידער געווארען דער האר אין אייגענעם לאנד. ווידער אמאל האט זיך ארויסגעוויזען, וואס אפילו בלויז איין טייל פון דעם יוגענדליכען און קרעפטיגען פאלק ישראל איז געווען ביכולת אויפצוטאן, ווען עס איז נאר געווען ערנסט אנטשלאסען און באוואוסטזיניג אין זיינע אייגענע כוחות. און דער וואס האט געגעבען דעם דאזיגען באווייז צו זיין משפחה און צו דעם הויז פון יוסף איז שוין דערמיט געווען א העלד, און ער פארדינט דעם נאמען אלס גבור אין זיין צייט און פאר די קומענדיגע דורות.

ס'איז גאנץ פארשטענדליך, אז גדעון ווערט באלוינט מיט עהרע און מיט מאכט: ס'איז פארשטענדליך, אז מ'האט אויך אין דער צוקונפט געוואלט געניסען די באשיצונג און דעם שטארקען ארעם פון דעם זיגרייכען גבור.

---

*) עורב און זאב זיינען געווען ניט קיין מלכים, נאר קלענערע אונטערפירשטען.

מנשה, און געווים אויך אפרים, באטען איהם אז דאס קעניגטום בירושה*). און ער — אפילו אויב ער האט א וויילע זיך געקווינקעלט — האט עס דאך סוף כל סוף ניט צוריקגעוויזען**). אט אזוי האט, הגם ניט גאנץ ישראל, אבער דאך דאס הויז יוסף, דער מיטעלפונקט פונ'ם עלטערען פאלק ישראל, באקור־מען א קעניג. פונ'ם עהרען־חלק פון רויב, וואס פאלט איהם צו, שטעלט ער אויף, ווי אנדערע מלכים נאך איהם, זיין קעניגליך הייליגטום אין עפרה. דארטען דינט מען דורכאוים צו יהוה. אבער ס'איז ניט דער יהוה פון משה. אויך אין דעם געהט די שופטים־צייט אויף איהר אייגענעם וועג. אויפ'ן פלאץ פונ'ם גאט, וועמען מ'קאן ניט זעהן און פון וועמען מ'טאר קיין בילד ניט מאכען, קומט א בילד פון יהוה באצווינגען מיט גאלד אדער א סימבאל פון איהם, וואס האט געטראגען דעם נאמען „אפוד". עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס דער שפעטעריגער איבערשרייבער און איבערארבייטער פון אונזער דערצעהלונג אין ספר שופטים באטראכט דאס אלס אן אפקעהרונג פון גאט מצד גדעון'ען און די אידען פון זיין צייט. פאקטיש איז דאס טאקע געווען, באוואוסטזיניג אדער ניט, א געפעהרליכער טריט צוריק צום כנעני־שען נאטור־דינסט.

## אבימלך.

אויף לאנג האט זיך גדעון'ם משפחה ניט געקאנט פרעהען מיט דער געוואונענער הערשאפט. נאך גדעון'ם טויט געהט זי שנעל צו גרונט. מיר האבען וועגען דעם א דערצעהלונג, וועלכע געהערט צו די היסטאריש־ווערט־פולסטע פון תנ"ך (שופטים ט). דער סוף פון גדעון'ם הערשאפט קומט פון זיין הארעם. ער האט אזוי פיעל פרויען, אז עס ווערען איהם צוגעשריבען

*) פיליכט מעג מען דריגגען פון די ווערטער „כתאר בני המלך" (ח 18), אז ער האט שוין פריהער געהאט אויב ניט דעם טיטעל, דאך די עהרע פון א קעניג.

**) די פסוקים ח 22, 23, לויט וועלכע גדעון אנטזאגט זיך ענדגילטיג פונ'ם קעניגטום, זיינען צוגעשריבענע פונ'ם שפעטעריגען באארבייטער. אז גדעון האט זיך לחלוטין ניט אנטזאגט פונ'ם טיטעל פון א קעניג, קאן מען זעהן קלאר פון ט 2. מאנכע ברייגגען אויך פאר דעם א ראיה פונ'ם נאמען „אבימלך", „מיין פאטער איז קעניג". עס קאן אבער זיין, אז דאס באציהט זיך אויף גאט, ווי א שטייגער „אביה", מיין פאטער איז יחות.

זיבעציג זיהן. איינע פון זיי איז אן אריסטאקראטישע כנענ'ערין פון שכם*). אין שכם לעבט די אלטע כנעני'שע אדעליגע משפחה פון די „בני חמור**) בשלום מיט די אריינגעדרונגענע אידען.***) זייער גאט, וועלכער האט דאר־טען זיין טעמפעל, איז „אל ברית", אדער אויך „בעל ברית", דער האר פון בונד, פיליכט טאקע דער באשיצער פון דעם אפמאך וואס איז געשלאסען געווארען צווישען די כנענים און די בני ישראל אין שכם; גיכער אבער דער שותף פון א בונד צווישען איהם, דעם גאט, און שכם (שופטים ח 33; ט 4, 46). גדעון האט אהן א ספק אריינגענומען די כנענ'ערין אין זיין הארעם כדי צוצובינדען נעהנטער צו זיין קעניגטום יענע נאר האלב אידישע שטאדט.

ביי גדעון'ס טויט האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין הערשאפט איז באמת טאקע באטראכט געווארען אלס שבט־קעניגטום. אין יעדען פאל איבער מנשה און אפרים. עס זעהט זיך דא עפעס אזוינס וואס איז ביי קיינעם פון די שופטים ניט געווען צו זעהן. מ'ווייסט גאר ניט אנדערש ווי נאר אז גדעון'ס קעניגטום זאל אריבערגעהן בירושה צו זיין פאמיליע. פיליכט האט מען געמיינט, אז דאס קעניגטום זאל אריבערגעהן צום בכור אדער מ'האט גאר אין גאנצען ניט געהאט קיין באשטימונג מכוח דעם. און ס'איז דעריבער געווען א מורא, אז עס זאל ניט קומען צו א שטרייט צווישען די ברידער ווע־גען דער ירושה.

דא קומט צו די כנענים פון שבט מיט א פארשלאג אבימלך, דער העלד פון דעם וויכטיגען היסטארישען פראגמענט אין ספר שופטים, וואס איז אונז געבליבען וועגען יענער צייט. ער איז דער זוהן פון יענער פרוי גדעון'ס פון שכם. אויף די כנעני'שע לייט פון שכם מאכט אבימלך'ס פאר־שלאג אן איינדרוק: „וואס איז בעסער פאר אייך, צי עס זאלען איבער אייך הערשען זיבעציג מאן, אלע זיהן גדעון'ס, אדער עס זאל הערשען איבער אייך איין מאן? געדענקט אבער, אז איך בין אייער ביין און פלייש" (ט 2). זיי ווילען בעסער א הערשער פון כנעני'שען בלוט איידער גדעון'ס געזעצ־

---

*) עס ווייזט אויס לויט ח 31, אז זי איז געבליבען אין שכם. עס לאזט זיך דערפון דרינגען וועגען יענער פרימיטיווער פארם פון מאן און ווייב לעבען, ביי וועלכער די פרוי בלייבט אינ'ם הויז פון איהרע עלטערן און די קינדער ווערען צוגערעכענט צו איהר משפחה.

**) שופטים ט 28. זיי ווערען אויך אנגערופען „בעלי שכם", אלס די גער־יעצליכע אייגענטימער פון שכם.

***) זעה אויבען ז. 237, 238.

ליכע יורשים און זיי גיבען איבער אבימלך'ן די שטאדט. פון דער טעמפעל־קאסע פונ'ם „בעל ברית" דינגט ער זיך א מחנה זעלנער. ער ציהט מיט זיי קיין עפרה און דערמארדעט דארטען זיינע זיבעציג ברידער „אויף איין שטיין". אבימלך איז דערמיט דער האר ניט בלויז איבער שכם, נאר אויך איבער דער גאנצער מלוכה, וועלכע גדעון האט פאראייניגט אין זיין האנט. דער דערצעהלער פון דעם דאזיגען קאפיטעל רופט איהם אן „הערשער פון ישראל" (ט 22). שכם איז דערפאר פון איצטער אן פאר איהם ניט מעהר דער עיקר. אדרבה, אבימלך קעהרט גאר איצט אום צו שכם דעם רוקען. ער וואוינט אין אן אנדער ארט און לאזט איבער שכם ביי זיין הויפטמאן זבול, וועלכער האט אהן א ספק געשפילט די ראלע פון אבימלך'ס א טרייען דינער.

מ'וועט ניט מאכען קיין טעות ווען מ'וועט אננעמען, אז גראד דאס איז טאקע געווען די סיבה פון דער קנאה־שנאה צווישען שכם און אבימלך'ן. אלס אבימלך'ס היים האט שכם געהאט א רעכט, אז מ'זאל האבען מיט איהר מעהר איינזעהעניש. אנשטאט דעם אבער מיידט גאר אבימלך אויס די האלב־כנעני'שע שטאדט אין אלע דריי יאהר פון זיין הערשאפט, כאטש ער גופא איז א האלבער כנעני, און ער זוכט זיך גאר אויס א אידישע רעזידענץ. אט אזוי איז גראד שכם, וואו אבימלך האט געקאנט האבען דעם בעסטען באַ־דען פאר זיך, ווען ער וואלט נאר קלוג געהאנדעלט, געווארען קענטיג דער נעסט פון א טיף־געהענדער באוועגונג געגען איהם, אין וועלכער ער איז סוף כל סוף אין גאנצען געפאלען.

פארשידענע אומשטענדען צוזאמען האבען געווירקט אנצוהאלטען און צו פארשטארקען די שלעכטע שטימונג, דעם „בייזען גייסט," וואס אבימלך גופא האט געשאפען דורך זיין אייגענער שולד.

פונ'ם בלוט־באד אין עפרה איז אנטרונען גדעון'ס איינגסטער זוהן יותם. אויפ'ן בארג ג ר ז י ם פארזאמעלט ער די בירגער פון שכם — קענטיג באלד נאכדעם ווי אבימלך איז געווארען קעניג, אבער ניט פריהער איידער ער האט פארלאזען שכם כדי צו פארנעמען דאס איבעריגע פונ'ם גע־ביט פון זיין פאטער'ס ממשלה. אט דא אויף דער פעלז־וואנט שטעהענדיג, דערצעהלט יותם די לייט פון שכם זייער זינד געגען גדעון'ס הויז אין דער פארם פון א קונסטרייכער פאבעל. די אומדאנקבארקייט געגען ירבעל'ן, וועלכער האט אויך זיי געראטעוועט פון מדין, און די דערמארדונג פון זיינע זיהן, אין וועלכע זיי האבען מיט אבימלך'ן געהאט א חלק, וועט ברייגנען מיט זיך יהוה'ס נקמה איבער שכם און איבער אבימלך'ן. אום

אויסצומיידען זייער צארן איבער זיינע געוואגטע ווערטער, אנטלויפט יותם געשווינט. אבער דער דארן איז געבליבען שטעקען אין זייער הארץ. וואס שארפער יותם'ס ווערטער זיינען געווען, אלץ טיפער האט דער דארן גע־שטאכען. האט ער דאך צו זיינע שטראף־רייד און צו זיין סטראשונאק נאך צוגעלעגט אלס צוגאב דעם שפאט, וואס זיי האבען אויסגעקליבען פאר א קעניג אבימלך'ן, דעם זוהן פון א דינסט*), פון א פאראכטעטער קעפסווייב, נאר ווייל ער איז זייער קרוב**).

יותם'ס ווערטער, געשליידערט אין פנים פון די כנענים פון שכם, וואל־טען געקאנט קלינגען משונה'דיג. זיי ווערען אבער פארשטענדליך, ווען מ'האלט אין זינען, אז נעבען די כנענים האט אויך געוואוינט אין שכם א רעכטער טייל אידען. זיך ווענדענדיג צו זיי, איז יותם'ס רעדע א קלוגע פראַ־בע אריינצוברייינגען א שפאלטונג אין דער איינהייט פון אט די צווייטע עלע־מענטען פון דער באפעלקערונג. דעם אידישען עלעמענט פון שכם האבען יותם'ס רייד געקאנט מאכען אסך נאכצוקלערען — בפרט נאך ווען אבימלך האט שכם גופא פארנאכלעסיגט.

אט אזוי האבעןביידע טיילען פון דער באפעלקערונג פון שכם, וועלכע האבען לכתחילה זיך געהאלטען צוזאמען אן אבימלך'ן, געהאט א גוטען גרונט צו זיין אומצופרידען מיט איהם. עס זיינען נאר וואס דריי יאהר פארגאנ־גען זינט אבימלך איז דורך געוואלד געווארען א קעניג, און די קנאה־שנאה צווישען שכם און אבימלך'ן האט שוין דערגרייכט אזוי ווייט, אז עס האט שוין געהאלטען ביי אן אפענער שפאלטונג. „און גאט האט גע־שיקט א בייזען גייסט, צווישען אבימלך'ן און די הארען פון שכם, און די הארען פון שכם זיינען פאלש געווארען אבימלך'ן." ניט דאגה'נענ־דיג וועגען אבימלך'ן און דער איבעריגער טעריטאריע זיינער, האבען זיי זיך גענומען צו רויבעריי און פלעגען לויערען אויף די וועגען און אנפאלען פון די

---

*) דאס איז לחלוטין קיין ראיה ניט געגען דעם חשוב'ען יחוס פון דער פרוי. דאס איז גיכער א בוטערע איראניע, אין וועלכער עס שפיגעלט זיך אפ דער שטאנדפונקט פונ'ם הערשער־פאלק, די אידען, געגען די כנענים.

**) די בייסענדע איראניע פון יותם'ס פאבעל געגען דאס קעניגטום קאן שטאמען שפעטסטענס פון שאול'ס ערשטער צייט, אויב מיר דארפען איבערהויפט געהן אזוי ווייט צוריק. אונטער דוד'ן האט מען שווערליך געקאנט אזוי ריידען וועגען דעם קעניגטום.

בעה״ג פון שכם אויף די פארבייציהענדע קאראוואנען. דערמיט האבען זיי אי באפרידיגט זייער לוסט צו רויב, אי געשעדיגט אבימלך׳ס ממשלה. אבימלך האט געמעגט האבען זיין אורזאך א לאנגע צייט ניט ארויסצוטרעטען געגען שכם. ער האט קיין פארלאנג ניט געהאט נאך מעהר צו פארטשעפען די שטאדט פון זיין געבורט.

צו אן אפענעם אויפשטאנד האט אויף אזא׳ן אופן שוין געפעהלט נאר איין טריט. געוויס איז דער „בייזער גייסט״ וואס האט געהערשט געגען אבימלך׳ן אין שכם געווען צום גרויסען טייל דאס ווערק פון דער דארטיגער אידישער באפעלקערונג. זי שטעהט אהן א ספק אין פארבינדונג מיט דעם איבעריגען הויז פון יוסף, אזוי ווייט ווי עס הערשט די אומצופרידענקייט מיט אבימלך׳ס הערשאפט. ,אויך יותם האט הפנים זיך דא געמוזט געפינען. דאס וואס ער האט אראפגערופען אין שכם פון בארג האט ער אויך געקאנט פרעדיגען פון די דעכער אין ת ב ץ, ב א ר און אנדערע ערטער. אט אזוי גרייט זיך צו געגען דעם האלב־כנעני׳שען אוזורפאטאר אן אלגעמיינע רעאקציע. וועלכע האט איהר מקור אין שכם. ווי נאר אבימלך האט מעהר ניט געהאט דארטען קיין שטיצפונקט, איז געוועז אוים מיט זיין געוואלד־הערשאפט.

ס׳איז דערפאר געווען זעהר גוט אויסגערעכענט, וואס אבימלך׳ס פיינדליכע פארטיי אין שכם, נאכדעם ווי די „בעלי שכם״ זיינען שוין געווען געגען איהם, האט איצט צוגעקראגען נייע כוחות פון דרויסען. ווארים זבול, דער „האר פון שטאדט״, איז נאך, לכל הפחות לויט׳ן נאמען נאך, געווען איבערגעבען אבימלך׳ן און איז געווען גרייט מיט זיינע אנהענגער צו פארטיידיגען זיין זאך. עס האט דעריבער געמוזט צוערשט געשאפען ווערען א געגענגעוויכט אין שכם גופא. דאס איז געשעהן דורך דער אידישער מיליטערישער אפטיילונג פון געל בן־עבד און זיינע ברידער, וועלכע איז געקומען אין שכם און האט געוואונען דעם צוטרוי פון דער באפעלקערונג.

באלד האט זיך ארויסגעוויזען צו וואס געל איז געקומען. ביים יום־טוב פון צוזאמענקלייבען די וויינטרויבען זיצען די איינוואוינער פון שכם ביים טעמפעל פון זייער גאט „בעל־ברית״ און עסען און טרינקען און הוליענען. ווי הפנים שוין אסך מאל פריהער, שילטען זיי אבימלך׳ן. דער וויין ברייננט ארוים אויפ׳ן צונג די אומצופרידענקייט געגען דעם טרייאזען אוזורפאטאר. געל נוצט אוים די געלעגענהייט אויפצובלאזען אין א פלאקער דאס פייער, וואס האט שוין געטליהעט פון פריהער און וויל צווינגען זבול׳ן צו אן אנטשיידונג. „ווער איז דען אבימלך״, רופט ער אוים, „און ווער איז ירבעל׳ס

זוהן, אז מיר זאלען איהם דינען? איז ער ניט א שכם׳ער און איז ניט זבול זיין באאמטער? טא זאלען איהם דינען די לייט פון חמור, דעם פאטער פון שכם*) — צו־וואס אבער זאלען מ י ר איהם דינען?"**). דאס „מיר" איז געוויס ארויסגערעדט מיט באטאנונג. געל רעדט אלס איד אונטער דעם בייפאל פון דער אידיש געזונענער מעהרהייט. נאר אין אזא פאל האט ער זיך געקאנט ערלויבען צו ריידען מיט דער שפראך. די דאזיגע שפראך האט אבער הפנים געהאט איהר ווירקונג.

א העכסט צווויידייטיגע ראלע שפילט אין דעם גאנצען ענין — איצט נאך מעהר ווי פריהער — אבימלך׳ס שטאדט־הויפטמאן פון שכם, זבול. עס ווייזט אויס, אז בשעת די שטימונג אין דער שטאדט האט זיך שטארק א קעהר געטאן געגען אבימלך׳ן האט זיך אויך זבול עפעס ווי איבערגעקוליעט. און אז געל איז געקומען און האט אריינגענומען אין האנט די באוועגונג געגען אבימלך׳ן, איז זבול געווען פריינדליך צו איהם און האט מיט איהם מיטגעהאלטען אויפ׳ן יום־טוב, בשעת דאס פאלק האט געשאלטען אבימלך׳ן. נאכהער אבער, שפילענדיג א דאפעלטע ראלע, לאזט ער אבימלך׳ן וויסען וועגען אלצדינג און פאדערט איהם אויף צו מאכען א פלוצליכען איבערפאל אויף דער שטאדט. איהם האט ניט געקימערט וואס מ׳האט געלעסטערט דעם קעניג, נאר וואס מ׳האט פון איהם גופא חוזק געמאכט.

אויף זבול׳ס באריכט קומט אבימלך ביי נאכט געגען שכם און לעגט זיך לויערען. זבול, זיך נאך אנגעבענדיג אויך איצט אלס פריינד פון געל און

---

*) דאס הייסט דער אדעל פון שכם. פארגלייך בראשית ל"ד.

**) דער טעקסט פון דער מסורה איז דא אומפארשטענדליך. עס זיינען פאראן אסך השערות ווי איהם אויסצובעסערען. לויט ר. קיטטעל דארף מען דא לעזען: „מי אבימלך ומי בן ירבעל כי נעבדנו? הלא שכם וזבול פקידו? יעבדוהו אנשי חמור אבי שכם ומדוע נעבדנו אנחנו?" מחמת קיטטעל האלט זיך ביי דער מיינונג, אז געל פארטרעט די אידען פון שכם. מאנכע פארשער אבער האלטען פארקעהרט, אז געל פארטרעט די כנענים. זיי לאזען דעריבער דעם פסוק אומבאריהרט און לעזען בלויז דאס ווארט „עבדו" מיט א קמץ אונטער׳ן עין אנשטאט ווי אין דער מסורה מיט א חירק. די איבערזעצונג פונ׳ם פסוק קומט ארויס לויט דעם: „ווער איז אבימלך און ווער איז שכם, אז מיר זאלען איהם דינען? האבען ניט ירבעל׳ס זוהן און זיין באאמטער זבול געדינט די לייט פון חמור דעם פאטער פון שכם? טא פארוואס זאלען מיר איהם דינען?" ח. ש.

זיינע אנהענגער, לאזט עם וויסען געל'ן*). ביידע, זבול און געל, קומען ארוים מיט זייערע לייט צום טויער פון שטאדט צוריקצושטויסען די אטאקע. ביים הארייזאנט ערשיינט אבימלך און דאס פאלק וואס איז מיט איהם. מיט רמאות פיהרט זבול אוים, אז געל זאל מאכען דעם אנפאל. געל האט הפנים מורא פאר אבימלד'ם גרויסען חיל וואס זעהט זיך קומענדיג: אבער זבול דערמאנט איהם איראניש אן זיין רעדע וואס ער האט געהאלטען אויף דעם יום־טוב. ער גופא מאכט קענטיג דעם אנשטעל, אזוי ווי ער וואלט וועלען בלייבען באוואכען די שטאדט און זי דעקען פון הינטען. אט אזוי מאכט געל דעם אנפאל אין דער שפיץ פון די הארען פון שכם. לאזענדיג זבול'ן פון הינטען. ער ווערט געשלאגען פון אבימלד'ן און קעהרט זיך צוריק אין שטאדט אפגעשוואכט און באזיגט. איצט לאזט זבול ארונטערפאלען די מאסקע, ווייזט זיך ארוים אלם אבימלד'ם פארטיי־מאן און פארטרייבט געל'ן פון דער שטאדט. אבימלך וואגט ניט צו מאכען אן אטאקע אויף שכם, ווייל ער טרויט ניט זבול'ם פריינדשאפט. זבול גופא אבער פאלט איצט אלם קרבן פון דער נקמה פון די איינוואוינער פון שכם. זיי ווילען מעהר פון אבימלד'ן ניט וויסען און מאכען אויך א סוף פון זבול'ם דאפעלטען שפיל**). ערשט אויף מארגען גיט זיך אבימלד'ן איין, נאכדעם ווי זבול, וועלכער האט זיין פלאן געקענט, איז באזייטיגט געווארען, איינצונעמען די שטאדט.

פון דאנעט אוים קומט איהם אויך אן גרינג צו באצווינגען די פעסטונג פון שכם. די פעסטונג האט זיך קענטיג געפונען אויסען שטאדט. דערהערענדיג, אז די שטאדט האט זיך אונטערגעגעבען, ראטעווען זיך איהרע איינוואוינער אין דעם טורם פונ'ם טעמפעל פון זייער גאט „אל ברית“. ניט קוקענדיג אויף דעם הייליגען ארט, וועלכען ער האט געהאט צו פארדאנקען דעם יסוד פון זיין הערשאפט, צינדט אבימלך אונטער דעם טעמפעל און טויזענד מענער און פרויען געפינען זייער טויט אין רויך און פלאמען***).

אין שכם גופא איז איצט דער אויפשטאנד באזיגט, אבער דערמיט נאך

---

*) נאר אזוי איז פארשטענדליך, וואס געל קומט ארוים נאך איידער אבימלך באווייזט זיך. אנדערש ניט סיידען זבול האט איהם געלאזט וויסען.

**) ער פאלט ניט אין קאמף געגען אבימלך'ן, נאר ער קומט אום דורך דער באפעלקערונג. דעריבער שטעהט אין פסוק 42 „העם“ אהן זבול.

***) פונקט ווי אבימלך פיהרט זיך נאך אויך אויף דער סולטאן סאלאדין אין גליל ביי דער באלאגערונג פון שטעדט.

לאנג ניט אונטערדריקט, אדרבה, ער פארשפרייט זיך נאך ווייטער. אבער פון דער נעכסטער שטאדט, וועלכע אבימלך וויל שטראפען אויף אן עהנליכען אופן, קומט דער סוף צו זיין ממשלה. תבץ, אן ארט אייניגע שטונדען פון שכם, וואס ער אטאקירט גלייך נאכדעם ווי שכם איז געפאלען, פאלט אויך, אזוי ווי שכם, אין זיינע הענט. אבער אויך דא שטעלט זיך די פעסטונג אנט־קעגען. מענער און ווייבער ראטעווען זיך דארטען. אזוי ווי עס האט זיך איהם אין שכם איינגעגעבען, וויל אבימלך אויך דא אונטערצינדען דעם טורם. שטע־הענדיג פאר דער פארשלאסענער טיר, ווערט ער געטראפען פון א מיהל־שטיין, וואס א פרוי האט איהם אראפגעשליידערט אויפ'ן קאפ. כדי עס זאל ניט הייסען, אז ער איז געפאלען דורך דער האנט פון א פרוי, מוז זיין וואך־ענטרעגער איהם טויטען.

## 5.

## יפתח און שמשון.

גדעון'ס שבט־קעניגטום פון מנשה, דער ערשטער פרואוו וואס איז אונז באקאנט אויפצושטעלען א מלוכה אין ישראל, איז מיט אבימלך'ס טויט גע־קומען צו א פלוצליכען סוף. אם ווענינגסטען ווייסען מיר ניט ווער ס'איז גע־ווען דער יורש פון אבימלך'ס קעניגליכער ממשלה. און מ'קאן זיך משער זיין, אז אויך יותם אדער עפעס אן אנדערער, וועלכער איז געבליבען פון גדעון'ס הויז, האט ניט פארנומען זיין פלאץ: א'ניט וואלט זיך דערהאלטען עפעס א ידיעה וועגען דעם. אבער פון אבימלך'ס טויט אן ביז צו די טעג פון עלי און שמואל איז דער שיקזאל פון אידישען פאלק איינגעוויקעלט אין א טונ־קעלקייט. דאס איז א קלארע ראיה, אז די געשיכטע פון פאלק ישראל געהט פון איצטער אן ווידער פאנאנדער אין א זונדערלעבען פון די איינצעלנע שבטים, אהן וואסערע וויכטיגע אויפטואונגען.

נאר צוויי געשטאלטען הייבען זיך עטוואס ארויס פון דער נעבעלדיגער טונקעלקייט, וועלכע וויקעלט איין די צייט נאך גדעון און אבימלך: י פ ת ח און ש מ ש ו ן. אבער קיינע פון די דאזיגע צוויי געשטאלטען. שמשון נאך ווייניגער ווי יפתח, שטעהט ניט אויף אזוי דייטליך אין ליכט פון דער געשיכטע, אז עס זאל א שטיינער פאלען פון זיי א קלארער שטראהל

אויף דער סביבה. פונדעסטוועגן איז עס ניט אויסגעשלאָסען, אז אין יפתח'ן ווירקט גדעון'סביישפיל*).

יפתח'ס פערזענליכקייט איז אין אונזערע היינטיגע באריכטען ארומגע־רינגעלט מיט א געוויסער טונקעלקייט. מיר ווייסען ווייניג פון וואנעט ער קומט און וואס עס איז מיט איהם געשעהן. אין דער היינטיגער דערצעהלונג זיי־נען אזוי שטארק דורכגעמישט פארשידענע פאסירונגען, אז עס איז זעהר שווער נאך צו דערקענען וואס דא איז באמת פארגעקומען**). ס'איז דער־פאר קיין חידוש ניט וואס מאנכע פארשער האבען דערקלערט די גאנצע גע־שטאלט יפתח'ס אלס א לעגענדע, אדער בעסער אלס א מיטוס. דער בעסטער סמך אויף וואס זיי שטעלען זיך איז די אפפערונג פון זיין טאכטער און דער טרויער פון די אידישע טעכטער אויף איהר טויט פיער טעג אין יאהר***). אבער יפתח'ס נצחון איבער די עמונים, וועלכע זיינען שפעטער אזוי פיעל מאל געשטאנען פיינדליך צו די אידען, און דאס וואס ער איז שוין פריהער

*) אויך אין אט דעם פרט האנדעלט עס זיך בלויז וועגען א וואהרשיינ־ליכקייט.

**) א חוץ אסך אנדערע סתירות אין דער מעשה פון יפתח'ן, זיינען אין איהר דורכגעמישט צוויי נוסחאות פון זיין מלחמה. לויט איין נוסח קעמפט ער געגען עמון, לויט דעם אנדערען געגען מואב. יפתח פיהרט יעדענפאלס זיינע פאר־האנדלונגען מיט דעם מלך פון מואב, ניט מיט דעם מלך פון עמון. דאס זעהט זיך קלאר אין פסוק 18, וואו די באציהונג איז אויסשליסליך צו מואב. אויך „כמוש" איז דער פאלקס־גאט פון מואב (פסוק 24; פארגלייך במדבר כ"א 29).

ח. ש.

***) עס זיינען פאראן א סך געטער און האלב־געטער, אורשפרינגליך גאטהייטען פון דער פלאנצען־וועלט, וואס זייער טויט איז באזונגען און באקלאגט געווארען אין טרויער־ימים־טובים: ביי די עגיפטער אזירים, ביי די באביליאנער תמוז, ביי די פעניקיער אדאניס, ביי די אראמעער הדד־רימון. מיר ווייסען פון תנ"ך, אז אזוינע טרויער־טעג נאך דעם טויט פון א גאט זיינען אויך באקאנט געוועזען ביי די אידען. יחזקאל, למשל, שילדערט ווי די אידישע פרויען זיצען אין טויער פון בית המקדש אין ירושלים און באוויינען דעם גאט תמוז (ח 14). אין זכריה ווערט דערמאנט וועגען א קלאג אין דעם טאל פון מגידו אויף דעם טויט פון (דעם אראמעאישען גאט) הדד־רימון (י"ב 11). נעבען די מענליכע גאטהייטען האבען זיך אויך גע־פונען ווייבליכע, וועלכע זיינען אלע יאהר געשטארבען און באוויינט געווארען.

געניט געווען צו אנטלויפען: זיין אומבאשטענדיג לעבען אין דער סטעפּע וואס דערמאַנט אונז אַן דוד'ן: אויך דער אופן ווי אזוי ער איז גערופען גע־ווארען פון זיינע מקורבים אלס איינציגער העלפער אין דעם מאמענט פון געפאהר: אַט דאס זיינען אלץ שטריכען, וועלכע טראגען דורכאויס דעם כא־ראקטער פון יענער צייט און פון די פאסירונגען וואס זיינען דאמאלסט באמת פארגעקומען. מ'מוז זיך דעריבער ערנסט באטראכטען איידער מען פאר־ווארפט די מעשה פון יפתח'ן אלס ניט־היסטאריש צוליב דער לעגענדארישער איינקליידונג, וואס זי האט שפּעטער באקומען.

זעהר אייגענארטיג און זיכער פון יעדען חשד פון טענדענציעזער דיכטונג איז אויך יפתח'ס שטרייט מיט דעם שבט אפרים און די סצענע פון „שבלת" און „סבלת". אפילו די מאוים'דיגע צאהל פון 42 טויזענד פון אפרים וואס זיינען געפאלען אלס קרבן פון „שבלת" קאן אויך ניט אפּשוואכען די היסטארישע עכטקייט דערפון. נאך א קנאפּערע ראיה געגען דעם איז דאס וואס מיר געפינען א פאראלעל דערפון אין דער געשיכטע וועגען גדעון'ען. אויב איינע פון דיביידע עפּיזאָדען איז בלויז א לעגענדע, דאן איז עס גיכער יענע איידער די, וועלכע ווערט אַט דאַ דערצעהלט ביי יפתח'ן.

אם ווענינגסטען אבער ווערט מען געצייגט זיין אויפצוגעבען די היסטארי־שע עכטקייט פון יפתח'ס משונה'דיגען נדר און קרבן. מאנכע ווילען דאס פארבינדען מיט דער מעשה ווי די געטין אישטאר געהט אין דער אונטער־וועלט. מיר זיינען אבער לגמרי ניט זיכער, אויב די דאָזיגע געטער־געשיכטע איז דאמאלסט שוין געווען באקאנט צווישען די אידען. פארקעהרט ווידער זיי־נען דאמאלסט די מנהגים פון לעבען געווען זעהר ווילד, בפרט נאך ביי דעם געוועזענעם פיהרער פון א באנדע אין מדבר.

אבער כאָטש עס בלייבט טונקעל יפתח'ס אפּשטאמונג און פערזענליכ־קייט און ס'איז אונז אומבאקאנט די גענויע סיבה פון זיין מלחמה מיט עמון און ווי זי איז צוגעגאנגען: כאָטש מיר קענען מיט ווייניג זיכערקייט ארויסדרינגען די צייט גופא פון זיין אויפטריט בלויז פון דעם פלאץ וואס ער פארנעמט אין ספר שופטים: דאך קאנען מיר אננעמען אלס וואהרשיינליך, אז נאכדעם ווי מ'האט איהם ארויסגעטריבען פון גלעד, רופט מען איהם פון דער פרעמד אהיים און מ'קלייבט איהם אויס אלס פיהרער. ער צעשלאָגט דאן

---

אין מאנכע אידישע געגענדען האט, ווי עס ווייזט אויס, דעם אָרט פון דער געטער־ליכער פיגור פארנומען אַ מענשליכע, די טאָכטער פון דעם גבור פון גלעד.

ח. ש.

די עמונים, די פיינד פון די אידען אין מזרח־זייט פון ירדן, שטילט איין די קינדער פון אפרים, וועלכע זיינען געקומען זיך קריגען מיט איהם, און אלס לוין דערפאר ווערט ער באשטימט פאר דעם שעיך פונ׳ם שבט. אלס אזא האט ער געמוזט זיצען אין מצפה גלעד. אט דא, ווייזט אוים, איז דאס פירשטענטום פון גלעד באנייט געווארען. זיין הערשאפט האט אבער גערייצט די שכנים פון דרום, די מואבים. זיי האבען כלומר׳שט א טענה, אז צו זיי געהערט דאס גאנצע לאנד אויף דער מזרח־זייט פון ירדן ביז׳ן יבוק. א נייער קריג אויף דעם באדען פון מואב אנטשיידט אויף יפתח׳ס זייט, ביז סוף כל סוף, זיך צוריקקעהרענדיג אהיים אלס זיגער, ברייגנט ער אן אומגליק אויף זיך גופא און זיין איינציג קינד. א טרויער־פעסט, וואס די אידישע טעכטער האלטען אפ יעדעם יאהר — כאטש לכתחילה פיליכט פון א גאנץ אנדערען כאראקטער — האלט אויף אין זכרון פון די שפעטעריגע אידישע דורות יפתח׳ס העלדישקייט און זיין אומגליק.

פון א גאנץ אנדערען זארט איז די צווייטע געשטאלט פון דער דאזיגער צייט, די פון שמשון׳ען. אויב מיר זעהען אין יפתח׳ן א היסטארישע ערשיינונג אויף א לעגענדארישען הינטערגרונט, שוועבט אבער שמשון אומזיכער ארום צווישען מיטוס, לעגענדע און געשיכטע, אזוי אז מ׳קאן גאר ניט זאגען וואוהין ער געהערט.

שמשון׳ס נאמען, מוז מען צוגעבען, איז א גוטער סמך אויסצוטייטשען מיטאלאגיש די גאנצע געשיכטע וועגען איהם*). אויך די לאנגע האר פון דעם גבור אלס דער מקור פון זיין כוח דערמאנט ניט ווילענדיג אן די שטראהלען פון העליאס, דעם זון־גאט, און מאנכע פון זיינע גבורות דערמאנען אן הערקולעס׳ן. אבער אסך אנדערע שטריכען פון דער געשיכטע, וועלכע מ׳האט אויסגעטייטשט אויף אן עהנליכען אופן, לאזען זיך פארשטעהן פיעל נאטירליכער און פשוט׳ער אלס לאקאלע לעגענדע און אויך אלס פאלקסטימליכע וויציגע מעשה׳לע.

---

*) שמשון — מאן פון דער זון (שמש). אביסעל שווערער איז שוין צו דערקלערען דלילה פון „לילה", נאכט. מ׳דארף אבער אויף יעדען פאל ניט פארגעסען, אז גאנץ נאהנט צו שמשון׳ס היים אין מערב־יהודה ניט ווייט פון ירושלים געפינט זיך אויך „בית־שמש", הויז פון דער זון. א נאמען וואס קאן פשוט באדייטען, אז מ׳האט אין דער דאזיגער געגענד געדינט צו שמש, דעם גאט פון דער זון. אין דער צייט פון רעמסס דעם צווייטען קומט אויך פאר שמשון אלס נאמען פון אן ארט אין א געגענד פון פאלעסטינא.

דערביי מוז מען אבער האלטען אין זינען, אז ליטעראריש באטראכט שטאמט די געשיכטע פון שמשון'ען פון א פאַרהעלטענישמעסיג אַלטער צייט*). אויב עס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אז אין דער אויסוואנדערונג קיין ליש האט אנטייל גענומען דער גאנצער שבט דן**): אויב אויסערדעם ווייזען זיך נאך סימנים, אז די פלשתים, וועלכע האבען אונטערדעסען אריינגעוואנדערט אין דער געגענד ביים ים־ברעג, זיינען ביסלעכווייז אלץ שטאַרקער געווארען: דאן איז עס זעהר א וואהרשיינליכע סברא, אז די אידישע שבטים אין דער שכונה האבען זיך מיט זיי צוזאמענגעשטויסען אין דער לעצטער צייט פאר שאול'ן.

פון דער צייט פון די ערשטע צוזאמענשטויסען צווישען די אידען און די פלשתים איז געבליבען די פאלקסטימליכע העלדען־געשטאלט פון שבט דן. דאס פאלק האט זיך דערצעהלט כל'ערליי גבורות פונ'ם העלד, און באלד האבען זיך ארומגעשפונען ארום איהם אין א רייכפארביגען געוועב פארשיידענע מעשה'לעך וועגען אלערליי שטוקעס, וואס מ'האט דא און דארטען אפּגעטאן די פלשתים אדער וואס איז לכל הפחות געווען א יושר זיי אפּצוטאן. מיט דער צייט האט זיך אריינגעמישט דעריין א היימיש רעליגיעזער און א פרעמדער מיטאלאגישער עלעמענט. דער גבור איז אזוי געבראכט געווארען אין א נאהנטער שייכות צו דעם זון־מיטוס, וועלכער איז אריינגעדרונגען פון דרויסען און איז ווייניג פארשטאנען געווארען. פון דעם דאזיגען זון־מיטוס האט ער אפילו געמעגט קריגען דעם נאמען שמשון. און אלס געגענגעוויכט ווערען איהם שפּעטער צוגעלעגט די שטריכען פון דעם אידישען נזיר.

---

*) „ובעת החיא פלשתים מושלים בישראל" (י"ד 4) איז צוגעזעצט געווארען אין א שפּעטערער צייט. תוספות זיינען אויך ט"ו 20 און ט"ז 31.

**) זעה אויבען ז. 260, 261.

צווייטע אפטיילונג.

# דאס אידישע לעבען אין דער פאר־קעניגליכער צייט

## 1. דזש. פ. מק'קורדי

### סאציאל־עקאנאמישע צושטענדען.

ש ב ט, פ ל א ן (א ל ף), מ ש פ ח ה, ב י ת ־ א ב, ב י ת.

כדי צו פארשטעהן דאס אידישע לעבען אין דער סאמע עלטסטער צייט מוזען מיר קודם כל אביסעל באקאנט ווערען מיט דער טערמינאלאגיע און דעם כאראקטער פון דער דאמאלסדיגער אידישער געזעלשאפט.

אלס באצייכענונג פאר די איינצעלנע „שטאמען" פונ'ם פאלק געפינען מיר אין תנ"ך צוויי ווערטער: „שבט" און „מטה".ביידע ווערטער האבען דיזעלביגע באדייטונג, א חוץ וואס „שבט" ווערט אפטמאל אויך געברויכט פאר די הויפט־אפטיילונגען פונ'ם שטאם (במדבר ד 18: שופטים כ 12: שמואל א, ט 21). פאר דעם שבט אבער און אלס פארבאדינג פון איהם קומט דער „קלאן" אדער ווי דאס ווערט אנגערופען אין תנ"ך „אלף"*). דיזעלביגע ארגאניזאציע ווערט אויך אפט באצייכענט אלס „משפחה". משפחה איז אבער גענויער די באצייכענונג פאר א נידעריגערער סאציאלער אפטיילונג, פאר דער פאמיליען־גרופע. די דאזיגע פאמיליען־גרופע איז אן אונטער־אפ־

---

*) דער פיהרער אדער פארשטעהער פונ'ם קלאן הייסט דערפאר „אלוף". ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז ווען די קלאנס פון די אדומים זיינען געווארען איינוואוינער פון שטעדט, איז דער „אלוף" געווארען א „מלך" (בראשית ל"ו).

טיילונג פונ׳ם קלאן אדער „אלף" און זי באשטעהט פון די אינדיווידועלע פאמיליעס אדער „הייזער פון פאטערס" („בית אב").

מיר מוזען שטארק אונטערשיידען צווישען דער פאמיליען־גרופע און דעם קלאן. א פאמיליען־גרופע אנטהאלט אין זיך פארשידענע שטופעס פון קרובה׳שאפט און דאס איז דער יסוד איהרער. אין דעם קלאן אבער איז קרובה׳שאפט ניט שטארק וויכטיג, אדער זי פארנעמט לכל הפחות א צוויי־טען פלאץ. ס׳איז בכלל ניט מעהר ווי אנגענומען, אז עס איז דא קרובה׳שאפט אינ׳ם קלאן, ווארים באמת ווערט דער קלאן צוזאמענגעהאלטען דורך די פאר־בינדונגען פון מנהגים און גלויבען. א קלאן, אין היפוך צו דער פאמיליען־גרופע, נעמט דערפאר אריין אויך מענשען פון דרויסען. זיי ווערען אסימי־לירט און מ׳זאגט אז, אז זיי זיינען קרובים פון די איבעריגע קלאן־לייט.

דער קלאן איז געווען דער צענטער און דער יסוד פון דער אידישער געזעלשאפט, בשעת די אידען זיינען אריינגעקומען אין כנען. דער בולט׳ס־טער צייכען פונ׳ם קלאן איז נאטירליך קרובה׳שאפט פון בלוט, צי דאס איז טאקע א פאקט אדער מ׳נעמט עס בלויז אן. אבער עס זיינען פאראן נאך אנדערע כאראקטעריסטישע סימנים, וועלכע זיינען ניט אזוי בולט פאר אונז, מאדערנע מענשען. יעדער קלאן אדער שבט האט געהאט זיין באזונדערע גאטהייט און די פארבינדונג פון נאטירליכער קרובה׳שאפט צווישען די מיט־גלידער איז פארשטארקט געווארען דורך דעם באוואוסטזיין, אז זיי זיינען אלע צוזאמען די קינדער פון איין גאט, מיט וועמען זיי האבען זיך געטיילט דאס פלייש פונ׳ם קרבן. אלס צוגאב זיינען נאך צוגעקומען רעליגיעזע צערע־מאניעס, עפענטליכע און הויזליכע, וואס זיינען געווען סימנים פון צוגעהע־ריגקייט צו א קלאן אדער א שבט: אויך געזעלשאפטליכע מנהגים, וועלכע האבען פארמעל אפילו ניט קיין רעליגיעזען כאראקטער, אבער אין וועלכע עס איז דאך געלעגען א רעליגיעזע הייליגקייט, מחמת ביי די פעלקער פון אלטען מזרח האט מען ניט פאנאנדערגעשיידט צווישען רעליגיעזע און וועלטליכע ענינים.

דאס פארהעלטעניש צווישען קלאן און שבט איז גאנץ פשוט. דער שבט איז א פאראייניגונג פון קלאנס. א שבט קאן ארויסקומען דערפון וואס א קלאן וואקסט און צעשפאלט זיך אין מעהרערע אונטער־קלאנס. זעהר אפט איז דער שבט א פאראייניגונג פון קלאנס, וועלכע זיינען צוזאמענגעקומען דורך א גע־גענזייטיגער צושטימונג און האבען זיך אסימילירט אין מנהגים און אין קולט. די פאראייניגונג איז אבער לויזער איידער צווישען מיטגלידער פון דעמזעל־

בינען קלאַן. באַזונדערע קלאַנס קענען בלייבען אין דעם שבט א לענגערע צייט. שותפות'ע קרובה'שאַפט פאַרנעמט א נעבען־פלאַץ און איז אַפט גאַר א זייטיגע זאַך. דאָס נאָמאַדישע לעבען באַגינסטיגט דעם קלאַן; דאָס האַלב־נאָמאַדישע אָדער דאָס פריה באַזעסענע לעבען באַגינסטיגט דעם שבט. בכלל מוז מען גערענקען, אַז אָט די סאָציאַלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע איז אין א באַשטענדיגען, פליסיגען צושטאַנד, אַז זי האַלט זיך כסדר אין אויסציהען און איינציהען, אין ענדערען איהר וואוין־פּלאַץ, אין אריינגעמען אין זיך און ארויסלאָזען פון זיך פאַמיליען אָדער יחידים, אָנהאַלטענדיג פון דעסט־וועגען צו דערזעלביגער צייט איהר גאַנצקייט און איינהייטליכקייט.

דער קלאַן, אָדער זיין פאַרגרעסערונג, דער שבט, איז אָבער געווען ניט בלויז אינערליך צונויפגעקניפּט, נאָר ער איז אויך געווען א פאַראייניגונג גע־גען פרעמדע. די דאָזיגע פרעמדע, צי זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אין עהנלי־כע שבטים־פאַרבאַנדען, צי זיי האָבען געלעבט אַלס „נע־ונד'ניקעס," זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס נאַטירליכע שונאים. פּראַקטיש האָט אָט די פאַר־בינדונג צו אַטאַקירען און זיך צו פאַרטיידיגען, וועלכע האָט אַזוי פעסט צו־זאַמענגעהאַלטען דעם קלאַן און דעם שבט, זיך אויסגעדריקט אין דעם גע־זעץ פון „בלוט־נקמה", וואָס איז געווען אַלגעמיין ביי די סעמיטען. ביי די אַלטע העלענישע פעלקער און בכלל אין יעדער פּרימיטיווער געזעלשאַפט.

נאָכדעם ווי מיר ווייסען שוין וואָס דאָס איז דער שבט, דער אלף (קלאַן) און די משפחה (פאַמיליען־גרופּע), קענען מיר איצט באַטראַכטען דעם „בית־אב", די איינצעלנע פאַמיליע, די „פאַמיליע" אין מאָדערנעם זין פון'ם וואָרט. זי באַשטעהט פון די פּערזאָנען וואָס זיינען אַם נעהנטסטע פאַרבונדען אין בלוט: פון א פאַטער, א מוטער אָדער מוטערס (אין אַז אויסנאַמס־פאַל ווען איינער הייראַט מעהרערע פרויען) און זייערע קינדער (בראשית כ"ד 38, 40). א „הויז" אָבער, אָדער א הויזהאַלטונג („בית" אַהן „אב"). נעמט אריין אין זיך אויך די קנעכט און דינער פון דער הויז־ווירטשאַפט און שטעהט אונטער'ן קאָנטראָל פון דעם הויז־פאַטער, אָדער דעם אַפּיטרופּוס, וועלכער איז, געוועהנליך, אָבער ער מוז ניט דוקא זיין, דער פאַטער פון די בלוט־פאַרוואַנדטע פונ'ם הויז. די פאַמיליע (בית אב) איז א סאָציאַלע אינסטיטו־ציע וואָס האָט זיך אומעטום געמוזט אַנטוויקלען פון זיך אַליין דורך די קינ־דער'ס דירעקטע אָפּשטאַמונג פון די עלטערן: דאָס „הויז" אָבער (בית) איז א צוגעבונדענער באַגלייטער פון דער פאַמיליע, איז אַרויסגעוואַקסען דורך דעם דרוק פון פּראַקטישע באַדערפעניש̇ען און איז ניט קיין סאָציאַלע אינס־

טיטוציע ווי די פאמיליע, נאר אז אדמיניסטראטיווע אדער פאליטישע איינ־הייט. ווי דער קלאן צו דער פאמיליען־גרופּע אזוי שטעהט די „הויז־האלטונג" צו דער איינצעלנער פאמיליע.

## דער אריבערגאנג צו א באזעסענעם לעבען.

מיט אט דער סאציאלער ארגאניזאציע זיינען די אידישע שבטים אריינ־געקומען אין כנען און האבען אנגעהויבען אריבערצוגעהן פון'ם נאמאדישען צו א באזעסענעם לעבען.

מיר מוזען זיך היטען פון דעם טעות, אז דער דאזיגער אריבערגאנג צו א באזעסענעם לעבען איז געווען קורץ און שנעל. ס'איז פונקט פארקעהרט. מען מעג אננעמען כמעט פאר געווים, אז די אריבערגאנגס־שטופע האט זיך נעצויגען אן אומבאשטימטע לאנגע צייט. מאנכע טיילען פון דער באפעלקע־רונג זיינען קיינמאל ניט אין גאנצען ארויסגעגאנגען פון'ם נאמאדישען צו־שטאנד. ביז'ן סאמע ענד פון דער מלוכה געפינען מיר איינוואוינער פון געצעלטען, לעבענדיג אין באזונדערע קיבוצים צווישען די אידען, זינט די לעצטע האבען אנגעהויבען זיך צו באזעצען אינ'ם לאנד (ירמיה ל"ה). גרע־סערע און קלענערע קיבוצים פון פאסטוכער זיינען געווען צעשפּרייט איבער ווייטע געגענדען, ניט בלויז אין מזרח־זייט פון ירדן, וואו זיי זיינען געווען דער הערשענדער טיפּ, נאר אויך אין כנען גופא, באזונדערס אין דער טע־ריטאריע פון יהודה. אפילו דארטען וואו די דאזיגע קיבוצים זיינען געווען ארום פעסטע צענטערס, האבען אלץ געהערשט די מנהגים און די טראדיציעס פון דעם נאמאד. דאס אלטע געזעץ פון בלוט־נקמה איז שווער געווען בטל צו מאכען (שמות כ"א 23). מ'האט נאך פראקטיצירט אט דאס געזעץ נאהנט ארום ירושלים אין דער ערשטער צייט פון דער מלוכה (שמואל ב, י"ד 7). ווי איינגעווארצעלט עס זיינען געווען אין אידישען לעבען די אוראלטע סא־ציאלע אינסטיטוציעס, איז צו זעהן פון די פאלקס־ווערטליך. „צו דיינע גע־צעלטען, ישראל!" איז געווען די לאזונג פאר אן אויפשטאנד אין צייטען, ווען מ'האט לאנג שוין געהאט אויפגעגעבען דעם לאגער אלס א צענטער פון נאציאנאלען לעבען (שמואל ב, כ 1; מלכים א, י"ב 16). אין חזקיה'ס צייט (ישעיה ל"ג 20) און אפילו ביים סוף פון גלות בבל (ישעיה מ"ד 2) איז דער געצעלט נאך אלץ דער סימבאל פון דער אידישער געזעלשאפט.

מ'קאן קיינמאל ניט צו הויך אפּשאצען אט דאס עקשנות'דיגע האל־טען זיך ביים נאמאדישען גייסט און ביי די נאמאדישע מנהגים. מען מוז

אבער אונטערשיידען צווישען דעם צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג אלס טעוואַס גאַנצעס און יענעם קלענערען, און וועניגער איינפלוסרייכען טייל איהרען, וואָס האָט ביז'ן סוף זיך געהאַלטען ביי די אינסטיטוציעס און די מנהגים פון מדבר. ס'איז ניט נויטיג זיך אָפּצוגעבען ספעציעל מיט אַט דעם עלעמענט, כדי צו שטודירען די אידישע געזעלשאַפט אין דער אַלטער צייט, א חוץ אלס אילוסטראַציע פון פּרימיטיווע מנהגים. בנוגע צו דעם היסטאָרי־שען פאָלק ישראל מעגען מיר באַצייכענען אלס קלאָרען שיידונגס־פּונקט אין סאָציאַלען אזוי גוט ווי אין פּאָליטישען פּראָגרעס די צייט פון דער גרינדונג פון דער מלוכה. פאַר דער דאָזיגער עפּאָכע מעג דער צושטאַנד פון די אידען אין פּאַלעסטינא כאַראַקטעריזירט ווערען אלס האַלב־נאָמאַדיש. ריידענדיג גענוי, באַצייכענט די גרינדונג פון דער מלוכה דעם גרעניץ פון דער אויבען אַנגעוויזענער אריבערגאַנגס־פּעריאָדע. די טענדענצען און באַוועגונגען וועל־כע האָבען געפיהרט צו דער באַפעסטיגונג און פּאַרוויקלונג פון דעם געזעל־שאַפטליכען געבוי, האָבען זיך גיך פאַרמעהרט באַלד ווי ס'איז אויפגע־שטעלט געוואָרען א צענטראַלע ממשלה.

וואָסערע פאַקטען האָבען מיר כדי צו באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער אידישער געזעלשאַפט און איהר לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג אין פאַרלויף פון אַט דער אריבערגאַנגס־צייט? כאָטש ס'איז אונז ניט געבליבען קיין דירעקטע שילדערונג פון די אופנים פון לעבען און די מנהגים פון יענער צייט, האָבען מיר אָבער פאַר דעם א צווייפאַכע אילוסטראַציע, וואָס קיין בעסערע קאָן מען זיך גאָר ניט ווינשען. מיר האָבען פון איין זייט די צופע־ליגע נאָטיצען פון די היסטאָריע־ביכער, באַזונדערס פון שופטים און שמואל; פון דער אַנדערער זייט האָבען מיר די געזעצען און פאַרשריפטען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען אלס וועג־ווייזער פאַר'ן פאָלק אין דער ערשטער צייט, ווען עס האָט זיך באַזעצט אין לאַנד. דאָס ערשטע באַלייכט פון דרויסען, דאָס אַנדערע פון אינווייניג.

ווען מיר גיבען נאָר א קוק אין דעם אַלטען געזעצבוך וואָס ווערט אַנגע־רופען „דאָס בוך פונ'ם בונד“ („ספר הברית“, שמות כ 23—כ"ג 13), זע־הען מיר גלייך, אז עס איז באַשטימט פאַר א פאָלק וואָס איז שוין אַרויסגע־וואַקסען, אבער ניט שטאַרק ווייט, פון דער מדרגה פון א פאַסטוכער־לעבען. שטעדט ווערען דאָרטען קיינמאָל ניט דערמאָנט*), און ניט איין געזעץ אין

*) „מקום“ אין „ושמתי לך מקום לנוס שמה“ (כ"א 13) באַדייט א הויל־

דארטען פאראן וואס זאל עפעס האבען א שייכות צו די באדינגונגען פון לע־
בען אין שטעדט מיט א מויער ארום. פון דער אנדערער זייט באציהען זיך די
מעהרסטע געזעצען אויף אגריקולטורעלע באדינגונגען. די דערקלערונג פאר
דעם איז גאנץ פשוט. א געוויסע צייט נאך דער אלגעמיינער אריינדרינגונג
אין לאנד האבען די אידען ניט געוואוינט אין קיין שטעדט, לכל הפחות ניט
אין א גרויסער צאהל. אין דער ערשטער צייט ווען זיי האבען זיך באזעצט איז
לאנד האבען זיי אפילו ניט געוואוינט אין יענע ווענינע שטעדט, וועלכע עס
האט זיך זיי איינגעגעבען צו ערָאבערען, מחמת זיי זיינען ניט געווען צוגע־
פאסט און ניט געווען גענייגט צו אזא לעבען. עס זיינען געווען צווישען זיי
ווענינ פון דעם קאמערציעלען און אינדוסטריעלען קלאס. זיי האבען פאר־
נומען פלאנצערייען און מאיאנטקעס, וועלכע האבען אמאל געהערט צו די
עלטערע איינוואוינער פונ'ם לאנד. זיי האבען זיי באארבייט דורך שקלא־
פען, פון וועלכע די מעהרסטע זיינען געווען אונטעריאכטע כנענים. וויינ־
גערטנער, הויפען פון איילבערט־בוימער, פעלדער פון גערשטען און ווייץ האט
מען אומעטום געהאט ביי דער האנט. פאר די סטאדעס וואס זיי האבען מיט־
געבראכט מיט זיך האבען זיי געפונען גענוג פאשע: זיי האבען אויך ניט בא־
דארפט געברויכען קיין סך פון זיי פאר ערד־ארבייט, ווייל די אקסען און די
אייזלען און די שאף פון זייערע שקלאפען זיינען געווארען זייער אייגענטום
צוזאמען מיט די פריהעריגע באלעבאטים. דער פראמינענטער פלאץ וואס די
דאזיגע בהמות פארנעמען אין דער עלטערער געזעצגעבונג לאזט זיך לייכט
באמערקען. דאסגלייכען איז כדאי צו באמערקען וואס דארטען ווערט
לחלוטין ניט דערמאנט קיין פערד און קיין קעמעל. עס הייסט ניט, אז די
איינוואוינער פון כנען זיינען ניט געווען באקאנט מיט אט די בהמות. אהן
דעם קעמעל האט מען ניט געקאנט האבען קיין פארבינדונג מיט דעם מדבר
און מיט די לענדער הינטער'ן מדבר. דאס פערד האבען די אידען געוויס
ניט געברויכט אין די עלטערע צייטען ניט אין אגריקולטור, אויך ניט צום
רייטען און וואהרשיינליך אפילו ניט אין מלחמה. דאך קענען מיר ניט
אננעמען, אז דאס פערד איז געווען לגמרי אומבאקאנט אין כנען, וואו דאס
איז געווען אין געברויך פאר מיליטערישע צוועקען שוין פון די עגיפטישע

---

גער אָרט (זעה מלכים א, א 50 ; ב 28) און האט ניט צו טאָן מיט די „ערי מקלט".
די לעצטע זיינען ערשט געשאפען געווארען אין יאשיהו'ס צייט, אלס „במקום"
פאר די פראווינציעלע מזבחות, וועלכע מ'האט דעמאלט אפגעשאפט.

צייטען אָן. דער פונקט וואָס מ'דאַרף דאָ האַלטען אין זינען איז, אז אלע אנדערע בהמות, א חוץ אָקסען, אייזלען און שאף, זיינען ניט געווען וויכטיג פאר א געזעלשאפט, וועלכע איז געווען אזוי דורך און דורך אגריקולטורעל. אנדערע געזעצען אין אָט דעם געזעצבוך, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר דער געזעלשאפט וואו זיי זיינען אָנגעווענדט געוואָרען, זיינען בנוגע צו דער באשיצונג (כ"ב 5) און באארבייטונג (כ"ג 10) פון פעלדער און וויינגערטנער. אבער אומעטום לאָזען זיך זעהן געבליבענע שפורען פיי פאסטוכער־לעבען, וועלכע זיינען ניט אזוי גיך אָפּגעווישט געוואָרען.

וואָס דאָ איז ביז איצט געזאָגט געוואָרען, איז גענוג אָנצודייטען לכל הפחות דעם אלגעמיינעם צושטאַנד פון פאלק אסך יאָהרצעהנדליגער נאָכדעם ווי עס האָט זיך באזעצט אין לאנד. אין א ברייטערען זין האָט דער דאָזיגער האלב־נאמאדישער, האלב־אגריקולטורעלער טיפּ פון געזעלשאפט געהערשט דורך דער גאנצער פעריאָדע פון די שופטים. עס האָט גאר אנדערש ניט געקאָנט זיין. ניט איין דור און ניט צוויי דורות האָבען געקאָנט מאכען פון פאסטוכער — האנטווערקער און סוחרים און פון געצעלט־איינוואוינער שטעדט־בויער. די גאנצע אטמאָספערע פון די דאָקומענטען פון יענער צייט איז פול אָנגעזאָפּט מיט דעם לעבען פון פאסטוכער און פויערים. דבורה'ס געזאנג שטעלט פאָר דיזעלביגע סאציאלע באדינגונגען אין לעבעדיגע פּאָעטישע בילדער. די אידישע פיהרער זיינען געווען ביז צו דער נייער תקופה אונטער דוד'ן פונ'ם לאנד אדער איינוואוינער פון דערפער. דוד גופא איז געווען דער לעצטער פון יענעם בארימטען אידישען אדעל. ס'איז דער לאנד־אייגענטימער, וועלכער זאגט א דעה אין דער דאָזיגער דעמאָקראטיע, דער מאן פון מאכט און רייכטום*). ווי אנדערש איז דאָס אבער געוואָרען אונטער דער הערשאפט פון די מלכים, ווען אָט דער זעלביגער לאנד־אייגענטימער, דער ערשטער צווישען זיינע גלייכע, איז געוואָרען א מיטגליד פון דעם נייעם אדעל! ער האָט זיך שנעל אנטוויקעלט אין דעם זשעדנעם, אונטערדריקענדען לאנד־פארכאפּער, וועלכער וואוינט אין שטאָדט און מאכט דעם קליינעם לאנד־אייגענטימער, דעם פויער, פאר זיין קנעכט, און גראבט דערמיט אונטער דעם יסוד פון אידישען לעבען.

*) „חיל", דאָס העברעאישע וואָרט פאר רייכקייט, באדייט אויך פעהיגקייט און מאָראלישע חשיבות. אָט די ביידע השגות זיינען אָפט פאראייניגט אין דער באשרייבונג פון חעם כאראַקטער פון אַ מענשען („איש חיל").

## ער וואוקס פון שטאדטישען לעב

ביז דער צייט פון דער מלוכה האבען די אידען ניט געוואוסט פון קיין לעבען אין גרויסע שטעדט. מיר זיינען באקאנט פון די היסטאריע־ביכער מיט שילה, בית־אל, גלגל, רמה, גבעה. זיי זיינען אבער אלע געווען ניט מעהר ווי אומבאדייטענדע שטעדט. זיי זיינען, נאטירליך, געווען באשיצט מיט מויערן און טויערן, אבער דאס זיינען ניט געווען די היסטארישע פעסטונגען וואס זיינען אונז באקאנט פון די אויפשריפטען פון טהוטמאס דעם דריטען, פון די אמארנא־טאוולען, פון די מאנומענטען פון רעמסס דעם צווייטען און זיי געפינען זיך אפילו ניט צווישען די וואס שטעהען אויסגערעכענט אין די ליסטען פון יהושע און שופטים. מיר מוזען אננעמען, אז יענע שטעדט, וואס די אידען האבען איינגענומען דורך דער פאראייניגטער אטאקע אין דער ערשטער שטופע פון דער אריינדרינגונג, זיינען זעהר לאנגזאם ווידער אויפגעבויט געווארען. מיט יענע שטעדט וואס זיינען געבליבען ניט ערובערט האט מען כסדר געפיהרט לאקאלע מלחמות, מיט דעם רעזולטאט וואס אסך פון זיי זיינען סוף־כל־סוף געווארען צינזבאר (שופטים א). און די איבעריגע זיינען איבערהויפט ניט אונטערווארפען געווארען ביז דער צייט פון דער מלוכה. שכם שפילט א פראמינענטע ראלע; אבער זי איז דאמאלסט געווען א כנעני'שע שטאדט. די מעהרסטע שטעדט פון כנען זיינען באמת פון דאס ניי איבערגעמאכט געווארען. די וואס זיינען צעשטערט געווארען זיינען אויסערליך באנייט געווארען. די וואס זיינען געבליבען האבען באקומען א נייע געשטאלט לויט דעם כאראקטער פון זייער באפעלקערונג. פאר די אידען איז געבליבען נאר איין ברירה: זיך צוצופאסען. אפילו די שטעדט וואס זיי האבען געפונען פארטיגע האבען זיי אין אנהויב ניט געקאנט אויסנוצען. די אידישע שטאדט, ניט ווייניגער ווי די כנעני'שע, זיינען געווען אן אינסטיטוציע, א זאך וואס איז געוואקסען און האט זיך אנטוויקעלט. אפילו דער טויער, דער וויכטיגסטער ארט פון שטאדט (רות ד 1), האט קיין באדייטונג ניט געהאט פאר דער אידישער געזעלשאפט אין די ערשטע יאהרען פון דער באזעצונג. דעם ראט האט מען נאך אפגעהאלטען פאר דעם געצעלט פונ'ם פיהרער פון דעם שבט אדער פון דער משפחה.

אבער די אנטוויקלונג פון א שטאדטישען לעבען איז געווען אומפארמיידליך. באפעסטיגטע, אדער לכל הפחות באשיצטע שטעדט, זיינען **געווען**

אומבאדינגט נויטיג פאר א באזעסען לעבען אין כנען, צו אגריקולטורעל, קאמערציעל אדער אינדוסטריעל. די נאכט־וועכטער אין די אפענע דערפער זיינען מעהר ניט געווען קיין גענוגענדע באשיצונג פאר דאס אייגענטום פון דער באפעלקערונג. מיר געפינען דעריבער די לאנד־אייגענטימער און די לאנד־ארבייטער אין דער שפעטערער צייט פון די שופטים שוין וואוינענדיג אין שטעדטלעך (רות ב 4; שופטים י"ט 16; שמואל א, י 26). בעת א גרויס־שטעדטיש לעבען איז געווען אומבאקאנט, איז אבער דאס שטעדטעל געווען דער נארמאלער וואוינונגס־פלאץ אין דער צייט נאך דער אריבערגאנגס־פעריאדע. אלס כלל האט יעדערער געהערט צו דער אדער צו יענער שטאדט. דורך די אומשטענדען פון מלחמה און די געפאהרען אטאקירט צו ווערען פון רויבער־באנדעס זיינען די דערפער שנעל געווארען ארומגערינגעלט מיט מויערן: דאס הייסט: זיי זיינען געווארען שטעדט. אפט זיינען שטעדט אויפגעקומען צוליב זייער גינסטיגער לאגע ביי א קוואל, אין א וואלד אדער אויף א בארג וואס לאזט זיך לייכט באשיצען.

די אויסערליכע שטריכען פון דעם ספעציעלען לעבען פון דער אידישער שטאדט קענען מיר היינט ניט רעפראדוצירען, אבער מאנכע אינטערעסאנטע פונקטען ווייסען מיר אויף געוויס. מיר מעגען זאגען, למשל, אז א חוץ פאר דעם צוועק פון מלחמה, אדער פאר נאציאנאלע אדער שבת־ימים־טובים און פאר צוזאמענקומונגען פון עולי־רגל'ניקעס, איז די שטאדט געווען דער אויסשליסליכער פארזאמלונגס־פונקט פון איהר אייגענער עדה. אזוי ווי דאס שטאדטישע און דארפישע לעבען איז געוואקסען אלץ מעהר און מעהר, איז די פאמיליע פון איין זייט און דער שבט אדער אפילו דער קלאן פון דער אנדערער זייט געווארען אלץ שוואכער און שוואכער. די איינוואוינער פון א שטאדט האבען, מעגליך, געקאנט זיין אלע אדער כמעט אלע פון זעלביגען שבט: זיי זיינען אבער שווערליך געווען אלע פון דעמזעלביגען קלאן אדער פון דערזעלביגער משפחה (שמואל א, כ 6). זייערע רעליגיעזע פארזאמלונגען, א חוץ ביי גרויסע געלעגענהייטען, האבען זיי אפגעהאלטען אלץ מעהר און מעהר באזונדער. זייער ארבייט, צי קאמערציעל צי אינדוסטריעל, איז אסך מעהר געווארען ספעציאליזירט. צעכען פון האנטווערקער זיינען צוגעקומען אין די גרעסערע שטעדט, א שטייגער ווי מאכערס פון געצייג פאר לאנדארבייט, סטאלערס, מולערס, שטיינשניידערס. אין יעדען הויז האט מען זיך איינגעשאפט א האנטמיהל, אבער אפט זיינען גרעסערע מיהלען, געדרעהט דורך אייזלען, געברויכט געווארען פאר גאנצע שכונות. ערד־ארבייטער, פריהער כמעט אומבאקאנט, זיינען איצט געווען דער הערשענדער טיפ פון אר־

ביימס־לייט. זיי האבען זיך פאנאנדערגעצווייגט אין מעהרערע קלאסען. דאס פאלק, אין גאנצען גענומען, איז איצט געווען פארנומען מיט'ן זעען תבואה און פלאקס און האמף פונקט ווי מיט'ן האדעווען בהמות. אויסערדעם האט מען נאך געהאט צו באזארגען דעם וויינשטאק, דעם פייגענבוים און דעם אייל־בערטבוים, וועלכע האבען פארגעשטעלט אין א גרויסער מאס די פראדוקטי־וויטעט פון פאלעסטינא. די שמידען און מעטאל־גיסערס, די טעפערס און וועבערס, אום מיטצוהאלטען מיט די פאדערונגען פון דער נייער קאמפלי־צירטער געזעלשאפט, האבען זיך איצט אנטוויקעלט אין קינסטלער. דער בלאז־זאק פון שמיד, דער ראד פון טעפער און דער שטוהל פון וועבער זיינען גע־ווארען די לערען־שולען פאר דער פעהיגער יוגענד, וועלכע האט אמאל אין די פריערע, איינפאכערע צייטען ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך צו לער־נען קיין זאך א חוץ ווי צו געברויכען דעם בויגען, דעם שליידערהאלץ און דעם שפיז.

ס'איז קלאר איינצוזעהן, אז אויף אזא'ן אופן און דורך אזוינע טענ־דענצען האט די אידישע געזעלשאפט לאנגזאם דורכגעמאכט א רעוואלוציע. די ענדערונג פון א שבטים־לעבען אין א בירגערליכען איז, געזעלשאפטליך, גע־ווען ראדיקאלער און דייטליכער איידער די באוועגונג, וועלכע האט שפעטער ארויסגעבראכט די מלוכה. די מלוכה האט געענדערט די דרויסענדיגע זייט פון דער געזעלשאפט דערמיט וואס זי האט געגעבען א שותפות'ע ריכטונג און א שותפות'ען ציל צו א גאנצער צאהל פון קיבוצים, וועלכע זיינען פרי־הער ניט געווען פעהיג צו האנדלען פאראייניגט. אבער די פריהער דער־מאנטע ענדערונג איז געווען אן אינעווענינגסטע רעוואלוציע. זי האט געשאַ־פען די קיבוצים גופא און האט אויף אלעמאל באשטימט דעם הערשענדען טיפ פון סאציאלען לעבען אין ישראל.

זוכענדיג תופס צו זיין אט די אומגעשטאלטונג האבען מיר זיך ביז איצט אפגעגעבען ספעציעל מיט די פארמען פונ'ם נייעם אופן פון לעבען אין שטעדט. מיר מוזען איצט משלים זיין דעם טייל פון אונזער איבערבליק אנדייטענדיג, אז די פראצעסען, דורך וועלכע דער נייער טיפ פון געזעל־שאפט האט זיך ארויסגעוויקעלט, האבען ארויסגעבראכט, ניט קוקענדיג אויף זייערע נוצען, א צושטאנד וואס איז געווען ניט ווייט פון אנארכיע, און וואס האט געקאנט געהאלפען ווערען נאר אויב דער יחיד און די געמיינדע הא־בען סוף כל סוף זיך אונטערגעגעבען אונטער דער צענטראלער הערשאפט.

## זקנים, שופטים, כהנים.

איינס פון די וויכטיגסטע באדערפענישען אין יענער צייט איז געוועזן א גערעכטער משפט. לאמיר דערפאר א קוק טאן אויף דעם צושטאנד פון משפט אין דעם נייעם בירגערליכען לעבען.

אויפ'ן ערשטען פלאץ קומען דא די „זקנים", די אלטע פארשטעהער פון די משפחות און די קלאנס אונטער דער שבטים־ארדנונג. די דאזיגע באאמטע זיינען געבליבען ווייטער אונטער די נייע באדינגונגען פון לאקאלער פארוואלטונג. זייער יורידיקציע האט נאטירליך ארומגענומען פאמיליען־ענינים: שטרייטיגקייטען אין מאן־און־ווייב־לעבען (דברים כ"ב 15), ירושות, צעטיילונג פון אייגענטום, די באשטימונג פון דעם „גואל" אדער דעם אויפהאלטער פון דער פאמיליע (רות ד), די אויסגלייכונג פון בלוט־נקמה (דברים י"ט 12). זיי האבען אויך פארטראטען די שטאדט אין שטרייטיגקייטען מיט אנדערע שטעדט בנוגע צו טראגען די אחריות פאר פארברעכענס, אומגליקען און דאסגלייכען (דברים כ"א).

די נעכסטע נאך די „זקנים" זיינען געוועזן די „שופטים". לכתחילה זיינען זיי בלי ספק באשטימט געווארען אלס פשרה־מאכער. זיי זיינען ניט קיין כאראקטעריסטישע אינסטיטוציע פון בירגערליכען לעבען אלס היפוך צום נאמאדישען, ווארים די בעדואינער האבען זייערע קאדי'ס פונקט ווי זייערע שעיך'ס. זיי זיינען נאטירליך אלץ מעהר און מעהר געקומען אין פאדערגרונט, ווען עס זיינען אויפגעקומען נייע זארטען פאלען, פאר וועלכע דער געזעץ פון דעם שבט אדער דער משפחה האט ניט געהאט געזארגט. פאלען, למשל, ווי די וועלכע ווערען באהאנדעלט אין „ספר הברית". האבען געמוזט בריינגען פלאנטערס, פאר וועלכע מ'האט ניט געקאנט געפינען קיין פרעצעדענט. און ס'איז וויכטיג וואס דער נאמען „שופט" קומט ניט פאר אין יענעם אלטען געזעצבוך. דאס איז די פונקציע פאראויסגעצייכענט אין דעם אויסדרוק „פלילים" (שמות כ"א 22). עס הייסט „בוררים". צו ווענען מ'פלעגט מאכען אן אפעלאציע אין א ספעציעלען שווערען פאל. די שופטים האבען לויט דעם געהאט צו טאן מיט צווייערליי זאכען. זיי האבען געהאט צו פארהאנדלען אפעלאציעס געגען דעם געוועהנליכען פסק־דין פון די זקנים ביים טויער פון שטאדט; זיי האבען אויך געהאט צו פארהאנדלען נייע פאלען וואס זיינען אויפגעקומען און פעסטצושטעלען פאר זיי פרעצעדענטען. בדרך כלל זיינען אט די שופטים בלי ספק

גענומען געווארען פון דער קערפערשאפט פון די זקנים פון שטאדט, און אין דער צייט פון דער פאלקסטימליכער ארגאניזאציע פון דער מלוכה — פון די „שרים", די פירשטען, אדער שעפס פון גרעסערע אדער קלענערע מיליטער־רישע אדער פינאנץ־אפטיילונגען. מיט דער וויטעריגער אנטוויקלונג פון דער מלוכה זיינען די שופטים נאטירליך געווארען וויכטיגער און פארגלייך מיט די זקנים און האבען געשפילט א גרויסע ראלע אין דער סאציאלער און מאראלישער געשיכטע פון דער נאציאן.

א דריטער זארט ריכטער זיינען געווען די כהנים. דעם כהן'ס אנווייזונגען האבען געהייסען „תורה" און אפעלירען צום כהן האט געהייסען „קומען פאר גאט" (שמות כ 6 : כ"א 8). אזוי ווי לכתחילה האט יעדע פאמיליען־גרופע געהאט איהר אייגענעם כהן, פלעגט מען דעריבער קומען צו איהם נאך באלייכטונג איבער שווערע ענינים, ניט אזוי פיעל אויסצוגלייכען מחלוקות, ווי צו וועלען אויסגעפינען דעם וועג וואס מ'זאל באטרעטען און די מעשים וואס מ'זאל טאן.

## דער נייער אידישער בירגער אין פאלעסטינא.

א קלערערען באגריף וועגען מאנכע זייטען פונ'ם סאציאלען און בירגער־ליכען לעבען קענען מיר באקומען ווען מיר ווענדען א בליק טאן אויף דער היים און דעם מאיאנטיק פון א אידען אין דער שפעטערער פעריאדע פון דער שופטים־צייט.

מיר נעמען א רייכען אידישען לאנד־אייגענטימער אינ'ם צענטראלען טייל פון פאלעסטינא. זיין היים ליגט אינעווייניג פון דעם שטאדט־מויער, און די שטאדט איז דער קרייז פון זיין געזעלשאפטליכען לעבען. אט דא וואוינען אויך זיינע דינער און קנעכט, א חוץ די וואס זיינען באשעפטיגט מיט די סטאדעס אויף דער פאשע אדער מיט די פרוכט־בוימער. פאר זיי האט ער אויפגעשטעלט ביידלער, אין וועלכע זיי פארברייגען די נאכט באַ־וואפענט געגען אנפאלען. דער דאזיגער לאנד־אייגענטימער איז אזוי רייך, אז ער איז בכוח אנצושטעלען א לוי אלס כהן פון זיין „הויז".

לאמיר איצט נאכפאלגען דער באשעפטיגונג פון דעם דאזיגען אידישען בירגער אין פאלעסטינא. דעם פריהמארגען פון זיין באשעפטיגטען טאג איז ער פארנומען, געבענדיג השגחה אויף זיין הויז־האלטונג און זיין אייגענטום.

ווען מיר געהען נאָך איהם נאָך ארום זיין נחלה זיינען מיר איבערראשט צו זעהן ווי גוט ער קען יעדען פון זיינע קנעכט און שפחות. זיי ווערען באַטראכט און מ'טרויט זיך אַז זיי אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען מיטגלידער פון זיין אייגענער פאַמיליע. מאַנכע פון זיי זיינען אידען פון דער נאָהנטער שכונה. מיט איינער פון זיינע דינסטען, די טאָכטער פון זיינעם אַ גוטען פריינד אַ „יורד״, האָט זיין עלטסטער זוהן חתונה געהאַט. אָבער די מעהרסטע קנעכט זיינע שטאַמען פון די כנענים. זייער שיקזאַל, אָדער לכל הפּחות דער שיקזאַל פון זייערע עלטערן, איז אין אַנהויב געווען זעהר אַ שווערער. אַמאָל זיינען זיי גופא געווען די באַלעבאַטים פון גאַר דעם לאַנד ארום: און אַז זיי האָבען עס ניט געוואָלט לאָזען צונעמען פון זיך, האָט מען זייער פאַר־שקלאַפונג געמאַכט שטרענגער. די מלחמות בשעת דעם אריינדרינגען, און אפילו די שטרייטיגקייטען און קאַמפען נאָכהער, זיינען שוין איצט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און דער חילוק צווישען די אידישע און די כנעני'שע קנעכט איז מעהר אַ זאַך פון סענטימענט איידער פאַקטיש. אפילו דער חילוק האָלט שוין אויך אין פאַרשווינדען דורך דער פאַראייניגענדער השפעה פון דער צייט, פון דעם לאַנד, און פון דער הערשענדער רעליגיאָן. דער שקלאַפען־האַלטער מאַכט איצט יעדענפאַלס אַ קליינעם חילוק צווישען די צוויי קלאַסען פון זיינע קנעכט. די מעהרסטע פון זיי ווערען איצט גע־רעכענט אַלס הויז־געבאָרענע, ווייל זיי האָבען בלויז אַ וויטע אָפּשטאַמונג פון די כנענים. זייערע טאַטעס אָדער זיידעס זיינען שוין געווען נאַטוראַ־ליזירטע אידען. אַלע זיינע קנעכט גיט ער די ברירה ארויסצוגעהן פריי נאָכ'ן אָפּדינען זעקס יאָהר. זיי ווערען אַלע צוגעלאָזען מיט גלייכע רעכטען צו די רעליגיעזע פּריווילעגיעס און צערעמאָניעס פון דער פאַמיליע. דאָס העלפט צו מאַכען כנען פאַר „יהוה'ס לאַנד״ און עס גרייט צו דעם וועג פאַר דער פרייהייט און טאָלעראַנץ וואָס די מענשהייט האָט געלערענט פון ישראל'ס תורה.

איבער יעדער אָפּטיילונג פון דער ארבייט פון זיין נחלה איז געשטעלט אַ קאָמפּעטענטער קנעכט. אין דער פריה געהט דער האַר ארוים צו באַקוקען ווי אַלץ פּראָגרעסירט. מיר ווייסען ווי ער רעדט צו די שניטערס אין שניט־צייט. נאָכדעם ווי ער שמועסט זיך דורך אַ ווייַלע מיט דעם שעף פון דער גרופּע, געהט ער ארום צווישען די ארבייטער גופא, באַגריסענדיג זיי מיט דער ברכה: „יהוה זאָל זיין מיט אייך!״ און זיי ענטפערען אָפּ האַרציג: „יהוה זאָל דיך בענטשען!״ (רות ב 4). וואַוינענדיג אין אַ קליין שטעדטיל, וואו עס זיינען נאָך ניטאָ קיין צעכען פון האַנטווערקער, אַ חוץ פּיליכט

שמידען און בוירייסטער, מוז זיין אייגענע פאמיליע, זיינע קינדער און זיינע קנעכט, פארזארגען אלע באדערפענישען פון דער באלעבאטישקייט פונ׳ם הויז. דער באלעבאס מוז דעריבער זיין א ידען אין אלע מלאכות, כדי קאמ־פעטענט אכטונג צו געבען ווי מען מאכט אלערליי געצייג פאר דער לאנד־ווירטשאפט און מעבעל און כלים פאר דאס הויז, ווי מ׳בויט פעסטע שפייכ־לערס, אדער רעזערוואוארס און אפצוגען פאר דאס וואסער.

ניט ווייניגער וויכטיג איז די ארבייט וואס עס האבען אפצוטאן די פרויען פונ׳ם הויז — דאס צוגרייטען שפייז און מאהלצייטען, אין וואס ס׳איז אריינגערעכענט דאס מאהלען יעדען טאג מיט דער האנט־מיהל און דאס שעפען וואסער פון ברונים, שפינען, וועבען און מאכען די געוועהנליכע בגדים, און אויפפאסען די חדרים וואו מ׳וואוינט. פונקט ווי דער בא־לעבאס פון הויז גיט השגחה אויף דער ארבייט פון די קנעכט, אזוי קאנטרא־לירט די באלעבאסטע, די „גברת הבית", די מעהר הויזליכע ארבייטען פון די דינסטען. זי גופא האט קנעכט, וועלכע זיינען אין א געוויסען זינען איהרע אייגענע; אבער סוף כל סוף זיינען זיי אלע, פונקט ווי די ווייב און די קינדער גופא, דאס אייגענטום פון דעם ראש פון הויז.

די עפענטליכע טעטיגקייט פון דעם דאזיגען אידען אין אט דער צייט איז ניט ווייניגער ווערט צו באמערקען. אזוי ווי די ארבייט אויף זיין נחלה הייבט זיך שוין אן ווי נאר עס שפראצט אויף טאג, איז עס נאך גאנץ פריה ווען ער פארלאזט זיינע פעלדער און געהט צום טויער פון שטאדט צו פארנעמען זיין ארט צווישען די „זקנים". אין אט די ניט־באשטענדיגע צייטען ליגט א שווע־רע ארבייט אויף די בירגערליכע באאמטע. שטרייטיגקייטען וועגען צונעמען איינער דעם אנדערען׳ס, וועגען אפמאכען פון פארקויף און אויסטויש, גרע־ניצען פון נחלאות, דאס רעכט אויף אייגענטום, הלואות און משכנות, ירושות, די באשיצונג פון אלמנות און יתומים, די אויסקלייבונג פון א „גואל" — אט די אלע ענינים האלט מען כסדר אין פארברייגען פאר דעם דאזיגען פרימיטיווען שטוהל פון משפט. צו די שטרייטער פון שטאדט גופא קומען נאך צו בעלי־מחלוקות פון לאנד ארום. אלס צוגאב צו די דאזיגע ענינים, וועלכע געהערען צום נארמאלען גאנג פונ׳ם לעבען אין דער גע־גענד, קענען נאך פארקומען אסך אנדערע זאכען צוליב אלטע שבט־מנהגים. די חקירה ודרישה פון צוויי שטרייטענדע פארטייען מעג, למשל, אונטער־בראכען ווערען דורך דעם לארעמדיגען געשריי פון א „גואל הדם", א זאך וואס מוז אויפ׳ן שטעל אויפגענומען ווערען. דער „זקן" וועלכען מיר בא־שרייבען דא איז אויך א שופט. מ׳גיט איהם דערפאר אפ כבוד, אבער מ׳טראגט

אויך אָפּט א כעס אויף איהם, וועז מען איז ניט צופרידען מיט זיין פסק־דין ביי א משפט. דערצו געפינען זיך נאָך לאָקאַלע כהנים, וועלכע עהרליך אָדער ניט עהרליך, זיינען גרייט צו געבען אַן אָראַקעל וואָס שטימט ניט מיט זיין אומפּאַרטייאישען פּסק־דין. מיר קענען זיך פאָרשטעלען, אַז דער דאָזיגער זקן און שופט טרעפט זיך מיט שמואל'ן. ביידע פאַטריאָטען שמועסען זיך דורך אין אלגעמיין וועגען דעם מצב פון אידישען לעבען און ביידע קומען זיי צום באַשלוס, אַז א „שופט" מוז באַלד איינגעזעצט ווערען מיט פולער מאַכט איבער'ן גאַנצען פאָלק. ביידע דערלעבען זיי נאָך צו זעהן די גרינדונג פון דער מלוכה.

## 2. ר. קיטעל

### קולטור און גייסטיגעס לעבען. זיטען און ליטעראַטור.

דער איבערגאַנג גופא צו ערד־אַרבייט און א באַזעסענעם לעבען מאַכט א פאָלק מעהר מסוגל פאַר דאָס, וואָס מיר רופען קולטור. דער בעדואין קען ניט דאָס וואָרט אַרבייט. ניט ער באַדאַרף קיין זאַך און ניט ער האָט עס: דאָס איז זיין שטאָלץ, און דערפאַר פיהלט ער זיך ניט אָרים. אָבער איין זאַך קען ער ניט: די ברכה פון אַרבייט און דאָס גליק פון פלייסיגקייט. אויך דער האַלבער נאָמאַד, אפילו ווען אַרבייט איז איהם שוין ניט פרעמד, האַלט ער אָבער ניט שטאַרק דערפון. דער פויער אָבער, פון ערשטען טאָג אַן ווען ער באַאַרבייט זיין פעלד, ווייסט וואָס דאָס הייסט אַרבייט. דער וואַנדערענדיגער פּאַסטוך אָדער קעמעל־רייטער קען נאָך ווייניגער די ברכה פון פרידען. דאָס אַרומטרייבען זיך אין דער ווייטער סטעפּע און דאָס אַרומוואַנדערען מיט די סטאַדעס ברייגנט אַהן אַן אויפהער צו קריג און רייסעריין: דער אמת'ער בעדואין לעבט אין א גרויסער מאָס דירעקט פון כאַפּען און ראַ־בעווען. דער פויער, פאַרקעהרט, ווייסט, אַז אַהן פרידען קען ער ניט געניסען די פרוכט פון זיין אַרבייט. דער נייער סדר פון לעבען האָט דערפאַר מיטגע־בראַכט מיט זיך פאַר די אידען זעהר וויכטיגע רעזולטאַטען. דאָס פאַר־שטענדניש פאַר געוויסע גייסטיגע גיטער, וועלכע מאַכען ערשט פול דאָס לעבען, האָט איבערהויפּט ערשט געקאָנט אויפקומען ביי זיי אין כנען. דערצו נאָך ברייגנט מיט זיך דאָס וואוינען אין הייזער און שטעדט — האַנט־

ווערק און מסחר. זאכען מיט וועלכע דער וואנדערענדיגער פאסטוך האט א מגע־ומשא בלויז פון אויבען אויף. האנטווערק און האנדעל ווידער ברייננען מיט זיך די התחלה פון קונסט און מאכען פיינער די זיטען. נאטירליך גע־פינען זיך פון דעם איצט בלויז די ערשטע אנהויבען.

דאס וואוינען נאהנט צוזאמען, און אפט געגוג אויך דאס לעבען בשלום מיט די געוועזענע באלעבאטים פון לאנד האט געמוזט האבען א השפעה אויך אויף דאס אלגעמיינע און גייסטיגע לעבען פון די אידען. ישראל האט אי־בערגענומען די ירושה פון אסך א רייכערער און אנטוויקעלטערער קולטור ווי זיין אייגענע ביז דעמאלט. שוין דער תנ"ד ווייזט אונז דאס אן, ווען ער רעדט פון די פעסטע, ארומגעמוירעטע שטעדט פון די כנענים און זייער העכערער קריגס־קונסט. די אייזערנע רייטוועגען ווערען דערמאנט עפעם מיט א מורא'דיגען גרויל.*) אין דעם פרט האבען די אויסגראבונגען באשטעטיגט אין אלע פונקטען די מיטטיילונגען פון תנ"ד און האבען אווי־סערדעם זיי געמאכט גאנצער און פולער. וואס די אידען האבען דא געפונען, האט בשום אופן ניט געקאנט פארבייגעהן, ניט לאזענדיג קיין שפור הינטער זיך. די פלייסיגקייט אין קונסט און

*) זעה אויבען ז. 234. לויט שופטים א 19 (רכב ברזל) האבען די כנענים שוין דאמאלסט זיך געמוזט געפינען אין דער אייזען־צייט. אין א גרעסערער מאס גע־פינט זיך אייזען אין תענך און, באזונדערס, אין מגידו, ערשט אין דער מיטעלס־טער צייט פון דער אידישער מלוכה. אין א קלענערער מאס קומט עס פאר אין מגידו שוין לאנג פריהער. על־פי השערה האט מען עס דארטען געקענט שוין אין דער שופטים־צייט, נעבען קרעמען־זויערע און בראנז. דאס איז אין איינקלאנג מיט דעם פאקט, וואס אין עגיפטען איז עס שוין לאנג געוועזען באקאנט. ווי באוואוסט האט אויך דער האלב־אינזעל סיני צוגעשטעלט אייזען שוין אין דער אלטער צייט. וואס מ'קאן פיליכט פארבינדען מיט דעם נאמען פון די קינים („קין" באדייט א שמיד). פונקט אזוי האט אויך דער לבנון געהאט אייזען, און שוין טחוטמאס דער דריטער האט געבראכט פון דארטען אייזען. לויט דעם אלעמען איז קיין ספק ניט, אז די כנענים האבען נעבען בראנז שוין געהאט אייזען, און אז זיי האבען זייערע רייטוועגען דאמאלסט שוין באשלאגען מיט אייזען. אין דוד'ס צייט ווערט אייזען דעריבער שוין דערמאנט, לכל הפחות פאר געצייג, אלס א גאנגבארע זאך (שמואל ב, י"ב 31). פארגלייך אויך דעם נאמען ברזלי (אייזען־מאן) אונטער דוד'ן.

די אַנטדעקונגען פון פעניקיען ווערען אַז אייגענטום פון די אידען דורך דעם לעבהאַפטען האַנדעלס־פאַרקעהר: און די קולטור־אוצרות פון כנען — דורך דאָס וואוינען איינע ביי די אַנדערע. נאָך מעהר ווערט דאָס אייגענ־טום פון די אידען דאָס וואס די פעניקיער און די כנענים האָבען אריבערגע־נומען אין קונסט און קולטור פון מעסאָפּאָטאַמיען און עגיפּטען. דער אידי־שער האָריזאָנט ווערט ווייטער און ברייטער. עס עפענען זיך איצט פאַר איהם קענטעניסען און אינטערעסען און אויך באַדערפענישען און געניסען, וועלכע זיינען ביז אַהער פרעמד געווען דעם פאַרהאַרעוועטען מדבר־פאָלק. מ׳האָט זיך געמעגט ווערען קענען איינצעלנע אויסוואוקסען: מ׳האָט געמעגט אין מאַנכע קרייזען, ווי שפּעטער, אַזוי אפשר שוין איצט, קוקען מיט פאַר־אַכטונג אויף דעם לוקסוס און די הפקרות פון די כנעני׳שע שטעדט — אין תוך אָבער איז אויך דאָ, ווי אין פיעל אַנדערע ביישפּילען, דער זיגער מיט׳ן שווערד באַלד געלעגען גייסטיג צו די פיס פון באַזיגטען.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דער לאַנגזאַמער פאַרפיינערונג פון דער האַלטונג און די מנהגים פון לעבען, בלייבען די אידען בכלל נאָך אַלץ ביי אַסך רויהע, ווילדע זיטען. קריג און רייסערייען פילען אויס אַ רעכטען טייל פון דער צייט. מ׳דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסען, אַז אונזער מאַגערע טראַדיציע גיט אונז אַסך קריגס־בילדער, אָבער היפּט אריבער די צייטען פון פרידען. דאָס אַרויסגעהן צו כאַפּען רויב, אַפילו ווען דאָס קאָן טרעפען גאָר אומשולדיגע און אָפטמאָל אַפילו די קינדער פון אייגענעם פאָלק, ווערט פון קיינעם ניט געטאַדעלט (שופטים י״ח: בראשית מ״ט 27). דאָס אוועקרויבען מיידלעך אין אייגענעם לאַנד ווערט באַטראַכט אַלס אַז ערלויבטע נויטוועדיגקייט (שופטים כ״א). שטאַרק פאַראורטיילט ווערען נאָר אַז אָפענע בגידה און דאָס ברעכען פונ׳ם גאַסט־רעכט (שופטים ט: י״ט). אַרום און אַרום הערשט שטאַרק דאָס פויסט־רעכט: און דער צושטאַנד פון רעכט איז נאָך לאַנג געבויט אויף דער בלוט־נקמה. צו דערמאָרדען דעם פיינד איז ערלויבט אַפילו ווען יענער האָט קיין חשד ניט און ווייסט ניט זיך צו וועהרען. אהוד און יעל ווערען געריהמט פאַר אַזאַ מאָרד. כדי מקיים צו זיין אַ נדר שרעקט מען זיך ניט צוריק אַפילו פון מענשען־אָפּפער. אויך די אָפּפערונג פון די בכורים איז, ווי עס ווייזט אויס, אָפטמאָל פאָרגעקומען.

נאַטירליך איז דאָס בלויז איין זייט פון בילד. די כנענים האָבען אָהן ספק געהאַט אַלס יסוד פון זייער קולטור און זייער מלוכה׳לעבען אַז אָ ר ד־נ ו נ ג פ ו ן מ ש פ ט: דאָס האָט געמעגט זיין אַמוראַבי׳ס רעכט פון

די צייטען פון דער אלטער באבילאנישער הערשאפט אדער אן עגיפטיש רעכט פון דער עגיפטישער אויבער־ממשלה. אויך די אידען, ווען זיי האבען געהאט פירשטען און אדעליגע, זקנים און שופטים, ווען זיי האבען אנגעהויבען זיך אפצוגעבען מיט לאנד־ווירטשאפט, האנט־ווערק און מסחר, האבען אהן אזא רעכט־ארדנונג ניט געקאנט אויסקומען. ווי איז אסך אנדערע פאלען, האט מען על־פי השערה אויך דא געליהען פון די כנענים. דאס אלטע אידישע פאלקס־געזעץ, דער אזויגערופענער „ספר הברית", מאכט דורכאויס דעם איינדרוק, ווי עס וואלט אריבערגענומען געווארען פון די כנענים און לויט דער השפעה פון משה'ן צורעכט געמאכט און צוגעפאסט געווארען צו דער רעליגיאן פון יהוה. דאס דאזיגע געזעצבוך רעגולירט די רעכטען פון שקלאפען, פערזאנען און זאכען פון דער פאר־קעניגליכער צייט און גיט אונז א בילד פון די וויכטיגסטע קולט־געזעצען פון איינצעלנע הייליגטימער. מיר קוקען דארטען אריין אין גוט דורכגעטראכטע רעכטס־פארהעלטענישען, וועלכע אטעמען אין א גרויסער מאס מיט דעם גייסט פון מילדקייט און וועלכע זוכען אפצושאפען, ווי ווייט מעגליך, דאס פויסט־רעכט און די בלוט־נקמה: בנוגע צו דער צוזאמענזעצונג פונ'ם געריכט, דעם גאנג פון דעם משפט און דעם ברייגנען א זאך „פאר גאט", האבען מיר דא צו טאן מיט שוין לאנג איינגעווארצעלטע מנהגים.

דער וויכטיגסטער קולטור־אוצר איז אהן א ספק די שריפט. ווען און אין וועלכער פארם די שריפט איז בכלל געקומען צו די אידען, זיינען מיר ניט ביכולת צו זאגען. איז משה, ווי איך גלויב, א היסטארישע פערזאן און איז געווען אין עגיפטען, האט ער דארט אויך געוויס געלערענט דעם עגיפטישען אופן פון שרייבען. פונקט אזוי ווייסען מיר אויך דורך די אמארנא־בריף און זינט עטליכע יאהר אויך דורך די בריף וואס מ'האט געפונען אין תענך, אז שפעטסטענס זינט דעם 15טען יאהרהונדערט האט מען אין כנען אסך געשריבען אין דעם כתב פון די פלעקלער, און אז אויך היימישע קליינע פירשטען האבען געפיהרט זייער קארעספאנדענץ אין דער דאזיגער שריפט. די אידען האבען בכן פון אנהויב אן זיך געקאנט באנוצען אין כנען מיט אט דער שריפט און די אידישע פירשטען פון די שבטים ווי אויך די אידישע סוחרים האבען דאס בלי ספק אויך געטאן. ארכיוון אין דער פארם פון ליים־קאסטענס. ווי מ'האט זיי אין אסך שטעלען אויסגעגראבען, האבען, פונקט ווי אין תענך און אנדערשוואו, זיך אויך געקאנט געפינען אין שכם און אין עפרה.

אבער מיר ווייסען אויך, אז אין פאלעסטינא האט מען שוין גאנץ פריה

געבראויכט א נייעם אופן פון שרייבען*), די בוכשטאבען־שריפט, אדער גענוי־ער די קאנזאנאנטען־שריפט. דעם פּרינציפּ פון קלאנג־צייכענס, וועלכער איז שוין באקאנט געווען צו די עגיפּטער פון דער אלטער צייט, אבער איז פון זיי ניט דורכגעפיהרט געווארען, האט מען דא דערקענט אין זיין גאנצער באדייטונג. די דאזיגע שריפט איז אויפגעקומען אלס קאנזאנאנטען־שריפט אויף'ן סעמיטישען באדען און האט פון דאנעט זיך איינגעבירגערט אין דער גריכיש־רוימישער קולטור־וועלט — פאר איהר און פאר אונזער קולטור האט זי גע־האט א באדייטונג וועלכע מ'קאן גאר ניט אויסרעכענען. אויב מ'וואלט גע־קאנט גלויבען די ידיעה, אז ירבעל־גדעון האט דורך א צופעליג געכאפּטען יונגען מאן פון סכות זיך געלאזט אויפשרייבען די 77 נעמען פון די פיהרער פון שטאדט (שופטים ח 14), וואלט מען דאן פון דעם פאקט שוין געקאנט דרינגען אויף דער אלגעמיינער פארשפּרייטונג פון דער שרייב־קונסט. נאטירליך וואלט אזא פארשפּרייטונג מעגליך געווען נאר ווען אט די קונסט איז פאראיינפאכט געווארען דורך דער קאנזאנאנטען־שריפט. אויב דער דאזי־גער נייער אופן פון שרייבען איז ניט ערפונדען געווארען אין סיריען, ווי מען איז ביז אהער געניינגט געווען צו גלויבען, נאר ער שטאמט פון באבי־לאניען אדער ציפּערן, דאן באשטעהט נאך אלץ די גרעסערע וואהרשיינ־ליכקייט, אז ער איז דורך די כנענים פון דארטען איינגעפיהרט געווארען**) און איבערגעגעבען געווארען צו די אידען, איידער מ'זאל אננעמען אומגע־קעהרט.

דער פּועל יוצא פון דער נייער שריפט איז על־פּי השערה די התחלה פון אן אמת'ער געשריבענער ליטעראטור. איצט ווערען אויף שריפט געבראכט די

---

*) דאָס עלטסטע מאָנומענט אויף דעם באדען פון פּאלעסטינא איז נאָך אלץ דער שטיין פון מישע מלך מואב (840). אָבער ער וועיזט שוין אויף אַ לענגערער אי־בונג אין דער שריפט.

**) ווען דאָס האָט געקאָנט געשעהן לאָזט זיך לויט די אמארנא־טאָוולען און לויט די אין פּאלעסטינא גופא צו זיי געפונענע געגענשטיקער אומגעפעהר באַשטימען, נאַטירליך נאָר אויף אַרויף. וואָרים אין אָט די טאָוולען ווערט נאָך געברויכט די באבילאנישע שריפט פון די פלעקלעך אפילו אין העברעאיש־כנעני'שע ווער־טער. דעם גרעניץ אויף אונטען קאָן מען זיך בלויז משער זיין (ארום 1100). אַ לאַנגע צייט האָבען ביידע אופנים פון שרייבען יעדענפאלס עקסיסטירט איינער ביי דעם אַנדערען. אינטערעסאנט איז דער פאקט, אַז נאָך ישעיה (ח 1) רעדט פון אַ מענשליכער שריפט (בחרט אנוש) און פון דער אַנדערער זייט זיינען די לוחות

ערשטע העלדען־געזאנגען*) און די עלטסטע געזעצען וואס מ'האט מייחס גע־וועזן צו משה'ן**). פיליכט אויך שוין איניגע העלדען־מעשיות. ווי א שטייגער די מעשות וועגען ירבעל און אבימלך — כאטש דער היינטיגער נוסח איז אביסעל אינגער — א פארשפרעכענדער אנהויב פון א רייכער ליטעראטור, וועלכע האט יאהרטויזענדער אריבערגעלעבט.

## 3. ר. קיטעל

### רעליגיאן און קולר

א פראגע פון העכסטער וויכטיגקייט איז: צי זיינען די אידען אויך אין זייער רעליגיעזען לעבען און דענקען געווארען פון זיגער איבער די כנענים באזיגטע? דער ענטפער אויף דער פראגע איז גלייכצייטיג יא און ניין.

1. ווי ווייט מיר קאנען זעהן האבען די אידען זיך געהאלטען פעסט אן דעם גאט וואס משה האט זיי געבראכט. דבורה'ס ליד איז א באגייסטערטע הימנע אויף יהוה אלס דעם גאט, וואס אין זיין נאמען און פאר זיין פאלק זיינען די שבטים פון ישראל געגאנגען אין קאמף און ער האט זיי דערפאר געהאלפען באזיגען זייערע פיינד. ירבעל־גדעון, יפתח, שמשון — אזוי ווייט ווי דיביידע לעצטע מעגען באטראכט ווערען אלס היסטאריש — דינען דעם גאט יהוה. די קינדער פון דן געפינען אויפ'ן בארג אפרים א הייליגטום פון

---

געשריבען געווען מיט א געטליכער שריפט (שמות ל"ב 16). אויב מ'מעג דערפון ארויסדרינגען, אז אויך ביי די אידען האט עקסיסטירט דער היפון צווישען א פריסטערליכער שריפט און פאלקס־שריפט, דאן קאן מען אננעמען די חשערה (פון ווינקלער), אז טעמפעל־ און רעכטס־דאקומענטען זיינען נאך א לאנגע צייט געשריבען געווארען מיט דער שריפט פון די פלעקלער. דאך אבער דארף מען נאך ווארטען אויף ווייטעריגע ראיות.

*) יעדענפאלס „ותשר דבורה" (שופטים ה) און על־פי חשערה שטיקער פון די אלטע לידער־ביכער פון יהושע י 12 און שמואל ב, א 18: קענטיג אויך טייל־לען פון בראשית מ"ט און נאך אנדערע.

**) באזונדערס דער „ספר חברית" (שמות כ 23 — כ"ג 13).

יהוה, און זיי פיהרען עס אוועק קיין ליש אלס היליגטום פון זייער אייגענעם גאָט. אפילו אין דער האלב־כנעני'שער שכם דינען די אידען וואס וואוינען דאָרטען צו יהוה. אין אלטע שטיקער פון תנ"ך געפינען מיר ניט קיין איינציגען פאַל, וואו ברייטע אידישע קרייזען זאָלען דינען פרעמדע געטער אדער מ'זאָל אפען פארלייקענען יהוה.

אָבער די אינגערע טיילען פון ספר שופטים, וועלכע זיינען צוגעשריבען געוואָרען אין א שפעטערער צייט, דערצעהלען יאָ, אז די אידען האָבען זיך אָפגעקעהרט פון יהוה און געדינט צו די כנעני'שע געטער*). ס'איז דערביי וויכטיג צו באַמערקען, אז די ידיעות זיינען אויסשליסליך באַשרענקט אויף די דאָזיגע שפעטערע הוספות, און דערצו ווערען זיי געגעבען אהן וואסערע ממשות'דיגע פאַקטען. עס לעגט זיך דערפאר אויפ'ן שכל, אז אין יענע נאָכריכטען ווערט אויסגעדריקט דאָס אורטייל פון דער שפעטעריגער צייט איבער ערשיינונגען, וועלכע זיינען טאַקע באמת פאָרגעקומען אין דער שופטים־צייט. די דאָזיגע ערשיינונגען האָבען אָבער ניט באַדייט, אז מ'האָט זיך עפענטליך אָפגעקערט פון יהוה, נאָר אז מען איז בשום אופן ניט געווען אין איינקלאַנג מיט דעם ריינעם דינסט פון יהוה.

אָט דאָס איז דער אופן ווי מ'האָט געדינט גאָט אין דער שופטים־צייט, אזוי ווייט ווי מיר זיינען ביכולת זיך צו מאַכען דערפון א בילד. יהוה איז טאַקע דער גאָט פון ישראל. עס דינען צו איהם קענטיג די פיהרענדע פּערזענליכקייטען, און מיר דאַרפען אננעמען דאָסזעלביגע אויך פון דעם פאָלק אין גאַנצען. אָבער די נאָהנטע מגע־ומשא מיט די כנענים האָט אויך אויף דעם געביט פון רעליגיאָן ניט געקאָנט בלייבען אהן א ווירקונג. דער יהוה, וואָס די אידען האָבען פון מדבר געבראַכט, האָט, ווי עס לאָזט זיך לייכט באַגרייפען, ניט געהאַט לכתחילה קיין שייכות צו דער ערד־אַרבייט און צום באַזעסענעם לעבען, צו וועלכען מ'האָט זיך איצט איבערגעגעבען. געוויס וואָלט זיך געלאָזט געפינען די פאַרבינדונג צווישען דעם יהוה, וועמען די אידען האָבען געדינט אין מדבר, און דעם וועמען זיי האָבען געזאָלט דינען אין כנען. אָבער אנשטאָט צו זוכען אזא פאַרבינדונג, האָט די רעליגיאָן זיך אויסגעקליבען דעם פּשוט'ערען וועג פון אַריבערנעמען א פרעמד פאַרמעגען. פונקט ווי מ'האָט זיך איינגעוועהנט אַריבערצונעמען פון די ביז איצטיגע באַלעבאַטים פונ'ם לאַנד די פאָרמען פון לעבען אויפ'ן לאַנד, די קונסט פון באַאַרביי־

---

*) שופטים ב, 11; ג 5; י 6; ח 33. פארגלייך ירמיה ב; ז; יחזקאל ט"ז; כ; כ"ג.

טען די פעלדער און די גערטנער. די פראקטיציזירונג פון האנט־ווערק און
אלערליי קולטור־אוצרות. אזוי האט מען פון זיי אויך געלערנט אין הלכות
גאט־דינסט: מ׳האט אריבערגענומען די פארמען פון קולט און עיקר אזוי ווי
מ׳האט זיי געפונען אין כנען. דער אופן פון גאט־דינסט ווי ער איז געווען
איינגעווארצעלט דארטען אין לאנד האט דאס לייכט געמאכט.

די געטער פון די כנענים, ווי עס איז באקאנט, זיינען די
„בעלים", די „הארען" פונ׳ם לאנד אדער פון איינצעלנע געגענדען. וואס
ברענגען פרוכטבארקייט און גערעטעניש. זיי גופא הענגען דערפאר ענג צו־
זאמען מיט דעם לאנד און זיינע ערטער און מיט דער פרוכט. וועלכע דאס
לאנד ברענגט ארויס. די רעליגיאן פון די כנענים איז אויף אזא׳ן אופן
ענג צוזאמענגעוואקסען מיט דעם לאנד און מיט דעם געוואוקס פונ׳ם לאנד.
און עס איז בעצם זעהר נאטירליך, וואס די אידישע פאלקס־רעליגיאן האט
צוזאמען מיט דעם לאנד און מיט דעם אופן ווי אזוי דאס לאנד ווערט באַ־
ארבייט און אויסגענוצט, אויך אריבערגענומען דעם דינסט צו די מהות׳ן
און כוחות, וועמען די איינוואוינער פון לאנד האבען געדאנקט פאר דער ברכה
און גערעטעניש: יהוה און בעל ווערען צוזאמענגעמישט. י ה ו ה ווערט
פון אויבען אויף א ב ע ל. איז עס פון איין זייט זעהר וויכטיג, וואס אין
די עלטערע שטיקער פון תנ"ך ווערט אין ערגיץ ניט דערצעהלט, אז ווײַ־
טערע אידישע קרייזען זאלען זיין אריבערגעגאנגען צו די דאזיגע כנעני׳שע
געטער, אבער פון דער אנדערער זייט ווארפט א ליכט אויף די רעליגיעזע צו־
שטענדען פון אונזער צייט דער אומשטאנד, וואס די באציהונגען צו בעל היי־
בען אן שפילען א ראלע אין די אייגען־נעמען צווישען אידען.*) די שפּע־
טערע אידישע באטראכטונג פון געשיכטע האט שוין אין דעם אנערקענט
א פאדמעלע אוועקקעהרונג פון יהוה און האט דעריבער אזעלכע נעמען באַ־
זייטיגט אדער געענדערט. אפילו אויב זי איז אויף אזוי ווייט געווען אומגע־
רעכט, איז אבער על־כל־פנים שוין דעריז געלעגען א פריינדשאפטליכע
שכנות׳דיגע דערנעהנטערונג צו דעם כנעני׳שען אופן פון גאט־דינסט. דער
נאמען יובל (יהוה־בעל) איז פיליכט כאראקטעריסטיש פאר דאס גאנצע
פארהעלטעניש. מ׳דינט טאקע צו יהוה — ער איז דאך דער גאט פון
ישראל —: אבער צווישען איהם און די געטער פון די שכנים ארום, די ביז־

---

*) פארגלייך ירבעל, יובל (יו־בעל): שפּעטער מריבעל (מפיבשת) און איש־
בעל (איש־בשת): אויך בעלידע (פארגלייך דברי הימים א, י"ד 7 און שמואל ב,
ה 16).

איצטיגע געטער פונ׳ם לאנד, אין וועלכען מ׳לעבט. געפינט מען ניט אזא גרויסען חילוק, אז מ׳זאל זיי ניט קאנען האלטען פאר גלייך און רופען יהוה דעם בעל פון ישראל. די אידען געהען דערמיט ניט אריבער צום פאליטע־איזם, אבער זיי מאכען אזא פארבינדונג צווישען יהוה און בעל, וועלכע ברייננגט זיי צום גרעניץ פון דער נאַטור־רעליגיאָן.

2. די רעזולטאטען דערפון האבען באלד געמוזט זיך באווייזען. די כנענים האבען פון אלטע צייטען אן געדינט זייערע געטער אויף הויכע פלע־צער (במות), וועלכע זיי האבען געהאלטען פאר הייליג, מחמת זיי האבען געגלויבט, אז די דאָזיגע פלעצער זיינען נעהנטער צו גאט, אדער פיליכט אז זיי זיינען פשוט די וואוינונגען פון גאט. ווען די אידען זיינען געווארען די באלעבאטים פונ׳ם לאנד און האבען זיך גלייך אויסגעלערענט צו מאכען יהוה פאר א מקורב צום כנעני׳שען בעל, האבען זיי אויך אפגע׳ירש׳עט די דאָזיגע הייליגע פלעצער. בית־אל, באר־שבע, שכם, גלגל, פנואל, רמה, מצפה און מאנכע אנדערע ערטער ווערען באלד אזוי הייליג פאר די אידען ווי זיי זיינען עס פריהער געווען פאר די כנענים. אז איין טייל פון אָט די הייליגע ערטער זיינען פארבונדען די מעשיות פון די אבות — א קלאָרע ראיה פאר דעם, אז די ערטער זיינען שוין גאנץ פריה געווארען פאפולער ביי די אידען און זיינען געשטעלט געווארען אינ׳ם דינסט פון דער רעליגיאָן פון יהוה. ס׳איז דאַ א יסוד אנצונעמען, אז די אריינדרינגענדע אידען האבען נאך גע־פונען אינ׳ם לאנד די הייליגע פעלז־פלאטען מיט איינגעגראבענע שיסלען וועלכע שטאמען נאך פון די פאר־סעמיטישע איינוואוינער. דער קרבן צו גאט ווערט אויף זיי בלויז אוועקגעשטעלט*). באלד אבער האבען די אידען, ווי עס ווייזט אויס, פארוואָרפען די דאָזיגע פרימיטיווע פאָרם פון דינען צו גאט און האבען אנגענומען דעם מנהג פון דינען צו גאט דורך פייער־אָפפער, וואס האט זיך אלץ מעהר פארשפרייט אין כנען. עס האט זיך זיי גע־דוכט, אז אָט די פאָרם פאסט זיך בעסער צום מהות פון יהוה, וועמען זיי האבען געבראכט פון מדבר.

---

*) פארגלייך גדעון׳ס און מנוח׳ס קרבן אין שופטים ו׳ און י״ג. דאָרטען זעהען מיר דעם איבערגאנג פון דער פרימיטיווער פארם פון אוועקשטעלען דעם קרבן אויפ׳ן פעלז צו דער העכערער פאָרם פון א פייער־אָפפער. דער דאָזיגער איבערגאַנג ווערט דאָרטען צוגעשריבען צו יהוה גופא. גדעון און מנוח שטעלען נאָך אַוועק דעם קרבן, אָבער יהוה׳ס מלאך פארצעהרט עס מיט אַ פלאם און ווייזט זיי דערמיט דעם ריכטיגען אופן ווי מקריב צו זיין אַ קרבן.

עם קומען צו הייליגע בוימער נאהנט צו דער במה אדער אויפ'ן פרייען פעלד, איינצעלנע אדער אין גרופען*). אויך הייליגע קוואלען. אמאל זיינען עס געווען די ערטער פון איינענע גאטהייטען, שפעטער אבער ווערען זיי אלץ מעהר און מעהר באטראכט אלס ערטער וואו דער גאט פון דער נעהנטסטער במה האט זיך אמאל ביי א געלעגענהייט אנטפלעקט. דאסזעלביגע איז אויך מיט שטיינער וואס ווארפען זיך אין די אויגען מיט זייער געשטאלט. באזונדערס אבער זיינען מיט די כנעני'שע במות שטארק פארבונדען די מ צ ב ו ת. לכתחילה זיינען דאס געווען הפקר'ע, גרויסע פעלד-שטיינער, וועלכע זיינען „אויפגעשטעלט" געווארען. עס הייסט: מיט דער שפיציגער זייט אין דער הויך, און געזאלבט געווארען אלס ערדישע וואוינונג פון דער אומזיכטבארער גאטהייט מיט אויל און מיט בלוט פון קרבנות. שפעטער, ווי עס ווייזט אויס, זיינען עס געווען קינסטליך געמאכטע זיילען, וועלכע זיינען קענטיג געשטאנען נאהנט צו א מזבח**). נעבען דער מצבה שטעהט אפט נאך די א ש ר ה, א פשוט'ער שטאם פון א בוים אדער א סלופ אריינגעשטעקט אין דר'ערד. ביי די כנענים איז עס געווען דער סימבאל פון זייער ווייבליכער גאטהייט, דער געטין פון פרוכטבארקייט: ביי די אידען האט דאס, נאטירליך, געהאט א שייכות צו יהוה. מיט דער צייט קומט נאך צו דער מזבח, אין פארשידענע פארמען: אלס א מזבח פון ערד אדער שטיינער, אלס איינפאכער טיש פאר גאט, אדער אלס גרעסערער שלאכט-טיש, אייך אלס רויכער-טיש. דערזעלביגער הייליגער ארט קאן אויך האבען אסך מזבחות. עס פעהלען אויך ניט קיין ערטער צו עסען, אונטער'ן פרייען הימעל אדער אין האלען, און עס זיינען אפילו דא חדרים צום שלאפען פאר די, וואס ווילען דארטען צובריינגען די נאכט און ווארטען אויף אראקעלס און חלומות***). ס'איז בעצם אלצדינג אזוי ווי פריהער, נאר וואו אמאל האט בעל געהאט די שליטה, האט עס איצט יהוה. ער, יהוה, גיט קארן, וויין און אויל, פלאקס און וואל. ס'איז דעריבער זעלבסטפארשטענדליך, אז דער גרויסער יעהרליכער דאנק-יום-טוב, וואס פלעגט געהאלטען ווערען אין הערבסט

---

*) אזא בוים (אלון מורה) איז, צום ביישפיל, געשטאנען נעבען שכם, בראשית י"ב 6; שופטים ט, 6, 37; בראשית ל"ה 4; יהושע כ"ד 26; דברים י"א 30. פארגלייך אויך „תמר דבורה", שופטים ד 5.

**) דעם זיכערסטען און שענסטען ביישפיל דערפון האבען מיר איצט אין אין אויסגראבונג אין גזר.

***) זעה שמואל א, ג 3; כ"א 8; מלכים א, ג 5.

לכבוד דעם בעל. זאל איצטער געהאלטען ווערען לכבוד יהוה*). מיט ביכורים און רייכע געשאנקען דאנקט דער פויער יהוה, און מיט פרעהליכע מאהלצייטען, מיט יובעל און יום־טוב'דיגע טענץ פרעהט מען זיך פאר איהם. אפילו די רוישענדע, אויסגעלאסענע הולאנקעס, פארבונדען מיט שענדליכער פראסטיטוציע, מיט וועלכע די כנעני'שע נאטור־גאטהייט ווערט געפייערט אלס געטין פון פרוכטבארקייט, ווערען אויך אפטמאל אריבערגעטראגען אויף יהוה און זיין הייליגען ארט.

אבער דערמיט זיינען מיר שוין אריינגעטראטען אין דעם געביט פון דער נידעריגער פאלקס־רעליגיאן. מ'מעג אננעמען אלס אויסער צווייפעל, אז די צולעצט דערמאנטע אויסוואוקסען האבען ניט געפונען קיין אריינגאנג אין דער אפיציעלער רעליגיאן פון יהוה, אפילו וואו זי האט מיטגעמאכט דעם כנעני'זירונגס־פראצעס אין דעם אופן פון יהוה־דינסט. די מאסע פון פאלק אבער, ווייזט עס אויס, האט זיך אין דעם געהאט שטארק אריינגעלאזען. מיר זיינען ניט זיכער, אויב שוין אין דער שופטים־צייט, אבער מיר האבען שוין על־כל־פנים די פארבינדונגען פאר דעם. ווארים אסך אנדערע זאכען וואס געהערען צו דעם דאזיגען געביט האט די פאלקס־רעליגיאן שוין איצט אריבערגענומען. ווי מ'קאן זיך משער זיין לויט די באריכטען פון תנ"ך און צוזאמענהאנג מיט די אויסגראבונגען אין פאלעסטינא. אהער געהערט קודם כל די פארשטעלונג פון דער גאטהייט אין א בילד, הגם, ווי מיר קאנען זעהן ביז איצט, ניט אין קיין אמת'ען בילד פון יהוה**), אבער דאך

---

*) פארגלייך שופטים ט 27 מיט שמואל א, א. ס'איז דערזעלביגער יום־טוב.

**) ס'איז וויכטיג צו באמערקען, אז צווישען דער מאסע בילדליכע פארשטעלונגען פון גאטהייטען וואס מ'האט אויסגעגראבען אין פאלעסטינא זיינען אפילו פאראן אסך עשתרת'ן, אבער קיין איין בילד ניט פון בעל. מ'מעג דערפון דרינגען, אז אויך ביי די כנענים איז ניט געוועזן, אדער לכל הפחות ניט געוועזן פארשפרייט, דער מנהג פון פארשטעלען דעם בעל אין א בילד. אויך די מעהרסטע אויסגעגראבענע בילדער פון דער עשתרת (קליינע סטאטועלעך, וועלכע זעהען אויס צוליב זייער קליינקייט גיכער אלס הויז־געטינס איידער אלס געטינס פון עפענטליכען קולט) טראגען ענטוועדער א באבילאנישען אדער אן עגיפטישען כאראקטער (אישטאר און האטהאר) און זעהען גאר ניט אויס צו זיין היימיש אין כנען. עס לעגט זיך דעריבער אויפ'ן שכל, אז פאר'ן עפענטליכען קולט האבען די כנענים ניט געהאט קיין בילד ניט פונ'ם בעל און ניט פון דער עשתרת.

אלס א סימבאל פון איהם אין דעם בילד פון אן אקס*). אלס אזא מין סימבאל מוזען מיר זיך אויך פארשטעלען דאס בילד פון דן וואס די וואנדערענדע „בני דן“ האבען מיטגענומען מיט זיך אויף דעם בארג אפרים צוזאמען מיט דעם כהן**). דאסזעלביגע קאן אויך געזאגט ווערען וועגען די שניצבילדער („פסילים“) ביים שטיין־קרייז („גלגל“) פון ירדן, וועלכע אהוד זוכט אויף כדי צו זאגען עגלון'ען, אז ער האט כלומר'שט פאר איהם אן אראקעל***). נאטירליך האט מען דאמאלסט אויך אריבערגענומען אלערליי בילדער פון אונטער־געטער, וועלכע די כנענים גופא האבען געליהען פון פרעמדע רעליגיאנען: און אויך אלערליי סימבאלען און עמבלעמען, וועלכע האבען, פונקט ווי יענע פרעמדע בילדער, געדינט פאר דעם פריוואטען קולט ביי זיך אין הויז און פאר אלערהאנט כישוף און אבערגלויבען. צו אט דער גרופע מעג מען אויך צורעכענען דעם „אפוד“ און די „תרפים“, פון וועלכע מיר האבען נאך ביז היינט ניט קיין גענויע באשרייבונג. נאר אויף אזויפיעל ווייסען מיר זי־

---

*) בילדער פון אקסען האט מען געפונען אסך אין די אויסגראבונגען. און חיות ווי מיר ווייסען פון תנ"ך, אז יהוה איז געדינט געווארען אונטער דעם דאזיגען בילד, לעגט עס זיך דעריבער אויפ'ן שכל, אז דאס איז געווען א בילד פון בעל אלס גאט פון פרוכטבארקייט. די אידען האבען נאטירליך אויך דאס אריבערגעטראגען אויף יהוה. מיר ווייסען אבער דעם פאקט, אז אין אשור און בבל ערשיינט דער אקס אלס סימבאל (דער גאט שטעהט אויף איהם) פונ'ם וועטער־גאט רימון־הדד, אויך אז אין ארם האט דערזעלביגער גאט דעם סימבאל פון אן אקס. ס'איז דעריבער אסך וואהרשיינליכער, אז דער אקס איז בלויז געווען דער סימבאל, ניט דאס בילד, פון דעם דאזיגען גאט. אלס וועטער־גאט און דערמיט אלס גאט פון וואקסען (מיט אט דער באשטימונג זיינער וועט אויך צוזאמענהענגען דער אקס) איז ער אויך וויכטיג פאר דעם כנעני'שען און אידישען פויער. דאך טרעט ער אויף אין כנען, אזוי ווייט ווי מיר זעהען, נאר אין א סימבאל, ניט אין א מענשליכער געשטאלט. ביי די אידען איז יעהענפאלס דאס גאלדענע קאלב געווען דער סימבאל פון יהוה אלס דער בעל פונ'ם לאנד.

**) דאס קאן מען ארויסדרינגען פון דעם אומשטאנד וואס ירבעם בן נבט האט אויפגעשטעלט אין דן א גאלדען קאלב. ער האט הפנים אנגעקניפט אן דעם אלטען קולט.

***) שופטים ג 19. דער קירכען־היסטאריקער יוזעביוס (אין פערטען יאהר־הונדערט נאך דער קריסטליכער צייט) ווייסט נאך פון א געצענדינסט אין דעם דאזיגען ארט.

כער, אז דער אפוד האָט געהאט א נאָהנטע שייכות צו דעם אָראקעל פונ'ם כהן: מ'דארף איהם דעריבער אם בעסטען דערקלערען אלס אראקעל־אפּאַראַט. גדעון שטעלט אוועק א גאָלדענעם אפוד אין זיין הייליגטום אין עפרה: און אן אפוד און תרפים ווערען אויך דערמאָנט אין א שפּעטערער טראַדיציע אין א נאָהנטער שייכות צו דעם הייליגטום פון דן*).

ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט וואס אויסער די שוין דערמאָנטע פארבלאָנדזשענישען געפינען מיר דאמאָלסט ביי די אידען שפּורען פון פרעמדע און משונה'דיגע מנהגים פון קולט. אלס ערשטעס מוז דאָ דערמאָנט ווערען דאָס מענשען־אָפּפער. די אויסגראבונגען לאָזען ניט איבער דעם מינדסטען ספק וועגען דעם, אז דער מנהג פון קינדער־אָפּפער און אויך פון בוי־אָפּפער האָט געהערשט אין כנען: דאָס ערשטע אלס הייליגונג פון די ערשטגעבאָרענע צו א גאָטהייט, דאָס לעצטע כדי איהר צו ווידמען דעם אָרט פון א נייעם בנין און צו באהיטען דאָס הויז פון אן אומגליק. דורכ'ן איינמויערען פון אן אָפּפער אין פונדאמענט ווערט דאָן דאָס הויז געשטעלט אונטער דעם שוץ פון דעם מת, וועלכער האלט זיך אויף אלס באשיצענדער גאָט אין ביישטידעל פון דער טיר אָדער אונטער'ן שוועל**).

אונטער די דאָזיגע אומשטענדען קריגען נאַטירליך אויך אסך שטעלען אין תנ"ך א נייע באלייכטונג. ווען אברהם ווערט באפוילען צו אָפּפערען זיין זוהן יצחק'ן און ער אָפּפערט נאכהער אלס „במקום" א ווידער, איז עס דאָן קלאָר, אז אין דער צייט פונ'ם פארפאסער האָט מען ערנסט באטראכט די פראגע, אויב מענשען־אָפּפער זיינען געפעליג צו גאָט. דער ענטפער איז געווען, אז ניין. אבער אין א פריהעריגער צייט האָט מען אויך אָפּטמאָל געענטפערט מיט „יא". אז אין דער שופטים־צייט האָט מען נאָך געענטפערט

---

*) לויט אַן עלטערען נוסח איז עס געווען אַ „פסל ומסכה", לויט אַן אינגערען נוסח אן „אפוד ותרפים". זעה שופטים י"ז 4, 5; י"ח 14, 17, 18, 20. אַז דער אפוד איז געווען פארבונדען מיט דעם אָראקעל קען מען זעהן דייטליך פון שמואל א, כ"ג 9.

**) דער מנהג פון בוי־אָפּפער איז געווען פארשפּרייט אין באבילאָניען און אויך אין כנען. אין די אויסגראבונגען אין גזר און מגידו האָט מען געפונען אַסך טויטע קערפּערס (פון דערוואקסענע און פון קינדער) אַריינגעלעגט אונטער'ן דיל, אין מויער אָדער אונטער'ן טויער. מאַנכע מבארים טייטשען אויך אויס דעם פּסוק 34 אין מלכים א, ט"ז אַלס בוי־אָפּפער. אָבער די דאָזיגע אויסטייטשונג איז ניט זיכער.

אפּטמאָל יאָ, קאָן מען ארויסדרינגען פון דער געשיכטע וועגן יפתח'ן. אפילו אויב די דאָזיגע געשיכטע גופא איז ניט קיין פאַקט, איז אבער מיט דעם טרויער וואָס איז פארבונדען מיט דער אָפּפערונג פון יפתח'ס טאָכטער די דאָזיגע געשיכטע כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָס וואָס פלעגט אָפּטמאָל פּאַרקומען אין גלעד אין דער פאַר־קעניגליכער צייט, עהנליך ווי ס'איז געווען דער פאַל אסך שפּעטער אין מואב (מלכים ב, ג 27). דאָסגלייכען מוזען מיר ארויסדרינגען פון דעם אומשטאַנד, וואָס אין דעם אַלטען פאָלקס־רעכט פון דער שופטים־צייט געפינט זיך א זאָץ, אז דער בכור פון די זיהן געהערט צו יהוה (שמות כ"ב 28). אז אויב דער „פדיון הבן" איז שוין אפילו געווען דאַמאָלסט אן אַלטער מנהג, דאַך פלעגט די אָפּפערונג פון דעם בכור נאָך אָפּטמאָל פאַקטיש פאַרקומען אין דער ערשטער צייט אין כנען; אָדער פיליכט איז דאָס אן ערינערונג פון נאָך אן עלטערער צייט. יעדענפאַלס מוזען מיר דרינגען אויף אן עלטערען מנהג, ווען מיר נעמען עס אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעזולטאַטען פון די אויסגראַבונגען און מיט געוויסע שטעלען אין תנ"ך פון א שפּעטעריגער צייט. ווען מיר לעגען נאָך צו דעם פאַקט, אז אין די מנהגים פון קבורה און טרויער אין תנ"ך, באַזונדערס אין דער באַשווערונג און אָנרופונג פון די רוחות פון די מתים אַלס געטליכע מהות'ן*), לאָזט זיך דורכקוקען דאָס דינען צו די מתים, האָבען מיר דאָ אַלע הויפּט־שטריכען פון דער פאָלקס־רעליגיאָן פון יענער צייט.

דער איבערבליק קאָן אונז ווייזען, אז בנוגע דער פאָלקס־רעליגיאָן קאָן מען אויף יעדען אופן אָפּ'פסק'ענען, אז אויסער דעם נאָמען פון גאָט, וואָס איז ביי אידען, ווי ווייט מיר קאָנען זעהן, אַלעמאָל געבליבען יהוה, האָט מען אריבערגענומען פון די שכנים ארום אַלצדינג וואָס איז נאָר געווען אריבערצונעמען. געוויס איז ניט צו אונטערשאַצען דאָס פעסטהאַלטען זיך ביים נאָמען יהוה. ס'איז פאַרט געווען יהוה, צו וועמען דאָס פאָלק האָט געדינט אַזוי ווייט ווי עס האָט זיך באַוואוסטזיניג אונטערשיידט פון די כנענים. און מ'האָט געהאַלטען יהוה העכער ווי אַלע אַנדערע געטער, ווי דער נאָמען מיכה אין שופטים י"ז באַווייזט (מיכה — מי כיה, ווער איז גלייך צו יהוה!). אָבער דערמיט איז פאַר א גרויסען טייל פון פאָלק געווען אויסגעשעפּט דער גאַנצער אונטערשייד צווישען דעם יהוה־דינסט און דעם כנעני'שען געצענדינסט. די פאָלקס־רעליגיאָן ווערט דעריבער אם בעסטען כאַראַקטעריזירט ווען מיר רופען זי א כמעט פולע כנעני'זירונג פון דער רעליגיאָן פון יהוה. יהוה איז

---

*) זעה שמואל א, כ"ח 13 („אלהים ראיתי עֹלִים מִן הָאָרֶץ").

דאָ אזוי נאָהענט צו בעל, אז דער גאַנצער חילוק צווישען זיי ליגט נאָר אין נאָמען, און פאַר אסך פון פאָלק איז געווען דער נאַטירליכער פועל יוצא דאָס פארזינקען אין דער כנעני'שער נאַטור־רעליגיאָן. און עס איז פאַר זיי פארלאָרען געגאַנגען די ירושה פון די אבות.

3. פון וואָס פאַר א זאָרט איז אבער געווען די אפיציעלע רעליגיאָן פון ישראל? נעווים זיינען אָפּט ניטאָ קיין געשטעלטע גרעניצען. דאַך לאָזט זיך ארויסטראָגען אַ איינדרוק וועגען דעם. ווען מיר באַטראַכטען אלס פארטרעטער פון דער אַפּיציעלער רעליגיאָן יענע עלעמענטען, וועלכע האַלטען אין האַנט די פיהרערשאַפט פונ'ם פאָלק אדער פון וויכטיגע טיילען זיינע. דער אָרט פון קולט איז די „במה“, ווי זי איז אויבען באַשריבען געוואָרען, פארזאָרגט מיט א „מצבה“ און אַ „אשרה“, מיט א מזבח אדער מזבחות, רייך באַשאָנקען מיט קרבנות און שטאַרק באַזוכט אין די ימים־טובים. פיליייכט האָט דער קולט־אָרט שוין איצט אין מאַנכע שטעלען א נעבויטען טעמפּעל, ווי באַלד נאָכהער אין שילה, און שוין איצט ביי די כנענים אין שכם. זיין וויכטיגסטען אָרט האָט יהוה אין דער דאָזיגער צייט אין שילה. א צווייטען אָרט פון א באַזונדערען ראַנג אין בית־אל (שופטים ב. 1 : כ 26). דער גאָט וועמען מ'דינט איז יהוה. אבער אלס דער גאָט וואָס גיט זיין ברכה אינ'ם לאַנד און מ'דינט איהם אין די פאָרמען פון דעם בעל, וועלכער האָט פריהער דיזעלבינע ראָלע פארטראָטען — נאָר די דאָזינע פאָרמען האָבען ניט די גראָבע אויסוואוקסען פון דער פאָלקס־רעליגיאָן. אבער ער איז דער האר פונ'ם לאַנד אַזוי וויל, אז מ'זאָל איהם דינען מיט דער פרוכט פונ'ם לאַנד.

אויך דערמיט איז נעמאַכט א ווייטער שריט צו דער כנעני'זירונג פון דער רעליגיאָן פון יהוה. פאַקטיש איז אפילו בלויז אריבערגענומען געוואָרען די פאָרם פון קולט, דער אינהאַלט באַציהט זיך אויף יהוה און נאָר אויף איהם אליין. אבער אויך פאַר יענעם אינהאַלט איז ניט קיין קליינע סכנה פארגעשטאַנען. יהוה האָט אויך אָט דאָ געקאָנט לייכט פארביטען ווערען מיט דעם היידנישען בעל. דער עיקר אבער איז פאַר דער אַפּיציעלער רעליגיאָן אויך שווער געווען איינצוהאַלטען דעם גרעניץ וואָס זי האָט זיך געשטעלט. דאָס אריינדרינגען פון דער נאַטור־רעליגיאָן אין איינצעלנע מנהגים פון קולט, מעהר ווי אלץ די רעליגיעזע פּראָסטיטוציע און דאָס דינען צו יהוה אין א בילד, איז שווער געווען צוריקצוהאַלטען. נאָך שווערער איז געווען מעכב צו זיין, אז די הייליגע האַנדלונג פון קולט זאָל ניט ווערען קיין מעכאַנישע זאַך, ווי אין דער נאַטור־רעליגיאָן. וואָרים עס ליגט אין דעם עצם איהרען צו־

צושרייבען דעם קרבן און דעם קולט אליין די קראפט צו ווירקען אויף דער גאטהייט, ניט פאדערענדיג דערביי קיין זאך פון דעם, וועלכער ברייגגט דעם קרבן און נעמט אנטייל אינ'ם קולט.

אט די לעצטע געפאהר האט מען ריכטיג דערשפירט ערשט פיעל שפע־טער: אבער די ווירקונגען פון דער ערשטער געפאהר זעהען מיר שוין איצט אין איינצעלנע, באזונדערע פאלען. אט דא געהערט מעהר ווי אלע ג ד ע ו ן. וואס מ'זאל ניט פארשטעהן אונטער זיין אפוד*), האט ער על־כל־פנים לויט דער מיינונג פון ספר שופטים מיט דעם אריינגענומען פון דער כנעני'שער פאלקס־רעליגיאן אין דעם אידישען קולט עפעס נייעס, פון וואס מ'האט ביז אהער ניט געהערט. זיין זוהן אבימלך און דער גאנצער אידישער טייל פון שכם געהען ווייטער אויף אט דעם זעלבינען וועג, ווען זיי דינען הפנים צוזאמען מיט די כנענים פון שכם, דעם כנעני'שען „בעל־ברית“.**) פיליכט וועיל געוויסע אייגענשאפטען האבען גראד איהם געהנטער געשטעלט צו יהוה איידער אנדערע ב ע ל י ם. און מ'קאן אויך אנדערש ניט אור־טיילען, ווען י פ ת ח נעמט אן דעם מנהג פון מענשען־אפפער, און ווען די קינדער פון ד ן דינען צו זייער גאט אין א בילד — כאטש דא האט זיך אין אנהויב געהאנדעלט וועגען א פריוואט־הייליגטום פון אן איינצעלנעם מאן, וואס זיי האבען איבער געוואלד צוגענומען.

4. אבער ביי דעם אלעמען דארף מען ניט פארגעסען, אז די א מ ת ' ע פ א ר ט ר ע ט ו נ ג פון דער רעליגיאן ביי די אידען איז געלעגען אין אנ־דערע הענט. דאס חשוב'סטע הייליגטום איז אהן א ספק שילה, שוין דורך דעם אליין וואס דארטען האט זיך געפונען דער ארון פון יהוה, וועלכער איז געוועזן הייליג ביי די אידען נאך פון משה'ס צייט אן. וואס פאר א מיינונג מ'זאל ניט האבען וועגען דעם ארון, אבער איין זאך איז זיכער, אז ער האט ניט אנטהאלטען קיין בילד פון יהוה, ניט אין דער געשטאלט פון א מענשען, ניט אין דער געשטאלט פון אן אקס. אויב מ'האט פריהער באטראכט אין פארשער־קרייזען אלס א געוואגטע באהויפטונג, אז דאס הייליגטום אין שילה האט אנגעהאלטען דאס דינען גאט אהן א בילד, קאן מען דאס אבער היינט ארויסזאגען מיט מעהר האפענונג אויף אנערקענונג אפילו פון די, וועלכע האבען עס ביז היינט געלייקענט. מחמת מיר האבען איצט ביישפילען פון א בילדלאזען קולט אויך ביי אנדערע פעלקער פון אלטערטום. שילה האט

*) זעה אויבען ז. 273.

**) זעה אויבען ז. 274.

דערמיט אויפגעהאַלטען איינע פון די וויכטיגסטע טראַדיציעס פון משה'ס צייט. אַלס צוגאב נאָך האָט שילה געהאַט כהנים מיט א יחוס פון משה'ס צייט (שמואל א, ב 27).

שילה איז בכן געווען פאַרבונדען מיט דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון'ם פאָלק, און זי דערמאַנט אונז אַז דעם, אַז ניט אַלע אידישע קרייזען האָבען דורכגעמאַכט אין א גלייכער מאָס דעם איבערגאַנג פון אַלטען נאָמאַ־דישען צום נייעם אַרט לעבען, און אפילו צווישען די, וועלכע האָבען עס יאָ געטאָן, זיינען אויך ניט אַלע גלייכצייטיג איבערגעגאַנגען צום כנעני'שען אופן פון גאָט־דינסט. אין דעם טאָל יזרעאל וואוינען נאָך אין געצעלטען די נאָמאַדישע קינים (שופטים ד 11; ה 24): אַזוינע משפחות האָבען גע־מוזט זיין אסך, בפרט אין אַנהויב. זיי ווילען בלי ספק ניט וויסען פון דעם אופן צו דינען יהוה, וועלכער איז געוואָרען איצט א מאָדע ביי די פּויערים און די שטאָדט־לייט. זיי שטעהען דערמיט שוין במלא אסך נעהנטער צו די טראַדיציעס פון משה'ס צייט, ווייל זייער היים, קאָן מען זיך משער זיין, איז באַזונדערס געווען דאָס הייליגטום פון שילה, אַזוי לאַנג ווי עס האָט ניט געהאַט קיין טעמפּעל. אין דער ערשטער צייט האָט דאָס שילה־הייליגטום קענטיג אויך ניט געהאַט קיין מצבות און קיין אשרות, ווייל עס האָט אויך ניט געהאַט קיין כנעני'שע טראַדיציע און קיין פאַרבינדונג מיט די מעשיות פון די אבות.

ביי דער זייט פון די כהנים אין שילה שטעהען ווייטע קרייזען פון ישראל, וועלכע געהען פּילייכט זייער אייגענעם וועג, אבער זיינען דאָך אייניג מיט יענע כהנים אין זייער האַלטען הויך די טראַדיציעס פון משה'ס צייט. אין זיי איז ממילא געלעגען א פּראָטעסט געגען דער אַלץ ווייטער און ווייטער געהענדער כנעני'זירונג פון דער רעליגיאָן פון יהוה. דאָס זיינען די קרייזען פון דבורה, וועלכע ווערט אפשר מיט רעכט אָנגערופען א נביאה און האָט טאַקע אפשר באמת געוואוינט צייטווייליג אין אפרים (שופטים א 5). דער גלענצענדער פּאָליטישער ערפאָלג פון איהר אויפטריט באַלייכט פאַר אונז אויף א ווייַלע די טונקעלקייט פון דער צייט מיט א העלען ליכטשיין. ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער, ווייזט זיך אונז דאָן, אַז דער דאָזיגער גאָט־באַגייסטערטער פּרוי האָט זיך איינגעגעבען ניט בלויז צו פאַראייני־גען די שבטים פּאָליטיש אַרום דער פאָהן פון יהוה, דאָס הייסט: אַרום דער פאָהן פון דער שותפות'ער רעליגיאָן, נאָר אַז זי ווירקט אויך אַנצו־האַלטען דעם דינסט פון יהוה, לויט משה'ס טראַדיציעס, אפשר נאָך מעהר ווי שילה. פאַר איהר איז יהוה ניט קיין בעל פון'ם לאַנד, און ער האָט

זיך דערפאר אויך ניט אויף אויף קיינער פון די במות. אום מיטצוקעמפפען מיט דעם אידישען חיל קומט ער פון שעיר, טרעט ארוים פון די פעלדער פון אדום. דאס לאזט ניט איבער קיין ספק ווי אזוי דבורה דענקט און וואו זי זוכט איהר רעליגיעזע פארבינדונג.

איצט פארשטעהען מיר אויך פארוואס יעל, די פרוי פון חבר הקיני, איז אזוי ליב דעם ליד פון דבורה, און פארוואס יהודה, כאטש ער שטעהט אין א זייט, ווערט געשאנעוועט. מיר האבען שוין פריהער געזעהן, אז גראד אין יהודה און אין די שבטים און קרייזען וואס זיינען געשטאנען נאהנט צו איהם האט מען דעם אריבערגאנג צו א באזעסענעם לעבען געהאט דורכגע־מאכט נאר טיילוויין. דא איז דעריבער געווען א בעסערע היים פאר די אי־דישע טראדיציעס פון דער מדבר־צייט. מ'קאן פארשטעהן פון זיך אליין, אז ביי די שיכטען אין דרום, וועלכע האבען נאך געלעבט אלס וואנדערענדיגע פאסטוכער, איז ניט געווען קיין שום אינטערעס צום כנעני'שען בעל. די פארבינדונג מיט דער פארגאנגענהייט, דער פראטעסט געגען די נייע איינ־פיהרונגען איז געווען א באנד וואס האט פארבונדען דבורה'ן מיט יהודה, און דאס איז הפנים געווען שטארקער איידער די אומצופרידענקייט מיט יהודה'ס בלייבען פון ווייטען, בפרט נאד ווען זיין שטעהן פון וויטען האט געהאט א רעליגיעזען גרונט. ווארים גראד דער אונטערשיד אין דער רעליגיאן האט קענטיג געבראכט יהודה אלץ מעהר און מעהר אויך אין א פאליטישען היפוך צו ישראל.

אט אזוי פאראייניגען זיך אלע איינצעלנע שטריכען אין א גאנצען בילד. מיר זעהען, אז צוגלייך מיט דער שטארקער, טיילוויז שטארקסטער כנעני'זירונג פון דער רעליגיאן פון יהוה אינ'ם לאנד, באזונדערס אין דער פאלקס־רעליגיאן, און זאגאר ביז טיף אריין אין די קרייזען פון די בארופענע פארטרעטער פון דער נאציאן, האט אבער דאך ניט געפעהלט אויך קיין שטארקער פ ר א ט ע ס ט געגען אט דעם גאנג פון דער אנטוויקלונג. מיר זעהען אויך, אז די טראדיציעס פון משה'ן, וועלכע האבען געפאדערט, אז מ'זאל האלטען די רעליגיאן ריין פון כנעני'שע עלעמענטען, האבען געפונען זייער קרעפטיגע פארטרעטונג מעהר ווי אין איין פונקט פונ'ם לאנד. בא־זונדערס האט שילה, ווי עס ווייזט אויס, אויפגעהאלטען טריי די טראדיציעס פון משה'ס צייט. אויב שילה איז שוין אין דער שופטים־צייט געווען דער מיי־טעלפונקט פון א בילדלאזען קולט פון יהוה, ווייניג באריהרט פון כנעני'שע עלעמענטען, דאן ווערט אויך דערקלערט פון וואנעט שמואל האט באקומען די השפעה צו זיין שפעטערער טעטיגקייט אין אט דער ריכטונג.

פונדעסטוועגען וואָלט דאָס בילד ניט אַרויסקומען גאַנץ, ווען מיר זאָלען ניט דערמאָנען אויך דעם באַבילאָנישען איינפלוס, וואָס האָט אָהן ספק דאָן געווירקט. פון דעם אומשטאַנד, וואָס נאָך גאַר אַ קורצע צייט פריהער האָט מען אין כנען געשריבען אין דער באַבילאָנישער שפּראַך, ווייזט אויף אַ שטאַרקען, גייסטיגען איינפלוס אויך נאָך אין דער שופטים־צייט. די אויסגראַבונגען אין פּאַלעסטינאַ האָבען באַשטעטיגען דעם דאָזיגען איינפלוס אויף דעם וועלטליכען ווי אויך אויף דעם רעליגיעזען געביט. דער רעליגיעזער איינפלוס איז אָבער שווערליך געווען אַ דירעקטער. נאָר גיכער, אַן אומדירעקטער. אַז די באַבילאָנישע געטער־געשיכטען זיינען לאַנג שוין געווען באַקאַנט אין כנען, מוזען מיר אָננעמען אַלס פאַקט. די אידען זיינען הפּנים איצט באַקאַנט געוואָרען מיט זיי אין דער פאָרם, אין וועלכער די כנענים האָבען זיי געקענט. על־פּי השערה הייבט זיך שוין איצט אָן יענער ליטעראַרונג־פּראַצעס זייערער, פון וועלכען זיי קומען נאָכהער אַרויס אַלס פולווערטיגע באַשטאַנדטיילען פון דער אידישער רעליגיאָן.

# ביבליאָגראַפיע.

געבענדיג וויטער א ביבליאגראפיע פון די פארפאסער און ביכער, וואס זיינען באנוצט געווארען אין אונזער ווערק, ווילען מיר באמערקען, אז די ארבייט איז ניט געווען קיין בוכשטעבליכע איבערזעצונג און אויך ניט קיין קאמפילאציע. זיך האלטענדיג אן גייסט פון יעדען פארפאסער, האבען מיר זיך אבער גענומען אלע פרייהייטען, וואס זיינען נויטיג פאר אזא ווערק אין אידיש, אין אויסוואהל און אין פארם.


Benzinger, I., Hebraeische Archaeologie. 2te Aufl. 1907.

Kent, Ch. F., a History of the Hebrew People, 1896.

Kittel, R., Geschichte der Hebraeer, 1888.

Kittel, R., Geschichte des Volkes Israel, 2te Aufl., I Band, 1912.

Kittel, R., Geschichte des Volkes Israel, 2te Aufl., II Band, 1909.

Loehr, M., Israel's Kulturentwicklung, 1911.

McCurdy, J., History, Prophecy and the Monuments, 1914.